STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07534

GEKLIBENE SHRIFTEN

Hillel Solotaroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו

1892

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו

געקליבענע שריפטען

ערשטער באַנד

דערציילונגען
לידער
פון דער וועלט ליטעראַטור
וועגען אידישער ליטעראַטור

רעדאַגירט פון יואל ענטין

ארויסגעגעבען פון
Dr. H. Solotaroff Publication Committee
183 East Broadway, New York, N. Y.

1924

Copyright 1924
by
VERA SOLOTAROFF
New York

479

„לעוואַנט" פּרעס, 138 סעקאַנד סטריט, ניו יאָרק

מיין לעבענס־פריינט ווערא'ן
געווידמעט.

אינהאַלט פון ערשטען באַנד

דר. ה. זאָלאָטאַראָוו און זיין נאַצ. אַנאַרכיזם — דר. ת. זשיטלאָווסקי — — 9
גענאָסע ה. זאָלאָטאַראָוו — ש. יאַנאָווסקי — — — — — — — — — — 27
ה. זאָלאָטאַראָוו — דער מענש — דר. מיכאל קאָהן — — — — — — — 33
פאָרוואָרט — י. ע. — — — — — — — — — — — — — — 44

דערציילונגען

די ניט־געענדיגטע דערציילונג — — — — — — — — — — — 47
גראָטעוועס — — — — — — — — — — — — — — 58

צווישען אידעאַל און לעבען

1. די באָבע מיט'ן אייניקעל — — — — — — — — — — — — 71
2. דער זילבערנער האַלבער דאָלאַר — — — — — — — — — — 80
3. מאַטיע גוי — — — — — — — — — — — — — — — 91

דער בלוט פלעק — — — — — — — — — — — — — — 93
דאָס אייביגע ווידער־קול — — — — — — — — — — — — 108
ניט דערוואָרט זיך — — — — — — — — — — — — — 112
אָן א נאָמען — — — — — — — — — — — — — — 142
א ווינקעל פון אונזער לעבען — — — — — — — — — — 148
ביים ים — — — — — — — — — — — — — — — 161
זי — — — — — — — — — — — — — — — — 191

לידער

געפאַנגען — — — — — — — — — — — — — — — 205
אין די עולמות עליונים — — — — — — — — — — — 209
די טויטע שטאָט — — — — — — — — — — — — — 213
אין דער הויך און אין דער נידער — — — — — — — — — 216
א בין השמשות אין די בערג — — — — — — — — — — 217
קוקט זיך צו, אָ, קוקט זיך צו — — — — — — — — — 218
צויבער נפשות, טרוימען פון יוגענט — — — — — — — — 218
עס שפאַלט זיך דער בליץ — — — — — — — — — — — 219

פון דער וועלט ליטעראַטור

טאָלסטאָי — — — — — — — — — — — — — — — — — 223
ביערנסטערנע ביערענסאָן — — — — — — — — — — — — — — — — 234
מאַקסים גאָרקי, דער דיכטער פונ׳ם סאָציאַלען געוויסען — — — — 250

וועגען אידישער ליטעראַטור

טראַדיציע — — — — — — — — — — — — — — — — — 257
פאָלקסטימלאַכקייט — — — — — — — — — — — — — — 263
דאָס פערזענלאַך גרויסע — — — — — — — — — — — — — 269
מאיר בלינקין — — — — — — — — — — — — — — — — 275
קונסט, ליטעראַטור און לעבען — — — — — — — — — — — — 289

דר. ח. זשיטלאָווסקי :

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו און זיין נאַציאָנאַליסטישער אַנאַרכיזם.

ש. יאנאָווסקי :

געַנאַסע הלל זאָלאָטאַראָוו דער פריוהייטס פּיאָנער אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע.

דר. מיכאל קאָהן :

ה. זאָלאָטאַראָוו — דער מענש.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו און זיין נאַציאָנאַליסטישער אַנאַרכיזם

1.

די גרויסע אידישע מאַסען־עמיגראַציע קיין אַמעריקע אין די אַכציגער יאָרען האָט געבראַכט אָהער ניט נאָר אַ פרומען און נאַציאָנאַל־געשטימטען המון־עם, וואָס האָט דאָ באַשאַפען דעם אידישען אַרבייטער־קלאַס, נאָר אויך אַ גרויסען טייל פון געבילדעטער און צו בילדונג־שטרעבענדער יוגענט. אָט די יוגענט האָט אויף דער ערשטער צייט געמוזט, אויס ריין עקאָנאָמישע מאָטיווען, אַריינגעהן אין די ציילען פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט.

שטעהענדיג דאָס רוב אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער ראַדיקאַלער אויפקלערונגס־ליטעראַטור און פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, האָט דער אינטעליגענטער ראַדיקאַל־געשטימטער יונגער דור, וועמען די אומשטענדען האָבען געבראַכט אין אַזאַ נאָהענטען קאָנטאַקט מיט דעם אידישען אַרבייטער־קלאַס, געהאַט צוויי הויפט־אויפגאַבען פאַר זיין גייסטיגען אויסלעבען־זיך און פאַר זיין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. ראשית האָט ער געדאַרפט נעמען אַ טעטיגען אָנטייל אין דעם לעבען און שטרעבען פון דעם רעוואָלוציאָנערען און ראַדיקאַלען גייסט אין דער נייער היים; והשנית האָט ער געדאַרפט זעהן צו געווינען דעם אידישען אַרבייטער פאַר די ראַדיקאַלע צילען און אידעאַלען און צו אָרגאַניזירען זיין קלאַסען־קאַמף אַנטקעגען דער בורזשואַזי.

ס'האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעהויבען אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט פון פראָפאָגאַנדע, אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און דירעקטע עקאָנאָמישען קאַמף אַנטקעגען דער אידישער באַלעבאַטישער וועלט. ניט נאָר אייניג אין די יסודות פון איהר וויסענשאַפטליכער און פילאָסאָפישער וועלט־און־לעבענס־אַנשויאונג, ביז גאָר צעשפּאָלטען אין דער פראַגע וועגען דער וויטעסטער צוקונפט און וועגען די וועגען צו איהר, איז אָבער די רעוואָלוציאָנערע יוגענט געווען איין גוף און איין נשמה אין איהר שטעלונג צו דעם אידישען עבר און צו אַלע וויכטיגע יסודות פון דעם אַלטען אידישען לעבען. דאָס איז געווען די שטעלונג פון אַבסאָלוטער אָפּלייקענונג, פון אומקאָמפּראָמיסליכען קאַמף: די אידישע רעליגיע און די טעאָלאָגישע וועלט־אַנשויאונג בכלל, די אידישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען אויף אויסגעלעזט ווערן פון גלות און דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אין אַלגעמיין, דער בורזשואַזער לעבענס־בליק און די אָפּגעלעבטע טעאָלאָגישע און קליין־בירגערליכע מאָראַל, — דאָס אַלץ האָט געגעבען אַ שלל טעמעס פאַר העפטיגען אָנפאַל, בייסענדע סאַטירע און וויץ און ערנסטער טעאָרעטישער אויפקלערונג.

דער געמיינשאַפטליכער פראָנט אַנטקעגען דער אַלטער וועלט האָט אָבער ניט געשטערט דעם אינוועניגסטען קאַמף פון ריכטונגען. די ראַדיקאַלע באַוועגונג אין אַמעריקע איז דעמאָלט, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס איידער

איצטער, געווען אייגענטליך גאָר ניט קיין אַמעריקאַנישע, נאָר אַן אייראָפּעאישע, געטראָגען פון דער אַריבערגעקומענער אייראָפּעאישער אַרבייטערשאַפט. אויפ'ן ערשטען פּלאַן איז געשטאַנען די דייטשע באַוועגונג, וואָס איז געווען צעשפּאַלטען אין צוויי פליגלען: אַן אַנאַרכיסטישען און סאָציאַל־דעמאָקראַטישען, מיט אַזעלכע טאַלאַנטפולע פאָרטרעטער און פירער אין ביידע לאַגערען, ווי דער פאַר'כשופ'ענדער בראַנד־גייסט, יאָהאַן מאָסט, און דער גלענצענדער רעדנער — פאָן שעוויטש.

סאַי די נאָהענטקייט פון דער דייטשער שפּראַך צו דער אידישער, סאַי די נאָהענטקייט פון די שטרייט־פונקטען צו די אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען האָבען געפיהרט דערצו, אַז די אידישע יוגענט האָט זיך גייסטיג אָנגעשלאָסען אָן דער דייטשער באַוועגונג און האָט לפי ערך ראש אויסגעבילדעט אין איהרע אייגענע ציילען דעמזעלביגען געגענזאַץ פון אַנאַרכיזם און מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס האָט געהאַלטען וואַך דעם טעאָרעטישען אינטערעס צו אַלע יענע גרויסע וויסענשאַפטליכע פראַגען, אין וועלכע די צוויי שטרעמונגען זיינען זיך אַזוי ראַדיקאַל פאָנאַנדערגעגאַנגען.

מיר האָבען נאָך ניט קיין געדרוקטע ערינערונגען וועגען יענער צייט, וואָס זאָלען אונז באַקאַנט מאַכען מיט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון יענע שטרעבונגען ביי דער אידישער אינטעליגענץ און דעם אויפגעוואַכטען טייל פון דעם אַרבייטער קלאַס. אָבער אויס איינצעלנע בעל־פּה־דערצעהלונגען פון עלטערע טוערס, וואָס האָבען דורכגעמאַכט יענע באַוועגונג, ווערט אייגעם קלאָר, אַז זי מעג באמת אָנגערופען ווערען אַ „שטורם־און־דראַנג־פעריאָד": אַזוי שפּרודלענדיג, ברויזענדיג און אינטענסיוו איז געווען יענער גייסטיגער לעבען, וועלכען די אידישע יוגענט האָט געפירט אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט און צווישען זיך; אַזוי רייך איז געווען דער אוצר פון יונגער גייסטיגער ענערגיע און פון ליידענשאַפטליכען ווילען.

האָט דער היסטאָרישער גורל פון דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט אַריבערגעשליידערט אָהער אי די אידישע אַרבייטערשאַפט, אי די אידישע אינטעליגענציע, געשפּילט אַ וועלכע עס איז באַוואוסטזיניגע ראָליע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג און דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף פון איר אינטעליגעלטען אוואַנגאַרד? מיר קאָנען איצטער מיט זיכערקייט זאָגען, אַז אַט דער מאָמענט האָט ניט געשפּילט אין זיי קיין שום ראָליע, — לפּחות באַוואוסטזיניגערהייט. איז אָבער יענער דור געווען לחלוטין גלייכגילטיג צו דער לאַגע, די ליידען און פאַרפאָלגונגען פון זייערע פאָלקס־ברידער אומעטום אויף דער גרויסער וועלט? — אַזאַ באַשולדיגונג וואָלט געווען אַן אומגערעכטע. די אידישע פראַגע האָט פאַרנומען ניט קיין קליינעם פּלאַץ אין דער צאָל פון יענע גרונט־מאָטיווען, וואָס האָבען באַשטימט דעם לעבענס־וועג פון די יונגע אידישע ראַדיקאַלען. זיי האָבען אָבער געהאַט אַן ע נ ט פ ע ר אויף דער פראַגע, — אַ קלאָרען, דאָגמאַטיש־פעסטען ענטפער, וואָס האָט לכתחילה פאַרבאַריקאַדירט פאַר זיי יעדען צוטריט צו אַ וועלכען עס איז אידיש־נאַציאָנאַלען אינטערעס.

די איינטיילונג פון דער מענשהייט אין פעלקער און רעליגיעס איז אַן אָפּגעלעבטע, אַ פאַראורטיילטע צום טויט, פונקט ווי איר איינטיילונג אין

ארבייטער און ליידיגגעהער, אין באהערשער און באהערשטע, אזוי האט געלערנט יענער ענטפער. יע, די נאציאנאלע און רעליגיעזע איינטיילונג ווערט קינסטליך אפגעהיט און אויפגעבלאזען, כדי צו פארמאסקירען די לעצטערע. די אידען־פארפאלגונגען שטאמען פון אט די צום טויט פאראורטיילטע קינסטליכע איינטיילונגען. דערמיט איז אלץ געזאגט. יעדער דערמאן אז אן אייגענער נאציאנאל־אידישער עקזיסטענץ, — וואס איז, אגב, אומדענקבאר אן דער אידישער רעליגיע, — איז שוין א פארשטארקונג פון די רעאקציאנערע כוחות און דורך דעם גופא א שטער פאר דער פארענטפערונג פון דער אידישער פראגע. איר פולקאמע לעזונג קאן זי געפינען נאר אין דער לעזונג פון אלע אנדערע פונדאמענטאלע געזעלשאפטליכע פראבלעמען, ווען עס וועלען ראדיקאל אפגעשאפט ווערען אלע קינסטליכע און שעדליכע באריערען צווישען מענש און מענש.

און פון דעסטוועגען: ניט קוקענדיג דערויף, וואס אט די קאסמאפאליטישע טעאריע האט געלייקענט די עקזיסטענץ פון א אידישען פאלק, פון אן אייגענער אידישער שפראך, — מען האט זי מיט עקשנות גערופען „זשארגאן“, — פון א אידישער פראגרעסיווער קולטור, פון א אידישען זיין־אויף־דער־וועלט בכלל, האט אט די אנטי־אידיש־אידישע אינטעליגענץ, א בארייכערטע מיט די בעסערע עלעמענטען פון דער ארבייטערשאפט, באשאפען א אידישע ליטעראטור־שפראך, א אידישען טעאטער, א ריין אידישען פראגרעסיווען לעבען און ממילא א פארשטארקונג פון דעם אייגענעם נאציאנאלען זיין.

קודם כל בליט דא אויף דער א י ד י ש ע ר ל ש ו ן. די נויט צו ווענדען זיך מיט דער פראפאגאנדע צו די מאסען מיט א נייעם, גאר פרעמדען אינהאלט צווינגט, אויסצונוצען דעם ווארט־אוצר פון דער פאלקס־שפראך און צופאסען אים צו די העכערע באדערפענישען. די שפראך פון דער אגיטאציע ווערט פאלקסטימליך, בארייכערט מיט אויסדרוקען, ווערטלעך, און רעיד־ארטען, וואס וואלטען אפשר פארשוואונדען און פארגעסען געווארען, ווען דער אגיטאטאר וואלט זיי ניט געגאלוואניזירט. די גאנצע אידישע שפראך וואלט אפשר דא באלד פארשוואונדען אדער פארדארבען געווארען, ווען די ראדיקאלע אגיטאציע וואלט ניט אריינגעגאסען אין איר א נייעם שטראם לעבען.

די אידישע שפראך האט אבער ניט געקאנט בלייבען נ א ר א פאלקס־שפראך, איינגעענגט אין די גרעניצען פון אן ארעמען דענקען. זי האט געמוזט ווערען אן אינטעליגענטע ליטעראטור־שפראך. די פילפאלדיגע טעארעטישע פראבלעמען האבען ניט געקאנט אויסגעקעמפט ווערען בלויז בעל־פה אין די איינגע קרייזלעך פון די אינטעליגענטע טוערס. זיי האבען געמוזט ארויסגעטראגען ווערען אויף דער אידישער גאס. א ראדיקאלע סאציאליסטישע און אנארכיסטישע פרעסע האט געמוזט באשאפען ווערען און אין איר האבען די טיפסטע געדאנקען פון דער טעאריע ווי די ליידענשאפטליכסטע רופען צו פראקטישער טעטיגקייט זיך געמוזט איינקליידען אין די פארמען פון דער אידישער שפראך. ריכטיגער: די ש פ ר א ך איז אוועקגעזעצט געווארען פאר א נייעם וועב־שטול, צו וועבען א נייעם פילפארביגען געוועב, און זי האט באוויזען, וואס זי קאן.

ווי ווייניג די שרייבער און רעדנער זאָלן האָבן באַוואוסטערהייט אַכטונג געגעבן אויף דער רייכקייט און שעהנקייט פון זייער אידישען אויסדרוק, האָבען אָבער די טאַלאַנטפולסטע פון זיי האַלב אינסטינקטיוו געשטרעבט צו אַ מוסטער־האַפטען אידיש, ווי ער איז אויסגעוואַקסען אין די אַרבייטען און די אייגענאַרטיגע סטיל־בילדונגען פון אַ ווינטשעווסקי, אַ קאַהאַן, אַ מילער, אַ יאַנאָווסקי, אַ יצחק אייזיק הורוויטש, — און אויך אַ זאָלאָטאַראָוו, — דער עיקר אין דעם לעצטערענס ריין פּאָפּולערע שריפטען. אַזעלכע אויסדרוקען, ווי: „אַ כתה גריכישע תנאים״ פאַר אַ „גרופּע גריכישע דענקער״, וועלכע איר געפינט אין זיינע ערשטע פּאָפּולערע שריפטען, באַווייזט, ווי אינטים עס האָט זיך געקאָנט אריינלעבען אין דער שפּראַך־נשמה פון דעם פאָלק אפילו אזא אין דער ערשטער צייט אַנטי־אידישער ראַדיקאַל ווי זאָלאָטאַראָוו, וואָס האָט ניט געהאַט קיין העברעאיש־אידישע פאַרבילדונג.

נאָך רייכער און פיל געשטאַלטיגער האָט געמוזט ווערען אונזער לשון, ווען אין דיזעלביגע צוועקען פון דער גייסטיגער ראַדיקאַלער אויפקלערונג ווערען צוגעצויגען די שאַפונגען פון די געבוירענע שפּראַך־קינסטלער, — פון דעם פּאָעט, דעם נאָוועליסט און ראָמאַניסט, דעם דראַמאַטורג און דעם פעליעטאָניסט.

עס ווערט באַשאַפען אַ לפי־ערך רייכע ראַדיקאַלע פּרעסע, אַ לפי־ערך הויך שטעהענדער טעאַטער (דער עיקר, דורך י. גאָרדין׳ס באַמיהונגען). קורץ: עס ווערען אין דעם זאַמדיגען מדבר פון אַסימילאַציע איינגעפלאַנצט די ערשטע פאַלם־בוימער און געמאַכט שלאָגען די ערשטע וואַסער־קוואַלען פאַר יענעם אַזיס פון אידישער קולטור אין דער אידישער שפּראַך, וואָס האַלט נאָך עד היום אין איין וואַקסען און בליהען, אָבער אויך אין קעמפען, ער זאָל ניט פאַרשאָטען ווערען פון דעם אַרומיגען מדבר־זאַמד.

דאָס אַלץ איז געשען להיפּך צו דער הערשענדער טעאָריע. זי האָט אָבער פּאַרט ניט פאַרפעלט אַרויסצואווייזען איר שעדליכע ווירקונג אויף דעם מעמד פון דער זיך כמעט סטיכיש שאַפענדיגער נייער קולטור־ספערע. די טעאָריע האָט געמאַנט, אַז די וואָס דאַרפען זיך ניט באַטייליגען, — דירעקט אָדער אומדירעקט, — אין דער אידישער ראַדיקאַלער אויפקלערונגס־אַרבעט, זאָלען זיך ניט פאַרזיצען אין דער היים, נאָר וואָס גיכער אַריבערגעהן צו דער גרעסערער, ברייטערער און וויכטיגערער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין דעם לאַנד און אין דער שפּראַך פון דעם לאַנד. די טעאָריע האָט געמאַנט איר חוב, און די אידישע אינטעליגענציע האָט אים פריידיג געצאָלט קודם דורך דעם, וואָס זי האָט איר דאָ געבוירענע און אויפגעוואַקסענע יוגענט לכתחילה דערצויגען פאַר אַ לעבען דרויסען פון דעם אידישען פּראָגרעסיווען אַזיס, אָפּשניידענדיג אויף אַזאַ׳ן אופן פון אים דעם צופלוס פון נייע, יונגע, אין איר גופא געבוירענע כוחות. זי האָט געצאָלט דעם חוב נאָך מער דורך דעם, וואָס אַ גרויסער טייל אירער האָט גענומען אַלץ מער און מער זיך דערווייטערען פון דער אידישער גאַס, אַריינדרינגענדיג אַלץ מער און מער אין דעם אַלגעמיינעם קולטורעלען לעבען פון דעם לאַנד, אין אַלע זיינע פעלדער און אין אַלע זיינע ריכטונגען.

ווער איז געבליבען אין דעם היים, ווייטער צו פירען די אָנגעהויבענע

אַרבעט און צופּאַסן זי צו די זיך ניי שאַפֿנדע באַדינגונגען? עס זיינען געבליבן די, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט דער א י נ ע ר צ י ע פֿון דעם ערשטן אימפּעט, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין דעם אַלטן שפּאַן און ניט געטראַכט אַרויסצוגעהן פֿון אים; עס זיינען געבליבן די, וואָס האָבן מיט אַ שטילן באַהאַלטענעם זיפֿץ זיך געמוזט זאָגן, אַז זיי האָבן גאָרנישט ניט וואָס צו געבן דער רייכער פֿרעמד און אַז די ביסל אָרעמקייט, וואָס זיי פֿאַרמאָגן, קאָן נאָך אפשר צוניץ קומען דער נאָך אָרעמערער היים. עס זיינען אָבער פֿאַרבליבן אויך די, אין וועמעס האַרצן עס האָט געלעבט אַ ס ט י כ י ש ע צ ו ג ע ב ו נ ד ע נ ק י י ט צו דער אידישער מאַסע, — אַן אומבאַוואוסטזיניגער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם, וואָס האָט זיך, שעמעוודיג און דערשראָקן, פֿאַרקראָכן אין די פֿאַרבאָרגענסטע פֿאַלדן פֿון דער נשמה.

אויף זיי, אויף אַלעמען האָט שווער געווירקט דאָס אַנטלויפֿן פֿון דער אידישער אינטעליגענץ, ווען אַפֿילו זיי האָבן דאָס ניט געפֿילט און האָבן ווייניג וואָס אָדער לחלוטין גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם. דער אַלגעמיינער קולטור־מעמד פֿון דעם אידישן פּראָגרעסיוון אַזיס האָט זיך, אַ דאַנק דעם פֿעלן פֿון דער אינטעליגענציע, ניט געקאָנט אויפֿהויבן העכער, איידער אַ געוויסער נ י וואָ פֿון האַלב־און־דריי־פֿערטל־בילדונג, — אַ ניוואָ, וואָס האָט געדריקט אויף די געבליבענע און ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַנאַנדערוואַקסן אַלע זייערע שאַפֿנדע כוחות און פּאָטענצען ביז צו זייער העכסט־מעגליכער הויך. צו די גאָר חשוב׳ע טוערס אויף דער אידישער ראַדיקאַלער גאַס, וואָס האָבן דאָ אָוועקגעלעגט דעם יסוד פֿאַר אונזער נייעם פּראָגרעסיוו־אידישן לעבן, האָט גלייך פֿון אָנהויב אָן געהערט דער פֿייעריגער ענטוזיאַסטישער אַנאַרכיסט, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו. דער אידישער באַוועגונג האָט ער אָוועקגעגעבן זיין וואונדערבאַר רייכע און שענע נשמה: מיט איר אייביג וואַכענדן געוויסן, וואָס פֿלעגט אויפֿלאָקערן אין ליידנשאַפֿטליכן פּראָטעסט אַנטקעגן אַלע פֿאָרמען פֿון אונטערדריקונג און מענשליכער געמיינהייט; מיט איר דאָרשט נאָך פֿרייהייט און גערעכטיגקייט; מיט אַן אומדערמידליכן וויסענס־דאָרשט; מיט אַ קלאָרן מוטיגן טעאָרעטישן קאָפּ און אַ תמיד ברענענדיגן שאַפֿונגס־דראַנג; מיט אַ גליענד־ליבענדיגן און צערטליך־מיטפֿילענדיגן האַרצן; מיט אַ פֿאַנטאַסטישן געמיט און טיפֿער בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿרייען, שענעם, קינסטלעריש־שענעם מענשליכן לעבן. און אָט די נשמה זיינע שוועבט איבער דער גייסטיגער ירושה, וועלכע ער האָט אונז איבערגעלאָזן אין זיינע שריפֿטן.

און געבליבן מיט דער אידישער מאַסע איז ער ביז דעם סוף פֿון זיין לעבן: ניט אויס א י נ ע ר צ י ע, — ווייל זיין וואַכענדער גייסט, וואָס האָט תמיד און אומעטום געזוכט דאָס נייערע, שענערע, פֿולקאָמענערע, וואָלט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן אַן טיפֿערע טעמים אין דעם אַלטן שפּאַן; ניט אויס מאַנגעל וואָס צו געבן דער פֿרעמד: ער האָט געהאַט גענוג טעאָרעטיש־שאַפֿנדע כוחות, צו פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אומעטום. אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון ה ע כ ע ר ע גייסטיגע פֿאָדערונגען, וואָלט ער גאַנץ זיכער זיך געקאָנט אויסקעמפֿן אַ נאָמען אין זיין ליבלינג־פֿאַך: ד ע ר ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ע.

זיין טרייקייט צו דער אידישער גאס איז אין דער ערשטער צייט געווען א פּראָדוקט פון א ריין סטיכישער אומבאַוואוסטזיניגער ל י ב ע צו דעם אייגענעם פאָלק, ריכטיגער צו יענע מ ע נ ש ע ן אין ד ע ר א י ד י ־ ש ע ר פ א ר ם, ווי ער האָט זיי געזעהן ארום זיך. אָט די סטיכישע ליבע איז דערנאָך מגוגל געוואָרען אין א באַוואוסטזיניגען, טיף דורכגעוועהטאָגטען און קלאָר דורכגעטראַכטען אידישען נאַציאָנאַליזם. זאָלאָטאראָוו איז געווען איינער פון די ע ר ש ט ע אין דער אמעריקאנער אידישער אינטעליגענציע, וועמען די פאַן־פּלעווושע פּאָגראָמען פון 1903 האָבען אויפגעעפענט די אויגען אויף זייער אייגענער אינטימער שייכות צו דעם אידישען פאָלק, אויף זייער ניט פאַנאַנדערצורייסענדער צענויפגעוואַקסענקייט מיט אים*).

עס געהט ניט אריין אין דער אויפגאַבע פון מיין איצטיגער ארבעט צו שילדערען און אָפּשעצען אַלץ וואָס זאָלאָטאראָוו האָט געשאַפען. ארויסהויבען וויל איך נאָר א פּאָר וויכטיגע פּונקטען פון יענער אַנארכיסטישער טעאָריע זיינער, וואָס האָט זיך שפּעטער אזוי הארמאָניש צענויפגעגאָסען מיט זיין נאַציאָנאַליזם און האָט געמאַכט זאָלאָטאראָוו'ן פאַר דעם פאָטער פון אויב ניט א נייער ריכטונג אין דעם אידישען נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלען געדאַנק, איז פון א נייער סינטעטישער אידעע: דעם נ א צ י א נ א ל י ס ט י ש ע ן א נ א ר כ י ז ם, וואָס קאָן ווערען א זעלבסטשטענדיגע ריכטונג און זיך אוועקשטעלען אין איין ליניע מיט דעם נאַציאָנאַליסטישען סאָציאַליזם.

2.

באַטראַכטענדיג זאָלאָטאראָוו'ן, ווי א טעאָרעטיקער פון דעם אַנארכיזם, טאָר מען ניט ארויסלאָזען פון אויג די אומשטענדען, וואָס אונטער זייער ווירקונג האָט געשאַפען זיין גייסט. שוין די באַדינגונגען פון זיין צייט און פון זיין סביבה, וועלכע מיר האָבען אויבען געשילדערט, האָבען אוממעגליך געמאַכט, אז א דענקענדער מענש, וואָס איז ענג צענויפגעוואַקסען מיט זייערע לעבענס־נויטען, זאָל קאָנען אויפבויען אַן אייגענעם אַקרענט און זיך אליין אוועקלאָזען אין זיין פאַרשוונג איבער די ווייטע ים'ען צו זוכען נייע לענדער, וואוהין קיין מענש האָט נאָך ביז אים ניט אריינגעבליקט.

די צייט און די סביבה האָבען פאַרלאַנגט א ו י פ ק ל ע ר ו נ ג, וואָס זאָל פירען צו גאַנץ דעפיניטיווע פּראַקטישע שטעלונגען אין לעבען. דאָ דאַרף מען קומען צו די מאַסען מיט פּאַרטיגע, קלאָר ארומגעטראַכטע אמת'ען, און די אמת'ען דאַרפען שוין זיין צוגעגרייטע, אזוי צו זאָגען „אָפּ־געקאָכטע" און „אָפּגעשיילטע" אזוי, אז מען זאָל זיי אויפ'ן שטעל קאָנען „סערווירען" אויב ניט פאַר די גאָר גרויסע מאַסען, איז לפחות, פאַר זייערע אויבערשטע, מער אינטעליגענטערע שיכטען. דאָ מוז דער דענקענדער געזעל־שאַפטליכער טוער זיך היטען פאַר דעם יצר־הרע צו שטילען קודם כל דעם

---

*) ווען איך בין אין 1904 געקומען אַהער אין לאַנד האָב איך צווישען דער היגער אינטעליגענציע געפונען נאָר ד ר י י מענשען מיט אָט דעם אויפגעוואַכטען פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין: מאָריס קאַץ, יוסף באַראָנדעס און דר. הלל זאָלאָטאראָוו.

אייגענעם גייסטיגען הונגער. א פּראפעסאר מוז דערביי ווערען א דרדקי־מלמד אדער נאך ערגער — א „באהעלפער“, וואס דארף אלע טאג לערנען מיט די מאסען דעם ראדיקאלען „מודה אני“; א פּאעט און א קינסטלער מוזן ווערען פּרעדיגער און אפט מאל אויך „זייף־קאסטען־רעדנערס“ אויף די גאס־ווינקלען. אזעלכע צייטען אין דעם לעבען פון א פאלק ברענגען זעלטען ארויס העלדען פון א פרייער פארשונג, וואס רייסען זיך ארויס פון די אנגענומענע דענק־געוואוינהייטען און ברעכען דורך א גאנץ נייעם וועג. אין בעסטען פאל קומען דא ארויס זעלבסטשטענדיג דענקענדע מפרשים און אויפקלערער, — טאלאנטפולע פּיסארעווס און דאבראליובאווס, ביי וועמען די פליגלען פון דעם אריגינעלען פארשען און זוכען זיינען אונטערגעשארען אדער געבונדען.

זאלאטאראוו האט ניט געקאנט דורכברעכען אן אייגענעם *וועג*; ער האט אבער געקאנט זוכען *אייגענע וועגען*. ער איז ניט געפארען אויף א פרעמדען דאמפער אין יענער ריכטונג און ביז צו יענער סטאנציע, וואס זיינען לכתחילה אנגעמערקט געווארען אויף דעם פאר־פּלאן. ער האט זיך געבויט זיין אייגען שיפעל, אויף וועלכען ער האט געזוכט זיך דורכצושיפען דורך די פארשיידענע קאנאלען און שטרעמונגען פון דעם אלוועלטליכען ראדיקאלען געדאנק, פרואווענדיג דורכצוגראבען נאך קאנאלען און באשאפען אן אייגענעם באסיין, אין וועלכען עס זאלען קאנען זיך סינטעטיש צענויפגיסען לעבעדיגע וואסערען פון צוויי פארשיידענע שטרעמונגען.

מיר האבען דא אין זין זאלאטאראוו׳ס טעארעטישען פרואוו, אויסצואיינען די *גרונט־ציהלען* פון יענע צוויי שטרעמונגען אין דער ראדיקאלער סאציאלאגיע, וואס האבען געהאט די גרעסטע ווירקונג אויף זיין גייסט: די סאציאלאגישע טענדענצען פון דעם רייז׳ס *ביעקטיוויסטיש* דענקענדען נ. מיכאילאווסקי מיט דער *אביעקטיוויסטישער* וויסענשאפטליכקייט, וועלכע כאראקטעריזירט דעם מארקסיזם.

ווען מען טראכט זיך אריין אין דער מארקסיסטישער געשיכטס־פילאסאפיע, וואס וויל אונז באווייזען, ווי אזוי א סאציאליסטישע געזעלשאפט מוז *אומפארמיידליך* ארויסוואקסען פון אלע סטיכישע פּראצעסען, וועלכע באהערשען די היסטארישע אנטוויקלונג, באמערקט מען תיכף, אז די טעארעטישע פארשונג לאזט דא כמעט אין גאנצען ארויס פון אויג דעם *לעבעדיגען איינצעלמענשען*. ווער איז דא דער הויפּט־העלד אין דער געשיכטע? ניט דער איינצעל־מענש, נאר די *געזעלשאפט*. און ווער זיינען אירע פירער און העלפער? דורך וועלכע געשטאלטונגען פירט זי דורך אירע נויטווענדיגע עטאפּען? אויך נאך ניט די איינצעל־מענשען, נאר איבער־מענשליכע פּאטענצען און געשטאלטונגען. איר הערט רעדען וועגען „ווערט“ און „מער־ווערט“; וועגען „וועלט־מארק“, און „פּראדוקטיוו־קראפט“; וועגען „פעאדאלען רעזשים“ און „קאפּיטאליסטישען רעזשים“; וועגען „קלאסען־קאמף“, „לוין־ארבעט“ און „קאפּיטאל“. דער איינצעל־מענש ווערט דא כמעט אין גאנצען איינגעשלונגען פון העכערע פּאטענצען. די פיל־פארביגקייט און פיל־געשטאלטיגקייט פון זיין דענקען,

פֿילען, וועלען, ליידען און פֿרעהען זיך ווערען אין גאַנצען פֿאַרטרונקען אין דעם טעאָרעטישען חשבון און פֿאַרשווינדען פֿון אויג.

אַן ענליכע טענדענץ הערשט אויך ביי ספּענסער'ן און די אַזוי אָנגערופֿענע „אָרגאַניקער“ אין דער וויסענשאַפֿט וועגען דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, פֿאַר וועמען די געזעלשאַפֿט איז אַן איינהייטליכער אָ ר ג אַ נ י ז ם, ווי אַ זעלבסטשטענדיגע לעבעדיגע באַשעפֿעניש, און דער איינצעל־מענש איז אפֿילו ניט קיין אָרגאַן, ניט קיין איבר אין דעם אָרגאַניזם, נאָר אַ לעבעדיגע צ ע ל.

וואָס איז דער גרונט־ציל פֿון אַזאַ ריכטונג אין דער סאָציאָלאָגיע? — די אָביעקטיוויסטישע סאָציאָלאָגיע וויל פֿאַר די סאָציאַלע ערשיינונגען זיין דאָס, וואָס די אַסטראָנאָמיע איז פֿאַר דער באַוועגונג פֿון די הימעל־קערפּער. ווען דער אַסטראָנאָם האָט אויסגעפֿאָרשט די באַוועגונג פֿון דער ערד אַרום דער זון, האָבען אים ניט געאַרט יענע פּראָצעסען, וואָס קומען פֿאָר אין דער ערד און אויף דער ערד; ניט די וואולקאַנישע אויסברוכען, ניט די פֿעלקער־קריגען, ניט די מילי־מיליאָנען אַנדערע דערשיינונגען, וואָס פֿילען אויס דער ערד'ס עקזיסטענץ. פֿאַר אים איז די ערד אַן א י י נ ה י י ט ל י כ ע ר קערפּער, און נאָר פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט ער געקאָנט און קאָן איצטער אַלעמאָל אָ ב י ע ק ט י ו ו ־ א ו י ס ר ע כ ע נ ע ן דעם ב אַ ו ו ע ג ו נ ג ס־ג ע ז ע ץ פֿון דער ערד און מיט וויסענשאַפֿטליכער פּינקטליכקייט פֿ אָ ר ־ א ו י ס ז אָ ג ע ן, וואו און ווען די ערד וועט זיין איז וועלטען־רוים צו אַ באַשטימטער צייט. אויך דער סאָציאָלאָג, וואָס נעמט די געזעלשאַפֿט, אַזוי צו זאָגען, ווי אַן איינהייטליכען „פּלאַנעט“, קאָן — אַזוי גלויבט די דאָזיגע ריכטונג — אָביעקטיוו אויסרעכענען איר „באַוועגונגס־געזעץ“ און אויסגעפֿינען, וואָס עס דערוואַרט זי אין דער צוקונפֿט.

אַנטקעגען אָט דעם שטרעבען מבטל צו זיין לגמרי דעם מענשען אין דער סאָציאָלאָגישער פֿאָרשונג, האָט אויפֿגעהויבען אַ העפֿטיגען פּראָטעסט דער רוסישער טיפֿער דענקער און גלענצענדער פּובליציסט, נ. מיכאַילאָווסקי. לויט מיכאַילאָווסקי'ן איז דער ה ו י פּ ט ־ ה ע ל ד פֿון דער סאָציאַלער שאַפֿונג און דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג דער מ ע נ ש, דער איינצעל־מענש, וואָס זוכט צו פֿאַרווירקליכען אין לעבען זיינע א י ד ע אַ ל ע ן, — וואָס ל י ב ט אמת, יושר און שענקייט, „ווייל ער רופֿט אַן אמת, יושר און שיינקייט נאָר דאָס, וואָס ער ל י ב ט“. מיכאַילאָווסקי לייקענט ניט, אַז אין דעם פֿאַרלויף פֿון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג וואַקסען אויס איבער־אינדיווידועלע, סאָציאַלע געשטאַלטונגען, וואָס זוכען איינצושלינגען דעם יחיד און פֿאַרוואַנדלען אים אין אַ „נאָגעל פֿון אַ מינדסטען פֿינגער פֿון דעם לינקען פֿוס“. אָבער אַנטקעגען אָט די איבער־אינדיווידועלע געשטאַלטונגען ק ע מ פּ ט דער מענש, און די גאַנצע סאָציאַלע געשיכטע פֿון דער מענשהייט איז פֿול מיט די נצחונות און מפּלות פֿון דעם יחיד אין דעם „קאַמף פֿאַר אינדיווידואַליטעט“. די אויפֿגאַבע פֿון דער פֿאָרשונג דאַרף דעריבער באַשטעהן ניט אין בלומרשט אָביעקטיווע אויסרעכענונגען פֿון יענע סטיכישע איבער־אינדיווידועלע שטרעמונגען, כדי פֿאָראויסצוזעהן, וואוהין זיי וועלען זיך דערטראָגען: אַזעלכע פֿ אָ ר א ו י ס ז ע ה ו נ ג ע ן קאָנען אָ ב י ע ק ט י ו ־ ו ו י ס ע נ ש אַ פֿ ט ל י ך ניט ג ע מ אַ כ ט

ווערען און אַלץ, וואָס דער מענשליכער גייסט קאָן אויף דעם פעלד אַרויסברענגען, איז נאָר כלומרשטדיגער וויסען, אילוזיעס פון דעם מענשליכען דענקען.

פאַר דעם סאָציאָלאָג בלייבט — לויט מיכאַילאָווסקי'ן — נאָר איין זאַך: אויסצופאָרשען דעם גורל פון דעם מענשליכען קאַמף פאַר זיין אינדיווידואַליטעט אין דעם גאַנצען מענשליכען עבר און אויסצוגעפינען די באַדינגונגען, וואָס אונטער זיי וואָלט ער געקענט דערפאָלגרייך אויסקעמפען די דאָזיגע אינדיווידואַליטעט אין דער צוקונפט. מען פאַרלירט דערביי, אמת, די ווי־סענשאַפטליכע זיכערקייט, אָז דער קאַמף פאַר די מענשליכע אידעאַלען וועט זיך אומפאַרמיידליך ענדיגען מיט אַ פולשטענדיגען טריאומף. אָבער אָט די „זיכערקייט“ איז סאַי ווי סאַי ניט מער ווי אַ סוביעקטיווער גלויבען פון דעם פאָרשער, אַן אילוזיע. מען געווינט דערפאַר אָבער דעם קלאָרען ציל, פאַר וואָס עס זאָל געפירט ווערען דער קאַמף און דעם פרייען אויסבליק אין דעם אויסקלויב פון די פאַסענדיגסטע קאַמפס־מיטלען.

אויף דעם ערשטען בליק וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אין דעם קאָנ־פליקט פון אָט די פאַרשיידענע גרונט־טענדענצען אין דער סאָציאָלאָגישער וויסענשאַפט, וועט דער ענטוזיאַסטישער אַנאַרכיסט, זאָלאָטאַראָוו, דער אומ־דערמידליכער קעמפער פאַר אינדיווידואַליטעט און פרייהייט, זיך אומבאַ־דינגט אַוועקשטעלען אויף מיכאַילאָווסקי'ס צד, — בפרט, אַז אין זיין קאַמף אַנטקעגען דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט ער דערביי זיך געקאָנט באַנוצען מיט דעם גאַנצען אַרסענאַל כלי־זיין, וואָס געפינען זיך אין מיכאַילאָווסקי'ס אַרגומענטאַציע אַנטקעגען דעם אָביעקטיוויזם.

אַזאַ בליק אויף זאָלאָטאַראָוו'ס טעאָרעטישע שטעלונג אין דעם קאָנפליקט, וואָלט אָבער געווען אַ טעות. ס'קלינגט אפשר פאַראַדאָקסאַל, אָבער דער אמת איז, אַז אין זיין אינווענינסטען תוך האָט זאָלאָטאַראָוו'ס טעאָרעטישער דענקען געהאַט אַ שטאַרקע נויגונג צו אָביעקטיווען רעאַליזם, וואָס זאָל זיך ערליך רעכענען מיט דעם גאַנג פון דער ווירקליכקייט דרויסען פון אונזערע מענשליכע אידעאַלען און וואָס שטרעבט דעריבער אויסצואַרבייטען פאַר זיך אַליין אַ זיכערע געוויסהייט, אַז דער קאַמף פאַר אונזערע אידעאַלען געהט ניט נאָר ניט להיפך צו דעם סטיכישען גאַנג פון דער ווירקליכקייט, נאָר, אדרבה, איז געבויט אויף אָט דעם גאַנג און איז גאַראַנטירט מיט ערפלאָג, גראָד אַ דאַנק אָט דעם סטיכישען גאַנג.

זאָלאָטאַראָוו, וועמעס גאַנצער אַנאַרכיסטישער דענקען ציט צו מיכאַי־לאָווסקי'ן, פאַרזעהט אָבער ביי אים, — אָדער מאַכט זיך ניט וויסענדיג, — אַז יעדער פרואָוו פון וויסענשאַפטליכע פאָראויסזעהונגען אויף דעם סמך פון דעם „סטיכישען אַנטוויקלונגס־גאַנג“ קאָן צו קיין אַנדער זאַך ניט פירען, ווי נאָר צו זעלבסט־געשאַפענע פאַרבלענדענישען. פאַר אים איז די אויפגאַבע, — פאָראויסצוזעהן די צוקונפט, — פונקט אַזוי וויכטיג, ווי צו האָבען שטענדיג אין אויג דעם איינצעל־מענשען און זיין קאַמף פאַר אינ־דיווידואַליטעט און פרייהייט.

געטראָגען פון אָט די צוויי פאַר אים גלייכבאַרעכטיגטע וויסענשאַפטליכע

טענדענצען, מוסטערט זאָלאָטאַראָוו דורך די וויכטיקסטע ווערק פון דער סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור און בויט אויף אַ סכעמע פון אַן עוואָלוציאָנס־טעאָריע, וואָס באַפרידיגט אין גלייכער מאָס די ביידע באַדערפנישען פון זיין פאָרשענדען גייסט.

דער צענטראַל־פונקט פון אָט דער סכעמע באַשטעהט אין דעם געדאַנק, אַז אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט ווערט די מענשליכע אינדיווידואַליטעט קיינמאָל ניט איינגעשלונגען פון איבער־מענשליכע, סאָציאַלע געשטאַלטונגען און קאָן פון זיי קיינמאָל ניט איינגעשלונגען ווערען. און דער געדאַנקען־גאַנג איז אַזאַ:

אין דער עוואָלוציע פון דער נאַטור גרופּירען זיך נידעריגערע אינדיווידואַליטעטען צו העכערע און דערביי ווערען אַלע אייגענשאַפטען פון די נידעריגערע עלעמענטען אין גאַנצען איינגעשלונגען און באַהערשט פון דער העכערער געשטאַלטונג, וואָס ברענגט אַרויס אַבסאָלוט נייע, אירע אייגענע אייגענשאַפטען.

אין דעם אָנהויב פון דעם עוואָלוציאָנס־פּראָצעס אויף דער ערד הערשט די פיזיקאָ־כעמישע עוואָלוציע. אירע „העלדען" זיינען די איינצעלנע מאַטעריעלע אַטאָמען און מאָלעקולען, וואָס האָבען נאָר פיזישע און כעמישע אייגענשאַפטען. עלעמענטען פון גלייכע אייגענשאַפטען גרופּירען זיך אין איינעם אויף פאַרשיידענע אופנים, ביז עס באַשאַפט זיך די העכסטע גרופּירונג, די לעבעדיגע צעל; אין איר ווערט געבוירען אַ נייע אייגענשאַפט, דאָס לעבען און עס טרעט אַרויס אַ נייע קראַפט אין דער עוואָלוציע, — דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, דער דראַנג צו לעבען.

אין דער לעבעדיגער צעל פאַרלירען די פיזיקאַליש־כעמישע עלעמענטען זייער זעלבסטשטענדיגקייט. אַלע זייערע אייגענשאַפטען ווערען באַהערשט פון דעם נייעם לעבענס־דראַנג. דערמיט ענדיגט זיך די ערשטע פאַזע און עס הויבט זיך אָן די צווייטע פאַזע: די מאָרפאָ־פיזיאָלאָגישע עוואָלוציע ד. ה. די אַנטוויקלונג פון לעבענס־פּראָצעסען און אָרגאַנישע לעבענס־פאָרמען.

אויך אין אָט דער צווייטער פאַזע הויבען אָן די נידעריגערע עלעמענטען, — די לעבעדיגע צעלען, — זיך צו גרופּירען, לויט דיזעלביגע געזעצען, אין העכערע איינהייטען און אינדיווידואַליטעטען. צעלען מיט גלייכע מאָרפאָ־פיזיאָלאָגישע אייגענשאַפטען הויבען זיך אָן צו באַהעפטען אין גאַנצע אָרגאַניזמען, מיט אַ רייכער אויסגעשטאַלטונג פון פאַרשיידענאַרטיגסטע פאָרמען, און דער ניי־באַשאַפענער אָרגאַניזם שלינגט איין אַלע אייגענשאַפטען פון די איינצעלנע צעלען. קיין צעל קאָן שוין ניט פירען קיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ דרויסען פון אים. דערפאַר ווערט באַשאַפען אַ נייע נייס אין דער עוואָלוציע: אויף אירע העכערע שטופען, און דער עיקר אין דער מענשליכער וועלט, באַווייזען זיך אַזעלכע אָרגאַניזמען, וואָס זיינען באַהערשט ניט נאָר פון דעם לעבענס־דראַנג, וואָס שטעקט אין דער צעל, נאָר אויך פון דעם דראַנג צו דערהאַלטען די באַשטימטע אָרגאַנישע פאָרם. עס ווערט באַשאַפען דער יחיד, דער אינדיווידואום, וואָס קעמפט סאַי פאַר זיין דערהאַלטונג ביים לעבען, סאַי פאַר דער דער־

האַלטונג פון זיין אינדיווידואַליטעט. די ניי־אויפגעקומענע איינהייט, דער אינדיווידועלער אָרגאַניזם, דער עיקר דער מענשליכער אָרגאַניזם, לעגט אַוועק דעם יסוד פאַר אַ נייער, נאָך העכערער פאַזע פון דער אַלגעמיינער עוואָלוציע: דער פּסיכאָ־סאָציאָלאָגישער. עס טרעט אויף אין דער עוואָלוציע אַ נייע קראַפט, די פּסיכישע. יעדע אָרגאַנישע באַשעפעניש האָט די פעהיגקייט צו דערקענען אַ צווייטע פון איר אייגענעם מין. באַשעפענישען פון דעמזעלביגען מין מיט דיזעלביגע אייגענשאַפטען הויבען זיך אָן גרופּירען אין נאָך העכערע איינהייטען, — סאָציאַלע. אָבער אין אָט דער העכסטער אַנטוויקלונגס־פאַזע פון לעבעדיגע ברואים טרעט אַריין אַ גאַנצע נייע ווענדונג אין דעם גאַנצען פּראָצעס. די אָרגאַנישע באַשעפענישען זיינען אַזוי רייך אין פאַרשיידענאַרטיגע אייגענשאַפטען, — בפרט ביי דעם מענשען, — און דער דראַנג צו דערהאַלטען די אייגענע אינדיווידואַליטעט, — די אָרגאַנישע פאָרם, ווי די פּסיכישע פּראָצעסען, — איז אַזוי שטאַרק, אַז קיין העכערע סאָציאַלע לעבענס־פאָרם קאָן ניט איינשליסען אַלע זייערע אייגענשאַפטען. די אינדיווידומען פלעכטען אַריין אין אַ סאָציאַלען געוועב נאָר יענע אייגענשאַפטען, אין וועלכע זיי זיינען אַבסאָלוט גלייך. די אייגענשאַפטען אָבער, אין וועלכע זיי געהן זיך פאַנאַנדער, בלייבען דרויסען פון דעם סאָציאַלען געוועב, ווי אַ באַזיס פאַר זייער אינדיווידועלער עקזיסטענץ, וואָס קאָן ניט איינגעשלונגען ווערען פון דער העכערער פאָרם.

אויף אַזאַ'ן אופן באַשאַפט די פּסיכאָ־סאָציאָלאָגישע עוואָלוציע צוויי טענדענצען, וואָס געהן האַנט אין האַנט און העלפען איינע דער אַנדערער: די אינדיווידועלע טענדענץ פון די פריי געבליבענע געמיינשאַפטען און די סאָציאַלע טענדענץ פון די צענויפגעוועבטע געמיינשאַפטליכע שטריכען, וואָס דריקט זיך אויס אין דער באַשאַפונג פון סאָציאַלע אומשטענדען. די צוויי טענדענצען ווירקען איינע אויף די אַנדערע און אויף דער דרויסענדיגער נאַטירליכער סביבה, ווי די נאַטירליכע סביבה ווירקט צוריק אויך אויף זיי.

אונטער דעם דרוק פון די סאָציאַלע אומשטענדען און פון דער נאַטור פאַרענדערען זיך די פריי געבליבענע אייגענשאַפטען. עס ווערען אויסגעבילדעט סאַי נייע געמיינשאַפליכע אייגענשאַפטען, סאַי נייע ריין אינדיווידועלע. די געמיינשאַפטליכע ווערען ווידער אויפגעכאַפּט פון דעם פּסיכאָ־סאָציאַלען וועב־פּראָצעס, און נייע געזעלשאַפטליכע פאָרמען שפּרינגען אַרויס. אין דער מענשליכער וועלט הויבט זיך אָן אַ פילפאַכער פאַרפלאָנטערטער פּראָצעס פון אַנטקעגען־זייטיגע צופּאַסונגען און אויסגלייכונגען צווישען די דריי גרונט־עלעמענטען פון דער אַנטראָפּאָלאָגישער עוואָלוציע: דער נאַטור, דער געזעלשאַפט און דעם איינצעל־מענשען, און אין קיין העכערער שטופע ווערט דער סאָציאַלער געוועב ניט אַזוי שטאַרק, ער זאָל קאָנען איינשלינגען דעם גאַנצען מענשען, זיין גאַנצע אינדיווידואַליטעט און אָפּווישען זיין אַלץ מער וואַקסענדע אייגענאַרטיגקייט.

וואָס איז דער גרונט־ציל פון דער אינדיווידועלער טענדענץ? — דאָס שטרעבען צו וואָס מער אייגענאַרטיגקייט און פרייהייט. וואָס איז דער גרונט־ציל פון דער סאָציאַלער טענדענץ? — דאָס שטרעבען צו וואָס

מער צענויפגעבונדענקייט און *סאלידאריטעט*. זיינען אט די צוויי שטרעבונגען אנטאגאניסטיש? זיי קאנען דאס זיין, אבער *בדרך כלל* זיינען זיי דאס בשום אופן ניט.

ווען מיר ווארפען א בליק אויף דעם סאציאלען אנטוויקלונגס־גאנג פון דער מענשהייט, ווי אויף אן איינהייטליכען פראצעס, זעהן מיר, אז ביידע טענדענצען וואקסען זיך אין איהם פאנאנדער אין א גלייכער מאס. זייער פאראלעלער וואוקס טרעט באזונדערס בולט ארויס אין אונזער צייט, — דער עיקר ביי די גרויסע ארבייטענדע שיכטען פון די געבילדעטע פעלקער. וואס מער *פרייהייט* יענע מאסען באקומען, אלץ שטארקער ווערט זייער *סאלידאריטעט*, וואס נעמט אן אינטערנאציאנאלע מאסען. און וואס שטארקער עס ווערט ביי זיי די סאלידאריטעט, — אלץ מער פרייהייט קעמפען זיי אוים פאר יעדען איינעם, און אלץ זעלבסטשטענדיגער ווערט דער איינצעל־ארבייטער, דער איינצעל־מענש.

וואס מוז דעריבער זיין די כאציאלע ענד־סטאנציע, צו וועלכער ביידע אנטוויקלונגס־טענדענצען טראגען זיך מיט זייער גאנצען היסטארישען אימפעט? — די ענד־סטאנציע מוז זיין די אבסאלוטע פארווירקליכונג פון זייער ביידענס מהות: דער פראצעס מוז ארויסברענגען סאי די אבסאלוטע פרייהייט פאר דעם יחיד, — דעם *אנארכיזם*, — סאי די אבסאלוטע סאלידאריטעט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, — דעם *קאמוניזם*. דער *אנארכיסטישער קאמוניזם* איז דעריבער ניט נאר אן אידעאל, געפאדערט פון דעם מענשליכען גערעכטיגקייטס־געפיל. ער איז דער *אומפארמיידליכער* אפשלום פון דער פסיכא־סאציאלאגישער עוואלוציע, אלץ איינס, צי דער אידעאל געפעלט וועמען, אדער ניט.

פארבינדענדיג אויף אזא'ן אופן די צוויי *גרונט־צילען* פון דער סאציאלאגישער פארשונג, דעם מיכאילאווסקי'שען מיט דעם מארקסיסטישען, שטעלט זיך זשיטלאווסקי אוועק אויף א *רעאליסטישען* שטאנדפונקט, וואס פירט א גלייכען חשבון סאי פאר דעם גורל פון דער מענשליכער אינדיווידואליטעט סאי פאר דעם באדייט פון דער געזעלשאפט. די געזעלשאפט הערט דא אויף צו זיין אן *אבסטראקציע*. זי איז פונקט אזוי *רעאל*, ווי דער יחיד גופא. איינצעל־מענש און געזעלשאפט זיינען די *צוויי* „העלדען“ פון דעם מענשליכען פראגרעס, און נאר ווען מען האט זיי ביידען אין אויג, קומט מען צו א ריכטיגער פארשטענדניש פון זיין מהות און זיין ענד־ציל.

.3

אין דער נאר וואס געבראכטער סכעמע פון זשיטלאווסקי'ס גרונט־בליק אויף דעם מענשליכען פראגרעס איז נאך ניטא קיין פלאץ פאר דער שייכות צווישען דעם איינצעל־מענשען און *זיין פאלק*, און ביז צו דעם יאר 1903 האט קיין זאך זשיטלאווסקי'ן ניט געטריבען אויפצונעמען דעם ענין פון „פאלק“ און „נאציע“ פון א סאציאלאגישען שטאנדפונקט.

ערשט די פלעווע'שע פראגראמען פון דעם יאר 1903, וואס זיינען *אין יענער צייט* געווען אזוי אומדערהערט לויט זייער אכזריות, האבען

אַזוי שטאַרק אויפגערודערט זאָלאָטאַראָווס נשמה, אַז דער דאָרטען טיף פאַרבאַהאַלטענער אומבאַוואוסטזיניגער אידישער נאַציאָנאַליזם האָט מיט אַן אויסגעשריי פון איבערמענשליכען צער און ווייטאָג זיך אַריינגעריסען אין דעם קלאָרען באַוואוסטזיין און געגומען פאָדערען דין וחשבון פאַר דעם גורל פון דעם אידישען פאָלק. אָט דעם אויסגעשריי האָט זאָלאָטאַראָוו ווידער געגעבען אין זיינע באַרימטע געוואָרענע „ערנסטע פראַגען“, וואָס האָבען אויך אין אייראָפּאַ — אין די יונגע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע קרייזען — געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַ באַזונדער בראָשור אין לאָנדאָן.

פון טעאָרעטישען באַדייט זיינען די „ערנסטע פראַגען“ וויכטיג דורך דעם אַבסאָלוטען ראַדיקאַלען איבעררייס מיט דער קאָסמאָפּאָליטישער טעאָריע, וואָס האָט געוואָלט האָבען, אַז די ראַדיקאַל־דענקענדע אידען זיינען שוין ניט קיין אידען. „באַהאַלט עס, ווי איר ווילט“, שרייבט דאָרטען זאָלאָטאַראָוו, „דער־שטיקט עס ווי איר קענט, לייקענט עס הונדערט טויזענד מאָל אָפּ — מיר זיינען אַליין אידען. און ווען מען שלאָגט און מען פאַרפאָלגט, ווען מען פּייניגט און מען מערדערט דאָס אידישע פאָלק אַלס אידען, רופט זיך עַס אָפּ אין אונזער נשמה מיט אַזאַ שטאַרקען טיפען ווייטאָג, אַז מיר וואָלטען, דאַכט זיך, גיכער געשטאָרבען אידען, איידער קויפען זיך דאָס לעבען דורך געצוואונגענער אויס־אידישקייט“.

צום ערשטען מאָל לעבט דאָ זאָלאָטאַראָוו דורך אַ געוואַלט־ריס אין זיין האַרמאָנישער, איינהייטליכער וועלט־אַנשויאונג. עס איז אַ צענויפ־שטויס פון צוויי גלייך טיף באַגרינדעטע, גלייך זיכער שטעהענדע אמת'ען. פון איין זייט איז ער אַן איבערצייגטער אינטערנאַציאָנאַליסט, און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פאַרשטעהט ער נאָך אין דעם אַלטען זין פון קאָס־מאָפּאָליטיזם, פון פעלקער־פאַרשווינדונג, וואָס קאָן זיך ניט אויס־איינען מיט קיין פאָרם פון אַ נאַציאָנאַליסטישער באַשטרעבונג. פון דער אַנדער זייט, פאַרשטייט ער, דער רעאַליסטיש דענקענדער סאָציאָ־לאָג, אַז די אומנאַטירליכע לאַגע פון דעם אידישען פאָלק אין דער מענש־הייט, צווינגט די אידען צו זיין נאַציאָנאַליסטיש, צו קעמפען פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ, ווי דאָס טוט אין דער נאַטור יעדע גרופּע לעבעדיגע באַשעפענישען, וואָס איז אַרומגערינגעלט פון שונאים. ווייטער פרעדיגען אידען אינטערנאַציאָנאַליזם וואָלט דעריבער געהייסען ברענגען שאָדען דער גרופּע, אָפּשוואַכען איר ווידערשטאַנדס־קראַפט און אויסליפערען זי אין די הענט פון אירע פיינט. און דערצו איז גאָר ניט צו גלויבען, אַז די אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע זאָל אונטער די אומ־שטענדען קאָנען אויפגענומען ווערען פון דעם אידישען פאָלק. „צו אים, צום אידישען פאָלק, פרעדיגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען גייסט“, זאָגט ער, „הייסט פרעדיגען זיין אייגענע פאַרניכטונג“.

איז — וואָס זאָל מען טאָן? זאָל מען זיך אָפּזאָגען פון איינעם פון אונזערע וויכטיגסטע אידעאַלען צוליב דער אידישער נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ, אָדער בלייבען טריי דעם אינטערנאַציאָנאַליזם און איבערלאָזען דאָס פאָלק אויף דעם באַראָט פון זיין שיקזאַל־שווערען בלוטיגען גורל? אָבער ווי

קאָנען מיר דאָס? מיר זיינען דאָך אליין אידען, טיילען פון יענער גרופּע!

אין טיפער ערליכקייט צו זיך אליין קלייבט זשיטלאָווסקי אויס דעם ערשטען וועג. יע, מיר מוזען אין איינעם מיט דעם פאָלק, צוליב זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ווערן נאַציאָנאַליסטיש, ווי שאַרף עס זאָל ניט זיין דער ריס, וואָס דאָס טראָגט אריין אין אונזער גאַנצער וועלט־אנשויאונג! „מיר זיינען", זאָגט ער, „מיט דעם פאָלקס־גייסט, ווייל מיר ליידען און פילען מיט דעם פאָלק אין זיין אומענדליכען מאַרטירערטום". די איינציגע טרייסט דערביי איז, וואָס מיר מוזען זיך ניט אָפּזאָגען פון אלע אנדערע אונזערע אידעאַלען. מיר דאַרפען זיך אומקערען צום פאָלק. אָבער דאָרטען דאַרפען מיר „ניט נאָר העלפען רעטען דאָס אידישע פאָלק פון פאַרפאַלגונג און פאַרניכטונג", ניט נאָר „העלפען גרופּירען די מאַסען אין צענטרען, וואו אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט זאָל פאַרהינדערען די אינערליכע פאַרניכטונג פון דעם פאָלק"; „מיר מוזען אויך", זאָגט ער, „זיין די אַוואַנגאַרדען פון פרייהייט און ליכט און העלפען דער אַנטוויקלונג פון אַ קולטור, וועלכע זאָל פירען צו אַ פרייער און בעסער געזעלשאַפטליך לעבען פון אונזער פאָלק".

אזא ריס אין דער איינהייטליכער הארמאָנישער וועלט־אנשויאונג, וואָס באַקעמפט דעם נאַציאָנאַליזם פאַר דער מענשהייט און כשר'ט אים פאַר דעם אייגענעם פאָלק, האָט ניט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטען ביי אַ גייסט, וואָס האָט תמיד געשטרעבט צו איינהייטליכקייט און האַרמאָניע אין זיין וועלט־אנשויאונג.

אין 1904—1905 הויבט זיך אָן אין אמעריקע די מאָדערנע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פּראָפּאַגאַנדע, מיט איר טעאָרעטישען גרונט־געדאַנק, אז אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט קאָסמאָפּאָליטיזם; אז דער העכסטער אידעאַל איז ניט די פעלקער־פאַרשווינדונג, נאָר די פעלקער־פאַרברידערונג, און אז דער ראַדיקאַלער געדאַנק, סיי אין זיין סאָציאַליסטישען, סיי אין זיין אַנאַרכיסטישען שטראָם, האָט קיין מאָל ניט פאַרלאַנגט און קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרלאַנגען די צענויפמישונג פון פעלקער אין איין האָמאָגענער מענשהייט, און האָט אלע מאָל זיך איינגעשטעלט פאַר דער פולער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון יעדען פאָלק. ממילא דאַרף אויך אונזער אידישער ראַדיקאַלער אינטערנאַציאָנאַליזם איינשליסען אין זיך די פאָדערונג פון אַ פרייער אייגענער נאַציאָנאַל־אידישער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג.

אָט די טעאָרעטישע פּאָזיציע, וואָס שאַפט אָפּ דעם כלומר'שטען ווידערשפּרוך צווישען ראַדיקאַלען געדאַנק און נאַציאָנאַל־אידישע אינטערעסען, האָט תיכף געוואונען זשיטלאָווסקי'ס צושטימונג, און דאָס האָט אים געהאָלפען אריינטראָגען די נויטיגע קאָרעקטורען אין זיין טעאָרעטישער סכעמע, וואו דער נאַציאָנאַלער מאָמענט געפינט שוין זיין ריכטיגען פּלאַץ.

„פאָלק" איז פאַר אים איצטער אַ העכערע אינדיווידואַליטעט, וואָס שטעלט זיך צענויף פון איינצעל־מענשען, און וואָס ווערט צונויפגעוועבט פון יענע אייגענשאַפטען, וואָס זיינען געמיינשאַפטלאך פאַר אלע זיינע קינדער.

די גאַנצע סכעמע פון דעם אַנאַרכיסטישען קאָמוניזם באַקומט איצטער אַזאַ בילד: פרייע, אויטאָנאָמע איינצעל־מענשען גרופּירען זיך אין פרייע קאָמונעס; אויטאָנאָמע, גלייך־פרייע קאָמונעס מיט דיזעלביגע נאַציאָנאַלע איינגענשאַפטען גרופּירען זיך אין פרייע, אויטאָנאָמע פעלקער און די פרייע אויטאָנאָמע פעלקער בילדען אין איינעם דעם פרייען אַלמענשליכען פאַרבאַנד.

אומעטום, אין אַלע שטופען פון דער גרופּירונג, הערשט דער אַלגעמיינער געזעץ, אַז וואָס פרייער און אינדיווידועלער עס זיינען די צענויפ־שטעלענדע איינהייטען אַלץ סאָלידאַרישער און גאַנצער איז די צענויפגע־שטעלטע איינהייט.

דער אויסגאַנגספונקט איז דער איינצעל־מענש. ווען ער וועט בלייבען פריי אין דער סאָלידאַרישער קאָמונע, וועט זי ניט דער־לאָזען, אַז איר אייגענאַרטיגקייט זאָל אונטערדריקט ווערען אין דעם פאָלק, און וואָס פרייער און אייגענאַרטיגער עס וועט זיין דאָס פאָלק, אַלץ אוממעג־ליכער וועט עס זיין, אַז זיין פרייהייט און אָריגינאַליטעט זאָל לגמרי פאַרטרונקען ווערען אין אַ „מענשהייט", אין אַן אַלגעמיינעם שאַבלאָן. די איינהייט אין דער פיל־אַרטיגקייט, — אָט צו דעם שטרעבט דער מענשליכער פּראָגרעס, אָט דאָס וועט ער דערגרייכען אין אַ סיסטעם פון אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישען נאַציאָנאַליזם.

די הויפּט־זאַך ליגט דעריבער אין דעם איינצעל־מענשען. און דאָ דאַרף מען זעען מיט אַלע כוחות, אַז אין אים זאָל זיך ניט אַריינרייסען דער שאַבלאָן. די אויסבילדונג פון אַ שטאַרקער פרייער און זעלבסטשטענדיגער אינדיווידואַליטעט אין יעדען איינצעלנעם איז דעריבער דער פאַרבאַדינג פאַר דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פין דער גאַנצער מענשהייט.

זאָלאָטאַראָוו האָט געגלויבט, אַז איינע פון די וויכטיגסטע קרעפטען, וואָס העלפען אויסבילדען אינדיווידואַליטעט איז די קונסט, וואָס איז אין איר עצם ניט קיין אַנדער זאַך, ווי באַשאַפערישקייט, די פעהיגקייט אַרויסצוברענגען עפּעס אַ נייע זאַך אין אַלע פעלדער פון דער מענשליכער אַרבייט און טעטיגקייט. פון אָט דעם שטאַנדפונקט געזעען, איז יעדער מענש אַ קינסטלער און מוז האָבען ווייניגסטענס אַ ניצוץ פון קונסט אין זיך. מיר קאָנען זיך דאָ לײדער ניט אַריינלאָזען אין זאָלאָטאַראָווס עסטעטישע אַנשויאונגען. אָנמערקען ווילען מיר אָבער נאָר, אַז, לויט אָט דעם בליק אויפ'ן ענ־ין, קאָנען די קונסט־פונקען, וואָס גליהען ביי יעדען איינעם, נאָר דעמאָלט דורכרייסען דעם שאַבלאָן פון די מאַסען, ווען די גרויסע אָריגינעלע באַשאַפערס, ביי וועלכע דער קונסט־אינ־סטינקט רייסט זיך אַרויס אין געוואַלטיגע שאַפונגען, וועלען שטען נאָהענט צו דעם לעבען פון די מאַסען און זיין אין שטענדיגען קאָנטאַקט מיט זיי. נאָר אויף אַזאַ'ן אופן קאָן זייער ווירקונג וועקען דעם שאַפונגס־דראַנג ביי די געוועגלאַכע איינצעל־מענשען און אָנצינדען אין זיי דעם קאַמף פאַר אינדי־ווידואַליטעט. אַ פאָלק, וואָס פאַרלירט זיין קינסטלעריש־שאַפענדע אינטע־ליגענץ אָדער וואָס ווערט אָפּגעטיילט פון איר דורך אַ וועלכען עס איז תהום, מוז שוין דורך דעם אַליין אַריינפאַלען אין אַ שאַבלאָן.

פון דער אַנדער זייט מוז מען אָבער אויך האָבען אין זין, אַז מיט דעם

נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן אויפוואַכען פון אַ פאָלק, ווערען אויך אויפגעוועקט די קינסטלערישע כוחות, וואָס ברענגען אַרויס די אָריגינעלע זשעניען. דעם באַווייז דערצו זעט זאַלאָטאַראָוו אין דעם פאַקט, וואָס די נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג פון די מאָדערנע פעלקער האָט אַזוי באַפרוכטענדיג געווירקט אויף דעם פאַנאַנדערבלי פון דער באַשאַפערישער אינטעליגענץ, ווי מיר זעען דאָס באַזונדערס ביי די נאָרוועגער אין אַ ביערנסאָן און אַן איבסען און אויך ביי אונז אידען אין דעם מאָדערנעם אויפבלי פון דער ניי־העברעאישער און יונג־אידישער ליטעראַטור.

„די אינטעליגענץ — דעם פאָלק; די אידישע אינטעליגענץ — דעם א י ד י ש ע ן פאָלק", — אַזוי קאָן מען פאָרמולירען דעם שלום־אַקאָרד, וואָס קלינגט אַרויס פון אָט דעם גאַנצען טעאָרעטישען בנין.

אין דער לעצטער צייט האָט זאַלאָטאַראָוו, ווי מיר אַלע, דורכגעלעבט די גאַנצע גאַמע פון „צער און צאָרן", פון פריידיגע דערוואַרטונגען און טרויריגע אַנטוישונגען, וואָס זיינען אַלע געווען פאַרבונדען מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם מאָמענטאַלען אויפפלאַקערען פון נאַציאָנאַלע אידישע האָפענונגען. ווי אַ גרויסער טייל פון אונז האָט זיך אויך זאַלאָטאַראָוו אַריינגעוואָרפען אין דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג און ווי אַ גרויסער טייל פון אונז האָט אויך ער פרי דערשפירט דעם שטראָם קאַלטען וואַסער, מיט וועלכען די געשיכטליכע ווירקליכקייט האָט גענומען אָפּקילען די איבערגעהיצטע האָפענונגען און טרוימען. זאַלאָטאַראָוו איז אָבער ניט אַריינגעפאַלען אין י א ו ש ניט בנוגע דער רוסישער רעוואָלוציע, ניט בנוגע דעם ציוניזם. ווי אַ רעאַליסטיש־דענקענדער סאָציאָלאָג האָט ער געזוכט אויסצוגעפינען און צו פאַרשטיין די טעמים, פאַר וואָס אונזער צייט, וואָס האָט „גע'טובל'ט ליכטיגע האָפענונגען אין בלוטיגע שטראָמען" האָט געמוזט אַזוי אָפּנאַרען די באַרעכטיגסטע דערוואַרטונגען.

די צייט, אַפילו די שווערסטע, קאָן אָבער ניט אַרויסרייסען זיך פון אונטער דער מאַכט פון יענע אינווייניגסטע טענדענצען, וואָס מוזען סוף־כל־סוף פירען צו דעם טריאומף פון אונזערע אידעאַלען. אין דערינען האָט דער סאָציאָלאָג זאַלאָטאַראָוו געזוכט און געפונען זיין טרויסט. אָבער דער מ ע נ ש זאַלאָטאַראָוו האָט אומענדליך געליטען פון יענעם שטראָם אומנויטיגע אַכזריות און בעסטיאַליטעט, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף דער מענשהייט ניט נאָר בעת'ן קריג נאָר אויך אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

זאַלאָטאַראָווס מענשען־ליבע איז ניט געווען פון יענעם אַזוי אָפט אָנצוטרעפענדען מין, פאַר וועמען „מענשען" איז דער טייטש די אַבסטראַקטע „מענשהייט" בכלל און וואָס קאָן מקריב זיין מיט דעם לעבען און וואוילזיין פון די „נאָהענטסטע" צוליב דער ווייטער־ווייטער צוקונפט פון אונזערע אור־אור־אייניקלעך. פאַר אים האָט „מענש" געהייסען דער ק אָ נ ק ר ע ט ע ר מענש פון היינט, וועמען מען קאָן משיג זיין, אין וועמעס לעבען מען קאָן זיך אַריינלעבען שוין איצטער און וועמען מען קאָן ריין פסיכיש אָדער ליבען, אָדער האַסען. און „מענשהייט" האָט פאַר אים באַדייט די אינוועניגסטע „ מ ע נ ש ל י כ ק י י ט ", וועלכע מען קאָן קאָנקרעט ליבען אין יעדען מענשען. אָט די אינוועניגסטע מענשליכקייט האָט ער געשעצט

העכער פאַר אַלץ. זי, האָט ער געגלויבט, מוז זיין דער ב א ז י ס פון יעדער מענשליכער נשמה. ז י מוז, אין איינעם מיט דעם קאַמף פאַר אינ־דיווידואַליטעט, דורכגעטראָגען ווערען פון דעם איינצעל־מענשען ביז אין די העכסטע און ווייטעסטע גרופּירונגען פון דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען.

און גראָד אָט די פאַרטונקעלונג פון מענשליכקייט אין אונזער צייט; די פאַרטונקעלונג גראָד ביי די, וואָס לעבען צוליב גרויסע אידעאַלען און צילען, וועלכע קאָנען קיין מאָל ניט מקוים ווערען, אַזוי לאַנג ווי די מענשליכקייט וועט ביי דעם איינצעל־מענשען בלייבען אונטערדריקט אָדער פאַרטונקעלט, — אָט דאָס האָט מער פאַר אַלץ געגעסען זיין האַרצען.

איבערבליקענדיג דעם טעאָרעטישען טייל פון דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס עס האָט אונז איבערגעלאָזען דער אַזוי פּלוצלינג צענויפגעבראָכענער קעמפער, פילען מיר אַלע דעם טיפען וויי פון זיין פריצייטיגען אוועקגעהן.

אך, ווי נויטיג זיי זיינען יעדען פאָלק, די טרייע איבערגעבענע קינדער, די מוטיגע און ליבענדע קעמפער פון זאָלאָטאַראָוו'ס טיפּ. און — אך! — ווי באַזונדערס נויטיג זיינען זיי אונז אידען! ווי שטאַרק דר. הלל זאָלאָטאַראָוו פעלט אונז איצטער אויס!

זאָלען דעריבער לפּחות זיינע שריפטען אריינדרינגען טיף אין אַלע שיכ־טען פון אונזער פאָלק און ספּעציעל אין די אידישע אַרבייטער־מאַסען, פאַר וועמען ער האָט געלעבט, געליטען און געקעמפט. זאָלען זיינע געדאַנקען אור־מעטום אין די נשמות אָנצינדען דיזעלביגע הייליגע פייערען וואָס האָבען גע־ברענט אין זיין ברוסט!

ד ר. ח. ז ש י ט ל א ָ ו ו ס ק י.

ניו יאָרק, אַפּריל, 1923.

ש. יאנאָווסקי :

גענאָסע ה. זאָלאָטאַראָוו דער פרייהייטס־פּיאָנער אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ

גענ. זאָלאָטאַראָוו איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1882, ער איז דאַן אין גאַנצען אַלט געווען 18 יאָר. אָבער פון דאָס, וואָס מיר דערוויסען זיך פון זיין לעבענס־געשיכטע ביז ער איז געקומען קיין אַמעריקע, מוזען מיר שליסען, אז אין זיינע אינגסטע יאָרען שוין האָט ער אויפגענומען דאָס לעבען מיט פיל ערנסטקייט. אין יעליסאַוועטגראַד באַזוכט ער די רעאַל־שול. פאַרלאָזט ער אָבער יעליסאַוועטגראַד פאַר אָדעס און שליסט זיך אָן די „עם־עולמ׳צעס“, אום צו פאָרען מיט זיי אין אַמעריקע, וואו ער האָפט אָנצופאַנגען אַ ניי לעבען, אַ לעבען פון אַרבעט, אַ לעבען, געגרינדעט אויף נייע געזעלשאַפט־לאַכע יסודות, אויף די יסודות פון פרייהייט און פון קאָמוניזם.

ביז אָבער ער פאָרט אוועק נאָך אַמעריקע, פאַרבלייבט ער אַ גאַנציעס יאָר אין אָדעס, און דאָרט נעמט ער דערוויל אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

צוליב זיינע יוגענד־אידעאַלען פאַרלאָזט ער פאָטער און מוטער און הייבט אָן אַן אייגענעם אומאָפּהענגיגען לעבען. ער קען ניט פאַרבלייבען לענגער אין דעם פינסטערען רוסלאַנד, וואו די מענשלאַכע פרייהייט ווערט דערשטיקט, וואו דער איד ווערט פאַרפאָלגט, ווי אַ ווילדע חיה. ער קען ניט שלום מאַכען מיט דעם העסלאַכען לעבען אַרום אים, און יונג ווי ער איז, געפינט ער אין זיך דעם מוט אָפּצושניידען מיט דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, אום אָנצוהייבען אַ ניי לעבען אין אַמעריקע, וואו אַלעס איז אים פרעמד, אומבאַקאַנט, און וואו ער קען זיך גאַנץ גוט משער זיין, אַז ער וועט דאַרפען שווער און ביטער אַרבעטען, ביז ער וועט צו עפּעס קומען.

עס מוז דאַרום זיין קלאָר פאַר אונז, אַז גענאָסע ה. זאָלאָטאַראָוו האָט שוין פון זיינע סאַמע ערשטע יאָרען אַרויסגעוויזען סמנים פון דעם, וואָס ער איז געווען זיין גאַנץ לעבען: אַ קעמפער, אַ רעבעל, אַ מענש מיט אַן אייגענער מיינונג, אַ ליידענשאַפטלאַכער ליבהאָבער פון פרייהייט, און אַ מענש מיט אַ גרויסער הארץ, וועלכער האָט ניט נאָר געזוכט פרייהייט און גליק פאַר זיך, נאָר פרייהייט פאַר אַלע זיינע מיטמענשען.

עס מוז אָבער דאָ גלייך באַמערקט ווערען, אַז צו יענער צייט, פונקט ווי מיט יאָרען שפּעטער, זיינען נאָך אַמעריקע געקומען גאָר אַ היבשע צאָל יונגעלייט מיט גרויסע, ערהאַבענע שטרעמונגען, מיט אַ ליידענשאַפטלאַכען ברען אויפצוטאָן אין לעבען עטוואָס גרויסעס. ליידער זיינען ניט פילע געבליבען ביי זייערע יוגענטלאַכע אידעאַלען. די מערסטע פון זיי זיינען פאַרשלונגען געוואָרען פון דעם מוטנעם שטראָם פון דעם טאָג־טעגלאַכען לעבען און זיינען געוואָרען מיט „לייטען גלייך“. ניט אַזוי אָבער גענ. זאָלאָטאַראָוו. נאָך דעם, ווי ער איז שוין אָפּגעווען פיער יאָר אין אַמעריקע, אַרבעטענדיג צוערשט מיט אַ פאַרטי פון די „עם־עולמ׳צעס“ אין אַ קאָמונים־

טישער קאָלאָניע, און דאַן אוועקפאָרענדיג מיט זיינע עלטערען אין סינסי־נעטי, וואו ער איז אָנגעקומען אין טשיקרינג אינסטיטוט, און דאַן אָנגע־קומען אין אוניווערזיטעט אויפ'ן כעמישען פאַקולטעט און געענדיגט — אַלזאָ דאַן, ווען ער האָט שוין זיך אינגאַנצען „אויסגעגרינט“, איז געוואָרען, אזוי צו זאָגען, אַ פאָלנער אַמעריקאַנער, איז דאָס ערשטע, וואָס זאָלאָטאַ־ראָוו טוט, אָנקומענדיג אין ניו יאָרק אין 1886, וואַרפט ער זיך אריין מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין נשמה אין די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. ער לעק־טשורט, ער אַגיטירט, ער שרייבט, ער פּראָטעסטירט קעגען דעם שאַנד־אורטייל אויף די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטען, און ה. זאָלאָטאַראָוו, דער געענדיג־טער כעמיקער, דער געוועזענער אַסיסטענט פּראָפעסאָר, חבר'ט זיך מיט גרינע יונגעלייט, שליסט זיך אָן אָן זייער גרופּע „פּיאָנערען דער פרייהייט“, און טוט אַלץ, וואָס ער קען, אום אויפצוגראָבען דעם שטייניגען באָדען פון ניו יאָרק פאַר די קערנער פון אַנאַרכיזם.

איך קען זאָגען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַז אויף וויפיל דער אַנאַר־כיזם, די לערע פון פרייהייט און גלייכהייט און ברידערלאַכקייט, האָט זיך אָנגענומען צווישען די אידישע אַרבעטער, איז עס זיכער ביז גאָר אַ גרוי־סען טייל צו פאַרדאַנקען דער אומערמידליכער און זייער עפעקטפולער אַגי־טאַציע פון ה. זאָלאָטאַראָוו.

און דאָס איז פיל, פיל מער, וויפיל די לעזער פון דער איצטיגער צייט וועלען קענען אָפּשאַצען. איצט איז לעקטשורען, ריידען אַ גאַנץ נישקשה'דיגע פּראָפעסיע. גאָר פילע אַזעלכע לעקטשורערס האָבען מיר אין אַמעריקע, וועל־כע מאַכען אַ גאַנץ שיין לעבען פון פּראָפּאַגאַנדירען זייערע אידעען. אַ חוץ געלט האָט דער לעקטשורער, דער רעדנער, זיינע אָנהענגער, וועלכע זאָרגען שוין פאַר דעם, אַז וואו דער לעקטשורער קומט נאָר, זאָל ער האָבען אַלע זיינע באַקוועמלאַכקייטען, און אין די מערסטע פאַלען ווערט ער אויפגע־נומען מיט גרויס כבוד.

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען אין 1886. וואו כבוד, וואו געלט? די עטלאַכע אָרימע לייט, וועלכע האָבען דאָס געבילדעט די גרופּע „פּיאָנע־רען דער פרייהייט“, האָבען געמוזט אַליין צוזאַמענלייגען זיך מיט זייערע אָרימע פאָר סענטען, אום צו קענען דינגען וואו עס איז אַ צימער, וואו זיי זאָלען אָפּהאַלטען זייערע אַסיפות אָדער אַ „מאַסענפאַרזאַמלונג“, וועלכע איז באַשטאַנען, אַז פון אַ סך, איז פון אַ פאָר צענדליג מענשען.

און אָט דאַן האָט זאָלאָטאַראָוו, אַנשטאָט צו טראַכטען פון עפּעס אַ תכלית, מיט אַלע זיינע כחות זיך איבערגעגעבען אָט צו דער פּיאָנערען־אַר־בעט. האָט אין זינען, דאָס געג. זאָלאָטאַראָוו איז קיינמאָל ניט געווען קיין גביר, פאַרגעסט אויך ניט, דאָס זיינע עלטערען זיינען געווען זעהר אָרים. זיין פאָטער, איינער פון די ליבסטע און וואַרמהאַרציגסטע מענשען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טרעפען, איז געווען אַ שניידער. ער האָט דאַן ניט געקאָנט געבען זיין בכור אַלץ וואָס ער האָט געהאָט נויטיג צום לעבען. דער אַלטער זאָלאָטאַראָוו האָט געמוזט דאַן מאַכען אַ לעבען פאַר אַ גאַנץ היבשע פאַמיליע, און אַלעס מיט זיינע אייגענע צען פינגער. עס איז אַלזאָ זיכער, אַז זאָלאָטאַראָוו האָט געמוזט צו יענער צייט אַליין פאַרדינען, אום ווי עס איז צו לעבען. און ער האָט עס אויך געטאָן: ער האָט געגעבען לע־

סאַנס אין ענגליש צו אָרימע, גרינע אַרבעטער. מען קען זיך שוין פאָרשטע־לען וויפיל ער האָט געקאָנט פאַרדינען דערביי. ער האָט געשריבען פאַר אַ קורצער צייט אין דעם „פאָלקס־אַדוואָקאַט“, אַ וועכענטלאַכע צייטונג פון עטוואָס אַ ראַדיקאַלער פאַרב, און, ווען נויטיג, האָט ער געהאָלפען זיין פאָטער אין זיין אַרבעט, ווי דער אַלטער זאָלאָטאַראָוו האָט מיר אַמאָל פאַר־טרויט. אָט אין די אומשטענדען איז עס זאָלאָטאַראָוו געווען איינער פון די סאַמע ערשטע אַגיטאַטאָרס פון דעם פרייען געדאַנק, פון אַ שענערען און בעסערען געזעלשאַפטלאַכען לעבען צווישען די אידישע אַרבעטער. שווער, שרעקלאַך שווער איז געווען די אַרבעט, אָבער געג. זאַלאַטאַראָוו איז אימער געווען אויפ׳ן פּלאַץ. צי אין ניו יאָרק, צי אַנדערשוואו, וואו מען האָט נאָר געהאָפט צו קענען פאַרזייען די זריעה פון אַ פרייען לעבען, דאָרט האָט זאַ־לאָטאַראָוו קיינמאָל ניט אויסגעפעלט.

און אָפט טראַכט איך, ווער ווייס, אויב די דאָזיגע אָנגעשטרענגטע אַר־בעט האָט שוין דאַן ניט אונטערגעגראָבען זיין געזונט?

יאָ, אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך שטודירט, איז אָנגעקומען אויף דעם מעדיצינישען פאַקולטעט. און איך פרעג איצט, וואו האָט דער יונגער. קליינער, שוואַכער זאָלאָטאַראָוו גענומען די נויטיגע כוחות דערצו? איך דערמאָן מיך, אַז אין דער צייט האָט די דאָזיגע קליינע גרופּע באַשלאָ־סען אַרויסצוגעבען אַ וועכענטלאַכע צייטונג, און אויף וועמען האָט מען גע־האָפט, אַלס דעם הויפּט־טוער, דעם הויפּט־שרייבער, דעם הויפּט־אַגיטאַ־טאָר? אויף געג. זאַלאַטאַראָוו. און ער האָט אונז קיינעם ניט אַנטוישט. ער האָט געשריבען פאַר דער צייטונג פיל מער, ווי מען האָט דערוואַרטעט; ער האָט אַגיטירט פאַר איר מיט אַלע זיינע כחות און, וואָס נאָך מער, ער האָט וויפיל עס איז נאָר מעגלאַך געווען בייגעשטייערט אין געלד פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער צייטונג.

אַזעלכער איז געווען ה. זאַלאָטאַראָוו, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין 1886.

איך דערמאָן זיך. עס איז געווען זעהר קאַלט אין דרויסען. און די גרופּע „פּיאָנערען דער פרייהייט“, אָן וועלכער איז האָב מיך ערשט אויף דעם מיטינג אָנגעשלאָסען, איז געווען פאַרזאַמעלט אין אַ קליין צימערעל הינטער אַ סאַלון, ערגעץ־וואו אין עלען סטריט. מיר האָבען פאַר דעם צימע־רעל ניט באַדאַרפט באַצאָלען קיין רענט; דערפאַר אָבער האָט יעדער גע־מוזט באַשטעלען אַ גלאָז ביער, צי ער האָט עס געוואָלט אָדער געקאָנט טרינקען, צו ניט.

געדענק איך, אַז עס איז שוין געווען ביים ענדע פון מיטינג. אַרום אַ זייגער האַלב נאָך צען. די מערסטע „ביזנעס“ איז שוין אויפגעטאָן געוואָ־רען. און דאַך זיינען אַלע געבליבען זיצען. אַלס אַ „נייער“, האָב איך גע־פרעגט ביי מיין שכן, אויף וועמען וואַרט מען? און דער ענטפער איז גע־ווען: „זאָלאָטאַראָוו דאַרף באַלד קומען“. אַז עס איז דאָ אַזאַ זאָלאָטאַראָוו, וואָס איז אַ „פייערבראַנד“, דאָס האָב איך געוואוסט, אָבער באַגעגענט האָב איך אים נאָך ניט. און, נאַטירלאַך, שוין אויס נייגעריגקייט, בין איך פאַר־בליבען מיט אַלע. און טאַקע באַלד איז אַ יונגערמאַנטשיק אין אַ זומערדיגען רעקעל, דעם קאָלנער אויפגעשטעלט, אַריינגעלאָפען אַ שטאַרק דערפרוי־

רענער אין צימער. און קאַלט ווי ער איז געווען, האָב איך געהאַט דעם איינ־דרוק, אַזוי ווי עס האָט אַרויסגעשטראַמט פון אים אַ שטאַרקע וואַרימקייט. ער איז ניט אַפּגעווען קיין פינף מינוטען אין צימער, ווי ער האָט מיך באַמערקט. „אַ נייער", אַ „רעקרוט", האָט ער אויסגעשריען, „גוט"; „אָט אַזוי וואַקסען מיר. ווי הייסט איר?"

אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין די זומער נעכט, פלעגען מיר אַרומגיין אַיבער די גאַסען און האַלטען אין איין „קריגען זיך". אָבער, איך געדענק שוין ניט מער וועגען וואָס, כּמעט אָפט פלעגען מיר זיך פאַנאַנדערגיין שטאַרק ברוגז איינער אויף'ן אַנדערען, דעם ערשטען צוזאַמענשטויסען זיך מיט אים קאָן איך ניט פאַרגעסען. וואָרים דער אויסגעשריי: „אַ רעקרוט", „מיר וואַקסען אַלזאָ", איז געווען פול מיט אמת'ער באַגייסטערונג.

און אָט אין דעם אויסגעשריי האָט זיך אויסגעדריקט דער אמת'ער זאָלאָטאַראָוו. וואָרים מער פון אַלץ איז זאָלאָטאַראָוו געווען אַן ענטוזיאַסט. ער איז געווען אַן אמת־טיפער דענקער, געהאַט אַ גוטען קלאָרען קאָפּ; ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו לערנען, צו שטודירען. אָבער דאָס, וואָס צייכענט אויס זאָלאָטאַראָוו'ן פון אַלע גענאָסען פון יענער צייט, איז זיין גרויסער, אומערשעפּלאַכער ענטוזיאַזם.

און אַזעלכער איז ער פאַרבליבען זיין גאַנצען לעבען. אין די שווערסטע מינוטען פון לעבען, און אַזעלכע זיינען געווען גאָר פילע, אי אין זיין פּערזענלאַכען לעבען, און אי אין זיין לעבען אַלס כּלל־טוער, ווי מיר וועלען עס באַלד זען — איז ער קיינמאָל ניט ענטמוטיגט געוואָרען; איז אימער געבליבען דערזעלבער רירעוודיגער, באַגייסטערטער און באַגייסטערענדער זאָלאָטאַראָוו.

אין 1889 האָב איך פאַרלאָזען אַמעריקע פאַר ענגלאַנד, וואו איך בין געווען רעדאַקטאָר פון „לאָנדאָנער אַרבעטער פריינט" קאַרגע פינף יאָר. פאַר דער צייט האָבען די אידישע אַנאַרכיסטען אַרויסגעגעבען די „פרייע אַרבעטער שטימע", אין וועלכער געג. זאָלאָטאַראָוו האָט זיך זייער שטאַרק באַטייליגט. די צייטונג נאָך אַ לאַנגער מאַרטירערשאַפט האָט געמוזט זיך פאַר אַ צייט אָפּשטעלען, און די גאַנצע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט דורכגעלעבט דאַן אַ העכסט־קריטישע צייט. עס איז אויפגעגאַנגען אויף'ן הימעל פון דעם אַמעריקאַנער אידישען לעבען דער שטערען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם.

איך קום צוריק נאָך אַמעריקע און געפין שוין זאָלאָטאַראָוו'ן אַלס דאָקטאָר, אין זיין אייגענעם אָפיס, פאַרהייראַט, און איך רעכען, אַז זאָלאָטאַראָוו האָט זיך שוין „אָפּגעקילט", איז געוואָרען אַ „סטאַטיק", פאַרדינט געלט און לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער וועלט.

איך רייד זיך מיט אים פאַנאַנדער, עס איז דערזעלבער זאָלאָטאַראָוו פון 1886, עס פייערט און פלאַקערט פון אים, און ער גייט שוין זיך באַטייליגען אין דער אַרויסגאַבע פון אַ מאָנאַטלאַכען וויסענשאַפטלאַכען זשורנאַל, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, די איינציגע זאַך, וואָס די אידישע אַנאַרכיסטען מוזען טאָן.

איך בין מיט אים ניט איינפאַרשטאַנען, איך באַשטיי אויף דעם, אַז אונזער פּראָפּאַגאַנדע מוז געפירט ווערען אויף אַ ברייטערען מאַסשטאַב,

ווי מען קאָן עס טאָן מיט אַ מאָנאַטלאַכן זשורנאַל, און זאָלאָטאַראָוו היצט, קאָכט זיך, שרייט מיט באַנומענע קולות, אַז וואָס מיר מוזען טאָן, איז אויפהייבען די אַרבעטער, אָבער קיינמאָל, קיינמאָל ניט אַרונטערלאָזען זיך צו זיי. און עס הייבט זיך אָן אַ דעבאַטע גאָר ווי אין די אַמאָליגע צייטען.

און דער זשורנאַל גייט אַרויס, און זאָלאָטאַראָוו שרייבט, און זאָלאָטאַראָוו האַלט רעדעס, און אָט בלעטער איך אויף די אַלטע „פרייע געזעלשאַפט“, און איך וואונדער זיך, ווען און וואו האָט ער גענומען פאַר אַלעס צייט.

אַפאָר יאָר שפּעטער און דער זשורנאַל האָט געמוזט אויפגעגעבען ווערען אויס מאַנגעל אין כחות. דער אַרבעטער האָט זיך ניט געלאָזט, ווי עס ווייזט אויס, אַזוי גיך זיך דערהייבען, און די „פרייע אַרבעטער שטימע“, אונטער מיין רעדאַקציע לעבט דאָך, און איך קום צו זאָלאָטאַראָוו'ן און ווייז אים, אַז זיין פּלאַץ איז אין דער „פ. אַ. ש.“ אַז דאָס איז די אַרבעט. און זאַלאַטאַראָוו לאָזט זיך ניט לאַנג בעטען, און ער קומט צו אַ מיטינג, און זאַלאַטאַראָוו איז באַלד מיט לייב און לעבען אין דער „פ. אַ. ש.“ ניט נאָר ער שרייבט, נאָר ער באַטייליגט זיך ממש אין דער רוטינע אַרבעט. ער קומט צו ביזנעס מיטינגען, באַטייליגט זיך אין פאַרשיידענע קאָמיטעס, ער איז טעטיג.

און אָט קלייבען מיר זיך אַרויסצוגעבען אַ טעגלאַכע צייטונג. מען דאַרף געלט, מען דאַרף פאָרען אַגיטירען, און קיינער איז ניט אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי זאַלאַטאַראָוו. איך זאָג אים, מען דאַרף פאָרען נאָך פילאַדעלפיאַ אויפוואַרימען די גענאָסען און זאַלאַטאַראָוו שליסט צו דעם אָפיס אויף צוויי טעג, און מיר פאָרען נאָך פילאַדעלפיאַ, און ער בעט, און ער בייזערט זיך, און ער ווערט באַגייסטערט, און דער עולם שיט מיט געלט.

פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין, אַז מיט אַזאַ סאָרט „אַטענדען“ צו ביזנעס, ווי זאָלאָטאַראָוו האָט עס געטאָן, האָט ער ניט געקאָנט רייך ווערען. קוים, קוים, האָט ער געמאַכט אַ לעבען אפילו אין דער צייט, ווען ער איז נאָך געווען געזונט.

נאָר אָט ווערט די האַרץ אַלץ שוואַכער, און פון אַ גרויסען טייל פון זיין פּראַקטיק מוז זאַלאַטאַראָוו זיך אַנטזאָגען. יאָ, עס קומט אַ צייט, ווען זיין פרוי, וועלכע ער האָט זיין גאַנצען לעבען געליבט און געאַכטעט, מוז נעמען זיך און אים העלפען צו דער פּרנסה. עס קומט אַ צייט, ווען זאָלאָטאַראָוו קען קוים גיין, און דאַן מוז ער, אום ווי עס איז פירען דעם שטאַט, געבען לעקטשורס אין די איווניגנ סקולס, פאַר צען דאָלאַר אַ לעקטשור. יאָ, ער מוז קריגען פון דער „פ. אַ. ש.“ 5 דאָלאַר פאַר אַן אַרטיקעל, אויף וועלכען ער אַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. שווערע שרעקלאַכע צייטען, וועלכע וואָלטען אַ מענשען מיט עטוואָס אַ שוואַכערען כאַראַקטער, ווער־ווייס צו וואָס געבראַכט. אָבער זאָלאָטאַראָוו בלייבט זיך טריי אין די סאַמע שווערסטע צייטען פון לעבען. ער איז פול מיט גלויבען אין זיין אידעאַל, און שטעלט זיך ניט אָפּ אויף אַ מאָמענט אין זיין לעבענס־אַרבעט. קען ער ניט מער ריידען, ווייל די האַרץ איז שוואַך, שרייבט ער דאָס מער. ער שרייבט דראַמען, ער שרייבט סאָציאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע אַפּהאַנדלונגען, און אַזוי

בלייבט ער טעטיג, אַרבעטזאַם, בוכשטעבלאך ביז דער לעצטער מינוט פון לעבען.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע אָפּצושאַצען זיין ליטעראַרישע אַרבעט, דאָס וועט געטאָן ווערען פון אַנדערע. איך קען נאָר זאָגען, אַז אין אַלץ, וואָס זאַלאַטאַראָוו האָט געשאַפען, האָט ער אַריינגעלייגט זיין האַרץ, זיין נשמה. ער האָט קיין זאַך ניט געטאָן מעכאַניש, און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער גרעסטער פאַרדינסט פון זיינע ליטעראַרישע ווערק, ווי פון זיין גאַנצען גרויסען, שיינעם ערהאַבענעם לעבען.

ווער, ווער, אָבער די גענאָסען, מיט וועמען ער האָט מיטגעאַרבעט, גע־קעמפט און געליטען, און די טויזענטער און טויזענטער, וועמען ער האָט באַגייסטערט צו אַ בעסערען און שענערען לעבען, צו אַן איידעלערען און מער מענשלאַכען דענקען און פילען, די וועלען גענ. ה. זאַלאַטאַראָוו קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

דר. מיכאל קאַהן:

ה. זאָלאָטאַראָוו — דער מענש

„מיר האָבען זעהר פיעל מאָראַליסטען,
מיר האָבען געזעצען אויף יעדען שריט:
שרייבער, רעדנער, גלענצענדע „איסטען“,
נאָר מענשליכע הערצער — דאָס האָבען מיר ניט.“
— דוד עדעלשטאַדט.

אַרויסלאָזענדיג זאָלאָטאַראָוו'ס ווערק אויף דער ליכטיגער וועלט, שטעלען מיר ניט אַ שטיינערנע מצבה אויף דאָס וואָס איז געווען קערפּערלאַך אין איהם; מיר שטעלען אַ גייסטיגען מאָנומענט דער גרויסער נשמה זיינער, זיין אייגענער אַרבייט, זיין אייגענעם שאַפען.

וואָלט ער איצט געווען מיט אונז אין גוף, ווי ער איז עס אין גייסט, וואָלט די דאָזיגע ערשיינונג בלי ספק געווען איינע פון די סאַמע גליקלאַכסטע מאָמענטען פון זיין לעבען. זאָגען זיין אייגען וואָרט, געבען אויסדרוק דעם מעכטיגען שוואונג פון זיינע געדאַנקען און געפילען איז ביי איהם אייביג געווען דאָס זעלביגע ווי שוועבען אין די סאַמע עולמות העליונים.

* * *

הלל זאָלאָטאַראָוו האָט העכער דרייסיג יאָהר געאַרבייט אין דער אידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון אַמעריקע. געאַרבייט אומערמידלאַך אַפילו קראַנקערהייט, געאַרבייט סיי מיט וואָרט, סיי מיט'ן פען. שפּעטער האָט ער זיך מיט דערזעלביגער חסיד'ישער התלהבות אַריינגעוואָרפען אויך אין דער אידיש־נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג.

* * *

צוזאַמען מיט די נאָבעלע מדות וואָס ער האָט גע'ירש'נט פון זיינע ליבע עלטערען, איז איהם ליידער איבערגעגאַנגען בירושה אויך אַ האַרץ־פעהלער, פון וועלכען ער האָט געליטען זיין גאַנצען לעבען, באַזונדערס די לעצטע פופצען יאָר. דאָך האָט ער מיט אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט גערעדט אויף דער קאָנוועגשאָן פון „די פרייע אַרבייטער שטימע“. אמת, ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, וועלכע זיינען איהם געווען געשוואָלען, אָבער גערעדט האָט ער פונדעסטוועגען מיט זיין געוויינלאַכער באַגייסטערונג, מיט זיין מערקווירדיגער קלאָרקייט.

דעם לעצטען יאָר פון זיין לעבען איז ער געווען אַ חולה מסוכן. פּשוט געפּאָכעט מיט דער נשמה: אָט־אָט געהט ער אויס. בלויז דער גרויסער גייסט זיינער האָט ביז'ן לעצטען אָטעמצוג ניט אויפגעהערט אַרבייטען מיט זיין געוויינלאַכער קראַפט.

אויף געגאָסע ע. מ. באַגאָוו'ס געבורטס־טאָג שמחה, דעם ערשטען מערץ, 1921, האָט זאָלאָטאַראָוו'ס פרוי געזאַמעלט פאַר דעם ארץ־ישראל געציייג־פאָנד העכער עלף הונדערט דאָלאַר. ווען ער האָט דערהערט די גוטע

בשורה דורכ'ן טעלעפאן איז ער געווארען אויסער זיך פון אנטציקונג. גע־וואלט קומען צו לויפען אויף אן אויטאמאביל און פערזענלאך דאנקען די גוטהארציגע מענשען.

פונקט מיט צוויי חדשים שפעטער איז ער געווען טויט. ארום יענער צייט בין איך געווען ביי איהם אין הויז, בשעת א חבר האט איהם דערלאנגט א טשעק אויף הונדערט דאלאר פאר דעמזעלבינגען צוועק. דאס האט איהם אזוי איבערראשט, אז ער איז שיער ניט ארויסגעפאלען יענעם אויפ'ן האלז זיך צוקושען מיט איהם.

* * *

זאלאטאראוו'ס לעבען קאן צעטיילט ווערען אין פיער פעריאדען. גע־בוירען אין 1865, אין רוסלאנד, לעבט ער זיינע ערשטע זיבעצען יאר אין א סביבה פון פאליטישען שטורם און ניהיליסטישען טעראר.

אין 1861 שאפט אפ דער „ליבעראלער" קיסר, אלעקסאנדער דער צווייטער, די רוסישער פאנשטשינע. אויף וועלכע מיזעראבלע תנאים איז ניט דא דער פלאץ צו דערציילען. אבער אפילו די דאזיגע רעפארמע איז אויך ניט געווען מיט'ן גוטען ווילען. „ווען דו גיסט ניט מיט גוטען פון אויבען וועלען זיי נעמען מיט בייזען פון אונטען", האבען איהם די כיטרע מאסק־ווער קופצעס מתרה געווען.

דערמיט האט מען אבער דעם פארצווייפעלטען קאמף פאר פרייהייט און ברויט ניט איינגעשטילט. פארקערט: מ'האט איהם נאך מעהר צעפלא־קערט. דער רויטער טעראר איז דעם ווייסען גאר נישט ניט שולדיג געבלי־בען. אין 1881 ווערט דער צאר צעריסען פון א ניהיליסטישער באמבע. די בלוטיגע אבלאוועס וואס פאלגען נאך דער דאזיגער טאט זיינען אומבא־שרייבלאך. איך אליין האב זיי דעמאלסט דורכגעלעבט אין ווארשע און וועל זיי קיינמאל ניט פארגעסען. טויזענטער פון די בעסטע קינדער פון רוסישען פאלק זיינען ארעסטירט געווארען. א סך האבען באצאלט מיט זייערע לע־בענס. מאסען זיינען צוזעצט געווארען אין די פעסטונגען. דער ציטאדעל אין ווארשע איז געווען איבערגעפאקט. מ'האט ניט מבחין געווען צווישען שולדיגע און אומשולדיגע. ווען ס'איז מעהר קיין פלאץ ניט געווען אין דער שוידערלאכער „פעסטונג אויפ'ן ווייסעל", פלעגט מען זיי ארפאלאזען אין טייך מיט שטיינער ארום האלז.

דערנאך זיינען געקומען די פאגראמען, די מאסען־אויסשלאכטונג אויף אידען כלומר'שט פון ווילדען המון, אין אמת'ן געהעצט און אנגעפירט פון רוסישע טשינאווניקעס.

וואס פאר א קאלאסאלע ווירקונג דאס האט געלאזען אויף אזא צארטע, מיטפילענדיגע נשמה ווי הלל'ס קאן מען זיך גרינג פארשטעלען.

* * *

אין א יאר ארום פארלאזט ער די פינסטערע צארענלאנד און קומט אן מיט די עם עולם'צעס אין דער פרייער אמעריקע.

און דא הויבט זיך אן דער צווייטער פעריאד פון זיין לעבען. איהם קומט אויס צו פיהרען א ביטערען קאמף פאר זיין עקזיסטענץ. די היגע פרייהייט איז איהם אויך ניט שטארק צום הארצען. פון דער עם עולם קאלאניע לאזט

זיך אויס א בוידעם. די אָרגאַניזירטע אַרבייטערשאַפט אונטער גאָמפּערס, פּוידערלי און הענרי דזשאָרדזש פיהרט א פּאַרצווייפעלטען קאַמף קעגען דעם צוויטשעטען קאַפּיטאַליזם. אין 1884 באַשליסט די פּעדעריישאָן אַוו לייבאָר אַ גענעראַל סטרייק פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטסטאָג. אין 1886 פּלאַקערט דער סטרייק זיך פאַנאַנדער און איז אַם שטאַרקסטען אין שי־קאַגאָ. דער פּראָצעס פון די אַנאַרכיסטען — די גייסטיגע פיהרער פון דער באַוועגונג — אין יענעם יאָר, זייער פאַראורטיילונג צו דער תליה, און די אויספיהרונג פון'ם אורטייל דעם 11טען נאָוועמבער, 1887, מאַכען אויף דעם יונגען זאָלאָטאַראָוו אַן אומבאַשרייבליכען רושם.

ווי א סך אַנדערע פון אונז באַשליסט אויך ער דעמאָלסט צו ווידמען זיין לעבען צו די הייליגע אידעען, פאַר וועלכע אונזערע מאַרטירער האָבען מיט אַזאַ זעלטענער העלדישקייט אוועקגעגעבען זייערע לעבענס.

מ'קאָן זאָגען, אַז פון יענעם טאָג הויבט זיך אָן ניט נאָר די אַנאַרכיס־טישע באַוועגונג צווישען די אידען אין אַמעריקע, נאָר אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע.

מיט דער דאָזיגער גרויזאַמער אַנטוויקלונג ענדיגט זיך דער צווייטער פּעריאָד אין זאָלאָטאַראָוו'ס לעבען.

* * *

הלל ווערט אַן אַנאַרכיסט, א פייערדיגער אַגיטאַטאָר; ער אָרגאַניזירט גרופּעס, יוניאָנס, אַדרעסירט פאַרזאַמלונגען אָהן אויפהער, אין אידיש, אין ענגליש און אין רוסיש.

איך האָב זיך מיט איהם באַקענט מיט דריי און דרייסיג יאָר צוריק. איך געדיינק עס אַזוי גענוי ווי עס וואָלט פאָרגעקומען ערשט נעכטען. דאָס איז געווען אין דעם היסטאָריש־באַרימטען בייסמענט פון אַברהם יעקב נעטער — א גראָסערי סטאָרקע, נומער 16 סאָפאָלק סטריט, ניו יאָרק, וואו דער סאַמע שמאַנט פון אונזער איסט בראָדוויי־ער אינטעליגענציע פלעגט זיך צונויפטרעפען. דאָרט האָט מען געקאָנט באַגעגענען יונגע לייטלאַך, וואָס זיינען אַרומגעלאָפען, ווי חסידים ביים דאַווענען, מיט מענשלאַכע ביי־נער אין די הענט און גע'חזר'ט אַנאַטאָמיע, אָדער געלערענט לאַטיין, גריכיש, דייטש, כעמיע און מאַטעמאַטיק, זיך פאַרפאַרטיגענדיג צום עקזאַמען, ווער אויף דאָקטאָר, ווער אויף כעמיקער, ווער אויף אינזשעניר. דאָרטען האָט מען דעבאַטירט און פילאָזאָפירט איבער אַלץ און אַלעמען אין דער וועלט.

זאָלאָטאַראָוו איז שוין דעמאָלסט געווען א סטודענט אויפ'ן מעדיצי־נישען פאַקולטעט פון דער ניו יאָרק אוניווערזיטעט. ער איז אָבער אין דער־זעלבער צייט געווען זעהר טעטיג אין דער היגער אַנאַרכיסטישער באַווע־גונג. אויך איז ער געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין דעם נייעם אידישען טעאַ־טער. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען די באַגייסטערונג און דעם דראַמאַטי־שען טאַלאַנט מיט וועלכע ער פלעגט שילדערען דעם אינהאַלט און דאָס אויפפיהרען פון א פּיעסע. איך פלעג אָפט ריידען דערפון מיט מיין פאַרשטאָר־בענער פרוי, אַננאַ נעטער, און באַוואונדערען וואָס הלל פאַרנעמט זיך מיט מעדיצין, בעת ער איז געווען א געבוירענער דיכטער־דראַמאַטורג, א קריטי־קער אָדער א פאָלקס־טריבון.

נאָר איז ער דען געווען דער איינציגער, וואָס האָט געמוזט צוליב חיונה

פארפאלגען א קאריערע, וואס איז געווען לגמרי דערווידער אי זיין גייסט, אי זיינע נאטירלאכע פעהיגקייטען ?

* * *

דער פערטער פעריאד פון זאלאטאראוו'ס לעבען הויבט זיך אן מיט זיין אריינטרעטען אין דער היגער נאציאנאליסטישער באוועגונג. דאס איז געווען נאכ'ן קישענעווער פאגראם, ווען דאס פינטעלע איד האט זיך דער־וועקט אין איהם. ווי געוויינלאך, האט ער זיך אויך אין דער דאזיגער באַ־וועגונג אריינגעווארפען מיט דעם גאנצען פלאם־פייער פון זיין היציגער נשמה. קיין האלבקייט איז ביי איהם איבערהויפט ניט געווען: אדער גאר, אדער גארניט. ביז דעם לעצטען טאג פון זיין אינטענסיווען לעבען האט ער געארבייט אומערמידלאך אין דער אנארכיסטישער ווי אין דער נאציאנא־ליסטישער באוועגונג.

ווען ער האט זיך ניט מעהר געקאנט אויפזעצען, האט ער נאך אלץ דיק־טירט ארטיקלען פאר'ן „טאג", פאר „די פרייע ארבייטער שטימע", און געארבייט אויף דער פארענדיגונג פון זיינע ווערק. די לעצטע טעג פון זיין לעבען האט ער געווידמעט זיין ענגלישער פיעסע „דעם שטורם פון דער נשמה". געפיילט, געשליפען, געענדערט א ווארט, א פראזע, א געדאנקען דא און דארט.

די לעצטע נאכט רופט ער זיך אפ צו זיין פרוי: „ווייסט, מאמעלע, איך וויל נאך ניט שטארבען. אט ענדיג איך מיין „נשמה שטורם". בן־עמי וועט דאס אויפפיהרען. ס'וועט זיין א גרויסער ערפאלג. וועסט זעהען, מיר וועלען זיך פארקלייבען אין א פאר צימערלאך ערגעץ אין א שטילען ווינקעל. אוי, ווי מיר וועט אנקוועלען די הארץ, ווען איך וועל זעהען ווי דו רוהסט ענדלאך אוים דיינע מידע ביינער, אז דו ברויכסט ניט אויפשטעהן גאנץ פריה און לויפען צו דער ארבייט. דערמאלסט, זעהסטו, מאמעלע, וועל איך שטארבען א רוהיגער. אזוי פיל אנגעפלאגט ווי דו האסט זיך געבעדך ביי מיר, דעם גאנצען לעצטען יאר קיין נאכט ניט דורכגעשלאפען!"

ארעמער הלל! געפלאנעוועט, גע'חלומ'ט ביז צו דער לעצטער מינוט. פארזארגען זיין ליעבע פרוי, דערלעבען זעהען די אויפריכטונג פון ציון און אפשר אויך די סאציאלע רעוואלוציע. האט עס דאך א בליאסק געטאן אין רוסלאנד, אין דייטשלאנד, אין איטאליען...

מיט עטלאכע שעה שפעטער איז ער געווען טויט.

אמאל, בשעת די יסורים זיינע זיינען געווען אומערטרעגלאך, פלעגט ער, דער אייביגער אפטימיסט, אריינפאלען אין א מרה שחורה. „מאמעניו", האט ער זיך געבעטען ביי דער פרוי, „ברענג מיר עפעס פון אפטייק און יאך א סוף. ווי לאנג איז דער שיער אייגענטלאך, ווי לאנג איז דער שיער זיך מוטשען?"

* * *

עס געפינען זיך בלי ספק אין דער היגער אידיש־ראדיקאלער באוועגונג שארפערע מחות, גרעסערע קענער איידער הלל זאלאטאראוו. איך צווייפעל אבער שטארק צי עס קאן זיך ווער פון זיי אלעמען פארגלייכען מיט איהם אין זיין גרויסקייט אלס מענש. איך ווייס, אז אלע די טויזענטער פריינט און חברים וואס האבען געהאט דאס גליק אין פארלויף פון זיין לעבען צו קור־

מען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט איהם, פאַרשטעהן ווי אַפּצושאַצען די גליהענדע, ליכטיגע נשמה זאַלאַטאַראַוו׳ס, די נשמה וואָס איז תמיד געווען איבערפול מיט האָפענונג, מיט געזאַנג. מיר אַלע וועלען קיינמאָל ניט אויפהערען צו באַוואונדערען זיין זעלטענעם מוט, זיין מערקווירדיג קאָנסעקווענטען אידעאַליזם, די כאַראַקטער און פּרינציפּען־פעסטקייט פון זיין מאַרטירער לעבען.

זאַלאַטאַראַוו האָט קיינמאָל ניט געשטרעבט צו רייכטום. ווען זיינע קאָלעגען דאָקטוירים זיינען געפאָהרען פריער אין קאַרעטעס, דערנאָך אין אויטאָמאָבילען, האָט ער דאָס גאַנצע לעבען זיינס געשלעפּט זיינע קראַנקע פיס אויף די טרעפּען פון די ניו יאָרקער טענעמענט הייזער. אָבער ער איז תמיד געווען זעלבסטשטענדיג, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אומאָפּהענגיג, קיין מאָל קיין נצרך אל הבריות ניט געווען. מיט וועלכער טיפער באַליידיגונג פלעגט ער צוריקווייזען יעדוועדע פערזענליכע טובה אַפילו פון די אינטימסטע פריינט זיינע! קיין גמלות חסד, קיין הלואה, גאָרניט. אַ שטערבלאַך קראַנקער בעהאַנדעלט ער פּאַציענטען אין אָפיס און שרייבט איבער מעדיצין, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פּובליציסטיק.

* * *

געבוירען ביי אָרעמע עלטערען איז זיין קינדערשע אַמביציע געווען צו ווערען אַ שניידער און העלפען דעם טאַטען. „בעת הלל איז אַלט געווען צען יאָר“, האָט דערציילט דער אַלטער, „האָב איך איהם אויף אַ טשיקאַוועס פרעג געטאָן מיט וואָס ער וועט זיך פאַרנעמען“.

„כ׳וועל זיין אַ שניידער“, האָט ער גלייך געענטפערט.„וועל נייען אַ מונדיר פאַר׳ן קיסר, איהם אָנשטאָפּען פולע קעשענעס מיט דינאַמיט און ווען ער וועט זיך אָנטאָן, וועט ער צעריסען ווערען אויף שטיקער“.

אויפ׳ן וועג קיין אַמעריקע האָט אַ רוסישער זשאַנדאַר אויפ׳ן וואָקזאַל באַליידיגט זיין טאַטען. מלא רציחה איז דער קליינטשיקער הלל ארויפגעשפּרונגען אויפ׳ן הויכען זשאַנדאַר און איהם דערלאַנגט אַ פראַסק אין צורה. (דערשראָקען אויף טויט האָט נעבאַך דער קלוגער טאַטע גלייך פאַרשמירט דעם פּאַטש מיט עטליכע רובעל, און עס איז אַוועק מיט חסד).

הלל איז געוואָרען אַ שניידער און אַ גוטער שניידער דערצו. פלעגט העלפען דעם טאַטען אַפילו בעת ער האָט שוין שטודירט. אָבער זיין שאַרפער מוח און זיין היציגער טעמפּעראַמענט האָבען איהם גאַנץ פריה אריינגעטריבען אין די סאַמע פאָדערשטע רייהען פון די רעבעלען. ער איז געבליבען אַ פייערדיגער רעוואָלוציאָנער זיין גאַנצען לעבען.

* * *

שלום עליכם האָט געשריבען אַ דראַמע וואָס הייסט: „שווער צו זיין אַ איד“. וואָס פאַר אַ געוואַלדאָוונע טראַגעדיע וואָלט געקענט אָנגעשריבען ווערען אויף דער טעמע: „ווי שווער עס איז צו זיין אַ איד, אַן אַנאַרכיסט, אַן אָרעמאַן און אַ חולה מסוכן דערצו“.

„אָבער וואָס ער איז ניט געווען“, הער איך אימיצען זאָגען, „אַ נאַר איז ער זיכער געווען. קיין סימן פּראַקטישען שכל. זיך ניט פאַרזאָרגט אויף אַ

רעגנענדיגען טאָג. אזוי פיעל געליטען ווי דער אָרעמער אומגליקלאכער זאַלאָ־טאראָוו האָט זיך אַנגעליטען!״

קורצזיכטיגע מענשען וואָס מיר זיינען! מיר האָבען אויף איהם רחמנות? ער האָט ניט געלאָזען קיין רייכע ירושה? וואָס וועלען מיר איבערלאָזען און וואָס האָט ער איבערגעלאָזען? „וואָס פּראָפּיטירט דער מענש דען מיט דעם וואָס ער געווינט אַ וועלט, אויב ער פאַרלירט דערביי זיין נשמה?״

פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער תכלית פונ׳ם לעבען איז בלויז געלט און מאַכט, איז הלל געווים געווען אַ פולשטענדיגער פעהלער. די פראַגע איז בלויז, צי איז דאָס די אמת׳ע מאָס מיט וועלכער מיר קאָנען מעסטען דעם צוועק פונ׳ם מענשלאַכען לעבען. דאַכט זיך, אַז די געשיכטע פונ׳ם אמת׳ען מענשלאַכען פּראָגרעס געהמט די דאָזיגע מאָס לחלוטין ניט אָן. גאָט אודאי ניט, „רחמנא לבא בעי״. וואָס גאָט פאַרלאַנגט איז אַ מענשלאַכע הארץ. סאָקראַטוס און קריסטוס און פּעראָווסקאַיאַ און דזשאָן בראַון וועלען לעבען נאָכדעם ווי די ראָקפעלערס און די הינדענבורגס וועלען לאַנג זיין פאַרזונקען אינ׳ם תהום פון פאַרגעסענהייט.

וואָס אַנבאַלאַנגט גליק און גענוס, שיינט מיר, אַז די רייכסטע מענשען, די גרעסטע הערשער און קריגס־העלדען, מיט זייערע פּיצעניאַטינקע נשמה־לאַך, פאַרקאַכט אין גאוה, מאַכט און כבוד, זעלבסטזיכטיג, אייגעננוציג, מי־זאַנטראָפּיש, צעפרעסען פון קנאה־שנאה און האבגיר, לעבען דעם שפּל׳סטען לעבען לגבי אַ קראָפּאָטקין, אַ דעבס אָדער אַ זאַלאָטאַראָוו. די האָבען געבויט, געשאַפען. יענע האָבען צושטערט, פאַרצערט.

„זיידעניו, צי וואָס לעבען מענשען אויף דער וועלט?״

....„דער מענש לעבט כדי צו באַשאַפען קראַפט. ס׳לעבען, למשל, די סטאָ־ליאַרעס, פאַרשמייעטע, אָרעמע מענשען... און פלוצים ווערט צווישען זיי איין סטאָליאַר געבויה׳ען... אַ סטאָליאַר, וואָס די וועלט האָט נאָך אזא ניט גע־האַט. ער שטייגט העט אריבער אַלע אַנדערע סטאָליאַרעס. ער גיט זיין גאַנצען פּאַך אַ נייע געשטאַלט... זיין אייגענע געשטאַלט... און מיט דעם דאָזיגען שוואונג איז די סטאָליערייַ אַוועק צוואַנציג יאָר אין פאָראויס... און אזוי מיט אַנדערע. די שמיעדען, די שוסטערס און אַלע אַנדערע אַרבייטער.״

די דאָזיגע שטעלע ציטירט עמאַ גאָלדמאַן פון גאָרקי׳ס „אַפּגרונט״ (אין „פרייע אַרבייטער שטימע״, אַפּריל 6, 1923, אין איהר בייטראַג צו רודאָלף ראָקער׳ס פופציג יעריגען יובעלייאום).

„אַלע״, זאָגט זי, „קאָנען מיר לעבען צו באַשאַפען קראַפט אויף דער וועלט. אָבער בלויז די יחידי סגולה געלינגט עס צו פאַרווירקלאַכען דעם־דאָזיגען גרויסען צוועק פון זייער לעבען״.

לעוו טאָלסטאָי, ראָמיין ראָלאַנד, מאַהאַטמאַ גאַנדהי, בערטראַנד ראָס־סעל, קראָפּאָטקין, דעבס, זאַלאָטאַראָוו, עדעלשטאַדט, יעטוועדער אויף זיין אייגענעם וועג, געהערען צו די דאָזיגע יחידי סגולה. פונקט ווי די הונדערטער טויזענטער ניהיליסטען אין רוסלאַנד און די אומצעליגע אידעאַליסטען, פּיאָ־נערען און מאַרטירער פון אַלע לענדער און אַלע דורות.

* * *

טאַלענט, זשעני קאָן מען רעספּעקטירען, באַוואונדערען. ליבען קאָן מען

בלויז א גרויס הארץ, אַן אידעאַליסטישע נשמה יתירה, וואָס האָט די געט־לאַכע קראַפט מקריב צו זיין דעם חומר אויפ׳ן מזבח פון ליכט און גליק פאַר דער זעלענ־באַפרוכטבאַרונג פון דעם גאַנצען מין האנושי.

זאַלאַטאַראָוו איז געווען א געלערענטער, א צנא מלא ספרא. אָבער געלע־רענטע זיינען פאראַן שוין גאָר א סך אויף דער וועלט. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דער חילוק צווישען אַן עם הארץ און א זשעניע איז א גראַשעדיגע ליכטעל.

פון ווילנער גאון, ר׳ אליהו, דערציילט מען, אַז ווען אינגלאַך זיינען איהם אַמאָל נאָכגעלאָפען און געשריען: „אָט געהט ער, אָט געהט דער ווילנער גאון!“ האָט ער א זאָג געטאָן צו איינעם פון זיי: „שאַ, שאַ יונגאַטש איי־נער! וויל נאָר, וועסטו אויך זיין א גאון“.

אָבער ווי שווער עס איז צו געפינען א מענשען!

וואָס טויגען די גאַנצע וויסענשאַפט, די קונסט, דער פּראָגרעס מיט דער גאַנצער ציוויליזאַציע, בשעת די מענשהייט געהט ממש לאבוד פון אַלערליי יסורים, צרות, מלחמות, פאַרברעכענס, שברת הלב און יאוש? פון פאַרדאַכט, פּיינטשאַפט, טעראָר און ראַכעדורשט, און עלענד און אומגליק, וואָס מענ־שען ברענגען אויף מענשען?

וועלכע געטער קאָנען אונז באַשיצען פון זיך גופא? פון אונזער אייגענער פינסטערניש און פחדנות, נאַרישקייט און אָבערגלויבען און אומטאָלעראַנץ? פון אונזער אייגענער אינדיפערענץ און קנעכטזין?

איין גרויסע צעאייטערטע וואונד האָבען מיר געמאַכט פון דעם לעבען. מיט סמי־מות גאַזען — פיזישע און ספּירטועלע — האָבען מיר פאַר׳סמ׳ט די וועלט.

און דאָס לעבען האָט דאָך געקענט זיין אַזוי ליכטיג, אַזוי רייצענד שעהן!

צומישעניש הערשט מיט אַן אומדערבאַרימלאַכער קראַפט אין אונזער עולם התוהו. צומישטע לשונות, צומישטע מחות, צעוועהטאָגטע נשמות, צו־קאַליעטשעטע לעבענס, צוברענט אויף אש אין דעם פלאַקערדיגען פיבער פון לוסט און קראַנקער ליידענשאַפט. פון דעם גאָלד און די בריליאַנטען וואָס מיר זאַמלען צונויף באַשאַפען מיר זיך, פונקט ווי אַמאָל אהרון הכהן, א גאָלדענע קאַלב אַלס א גאָט, און קניען פאַר איהם און טאַנצען היסטעריש אַרום איהם אָן אויפהער...

אין אַזא גיהנום, ווי קאָנען די זאַלאַטאַראָוו׳ס געדייען? וואָס פאַר א שאַנס האָט אַזא צאַרטער, קראַנקער, אָרעמער מענשעל אין א דזשאָנגעל פון ווילדע, אכזריות׳דיגע חיות? לערנען, וויסען, מיטפיהלען, פאַרשפּרייטען ליכט און אויפקלעהרונג — א שעהנער תכלית! ווי קאָן אַזא מין טרוימער־אידעאַ־ליסט מאַכען א „סוקסעס“, זיין פּאָפּולער? ער האָט ניט געקאָנט זיך אַראָפּ־לאָזען צום המון עם, זיך צופּאַסען צו די אומשטענדען, ווערען א געוויינלאַכע מיטעלמעסיגקייט. ער האָט געוואָלט אויפהויבען די מאַסע, לויפען פאַראויס זיין צייט. ווערען א פּיאָנער. ער האָט ניט געקאָנט זיך בויגען מיט׳ן ווינט, שווי־מען מיט׳ן שטראָם, דענקען, טאָן און לעבען ווי „אַלע“ דענקען, טוען און לעבען. קיין דעמאַגאָג און פּאָליטישען איז ער קיינמאָל ניט געווען. קיינעם ניט גע׳חנפ׳ט און קיין חניפה ניט געדולדעט.

זאַלאַטאַראָוו איז געווען צופיעל אינדיווידואַליסט זיך צו אונטערוואַרפען

דעם ווילען פון אַנאַנדערען, זאָל עס זיין די גאַנצע וועלט. ער האָט זיך אויפגעהויבען איבער די אומשטענדען. זיין אידעאַל, זיין פּרינציפּ איז ביי איהם געשטאַנען העכער ווי אַלץ. ער האָט תמיד געהאַט דעם קוראַזש צו זאָגען זיין וואָרט דרייסט און פריי. ער איז געווען אַ חלוץ און וועגווייזער מאָראַליש, אינטעלעקטועל און מיט דעם אייגענעם מוסטער־לעבען. ער האָט געלעבט מיט דעם קול דממה דקה, וואָס קומט פון דער סאַמער אינערלאַכער נשמה, ניט אין צוואַנג, אויטאָריטעט און דיקטאַטור פון אויסוועניג. צאַרען און קאָמיסאַרען, פּרעזידענטען און פּראָלעטאַריער זיינען ביי איהם עגאַל שלעכט אין זייער הערשאַפט און מאַכטזוכט.

* * *

פאַראַן אַלערליי ראַדיקאַלען אויף דער וועלט.

פאַראַן אַזעלכע וואָס ווערען מיט אַמאָל אַנגעצונדען פון אַן אידעאַל, ברענען אָבער, ווי אַ בינטעל שטרוי, גלייך איבער און פאַרשווינדען מיט׳ן רויך. אַנדערע ווידער געהען פּאַמעלאַך, טראַכטען זיך טיפער אריין אין דער זאַך. האָבען זיי אָבער איין מאָל איבערגעטרעטען די שוועל, קלאַמערען זיי זיך פעסט אָן זייער אידעאַל און אַרבייטען פאַר איהם מיט אַלע כחות. דער דריטער סאָרט אידעאַליסט וואַרפט זיך אריין מיט אַזאַ ברוזענדיגען אימפּעט, אַז ניט נאָר ער אַרבעט פאַר דעם אידעאַל זיינעם, נאָר ער לעבט איהם אויך און איז באַרייט צו געהן ביז מסירת נפש פאַר איהם.

זאָלאָטאַראָוו האָט באַלאַנגט צו דער דריטער קאַטעגאָריע. ער האָט ניט נאָר געפּרעדיגט, געשריבען און מיט אַלע כחות געאַרבייט פאַר׳ן אַנאַרכיזם: ער האָט דעם אַנאַרכיזם אויך געלעבט, און איהם געלעבט אייזענפעסט, אויסגעהאַלטען און קאָנסעקווענט דעם גאַנצען לעבען זיינעם.

פאַרגעסט ניט, אַז פון אַלע לענדער איז אַמעריקע בלי ספק די פאַרמאַטעריאַליזירטעסטע. אַ פּשיטא שוין ניו יאָרק! ניו יאָרק מיט איהר הו־הא, מיט איהר יאָגעניש און לויפעניש נאָך רייכטום, נאָך כבוד; ניו יאָרק מיט איהר אימה׳דיגען ציניזם, מיט איהר פּראַקטישקייט, מיט איהר שפּאָטען און קיבעצען פון אַלץ וואָס איז הייליג און אידעאַליסטיש.

אין דערדאָזיגער אַטמאָספערע האָט הלל געלעבט און געאָטעמט.

וויפיעל טויזענטער און טויזענטער פון אונזערע ראַדיקאַלען, אידעאַליסטיש און הערהאַיש איז זייערע יונגע יאָרען, זיינען שפּעטער אין דעמדאָזיגען זומפּ דערטרונקען געוואָרען! וויפיעל פון זיי ווערען נעבאַך מיד, אַפּהענטיג בשעת זיי פאַלען אריין אין די רייהען פון די דאָזיגע פּראַקטישע מאַטעריאַליסטען, וואָס זוכען בלויז פיזישע תענוגים? וויפיעל פאַרלאָזען דעם באַנער ניט אַזוי אויס מורא, אָדער ווייל זיי האָבען איינגעזעהן די פאַלשקייט פון זייערע אידעען, נאָר פּשוט דערפאַר ווייל ס׳האָט זיך ביי זיי אויסגעלאָזען די כחות שווימענדיג קעגען דעם שטראָם?

„מידע ראַדיקאַלען“, פאַרלוירען די יוגענד־קראַפט, די ענערגיע. און די געשמאַקע ריחות פון אונזערע מצרים׳דיגע פלייש־טעפּ רופען מיט טויזענט צונגען: „קום צו אונז, מיר ווילען דיך אַנזעטיגען. פאַרגעס די נאַרישקייטען פון די יונגע יאָרען“. נסיונות וואָס בלויז גבורים קאָנען ביישטעהן.

קריסטוס האָט דאָס שמערצלאַך געפיהלט, בעת ער האָט צו איינעם פון זיינע נאָכפאָלגער אויסגעשריען התראה׳דיג: „פוקסען האָבען לעכער, און פויג־

געל אין דער לופטען האבען נעסטען, אבער דער זון פון מענשען האט ניט וואו דעם קאפ אוועקצולעגען".

איהר גערענקט טורגעניעוו'ס „שוועל"?

ער שטעלט פאר ווי א יונגע פרוי געהט אריינטרעטען אין דער ניהיליס־טישער באוועגונג. איידער זי טרעט איבער די שוועל ווערט זי אפגעשטעלט פון א רואה־ואינו־נראה גייסט.

„ווייסטו וואס דו ווילסט דא טאן?" פרעגט ער ביי איהר. „ווייסטו, אז פון יענער זייט שוועל הערשט אימה און פחד, און הונגער און קעלט און טורמע און אפילו טויט גופא? ווייסטו, אז קוים טרעטסטו אריבער אט די דאזיגע שוועל ווערסטו פארלאזען פון אלעמען, אפילו פון דיין אייגענע טאטע־מאמע? ווייסטו, אז די גאנצע וועלט וועט דיך ציניש, שפאטיש אויסלאכען?"

„יא, איך ווייס", ענטפערט די יונגפרוי, „איך ווייס אלץ". און זי געהט די שוועל אריבער.

זאלאטאראוו האט דאס אלץ געוואוסט פריהער. ביי איהם איז עס געווען א פולע טראנספארמאציע פון זיין לעבען, א הייליגע ווידמונג פון דער נשמה, אן אויסטויש, פול און פינאל, פון איין וועלט אויף אנאנדערער.

„דער וואס פארלירט זיין לעבען פון מיינעטוועגען זאל עס געפינען". דער וואס איז מקריב דעם מאטעריאליסטישען חומר, דער קאן געפינען דעם געטלאכען נשמה־לעבען. דער דאזיגער גענוסרייכער, אמת גליקלאכער לעבען שטעהט הימלען העכער פון דעם חיה'שען לעבען פונ'ם פראקטישען מאטעריא־ליסט.

* * *

פאלאניוס האט באשוואוירען זיין זון, אז ער זאל זיין געטריי צום נצוץ אלהים פון זיין אייגענער זעל, וואס ערשט דעמאלסט וועט ער קאנען זיין ערליך אויך צו אנדערע. אז זאלאטאראוו איז געווען ערליך צו זיך גופא זאגט עדות זיין גרויסע גליהענדיגע הארץ, די הארץ מיט דעם אמת חסיד'ישען ברען, פול מיט ליעבשאפט און לעבענסזאפט, זיין מאגנעטישע פערזענליכ־קייט פון וועלכער מיר, זיינע אינטימע פריינט, זיינען געווען אזוי בא'כשופ'ט.

זאלאטאראוו איז געווען בלויז א מענש. אבער א גאנצער מענש, אהן דיזאנאנץ, אהן דואליטעט. ער האט געזוכט צו פארשטעהן די וועלט אין אלע איהרע פאזען און געשטאלטען, און מיט דעם כח פון זיין זעעל זי צו ערקלע־רען און באלייכטען פאר אנדערע.

ער האט געקוקט אויף דעם המון ווי אויף א פליסענדיגע, פלאסטישע, דינאמישע קראפט, ניט ווי אויף ווילדע חיות וואס מען מוז פאר איינס טריי־בען, צאמען, דרילען. ער האט געגלויבט אין די גייסטיגע, עטישע און ספי־ריטואלע כחות פון קונסט, וויסענשאפט, פראגרעס. אין די אלע טויזענטער זעל־פאקטארען וואס ווירקען אויף אונז סיי אלץ יחידים, סיי אלץ כלל. מאכט פון מענשען איבער מענשען — פאליטישע, עקאנאמישע אדער ברוטאל פי־זישע — איז ביי איהם געווען אלץ איינע עבודה זרה, א פארשוועכונג פון דעם מענשענ'ס נשמה.

* * *

בעת די מלחמה האט אויסגעבראכען און ס'זיינען פארשלונגען געווארען

אין דעם סאָציאַל פּאַטריאָטישען תהום אַזעלכע ריזען ווי קראָפּאָטקין, טשאַקאָווסקי און ברעשקאָווסקאַיאַ, איז הלל געווען פון די יחידי סגולה וואָס זיינען געשטאַנען ווי די איינגעפונדעוועטע דעמבעס פאַר זייער אַנאַרכיסטישען אידעאַל. די גרעסטע אויטאָריטעט איז געווען ביי איהם זיין געוויסען, זיין פּרינציפּ.

וויפיל פון אונז זיינען אַוועקגעריסען געוואָרען מיט׳ן שטראָם פון ווילסאָנ׳ס בארימטע פראַזען? הלל האָט מיט זיין קלוגער קאָפּ פון דער ערשטער מינוט אָן באַגריפען די שווינדעלהאַפטע היפּאָקריטססטוואָ פון די פערצען פּונקטען, מלחמה, צו מאַכען אַ סוף צו מלחמה, זעלבסטבאַשטימונג פאַר די שוואַכע נאַציעס, ראַטעווען דעמאָקראַטיע, די פרייהייט, און דאָסגלייכען.

* * *

ס׳איז געקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

מיר זיינען אַלע געווען אין זיבעטען הימעל. די הערצער האָבען געשלאָגען מיט ווילדען אימפּעט. אָבער גלייך ווי די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור האָט אויפגעהויבען איהר אַכזריות׳דיגע קאָפּ איבער דעם אומגליקלאַכען רוסישען פאָלק, איז ווידער הלל געווען איינער פון די סאַמע ערשטע, וואָס האָבען געפיהלט, אַז די רעוואָלוציע איז פאַרלוירען. „אין זכין לאדם שלא בפניו“. מיט געוואַלד צווינגט מען קיין זאַך ניט אַרויף. אַפילו ניט „פרייהייט און גליק“. „דאָס איז קאַזאַרמע, דעספּאָטיזם!“ האָט ער מיט אַנטריסטונג אויסגעשריען. „זאָל מען שאַפען פרייהייט אויף אַזאַ אופן, אַז דער מענש זאָל קאָנען לעבען גליקלאַך אויף זיין אייגענעם שטייגער, ניט אויף דעם שטייגער פון די באַפרייער פון אויבען. זאָל מען שאַפען אַזעלכע אומשטאַנדען, וואָס זאָלען אויסברייטען דעם האָריזאָנט פונ׳ם מענשען און איהם געבען אייגענע כחות צו געניסען, צו לעבען, צו שאַפען.“

* * *

אין די פינסטערסטע ווינקעלאַך פון די מענשלאַכע מחות איז זאָלאָטאַראָוו אַריינגעדרונגען מיט די ליכטיגע שטראַלען פון זיין גרויסען וויסען. אין די פאַר׳מרה־שחורה׳טע הערצער האָט ער אַריינגעגאָסען כוואַליעס פון זיין ברויזענדיגער נשמה.

רייך? גליקלאַך?

ווער איז געווען זיינס גלייכען, בעת ער האָט מיט זיין גלענצענדער רעדנער־קראַפט צוגלידערט די איבלען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט? אָדער בעת ער האָט מיט בלישטשענדיגע אויגען געשילדערט די ליכטיגע צוקונפט? ער איז געווען רייך, ווייל ער האָט געפיהלט, געדענקט, געשטרעבט, געקעמפט פאַר אַ שעהנערע, אַ בעסערע וועלט. ער איז געווען גליקלאַך, ווייל ער האָט געשאַפען, ווייל ער האָט געגעבען אויסדרוק צו זיינע האָפענונגען און אַספּיראַציעס. קיין גרעסערער גליק איז דעם מענשען ניט געגעבען געוואָרען.

„איך האָב געשטרעבט צו פאַרדיענען מיין פרייהייט און מיין עקזיסטענץ, קעמפענדיג פאַר זיי יעדוועדען טאָג אויף דאָס ניי“, זאָגט געטהע.

קעמפענדיג פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר זיין פרייהייט און פאַר דער פרייהייט פונ׳ם מענשען בכלל, האָט הלל זאָלאָטאַראָוו געלעבט אַ גרויסען, אַ הערליכען, אַ גענוסרייכען לעבען.

* * *

וואָס קראָפּאָטקין, דער געבוירענער קניאז, איז פאַר דער וועלט, דאָס איז זאָלאָטאַראָוו, דער געבוירענער שניידער־אינגעל, פאַר דעם אידישען פאָלק. איבער דעם פאַרמאַטעריאַליזירטען חומר־מענשען, האָבען זיי ביידע זיך דער־הויבען צו די העכסטע הימלען; ביידע זיינען זיי געווען באַזעעלט מיט אַן אומבאַגרענעצטער האָפענונג אויף אַ גן־עדן פאַר פרייע מענשען אויף אונזער ערד גופא; ביידע האָבען זיי גרינטלאַך געקענט דעם מענשען מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט אַלע זיינע ליידען און באַשרענקונגען, מיט אַלע זיינע פריידען און שרעקען. ביידענ׳ס הערצער ריטמיש געקלאַפּט צום טאַקט פון דער כשוף־סימפאָניע פון דעם מענשענ׳ס גלאָררייכער צוקונפט.

* * *

איצט רוהען זיי ביידע אין דער נירוואַנאַ, אין דער ווייטער לאַנד פון חלומות און חזיונות, די לאַנד וואָס מיר אַלע וועלען פריהער־שפּעטער באַ־רייזען. אָבער זייערע גרויסע נשמות האָבען זיי געלאָזען מיט אונז אויף דור דורות. זייער אָנדענקען קאָנען מיר פייערען בלויז מיט דעם, וואָס מיר וועלען זוכען מיט אַלע כחות ווייטער צו טראָגען דעם ליכטיגען פאַקעל זייערען, וויי־טער צו אַרבייטען פאַר דעם אידעאַל צו וועלכען זיי האָבען געווידמעט זייער גאַנצע עקזיסטענץ, און צו לעבען אין איינקלאַנג מיט די אידעען און אידעאַלען פאַר וועלכע זיי האָבען געלעבט זייער גרויסען נאָבעלען לעבען.

* * *

„און איך ווייס די צייט וועט קומען
מיט פרייהייטס־פולען גלאַנץ;
דאַן וועט יעדער איינער לעגען
אויף דיין קבר אַ בלומען־קראַנץ.“

— י. באָוושאָווער.

(אויף דוד עדעלשטאַט, אָקט. 17, 1892).

פֿאָרוואָרט

מיט בלויז צוויי אויסנאָמעס זענען אַלע דערציילונגען פֿון איצטיגען באַנד שוין געווען געדרוקט אין אַ ביכעל מיט'ן נאָמען „אין שטראָם פֿון לעבען" (ווילנאַ, 1909, דרוק פֿון י. פּיראָזשניקאָוו), וואָס זאָלאָטאַראָוו האָט פֿאַרעפֿענטליכט אונטער'ן פּסעוודאָנים — ה. אָרדיטשעוו. די צוויי אויסנאָמעס זיינען „זי" און דער „בלוט-פֿלעק". די ערשטע איז געווען געדרוקט אין דעם אַפּריל נומער „דאָס נייע לעבען", פֿון 1912. די צווייטע, וואָס איך האָב געפֿונען צווישען דעם פֿאַרשטאָרבענעם'ס כתבים, איז, לכתחלה, משמעות, געווען בלויז אַן ערשטער אַנטוואורף און ניט גאַנץ געענדיגט. ניט קוקענדיג דערויף האָב איך זי געפֿונען פֿאַר גאַנץ וויכטיג און זייער ווינשענסווערט געדרוקט צו ווערען, דער עיקר פֿאַר איר סאָציאַלען און היסטאָרישען ווערט, אַלס ערלאַך-געטרייע שילדערונג פֿון לעבען פֿון דער קיין אַמעריקע איינגעוואַנדערטער אידיש-רוסישער אינטעליגענץ.

נאַטירלאַך בין איך, מחמת דער ניט-פֿאַרענדיגטקייט פֿון דער דערציילונג, געצוואונגען געווען צו מאַכען אין איר געוויסע ענדערונגען. וואָס איז שייך איר איצטיגען סוף, דאַכט מיר, דאָס אומגעפֿער אַזאַ האָט אויך דער פֿאַרפֿאַסער געמוזט פּלאַנירען. אָבער עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסען, אַז די איצטיגע ענדע איז בלויז אַ שיינבאַרע. קלענערע ענדערונגען, כמעט אימער נאָר ריין-אויסערלאַכע, האָב איך געמאַכט אין כמעט אַלע דערציילונגען.

איין קליינע דערציילונג, מיט'ן נאָמען „דאָס פֿאָלק און דער אַפּגאָט", וואָס איז געווען געדרוקט אין „אין שטראָם פֿון לעבען", האָב איך אין דער איצטיגער אויסגאַבע ניט אַריינגעגעבען, האַלטענדיג זי פֿאַר לויטער פּראָפּאַגאַנדע, מיט קוים עפּעס אַ ליטעראַרישען קערן.

אין אַלגעמיין האָב איך, אַרבעטענדיג אויף דר. זאָלאָטאַראָוו'ס שריפֿטען, זיך געהאַלטען ביים כלל — ריינצוהאַלטען די בעלעטריסטיק פֿון אַלץ, וואָס האָט בלויז אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישען ווערט אָבער ניט קיין ליטעראַרישען. מחמת דעם דאָזיגען טעם גיב איך ניט אַריין אין דער פּאָעזי איניגע פֿון דער פֿאַרשטאָרבענעם'ס לידער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין די סאַמע ערשטע אַמעריקאַנער אידיש-אַנאַרכיסטישע שריפֿטען, הגם פֿון ביבליאָגראַפֿישען און היסטאָרישען שטאַנדפּונקט האָבען זיי אָן ספק אַ דאָקומענטאַרישען ווערט.

י. ע.

דערציילונגען

די ניט-געענדיגטע דערציילונג

שטילערהייט איז זי צוגעגאַנגען צו אים פֿון הינטען; מיט אירע האַלב־נאַקעטע אָרעמס האָט זי אַרומגענומען זיין איינגעבויגענעם האַלז־און־נאַקען. איר קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן, איר שיינער קאָפּ מיט די קאַשטאַנענע האָר, אָקאָרשט פֿאַרקעמט פֿאַר׳ן שלאָף, האָט זיך איבערגעבויגען איבער זיין פּנים און אירע ליפּען האָבען אָפּגעדריקט אויף זיינע ליפּען אַ שטאַרקען, אַ הילכיגען קוש.

דער קוש האָט משונה׳דיג אָפּגעקלונגען אין שטילען צימער און האָט זיך מאָדנע אָפּגערופֿען אין זיין נשמה...

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ חלום. איצט האָבען שוין אירע צוויי גרויסע ברוינע אויגען, פֿול מיט גליענדיגען פֿייער, אַזוי זיס, אַזוי ליב, געקוקט אין זיינע טיפֿע טרוימערישע אויגען, און דער כשוף־דיגער שמייכעל וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער איר פּנים האָט אים באַצויבערט... אַ פּאָר מינוט האָט זי אים אַזוי געהאַלטען אין אירע אָרעמס און געוויגט זיך מיט אים אין דעם שטול, אויף וועלכען ער איז געזעסען ביי זיין אַרבעט; און דער געשמאַקער ריח פֿון איר שיינעם פֿולען קערפּער האָט אים ביסלעכוויים פֿאַר׳שכור׳ט.

זי האָט געמורמעלט: — דו אַרבעטסט נאָך... אַרבעטסט... אַרבעטסט!...

ער האָט זי בלויז אָנגעקוקט. אינסטינקטיוו האָט זיך זיין קערפּער אויסגעצויגען, האַלב אונטער זיין אַרבעטס־טיש און האַלב אויף דעם צוריקגעבויגענעם שטול, אויף וועלכען ער איז געזעסען. זיינע הענט האָבען זיך אויסגעשטרעקט אין דער הויך און האָבען זי ליבלאָך אַרומגענומען און ווידער האָט אין דער שטילקייט פֿון צימער פֿאַרקלונגען אַ קוש.

— גענוג דיר שוין... גענוג, קום... עס איז שוין צייט צו שלאָפֿען... — האָט זי אים גערופֿען.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט; זי איז ערשט געקומען פֿון דער אָפּערע. בשעת ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט. זי איז תמיד געווען אַ מונטערע, אַ לעבעדיגע, אַ פֿריילאַכע. און אַצינד, נאָך דעם, ווי די מוזיק פֿון „פּאַגליאַציאַ" האָט אַביסעל צורודערט אירע נערווען און דאָס טולען זיך צו זיין קערפּער האָט זי דערוואַרעמט, האָט איר פּנים געלויכטען גאָר מיט אַ באַזונדערען צויבער. אירע באַקען האָבען געפֿלאַמט און אירע אויגען האָבען שטיפֿעריש געפֿינקעלט איבער זיין געזיכט. ער אָבער איז געווען אַ פֿאַר׳חלומ׳טער. אַ איינזאַמער טרוימער, וואָס פֿלעגט אָפֿט הינגעריסען ווערען פֿון אַ אינערליכען דראַנג צו באַשאַפֿען בילדער און געשטאַלטען. גראָד איצט

האָט ער געשוועבט אין יענע ספערען פון זיין שאַפונג און איז נאָך ניט אַרויס פון דעם רשות פון יענעם דראַנג אַפילו דעמאָלט ווען זי האָט אים געהאַלטען אין אירע אָרעמס. ער האָט געקוקט אויף איר, גלייך ווי ער וואָלט געווען וויט, וויט פון איר...

עס איז שוין געווען אַ היבשע צייט פון זינט נאָך זייער חתונה. זי האָט אים אָבער נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ווי אַמאָל. צייטענווייס פלעגט זיך איר אויסווייזען, אַז וואָס אַ טאָג האָט זי אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ליב. און דאָך האָט זי גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז זייביידע לעבען צוויי באַזונדערע לעבענס.

זי איז געווען אַ יונגע, שיינע, פעסט־געבויטע פרוי, פול מיט לעבען און ענערגיע, פאַר וועלכער זי האָט שטענדיג געפונען אַן אויסדרוק: אַ מאָל אין געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקייט, אַ מאָל אין וועלטלאַכע פאַרגע־ניגענס. מערסטענטיילס אָבער אין דער ליבע צו איר מאַן און איר היים. אַמ פלעגט זי זאָרגען פאַר די יתומים פון אַ פאַרשטאָרבענעם אָרימאַן, און אַמ פלעגט זי שוין צום צענטען מאָל איבערשטעלען דאָס מעבעל אין אירע שיינע פאַרפוצטע צימערען. אַמ איז זי מיט ברענענדיגען חשק געלאָפען הערען אַ גרויסען זינגער, אָדער זען אַ גרויסען אַקטיאָר און אַמ האָט זי פאַרקאַטשעט די אַרבעל פון איר לייזער בלוזע, פאַרהאַנגען זיך מיט אַ דינער מאַקינטאַשענער שירץ, אַרומגעשפּילעט אירע שיינע האָר מיט אַ ווייסער קיסייקע, און געבאָדען איר הינטעלע. דאָס „שוואַרצען פודעל“, געפליעסקעט זיך מיט דעם אין וואַסער, ניט געלאָזט עס אַנטלויפען. בשעת עס האָט זיך פון איר געריסען און זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ קינדערשען געלעכטער ווען עס האָט נערוועז געטרייסעלט זיין קערפער מיט די נאַסע צעשויבערטע האָר. און אַמ גאָר פלוצלונג, אין רעכטען מיטען פון אַן אַרבעט, פלעגט זי אַרומכאַפּען איר מרה־שחורה׳דיגען טרוימער, אים האַלזען און קושען, וועלענ־דיג אויף איין מינוט כאָטש אים אויפמונטערען, צווינגען אים טיילען און געניסען מיט איר איר לעבענס־לוסט.

אַמ אַזאַ איז זי געווען. אָבער גאָר אַן אַנדערער איז ער געווען. דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס האָט נאָך זיך אַליין ניט געפונען. אַ מענש וואָס טאַפּט און זוכט נאָך זיין וועג... ער איז געווען אַ טרוימער, אַ דיכטער, געלעבט אַליין מיט זיין נשמה, מיט זיינע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס, און אָפטמאָל פלעגט ער זיך פילען איינזאַם אַפילו אין אַ גאַנץ לעבעדיגער געזעלשאַפט. מאַמענטענווייז, אי דאָס נאָר זעלטען, פלעגט נאָך אין אים אַ בליץ טאָן דאָס לעבען, פלעגט נאָך אַ פלאַקער טאָן אַן אַלט פייערל, אַ העלס, אַ ברענענדיגס; אָבער באַלד פלעגט עס צוריק פאַרטונקעלט ווערען דורך די שוואַרצע שאָ־טענס פון זיין טרויעריגער נשמה. עס פלעגט פאַרלאָשען ווערען און ער פלעגט

זיך ווידער פילען אליין — אליין מיט זיך, אליין מיט זיינע פאנטאזיעס.

אזוי האבען זיי ביידע אינאייגעם פארשיידען געלעבט. זי מיט איר לעבענס־לוסט אין דער גענגעוואַרט; ער מיט זיינע האפענונגען אויף אן אומ־באשטימטער צוקונפט.

געארבעט האט ער ביי טאג און ביי נאכט. ביי טאג האט ער געארבעט אין א גרויסער טעגליכער צייטונג, וואו ער האט געשריבען גראמען, זשאַר־ריזמען, רעפארטען און גלאט אזוי ארטיקלען, אלץ וואס מען האט אים געהייסען — אבער ניט דאס וואס ער האט געוואלט, וואס זיין נשמה האט געגלוסט. אלע האבען געוואוסט, אז ער איז א מענש מיט א טאלאנט, אז ער האט א קינסטלערישע זעלע, וואס ליידט ביי זיין טעגלאכער ארבעט און צעשפרינגט אין שטיקער פון איר צו־שווערער לאסט; אבער ווער האט אים דען געקענט העלפען? אלץ וואס ער האט געשריבען אויסער דער רעדאקציע האט „ניט געטויגט". עס האט זיך ניט צוגעפאסט צום געשמאק פון דעם רעדאקטאר און האט אין דער וועלט פון מסחר גאר קיין ווערט ניט געהאט.

דערפאר אבער ביינאכט, ווען אלץ איז געווארען שטיל און רואיג ארום אים, באפרייט פון דעם בייטאגעדיגען יאך, האט ער געקענט סוד'ען זיך מיט זיין אייגענער נשמה, לאזען זי פאנאנדערשפרייטען אירע גרויסע גרינ־גע פליגלען און אויפהויבען זיך מיט איר, זיך טראגען צווישען די וואלקענס און שטערען, דעמאלט פלעגט אים עפעס א וואונדער־ליכט די ערד באלייכ־טען. א וואונדער־גייסט פלעגט זיין זעלע באלעבען און אנטפלעקען פאר אים אומענדלאכע פאנאראמעס פון בילדער און מענשען. און ער פלעגט זיי מאלען און מאלען, די מענשען און די בילדער, מיט שיינע און העלע פארבען און אריינבלאזען אין זיי דעם גייסט וואס האט אים אליין באלעבט און זיי פלעגען לעבען און ער מיט זיי.

אויך דעם האזיגען אווענט האט ער געלעבט, געשוועבט אין די עולמות פון באגייסטערונג, געמאלען בילדער, געשריבען...

זיין ווייב, אומקערענדיג זיך פון דער אפערע, איז שטילערהייט אריינ־געגאנגען אין פאדערצימער זיך אויסטאן. זי האט געמיינט אז ער שלאפט שוין לאנג און האט אים ניט געוואלט אויפוועקען מיט איר קומען. אבער באלד האט זי באמערקט, אז אין דעם ווייטסטען חדר'ל ברענט נאך דער לאמפ מיט דעם גרינעם אבאזשור אויף זיין שרייב־טיש, צעגיסענדיג דורך דאס מענטעלע איבער'ן פלאס, א גרויסען קרייז ווייסע ליכט, און איבער־געבויגען איבער'ן טיש איז געזעסען איינגעהויקערט א פיגור און געשריבען. זי האט גוט געקענט דאס ליכט און די איינגעהויקערטע פיגור... און עס האט זי א קלעם געטאן ביים הארצען...

— ער זיצט נאך... ער ארבעט נאך... — האט זי א טראכט געטאן.

און איר האט זיך פארוואלט אים א לאשצע טאן, א גלעט טאן, צוטולען אים צו זיך און דערווארעמען זיין איינזאמע נשמה, זאגען אים עפעס ליבעס, זיסעס, דערציילען אים ווי שיין די אפערע איז געווען, ווי קארוזא האט געזונגען די אריע פון „פאגליאציא“. עס האט זיך איר פארוואלט זיך טיילען מיט אים מיט דאס גרויסע פארגעניגען וואס זי האט געהאט און אויף א רגע כאטש אנצינדען אין אים דעם פלאם פון לעבען...

זי האט זיך גיך אויסגעטאן, פארקאמט אירע שיינע שמעקענדיגע האר פאר'ן שלאף און, ארויפווארפענדיג אויף איר שיינעם קערפער א דינעם יאפאנעזישען מאנטעל, איז זי שטי־ל, אומבאמערקט צו אים צוגעגאנגען, אים איבערגעשלאגען די ארבעט.

— גענוג דיר שוין צו ארבעטען... גענוג... — האט זי מיט קינדערשער ווייכקייט גערעדט צו אים. האלטענדיג אירע הענט ארום זיין נאקען איז זי האלב געשטאנען, האלב געלעגען ביי זיין זייט און האט ארייגעקוקט אין זיינע טיפע, טרוימערישע אויגען.

— ס'איז צייט צו רוען, ס'איז צייט צו שלאפען... ביז וואנען איז דער שיעור צו ארבעטען?

ער האט שוין אבער סאי ווי ניט געארבעט. זי האט אים איבערגעשלאגען די געדאנקען. די פען איז געבליבען שטיין אויפ'ן האלבעןווארט, די נשמה יתירה, וואס האט זיך ערשט געטראגען אין די וועלטען פון לעבען און בילדער, איז אויפ'ן האלבען ווארט פארגליווערט געווארען. ליגענדיג איצט אין אירע ארעמס, מיט די הענט ארום איר האלז, אונטער איר אטעם וואס האט אים פאר'כשופ'ט, האט ער צוגעמאכט די אויגען און עס האט זיך אים געדוכט, אז ער וואלט אזוי איינגעשלאפען און זיס גע'חלומ'ט... אן אנדער חלום...

* * *

אין הויז ביי אים האט זיך פון פיצעלע־וויז אויפגעהאדעוועט א גרויסארטיגע שיינע קאץ; אינאיינעם מיט דאס קליינע שווארצע הינטעלע, דאס „שווארצע פודעל“, האט זי געלעבט און געהאדעוועט זיך. ביידע האבען זיך ליב געהאט ווי א שוועסטער מיט א ברודער. ביי זיי איז כמעט פארשוואונדען די נאטירליכע פיינדשאפט פון די צוויי מינים חיות. אפילו ווען זיי זיינען עלטער געווארען פלעגען זיי זיך נאך אלץ ליב האבען. זיי פלעגען זיך שפילען אינאיינעם און אפטמאל עסען פון איין טעלער. דאס הינטעלע, א מיאוס אפילו, איז אבער געווען זייער א קלוגס און א דורכגעטריבענס. א פארשייטער שטיפער. די קאץ איז געווען א בילד שיינע באשעפעניש מיט ברייטע גרויע פאסען און רינגען פון א לעמפערט אויף א שווארצען זיידענעם

פּאַנ. זי האָט געהאַט אַ סימעטריש לענגלאַך פּנים און גרויסע אויגען וואָס האָבען געבליטשעט ווי געשליפענע גלאָז. אַ ווייסער פוכיגער פּאָס האָט זיך געצויגען פון איר שפּיציג מאָרדעלע מיט די שטייפע גרויע וואָנצען איבער איר האַלז און איבער איר בויך.

ווען זיי פלעגען זיך שפּילען און שטיפען צוזאַמען, פלעגט דאָס הויז זיין פול מיט זיי.

אָט פלעגען זיי זיך פּאַנאַנדערלאָזען אין אַ ווילדען געלאַף איבער די צימערען, זי פּאָראויס און ער נאָך איר. און אָט פלעגט ער זי פּאַקען ביים עק, שלעפּען איבער'ן פּאָל, רייסען זי, דרייענדיג שעלמיש מיט'ן קאָפּ און זי פלעגט אָנפילען דאָס צימער מיט איר ביטערליכען יאָמער. אָבער דאָס איז נאָר ספּאָרט געווען. ער פלעגט זי באַלד אָפּלאָזען. אַמאָל, פלעגען זיי אַ שפּרונג טאָן איינער אויפ'ן צווייטען טאַקע כדי מלחמה צו האַלטען און אָט ליגען זיי שוין אויפ'ן ווייכען דיוואַן. זי אויף איר רוקען, ער אויסגע־שפּרייט אויפ'ן בויך לעבען איר, האַלטענדיג זי ביים האַלז מיט די ציין, בייסענדיג און שטיקענדיג זי נאָר צו דערווערגען. אָבער איר קליין פּיסעלע פלעגט אים ענערגיש פּאַטשען איבער'ן פּנים, איר קערפּער פלעגט זיך דרייען ווי אַ שלאַנג און אַזוי לאַנג ראַנגלען זיך מיט איר מערדער, ביז ער פלעגט זי מוזען אָפּלאָזען. דעמאָלט פלעגט ער אויפשפּרינגען, שטיין אַ ווײַלע איבער איר ווי איינגעגראָבען און מיט אַ ווילדען פייער אין זיינע אויגען פלעגט ער זי אָנקוקען. זי אויך פלעגט אַ קוק געבען מיט אַ פייערדיגען בליק אין זיינע אויגען און — אַנטלויפען פון אים... און ער פלעגט זי ווידער נאָכ־יאָגען... און ווידער פּאַקען...

אַזוי האָבען זיי געלעבט און געוואַקסען אינאיינעם און פלעגען זיך שפּילען לעבעדיג, פריילאַך, צופרידען.

אָבער זי איז גיכער געוואַקסען פון אים. גיכער האָט זיך אַנטוויקעלט איר קערפּער, איר מאַיעסטעטישע פיגור, איר שיינקייט. און זי האָט אָנגע־הויבען פאַרנאַכלעסיגען זיין פריינדשאַפט.

אויפ'ן הויף וואו אירע בעלי־בתים האָבען געוואוינט האָט זי אַ שטימע גערופען... אַ שטימע פון איר אייגענעם מין...

אין דרויסען איז שוין וואַרעם געווען. די ערשטע העלע שטראַלען פון דער פרילינג זון האָבען שוין געוויזען זייער ליבליך שפּילענדיג פּנים און געוואַרעמט מיט'ן חיות פון נײַ, יונג לעבען. מיט בלישצענדיגער עזות האָבען זיי זיך געשפּילט מיט דאָס וואַכער פון אַ קליינער לוזשע אין הויף, און אָפּגעשפּיגעלט אויף איר אויבערפלאַך אַ גאָלד־גרינעם, רויטלאַכען גלאַנץ פון שימעל. די גרויע וואַנט פון דעם זייטיגען הויז דערביי איז נאָך אפילו געווען באַדעקט מיט די פּאַראַיאָריגע קריכענדיגע ווײַן־צווײַגלאַך. אָבער

דאָ און דאָרט האָבען שוין אויף איר געגרינט נייע בלעטעלאַך, וועלכע האָבען זיך געצווייגען אַלץ העכער און העכער. דער גרויסער בוים און די קליינע בוימעלאַך אין הויף האָבען זיך שוין געגומען אָנטאָן אין גרינס און אפילו דאָס אַלטע פאַר־פאַלק, די שוועלבעלאַך, האָבען זיך שוין אומגעקערט און האָבען אין די צווייגען אויף דער וואַנט געזוכט דאָס אָרט פון זייער אַלטער נעסט.

עס איז שוין געווען ווארעם און די שטימע וואָס האָט גערופען די יונגע שיינע קאַץ איז געווען אַ מונטערע, אַ לעבעדיגע, פול מיט דער קראַפט פון דעם קומענדיגען פרילינג... פול מיט לעבענס־לוסט. די קאַץ האָט זיך צו־געהערט צו דער שטימע און איז אַביסעל פאַרשייט געוואָרען: יענע שטימע האָט זי גערייצט... זי האָט זי גערופען צו עפּעס אַ מין נייעם גענוס פון לעבען, וועלכער, כאָטש זי האָט אים נאָך ניט פאַרשטאַנען, דאָך האָט עס זי געצויגען אַהין... דאָס אומפאַרשטענדלאַכע, ווארעמע געפיל פון לע־בען האָט זי געצויגען אַהין, אין הויף אַריין, וואו דער יונגער קול פול מיט צערטלאַכקייט און ליבע האָט זי גערופען צו אַ צויבער־טרוים...

און אין די שטילע אָוונטען, ווען דער הימעל וואָס האָט באַדעקט דעם הויף האָט געפינקעלט מיט בריליאַנטענע שטערען און זיי האָבען זיך אין דעם בלויען רוים אַזוי ווי באַוועגט און געוויגט, געשושקעט און גע׳־סוד׳עט זיך אין הימעלשער ליבע — אין דער שטילער, אייביגער האַרמאָניע האָט יענער רוף געקלונגען ווי אַ ליבעס־סערענאַדע. איר יונגע נשמה האָט ניט אויסגעהאַלטען... און זי פלעגט פאַרפאַלען ווערען ביז שפּעט אין דער נאַכט...

דאָס דינסט־מיידעל פלעגט זי דערפאַר שעלטען מיט טויטע קללות. זי פ׳עגט נעבאָך דאַרפען אויפשטיין שפּעט ביי נאַכט און אַריינלאָזען די „פּריצטע״, ווי זי פלעגט זי רופען מיט קנאה, אין הויז אַריין.

אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. אַ קורצע צייט איז פאַראיבער און יענע שטימע האָט אויפגעהערט צו רופען... די שיינע יונגע קאַץ איז עפּעס אומעטיג געוואָרען. זי איז פּלוצלונג, דוכט זיך, דאַרער געוואָרען, זיך אויס־געצויגען, לענגער געוואָרען. אירע זייטען נאָר האָבען זיך אויפגעבלאָזען און די שיינע גרויע פאַסען זיינען ברייטער געוואָרען, צו ברייט, זיי האָבען זי מיאוס געמאַכט. אירע גרויסע קרישטאַלענע אויגען האָבען זיך מיט אַ דיק־טונקעל הייטעל איבערגעצויגען, איר פּיסקעל האָט זיך אויסגעצויגען, איז געוואָרען שפּיציג—העסלאַך... באַלד האָט מען געקענט באַמערקען אַז זי ליידט. קוים וואָס זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט... אָפטמאָל פלעגט זי מיט שוועריקייט אַרויפשפּרינגען אויף אַ בענקעל, דערגרייכען מיט די פּעדערשטע פּיס צום טיש ביי וועלכען איר בעל־הבית האָט געשריבען און זיך לאָשצען צו אים.

זי פלעגט רייבען איר קאפ איבער׳ן טיש און רוקען זיך, שפילעריש, רוקען זיך אלץ נעענטער און נעענטער צו זיין שרייבענדיגער האנט און קוקען אויף אים מיט אזא רחמנות־בליק, אזוי ווי עס וואלטען זיך איר געשטעלט טרער־רען אין די איבערגעצויגענע אויגען. און זי וואלט צו אים געזאגט:

— זעסט, ער רופט מיך מער ניט... ער... פארשטייסט?... און זי פלעגט אזוי שווער אטעמען, פאכען מיט איר גאנצען קערפער וואס איז געלעגען אויפ׳ן טיש.

דעמאלט פלעגט ער זי אנקוקען מיט א טרויעריגען בליק אין זיינע טיפע, טרוימערישע אויגען און טראכטען —

— אומגליקלאכע, דו ליידסט...

עס האט זיך אויסגעוויזען ווי עפעס שווערעס נאגט זי און ציט זי ביים הארצען און ציט פון איר אלע כוחות ארויס. די לעצטע טעג האט זי כמעט ניט געגעסען. די היימישע אין הויז האבען איר צוגעגרייט א ריין, ציכטיג פלאץ אין א פארבארגענעם ארט און האבען זי געלערענט דארט זיך צו באהאלטען. עס איז ניט שווער געווען זי אויסצולערנען, ווייל עס איז איר געווען צו שווער ארומצוגיין. איר בעל־הבית, דער וואכער טרוימער, פלעגט זיך צוקוקען צו דעם בילד. ער פלעגט אפט אריינקוקען אין אירע גרויסע גלעזערנע אויגען און זעען אין זיי דעם גרויסען טרויער וואס האט זיך געפונען א געצעלט אין איר זעלע, און עס פלעגט זיך אים אלץ אויס־דוכטען, אז זי פרעגט אים אויף איר שטום לשון:

— וואו איז ער? וואו איז ער?...

דער טרוימער האט זי אויף אן אמת ליב געקראגען און, אז זי איז ווידער געזונט געווארען, פלעגט ער זי אפט גלעטען און לאשצען.

* * *

דעם אווענט, ווען זיין פרוי איז אוועקגעגאנגען אין דער אפערע און ער איז געבליבען אליין, איז ער אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער. זיין ליב־לינג, די שיינע קאץ, איז געלעגען אויף דער סאפע, איר קערפער אויף א זייט, האלב אויסגעבויגען, די הינטערשטע פיס צענויפגעלייגט לעבען איר בויך, די פעדערשטע אויסגעשפרייט. אויף זיי האט גערוט איר שיין פיסקעל מיט די גרויע, שטייפע וואנצען. זי איז געשלאפען, אבער זיין אריינקומען האט זי אויפגעוועקט. פאמעלאך האט זי זיך אויפגעהויבען אויף אלע פיר; זי האט שטארק אויסגעבויגען איר רוקען און האט זיך פויל אויסגעצויגען אין דער הויך; דערביי האט זי ווייט אויפגעעפענט איר מויז און א גענעץ געטאן מיט א משונה׳דיגען קוויטש. מיט אירע בלישצענדיגע אויגען האט זי א קוק געטאן אויף איר בעל־הבית. דער קוק האט אים פלוצלונג ארויפ־געבראכט אויף די געשעענישען פון איר לעבען מיט וועלכע ער איז אזוי

גוט באַקאַנט געווען. איז ער צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי פאַמעלאַך גע־גלעט איבער׳ן רוקען און זי האָט פריינדלאַך געריבען איר קערפּער מיט די סאַמעטענע האָר אַן אים.

די בילדער פון איר לעבען האָבען אויפגעשוועבט פאַר זיינע אויגען. ער האָט זיי געזען אַזוי שאַרף, אַזוי קלאָר, אַזוי בולט... און זיי האָבען אים באַגייסטערט.

מעכאַניש האָט ער זיך געזעצט צום טיש. ער האָט גענומען די פען און האָט אָנגעהויבען שרייבען. די בילדער און די עפּיזאָדען פון איר לעבען האָבען זיך פריי געמאָלען און פון שיינע ווערטער זיך אויסגעוועבט אויפ׳ן פאַפּיר. די שטונדען זיינען געפלויגען. דער שווערער געמיט, וואָס איז ווי אַ שטיין דעם גאַנצען טאָג געלעגען אויף זיין נשמה, איז פאַרשוואונדען גע־וואָרען. אים איז געוואָרען אַזוי גרינג, אַזוי גוט... ער האָט גאָרניט באַמערקט, אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט אין ד׳ער נאַכט. ער איז צופיל פאַרטאָן געווען אין זיין קונסט, צופיל האָט זי אים באַהערשט. זיין באַגייסטערונג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזט, זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און זיין שאַפונגס־קראַפט האָט געשוועבט צווישען בילדער, פון וועלכע זי האָט אויסגעוועבט דאָס לעבען, דאָס געהיימניספולע לעבען. און ער האָט געהאַלטען אין אַנט־פּלעקען אַ סוד פון דער נאַטור... אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאַכט, ביים אַרבעט־טיש, איינגעבויגען ווי אַ שאָטען איבער דעם ווייסען קרייז ליכט אונטער דעם גרינעם אַבאַזשור, האָט ער צו קיינעם ניט געהערט, נאָר צו זיין קונסט.

און ער האָט געשריבען:

„— ווידער איז דער פרילינג געקומען. ווידער האָט גאָט׳ס וועלטעל אויפגעלעבט, און ווידער האָט די שיינע, פּראַכטיגע נאַטור אויסגעשפּרייט איר לעבענס־לוסט אויף אַלץ וואָס קען זיך באַנייען, בליען און לעבען. ווידער איז אין מיין הויף געוואָרען לעבעדיג און פריילאַך. די שוועלבעלאַך האָבען זיך שוין אומגעקערט און, שפּרינגענדיג פון צווייגעל צו צווייגעל, האָבען זיי געפּישצעט און גערופען איינס דאָס אַנדערע צו דער אַרבעט; זיי האָבען געבויט זייער זומער־הים אין די גרינע פאַרפלאָנטערטע צווייגען אויף דער אַלט־גרויער וואַנט. אָזעגט־צייט האָט דאָס שטיקעלע הימעל אי־בער מיין הויף ווי תמיד געפינקעלט מיט בריליאַנטענע שטערען, וואָס האָבען, ווי אימער, זיך געוויגט און גע׳סוד׳עט צווישען זיך. עס איז געווען אַ שיינער, אַ וואונדער־שיינער אויפדערנאַכט. די בשמים׳דיגע לופט פון דרויסען האָט גובר געווען די שטיקענדיגע לופט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון די אָפענע פענסטער, און זי האָט געשמעקט מיט׳ן ריח פון אויפלעבונג, מיט פרישען לעבען. די לבנה איז, דוכט זיך, געווען זילבער־ווייסער ווי

תמיד. זי האט זיך געבאדען אין קליינע, שניי־ווייסע וואלקענדלאך, געשוואומען און געוואשען איר ליכטיג פנים אין זיי און האט אין שמאלען רוים. צווישען צוויי הייזער, דורכגעשפארט קעגען מיין פענסטער אירע זילבערנע שטראלען, געלויכטען און געלאכט מיר גלייך אין פנים אריין. איך בין געזעסען ביים אפענעם פענסטער און מיין נשמה האט זיך געקוויקט מיט דער וואונדער־שיינער נאכט; זי האט אנגעקוואלען פון דעם תענוג פון לעבען. פלוצלונג האב איך דערהערט א באקאנטע שטימע:

— מיאאו... מיאאו... מיאאו... — האט די שטימע גערופען.

דער וואס האט גערופען איז געזעסען אויפ'ן פלויט פון מיין הויף, די פיס צענויפגעלעגט אונטער זיך, און האט זיך געבעטען.

— מיאאו... מיאאו... האט ער זיך געצאפעלט... — ניט קיין טרויער, ניט קיין פארצווייפלונג האט זיך אין זיין שטימע געהערט. פונקט ווי פאר־איארען האט זיך אין איר געהערט דער רוף צום לעבען... צו לעבענס־לוסט...

איך האב געקוקט אהין פון וואנען דער מוטיגער רוף איז געקומען און האב זיך געוואונדערט.

אים גייט הפנים ניט אן די פראכטפולע נאטור, דער שיינער הימעל, די שמעקענדיגע לופט. ער קען ניט פארשטיין די נשמה פון דער נאטור, די הארמאניע פון אירע שטימונגען, פון איר זיין, פון איר לעבען. און די מענשען? זיי גייען אים אודאי ניט אן. ער זעט ניט זייער לעבען דורך די אפענע פענסטער, ער זעט ניט זייער קאמף, זייער שטרעבען. ער קען ניט אנפאסען זייער נשמה, באגרייפען די טיפסטע ווינקעלאך פון זייער לעבען, די פארבאהאלטענע סודות פון זייער טויט... ער פילט ניט דאס לעבען: ער האט ניט קיין שאפונגס־קראפט!...

— מיאאו... מיאאו... מיאאו... — האט ער גערופען פול מיט חוצפה'־דיגען באגער.

אימיצער האט זיך צעלאכט.

— ער פילט ניט די נאטור? כא... כא... כא... ער האט ניט קיין שאפונגס־קראפט? — האט אימיצער געהיימניספול געפרעגט. — נארישער דיכטער, — האט ער זיך מיט מיר גערייצט — איז עס ניט די פראכטיגע נאטור, וואס רופט אים צום לעבען און לעבענס־לוסט? איז עס ניט די גרויסע שאפונגס־קראפט אין אים, וואס רופט אים צום ליבען און באשאפען?

און איך האב זיך ווידער איינגעהערט.

— מיאאו, מיאאו... — האט ער גערופען פון דעם פלויט.

איצט האט שוין דער רוף געקלונגען מיט באגייסטערונג... דוכט זיך, ער איז געווען דער אויסדריק פון א גרויסער שאפונגס־קראפט... פונקט ווי פאראיארען האט ער געקלונגען: די איינענע שטימע, דער איינענער רוף...

מיין קאָץ האָט זיך באַוויזען אויפ'ן הויף.

— די אייגענע?...—האָט זי אַ באַמבעל געטאָן ביי מיר אין די געדאַנקען — איז ע ר דער אייגענער?... אָט דער ע ר אויף וועלכען זי האָט מיך אַמאָל געפרעגט מיט אירע איבערגעצויגענע גלעזערנע אויגען, פּאַראַיאַרען אין די שווערסטע מינוטען פון איר לעבען: וואו איז ע ר?

זי איז פּאַמעלאַך און קאָקעטיש געגאַנגען איבער'ן הויף. ער האָט זי באַמערקט און האָט זיך אויפגעהויבען. דוכט זיך, ער איז פאַרטיג געווען אַראָפּשפּרינגען צו איר. איז זי אָבער אַנטלאָפען, די שעמעדיגע, גלייך ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פאַר אים.

— מיאַאו... מיאַאו... — האָט ער ווידער גערופען, פּריילאַכער, לעבעדיגער, זיכערער...

— מיאַאו... — און זי האָט זיך ווידער באַוויזען, זי איז געגאַנגען צו אים...

— איז עס טאַקע דער אייגענער... דער זעלבער?... דער וואָס פּאַראַיאַרען? — האָט זיך מיר אַלץ געוואָלט וויסען.

— יאָ, יאָ... — דוכט זיך מיר אויס.

— כי... כי... — יענער איז געווען אַ גרויער און דער איז אַ שוואַרצער — רייצט זיך מיט מיר אימיצער, און שלאָגט מיר איבער דעם רעיון.

— אָבער... ביי דעם, פּונקט ווי ביי יענעם, בלישצען די גרויסע, געלע אויגען מיט דעם אייגענעם פייער... מיט דער אייגענער שאַפונגס־קראַפט...״

* * *

אויף די ווערטער האָט זיך זיין פּען אָפּגעשטעלט. אין דעם מאָמענט האָט אים זיין פרוי ארומגענומען, אים געוויגט און געקושט.

— קום שוין, קום... לאָז די אַרבעט. רו זיך אָפּ... דו וועסט שוין מאָרגען ענדיגען. קום, איך וועל דיר דערציילען ווי שיין, ווי זים קאַרוזאָ האָט געזונגען אין „פּאַגליאַציאָ״... אַך, טייערער, ער איז דער גרעסטער טענאָר אין דער גאַנצער וועלט.

ער איז נאָך אַלץ געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן שטול, זיינע הענט אַרום איר האַלז, זיין פּנים צוגעטולעט צו איר, די אויגען פאַרמאַכט. עפּעס איז ער געווען אין אַ מין הינערפּלעט, אין נירוואַנישער רו — צווישען דער פּאַרגליווערטער באַגייסטערונג פון זיין קונסט, און וועלכער ער האָט אַ מינוט צוריק געשוועבט און די נאָך ניט פּאַנאַנדערגעוועקטע געפילען פון ליבע און לעבען, צו וועלכע עס האָט אים געררייצט דער דופּטענדער געשמאַק פון איר קערפּער.

— נו, קום שוין — האָט זי אים ווידער אַ מונטער געטאָן און האָט ווידער געקושט זיין פּנים. ער האָט געעפענט די אויגען און זיין קערפּער

האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט פריי געמאַכט איין האַנט און, אַרויסהויבענדיג זיך קונציג פון דעם שטול, האָט ער זי אַרומגענומען, געדריקט צו זיך און ליידענשאַפטלאַך געקושט.

און זי האָט אים מיט אַנטציקונג פון דער אָפּערע דערציילט:

— אָ, זיין זינגען, זיין זינגען קען משוגע מאַכען. די אַריע פון „פּאַגליאַציאָ“ איז פּשוט הימעלשע מוזיק. זי אָטעמט מיט ליבע, מיט ברענענדיגער ליבע.

זיין קערפּער האָט ווידער געציטערט. ער האָט זי שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און געפילט די ווייכקייט און וואַרעמקייט פון איר גוף.

„דאָס אייגענע פייער... די אייגענע שעפערישע קראַפט!...“ איז ביי אים דורכגעפלויגען אין די געדאַנקען, כאָטש ער האָט זיך ניט באַלד געכאַפּט צו וואָס עס פּאַסט זיך...

— און, אַז ער צעוויינט זיך, — האָט זי ווייטער דערציילט, — אַז ער צעוויינט זיך, זינגענדיג די אַריע פון „פּאַגליאַציאָ“, ווייזט זיך אויס, אַז יעדער קלאַנג, יעדער נאָטע איז אַ הייסע, זודיגע טרער... אַ ליבעס־טרער...

און זי האָט אים נאָך אַמאָל געהאַלזט און געקושט. ער זי אויך: שטאַרקע, הייסע קושען...

אין זיינע טיפע, טרויעריגע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ משונה׳דיג פייערל.

זי האָט פאַרצויגען דעם לאָמפּ. אַ קליינער טונקעלער פלאַם איז געבליבען צאַנקען. ער איז אַלץ קלענער און קלענער געוואָרען.

פּאַמעלאַך זיינען זיי ביידע, זי מיט איר האַנט אַרום זיין נאַקען, ער מיט זיין האַנט אַרום איר טאַליע, אַוועקגעגאַנגען פון דעם אַרבעט־טיש און צוויי מענשלאַכע שאָטענס צוגעטוליעט איינס צום אַנדערען האָבען זיך ביסלאַכוויס צעשפּרייט איבער דעם באָדען: זיי זיינען געוואַקסען אַלץ לענגער און לענגער: זיי זיינען געוואָרען אַלץ טונקעלער און טונקעלער און האָבען זיך שנעל באַוועגט פאָראויס, פאָראויס. זיי האָבען געצויגען נאָך זיך די צוויי ליבענדע, פונקט ווי זיי וואָלטען וועלען זיי אונטעראיילען גיכער צו גיין אָפּרוען.

גערעטעוועט

1.

— דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל, מאַדאַם, די איין־און־איינציגע מעג־לאַכקייט.

דער דאָקטאָר האָט אָפּגעהאַקט זיינע רייד. ער האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, צענויפגעקנייטשט דעם שטערען און האָט איבער די רעמלאַך פון זיינע ברילען געקוקט אויף דער יונגער פרוי. זיי שיינע גרויע באָרד האָט באַדעקט זיין ברוסט.

— אין וואָס־זשע איז די מניעה, דאָקטאָר? אויף וואָס וואַרט איר דען? פאַר וואָס איילט איר זיך ניט? גאָט, גאָט מיינער! — האָט די יונגע פרוי אין פאַרצווייפלונג אויסגעשריען.

אַ פּאָר מינוט האָבען ביידע געשוויגען.

— דאָקטאָר — האָט זי ווידער אָנגעהויבען — איך בין אַנטשלאָסען. טוט וואָס איר ווילט. אָבער זוימט ניט. ראַטעוועט מיין קינד! — —האָט זי פעסט אויסגערעדט.

— איך בעט אייך, דאָקטאָר, שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך און ראַטעוועט מיר מיין קינד — האָט זי שוין ווייכער און דורך טרערען גע־בעטען.

דער דאָקטאָר האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט די בלייכע יונגע מוטער. פון אויפרעגונג האָבען זיך אויף אירע בלאַסע באַקען צוויי גרויסע רויטע פלעקען באַוויזען און די טיפע איינגעפאַלענע אויגען, פון די ניט־דערשלאָ־פענע נעכט, האָבען מיט האָפענונג געקוקט אויפ׳ן דאָקטאָר.

— טאָר איך עס אָבער טאָן? — האָט ער ריידענדיג צו איר אַזוי ווי גע׳ישוב׳ט מיט זיך אַליין. — מאַדאַם, טאָרען מיר עס טאָן? — און זיין פנים איז געוואָרען שטרענג און ערנסט. — טאָר איך איינשטעלען אייער לעבען, אייער געזונט, צוליב אַ פּראָבע, אַפילו ווען אַ קאָנסיליום פון די בעסטע דאָקטוירים האָט באַשלאָסען, אַז דאָס איז דאָס איינציגע מעגלאַכע מיטעל? — האָט ער ערנסט ווייטער גערעדט. — מען דאַרף זיך גוט אי־בערלייגען... די פּראָבע קען זיך ניט איינגעבען... עס קען אַלץ זיין גאַר אומזיסט... — האָט ער אין האַלבע פראַזען געענדיגט.

אַ מינוט איז די יונגע מוטער געשטאַנען אין פאַרצווייפלונג.

— אָבער, דאָקטאָר, — איז זי באַלד צו זיך געקומען. — הער דאָקטאָר,

איצט איז ניט די צייט פון איבערלייגונג. מיין קינד איז אין א שרעקלאכער סכנה און זי איז מיין לעבען. מיין חיות, מיין אויג אין קאפ... ווייי איז מיר, דאקטאר, זאל זי, חלילה, שטארבען, — און זי האט פארבראכען אירע הענט אין שרעק, — שטארב איך מיט איר. איך וועל עס ניט איבערלעבען, דאקטאר. און אויב איך זאל עס אפילו איבערלעבען — וועל איך א לעבעדיגער מת זיין... איך מוז זי ראטעווען און איך וועל זי ראטעווען. מעג עס מיך אפילו קאסטען מיין לעבען. צוליב איר... צוליב מיר, דאקטאר, יא, צוליב מיר אליין...

און זי האט זיך אויסגעצויגען אין דער הויך אין איר גאנצער לייגג. אירע באקען האבען געפלאמט און א מאדנע פייערל האט געפינקעלט אין אירע גרויסע, שווארצע אויגען, א פייערל וואס מען זעט נאר אין די אויגען פון א חיה, בשעת מען וויל פון איר אוועקרויבען אירע קינדערלאך.

— נו, גוט, גוט... — האט דער דאקטאר איבערגעביטען זיין האלטונג, גערירט פון איר מאכטיגער אנטשלאסענקייט. — אויב אייער מאן וועט צושטימען — האט ער נאך געפרואווט לייגען א שטיין אין וועג — דאן... יא, דאן וועל איך טאן אלעס מעגלאכעס צו ראטעווען אייער קינד.

— איך דארף ניט די צושטימונג פון מיין מאן, דאקטאר. אויף מיין גוף בין איך בעל־הבית. און אויב מען דארף — וועט ער צושטימען. אין דעם וועט קיין מניעה ניט זיין... אבער אויף ווען לייגט איר עס אפ? פאר וואס פארלירט איר די טייערע מינוטען? איר זאגט דאך אליין, אז פון דעם הענגט אפ דאס לעבען פון מיין קינד. דאקטאר איך וויל זי ראטעווען... איך מוז זי ראטעווען...

— איצט איז סאי־ווי־סאי אוממעגלאך. עס איז צו־שפעט אין דער נאכט. אין דער פרי, באלד מארגען פרי — האט דער דאקטאר אומרואיג פארזיכערט און האט זיך געזעגענט אוועקצוגיין. די אומגליקלאכע מוטער האט אים באגלייט ביז צו דער טיר און האט זיך אומגעקערט צו איר קינד, צו ווארטען צווישען האפענונג און פארצווייפלונג ביז אין דער פרי.

עס איז געווען שטיל אין צימער, א שווערע, מורא׳דיגע שטילקייט. די שטונדען האבען זיך נאך האלבער נאכט געצויגען אזוי פאמעלאך, אזוי לאנגזאם פאמעלאך, פונקט ווי זיי וואלטען געווען די אייביגקייט אליין. דאס קינד איז געלעגען אויפ׳ן בעט, בלייך ווי דער טויט, אן דער מינדסטער באוועגונג, דאס קעפעל איינגעפאסט אין א וועלדעלע פון גילדערנע האר. דאס בלאסע פנים, אן א טראפען בלוט, האט צוגעגעבען א טויטלאך־מאטען שיין צו דער טונקעלער באלייכטונג פון צימער. די יונגע מוטער איז געזעסען אויף א נידעריג ביינקעל ביים בעט און האט אין איר האנט געהאלטען דאס קליינע הענטעלע פון קינד.

די שטונדען האבען זיך געצייגען און די מידקייט האט איבערגעוועל־

טיגט די אָרימע מוטער. אָנשפּאַרענדיג איר קאָפּ מיט'ן קערפּער איבער'ן בעט לעבען איר קינד, האָט זי ניט אויסגעהאַלטען... זי איז פּאַמעלאַך איינ־געשלאָפען... און די שטונדען האָבען זיך געצויגען און געצויגען. דאָס קינד איז געזונקען אַלץ טיפער און טיפער ווי אין אַ שטילען, רואיגען שלאָף.

עס איז אָקאָרשט טאָג געוואָרען. די ערשטע בלויע פּאַסען ליכט פון דעם פרי־מאָרגען האָבען זיך דורכגעשלאָגען דורך דעם פענסטער אין מזרח־זייט און דאָס קליינע בלאַסע פּנים'ל פון דאָס קראַנקע קינד איז ערדיש־טונקעל געווען. דאָס אָטעמען האָט כמעט ווי אויפגעהערט. בלויז דאָס קינדערשע האַרץ האָט נאָך קוים־קוים געקלאַפּט צום טאַקט פון לעבען.

עס איז געווען שטיל, טונקעל און מורא'דיג.

אין צימער איז די לופט ווי אַ דיקער נעבעל געשטאַנען. אין דיקען נעבעל האָט זיך אויף גרויסע שוואַרצע פליגלען אַ ריזיגע פיגור פון הוילע ביינער געטראָגען. אַ ריזיגע און אַ מיאוסע: מיט אַ גרויסען, נאַקעטען שאַרבען אנשטאָט אַ קאָפּ; פון די טיפע, גרויסע אויגען־לעכער אין שאַר־בען האָט פּחד'דיג די פינסטערניש פון קבר אַרויסגעקוקט: די איינגעפּאַ־לענע לעבערדיגע נאָז האָט אומעטום דעם גערוך פון מתים געזוכט, און די שצאַרע רייען גרויסע פאַרבלוטיגטע ציין האָבען ווי געשמייכעלט מיט נצחון.

דער שוואַרצער ריז האָט געשוועבט און אויסגעשפּרייט זיך אין דעם נעבעל. זיין לאַנגע ביינערדיגע האַנט האָט זיך געשטרעקט אַלץ נעענטער און נעענטער צום קינד. דאָס האַרץ האָט ער געוואָלט... דאָס קינדערשע האַרץ... און טויט־שרעק האָט איז צימער געהערשט.

ניט קיין אומבאַקאַנטער צווישען מענשען איז דער ריז געווען. עס איז געווען דער מיליאָנען־יאָריגער צווילינג־ברודער פון דאָס לעבען — עס איז געווען דער טויט. און ער האָט געשוועבט אין דער לופטען און איז אַלץ נעענטער און נעענטער צוגעקומען צום קינד.

אויף דער מוטער האָט ער קיין שליטה ניט געהאַט. ער געוועלטיגט נאָר דאָרט וואו דאָס לעבען ווערט קאַליע, וואו עס צאַנקט, וואו עס גייט אויס... האָט די העסלאכע, ביינערנע האַנט פון דעם שוועבענדיגען ריז זיך געטראָגען איבער דעם אָנגעלענטען גוף פון דער מוטער און האָט זי ניט אָנ־גערירט. דער ריז האָט זיך מורא'דיג אויסגעצויגען איבער איר צום קינד... אָבער ער האָט זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט און איז געבליבען הענגען אין דער לופטען.

די ערשטע שטראַלען פון דער אויפגייענדיגער זון האָבען זיך דורכגע־שלאָגען דורך דאָס מזרח־פענסטער. עס איז ליכטיגער געוואָרען. דער נעבעל אין צימער איז דינער און דינער געוואָרען.

פון די אַקסעל פון דער שלאָפענדיגער מוטער האָט זיך ווי אַ בלישצענ־

דיגע זון א̈ שרעטעלע אויפגעהויבען. אין דער צעבראָכענער שאָלאָכטס פון א̈ שטרוים־איי איז א̈ מיליאָן־יאָריג שרעטעלע אין אייביג בליענדיגער יוגענט געשטאַנען. פון זיין קאָפ האָבען, ווי אויסגעקעמטע ליינענע פעדעם, די דינע גאָלדענע האָר ווי גאַנצע בנאָפּעס זון־שטראַלען געלויכטען. זיינע קליינע לעבעדיגע אויגען האָבען ווי פרישע קוואַלען געפינקעלט. זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט זיך, ווי דער שליאַך פון דער אייביקייט, אין דעם רוים געצויגען און דורך איר, אויף די לאַנגע ווייסע האָריגע פעדעם, האָבען פון זיין קליין צאַפּעלדיג האַרץ כוואַליעס לעבען געפלאַסען און זיך געשלענגעלט און געצויגען אין דער אומענדלאַכקייט און יעדער אָטעם זיינער, יעדע באַוועגונג האָט עפּעס לעבעדיגעס געשאַפּען. זיין ווייך, פולע שטראַלענדיג פּנים האָט פרייד געבראַכט און זיין נשמה איז געגנוס געווען.

אין איינעם מיט'ן שרעטעלע זיינען אין צימער געקומען ליכט און האָפענונג. דאָס לעבען איז געקומען. דאָס שרעטעלע האָט דעם העסלאַכען ריז דעם וועג פאַרשטעלט...

איבער דאָס קראַנקע, בלאַסע קינד און דער שלאָפענדיגער מוטער האָט ער זיינע קליינע שעפערישע הענט אויסגעשטרעקט און, מורמלענדיג ווי א̈ פליסענדיגער שטראָם, האָט ער געשעפּעצעט אין דער לופט.

— וואַרט, ברודער, וואַרט... פריער אָדער שפּעטער וועסטו גובר זיין... איינציגוויים, אַלע... אָבער אין גרויסען גאַנצען — די וועלט, זיי מוחל, זי געהערט מיר — דעם לעבען. נאָר דאָ, דאָ... וואַרט, וואַרט אַביסעל...

און די שטראַלען פון דער זון האָבען באַלויכטען דאָס צימער פון מזרח־זייט, עס איז העלער, ליכטיגער געוואָרען. דער נעבעל אין דער לופט איז פאַרשוואונדען... עס איז טאָג געוואָרען.

* * *

אין א̈ פּאָר שעה אַרום זיינען אויף אַן אָפּעראַציאָן־טיש צוויי פּאַציענטען געלעגען. ביידע האָבען שווער געאָטעמט אונטער א̈ שלאָף־טרונק. דאָס זיינען געווען די מוטער מיט איר קינד.

די מוטער האָט ווי אין א̈ טיפען שלאָף שטאַרק און שווער געשנאָרכעט: דאָס קינד האָט שוואַך דעם אָטעם געצויגען. זיי ביידען האָט פאַראייניגט נאָר א̈ קליינע רער וואָס האָט זיך געצויגען פון אַן אָדער פון דער מוטער צו אַן אָדער פון דאָס קינד. מיט יעדען פולסירענדיגען קלאַפּ פון דער מוטער'ס האַרץ האָט זיך דאָס רערעל א̈ הויב געטאָן און האָט אריבערגע־טראָגען א̈ קליינע כוואַליע פון איר וואַרעם, לעבעדיג בלוט, פון איר לעבענס־זאַפט, אין דעם קראַנקען קערפּער פון איר טעכטערעל. די קינדערשע אָדערלאַך זיינען מיט יעדער כוואַליע בלוט אויפגעשוואָלען, און דאָס בלוט האָט זיך אין זיי כוואַליעסווייז געטראָגען צום קליינעם הערצעלע. פון דאָרט האָט דאָס

קינדערשע האַרץ צעטראָגען פרישע לעבענס־זאַפט איבער דעם גאַנצען אָפּ־געשוואַכטען קערפּערל. די דאָקטוירים זיינען געשטאַנען אַרום די קראַנקע אין זייערע לאַנגע קיטלען און האָבען מיט מורא און מיט האָפענונג געהיט די ביידע הערצער. געהיט און געציילט די פולסען־שלעג און זייערע פּנימ׳ער האָבען געשטראַלט מיט פרייד, ווען זיי האָבען באַמערקט, אַז דאָס מוטער־האַרץ שיקט בלוט און לעבען דעם קינדער־האַרץ... דאָס קינדער־הערצעלע האָט זיך געצאַפּעלט און געקלאַפּט צום טאַקט. אין די אָדערלאַך האָט זיך שטאַרקער און שטאַרקער געהערט דער פולס, און די בעקעלאַך האָבען זיך געפאַרבט מיט בלוט און לעבען.

די דאָקטוירים זיינען גליקלאַך געווען. אפילו די באַרמהאַרציגע שוועס־טער, מיט די קלאָר־ווייסע שירצען און קיסייענע טשעפּיקלאַך אויפ׳ן קאָפּ, זיינען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און האָבען זיך פאַרוואונדערט געשושקעט:

— געראַטעוועט, געראַטעוועט... — האָט איינע דער אַנדערער אויפ׳ן אויער דערציילט.

— יאָ, יאָ, געראַטעוועט, — האָט די אַנדערע צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ מיט פרייד. און אַלע האָבען מסכים געווען, אַז דאָס קען נאָר אַ מוטער... אַ ליבענדע מוטער... די דאָקטוירים האָבען זיך געפרייט, געשפּאַסט צוביסלאַך און געפרייט זיך. זיי האָבען געוואונען — די מעדיצין האָט טריאומפירט.

ביידע פּאַציענטען זיינען צו זיך געקומען. דאָס קינד האָט געעפענט די אויגעלאַך און האָט ווידער געקוקט אויף גאָט׳ס שיינער וועלט.

— מאַ־מע — האָט עס מיט אַ שוואַך קול׳כעל גערופען. די מוטער האָט איר צום צווייטען מאָל לעבען געגעבען.

די מוטער איז אויך צו זיך געקומען. זי האָט פּאַמעלאַך געעפענט די אויגען און האָט זיך ווי אַ שכור׳ע אַרומגעקוקט.

— וואו בין איך? — האָט זי געפרעגט. און ווען זי האָט אַן ענטפער געקראָגען איז איר אַלץ קלאָר אויפ׳ן זכרון געקומען, און זי האָט זיך פּאַמע־לאַך אַרומגעקוקט.

— וואו איז מיין קינד? — האָט זי געפרעגט. מען האָט איר געוויזען.

— איר האָט אייער קינד׳ס לעבען געראַטעוועט... העלדיש בראַוו — האָט דער דאָקטאָר לוסטיג געזאָגט. זי האָט אים אַ מינוט אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגען און האָט זיי ווידער צוגעמאַכט אויף אַ ווײַלע. גלייך ווי זי וואָלט זיך געקליבען ווידער איינצושלאָפען און זי האָט מיד אָבער גליקלאַך, איבער־גליקלאַך געשמייכעלט...

זי איז געווען גליקלאַך. איר קינד איז געווען געראַטעוועט...

דאָס לעבען האָט געזיגט...

2.

די אלטעטשקע האט זיך פאמעלאך אויפגעהויבען אויף איר געלעגער. יעדע באוועגונג פון איר קערפער האט איר שרעקלאך וויי געטאן. מיט גרויס מי האט זי זיך ארויפגערוקט אויף איר בעט און זיך איינגעמעשצעט, האלב זיצענדיג, האלב ליגענדיג, ביים טיש וואס איז געשטאנען ביי איר צוקאפענס. עטלאכע מינוט האט זי אפגערוט. מיט יעדען אטעם־צוג האט זיך איר אלט צעקנייטשט פנים געביטען און פארקרימט. קענטיג אז זי האט שרעקלאך געליטען.

זי האט אויסגעשטרעקט איר דארע האנט איבער'ן טיש און האט צו־געשלעפט צו זיך אן אלט צעריסען ספר'על. זי האט עס אויפגעמאכט און האט מיט אירע אויסגלאשענע אויגען געזוכט אויפ'ן טיש אירע אלטע ברילען. געפינענדיג, האט זי מיט ציטערדיגע הענט זיי פאמלעאך אנגעטאן. פריער איין האלאבליע, דערנאך די אנדערע און האט שטיל אריינגעקוקט אין ספר'על. מיט אמאל האט זי א פיר געטאן אירע דארע פינגער איבער אירע ליפען, האט גיך א מיש געטאן די בלעטלאך און האט ווידער א ווײלע שטיל געקוקט אין ספר'על. א טיפער, שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון איר קראנקער ברוסט.

עס איז געווען רואיג שטיל אין צימער. די אלטע האט זיך אריבערגע־בויגען איבער'ן ספר, האט אנגעשפארט איר עלענבויגען אן קישען און, ארויפלייגענדיג איר שוואכען קאפ אויף דער אפענער האנט, האט זי אנגע־הויבען אין דער שטיל מיט דעם אלטען וויינענדיגען ניגון:

— „למנצח בנגינות על השמינית מזמור לדוד...“ — און אירע גרויסע שטארע אויגען זיינען פארזאטען געווארען מיט טרערען.

— אדני, — האט זי אביסעלע העכער אויסגערופען — אל באפך תוכיחני, — געטעניו, — האט זי טרויעריג פארטייטשט די ווערטער, — רבונו של עולם, טו מיך ניט שטראפען אין דיין צארן — ואל בחמתך תיסרני — און שטראף מיך ניט אין דיין גרימצארן. — חנני אדני — דערבארעם זיך אויף מיר, פאטער בארעמהארציגער — כי אמלל אני — ווארום איך בין אזוי דערשלאגען; רפאני אדני — טו מיך היילען, רבונו של עולם, — האט זי וויינענדיג געזונגען אויף א קול — אדער נעם מיך צו דיר, — האט זי מיט טיפער כונה געבעטען דורך טרערען, — כי נבהלו עצמי — ווייל אלע מיינע גלידער זיינען פארציטערט געווארען „און איך קען שוין ניט אויסהאלטען מער, פאטער בארעמהארציגער אין הימעל!“ — האט זי פון זיך צוגעלייגט. און פונקט ווי זי וואלט אין דעם טרויער פון דוד'ס הייליג לידעלע אירע אייגענע ווייטאגען פארגעסען און זיי וואלטען גרינגער

געוואָרען פון דעם טרערען אויסגוס פון איר נשמה, האָט זי שוין איצט הויך אויף א קול געזונגען און פארטייטשט די פסוקים פון דעם תהלים:

— ונפשי נבהלה מאד — און מיין זעל איז אזוי דערשראָקען — ואתה — און דו — אדני — גאָטעניו — עד מתי? — ביז וואנען? ביז וואנען וועסטו זיך טאָן דערווייטערען פון מיר?...

שטיל איז געווען אין צימער. א שווערע שטילקייט, אונטערגעבראָכען בלויז פון איר הויך, הילכיג געזאנג און איר גרויסען טרויער.

איר טאָכטער איז געזעסען פון דערווייטענס, צוריקגעלענט אויף א שטול, די הענט פארלייגט אונטער'ן קאָפּ, און געקוקט אויף דעם טרויעריגען בילד. שווערע, שרעקלאכע געדאנקען האָבען באלאגערט איר מוח. א טיפער שמערץ האָט געפרעסט איר נשמה. זי האָט אויך געפרעגט די שרעקלאכע קשיא: עד מתי? ביז וואנען? ביז וואנען וועט די אומגליקלאכע ליידען און איבערטראָגען אירע ווייטאָגען? ביז וואנען וועט זי רופען דעם טויט, איר דערלייזער, און ער וועט ניט קומען?... ביז וואנען וועט די אלטע ליידענדע מוטער זיין א לאסט פאר זיך אליין... פאר איר... פאר אלעמען. ביז וואנען?

עפּעס שרעקליכעס האָט געקעמפט און געראנגעלט זיך אין איר זעלע. עפּעס האָט זיך געריסען פון איר נשמה... עפּעס... צו העלפען איר. וואס אין דער וועלט, דוכט זיך, וואָלט זי ניט געטאָן גרינגער צו מאכען אירע גרויסע ליידען, צוצונעמען זיי ביי איר, רעטען זי?... אָבער, זי ווייסט, אז נאָר איין זאך קען איר העלפען... קען זי ראַטעווען... און...

— אך!... ווי עס האָט געשטורעמט און געקעמפט אין איר נשמה...

עטלאכע טריט ווייטער איז געשטאנען דער קליינער דוד'ל, איר זונעלע, איר מוטער'ס אייניקעל, און האָט פארגאפט געקוקט אויף דער אלטער. מיט קינדערשער נייגעריקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו איר געבעט און מיט זיינע קליינע לייכטענדע אויגעלאך האָט ער נאָכגעקוקט נאָך די רינענדיגע שטראָמען טרערען אויף איר צעקנייטשט פנים.

— שובה אדני — טו זיך אומקערען צו מיר, גאָטעניו, — האָט זי מיט פארווייטאָגטער התלהבות געשריען און געבעטען; — חלצה נפשי — טו ארויסציען מיין זעל; הושיעני למען חסדך — טו מיך ראטעווען, בארעמהארציגער פאָטער, פון דיין חסד וועגען; כי אין במות זכרך — וואָרום ווער קען דיך טאָן געדענקען נאָכ'ן טויט: בשאול מי יודה לך — און ווער קען דיך טאָן קענען אין קאלטען קבר.

— גאָטעניו! — האָט זי געשריען — יגעתי באנחתי — רבונו של עולם, איך בין מיד פון מיינע קרעכצען: אשחה בכל לילה מטתי — איך

טו מיט מיין געוויין נאָס מאַכען מיין לאַנגער אַלע נאַכט — בדמעתי — און מיט מיינע טרערען — ערשי אמסה — טו איך באַגיסען מיין געלעגער...

הויך האָט זי געשריען און געזונגען. די אַלטע שטימע האָט ציטעריג געקלונגען און געהילכט אין דער שטילקייט פון צימער. פון די אַלטע אויגען האָבען זיך געגאָסען טייכען טרערען אזוי ווי פון ניי־געעפענטע קוואַלען.

דער אַלטער שוואַכער קאָפּ איז צוגעפאַלען צום תהלים און אַ נייער הויכער געוויין האָט פאַרקלונגען אין שטילען צימער.

דוד'ל איז מיט שרעק צוגעגאַנגען צו דער אַלטער.

— באַבוסע! — האָט ער אויסגערופען און האָט אַרויפגעלייגט זיין הענטעלע אויף איר אָנגעלענטען קאָפּ. זי האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען און האָט דורך אירע טרערען געקוקט אויפ'ן קינד. דאָס קינד האָט מיט זיין פולע הענטעלע געגלעט איר נאַסע באַק.

— באַבוסע, — האָט ער געפרעגט, — וואָס שרייסטו אזוי... וואָס וויינסטו, באַבוסע? ס'טוט דיר וויי?

די אַלטע האָט אים אָנגעקוקט. דורך אירע שמערצען און טרערען האָט זיך דורכגעריסען אַ וואַרעמער נשמה־שטראַל און זי האָט ליבלאַך געקוקט אויף איר אייניקעל.

— יאָ, מיין קינד, עס טוט מיר זייער וויי, זייער וויי... איך שריי און בעט, מיין קינד, ביי גאָט ער זאָל מיר שיקען דעם טויט. איך קען שוין די ווייטאָגען ניט איבערטראָגען... איך וויל בעסער שטאַרבען.

דאָס קינד האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט די אַלטע. ער האָט זי ניט מיט אַמאָל פאַרשטאַנען.

— באַבוסע, ווילסט שטאַרבען? — האָט ער געפרעגט און האָט אַ ציטער געטאָן. — איך האָב מורא, באַבוסע, שטאַרב ניט, איך וועל וויינען.

— ניין, קינדוניו, נאָך וואָס זאָלסטו וויינען? — האָט זי געפרעגט און אַ טרויעריגע שמערצהאַפטע מינע האָט צעטויפגעקנייטשט איר פנים. — נאָך מיר וועט קיינער ניט וויינען, קיינער וועט ניט קלאָגען נאָך מיר... איך וועל קיינעם ניט אָנגיין... איך האָב שוין יעדען זיך צוגעגעסען... זעסטו, מיין קינד, איך בין טויט קראַנק. אָט דאָ טאַטשעט מיך אַ וואָרעם, אַ ווייטאָג — אַ שרעקלאַכער ראַק עסט מיך אויף לעבעדיגערהייט... די דאָקטוירים זאָגען אַז איך מוז שטאַרבען, איך קען מער ניט לעבען... אָבער אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט. ווען איך און קלאָג און בעט און שריי אַז דער באַרעמהאַרציגער פאָטער אין הימעל זאָל דערהערען מיינע קולות, מיין געבעט און זאָל זיך דערבאַרעמען איבער מיר... ער זאָל מיך נעמען צו זיך... אָדער שיקען מיר אַ רפואה שלמה.

די אַלטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי וואָלט נאָך געוואָלט ריידען. זי

האָט געפֿילט, אַז דאָס קינד איז דער איינציגער, פֿאַר וועמען זי קען אויס־ריידען איר פֿאַרוויטאָגט האַרץ, אויסגיסען איר פֿאַרביטערטע נשמה. אָבער פּלוצלונג האָט אַ שרעקלאַכער שמערץ פֿאַרענדערט איר געל־גרוי פּנים... דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דער אַלטער און האָט מיט מורא אָפּ־געטראָטען צו זיין מוטער. צו איר האָט ער זיך מיט שרעק צוגעטוליעט און זי אַרומגענומען. די מוטער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פֿון אַן אומרואיגען שלאָף און האָט אים מיט אַ ווילדען אימפּעט אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך זיין קליין קערפּערעל. זי האָט אים באַדעקט מיט קושען און אים אַוועקגעשיקט צום פֿענסטער זיך שפּילען... דאָס קינד איז אַוועקגעגאַנגען. די מוטער איז אויפגעשטאַנען פֿון איר שטול, האָט זיך אויסגעבויגען אין דער גאַנצער לענג פֿון איר שטאַרק־געבויטען קערפּער און געקוקט אויף דער אַלטער, וועלכע האָט זיך פֿון אירע ווייטאָגען אין דרייען געדרייט אויף איר געלעגער.

אַ מינוט איז זי געשטאַנען רואיג. די פֿעסטע שטריכען פֿון איר לענגלאַך פּנים האָבען אַ ווילע נערוועז געצוקט. דערנאָך זיינען זיי פּלוצלונג פֿאַרשטיי־נערט געוואָרען אין אַ שרעקלאַכען אויסדרוק פֿון קראַפֿט און אַנטשלאָסען־קייט.

— אַ! נאָר איין איינציגע מינוט פֿון מוט און איך וואָלט זי באַפֿרייט פֿון אירע ליידען, — האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון איר ברוסט.—צוליב איר... צוליב מיר...

אין אירע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ מאָדנע פֿייערעל, אַ שרעקלאַכס, אַ ווילדס, אַזאַ וואָס מען זעט נאָר אין די אויגען פֿון פֿאַרברעכער אָדער משוגעים... און דאָס פֿייערעל האָט געפֿלאַקערט... ביסלאַכוויים איז עס פֿאַר־לאָשען געוואָרען אין דעם טונקעלען שאָטען וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער'ן צימער.

די זון האָט זיך געזעצט. ס'איז נאַכט געוואָרען. וואו־ניט־וואו האָבען זיך נאָך דורכגעשלאָגען די לעצטע שטראַלען פֿון דער פֿאַרגייענדיגער זון דורך די ווייטע פֿענסטער פֿון מערב־זייט, אָבער די שטראַלען האָבען שוין ווייניג געלויכטען. עפּעס אַ שטאַרקע פֿינסטערניש האָט זיך אויסגעשפּרייט אין וויטסטען ווינקעל פֿון צימער. עס איז טונקעל און טונקעלער געוואָ־רען. די פֿינסטערניש האָט זיך אַלץ מער און מער פֿאַרשפּרייט.

— טאָכטער, — האָט די אַלטע גערופֿען, — גיב מיר די רפֿואה, גיב מיר, טאָכטער, טאָמער וועט מיר עפּעס בעסער ווערען.

די טאָכטער איז צו דער קראַנקער מוטער געגאַנגען. דאָס ווילדע פֿייערל אין די אויגען האָט איר דעם וועג באַלויכטען.

זי האָט דער מוטער די מעדיצין געגעבען. די אַלטע האָט די מעדיצין

געטרונקען. עס האָט איר דעם אָטעם פאַרכאַפּט... עס האָט איר די צונג פאַרברענט... דעם האַלז צענויפגעצויגען... זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, האָט זי אָבער ניט געקענט. זי האָט זיך בלויז געראַנגלט און האָט מיט די הענט צום האַלז זיך געכאַפּט... די טאָכטער האָט אַ שוידער געטאָן. זי האָט זיך צו דער מוטער אַ לאָז געטאָן... העלפען איר... האָט זיך אָבער מיט שרעק אָפּגעקערט... עס האָט זי געשווינדערט. זי האָט מיט די געשלאָסענע פינגער פון די הענט זיך די אויגען פאַרשטעלט. זי האָט זיך געשאָקעלט אויף די פיס...

אַלץ האָט אין אַ סעקונדע פּאַסירט, אַז אַ שאַרף פון אַ געדאַנק אין די געהירן, אַז אַ ריר פון אַ געפיל אין דער נשמה ; דורך אַ געוואַלטיגער קראַפט, אַן אומדערקלערלאַכער, אַן אומבאַגרייפלאַכער.

אין צימער איז אַלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרען, שרעקלאַכער און שרעקלאַכער... די זון האָט זיך שוין לאַנג געזעצט. אירע שטראַלען האָבען זיך איינציגוויים אויסגעלאָשען. דוכט זיך, אַזוי ווי פון דער טאָכטער'ס אַקסלען האָט זיך אין דער מורא'דיגער טונקעלקייט אַ גרויסער מיאוסער ריז אויף שוואַרצע פליגלען אויפגעהויבען, מיט אַ נאַקעטען שאַרבען, מיט שוואַרצע, קאַלטע קברים-אויגען, מיט אַ טויט-בלאַסען שמייכעל פון נצחון אויף זיינע שצאַרע פאַרבלוטיגטע ציין האָט ער געשוועבט און געשוועבט אין דער לופט.

די אַלטע האָט זיך געראַנגעלט. אירע ליפּען האָבען עפּעס געמורמעלט. זי האָט הפנים געוואָלט וויסען צי איז עס די ריכטיגע רפואה געווען.

קיינער האָט איר ניט געענטפערט.

מיט די צענויפגעלייגטע הענט איבער די אויגען איז די טאָכטער ווי אַ שכור'ע אין ווינקעל-צימער אַוועקגעגאַנגען. בלויז דער שוואַרצער ריז האָט אין צימער איבער דער אַלטער געשוועבט. זיין שרעקלאַכע ביינערנע אויס-געשטרעקטע האַנט האָט איר האַלז געזוכט, דעם אַלטען קראַנקען האַלז... און קיינער האָט ניט געשטערט.

פון וויטסטען פענסטער האָט זיך דער לעצטער אַוועגט-שטראַל שוין אַרונטערגעקאַטשעט. די זון איז פאַרגאַנגען. נאָר וויט, וויט האָט זיך נאָך ווי אַ ברעג פון אַ בלוטיגען ים אין פלאַמען געטרויטעלט און געפלאַקערט.

אין צימער איז שוין נאַכט געווען. אַ טויט-שרעק האָט געהערשט.

עפּעס האָט אַ שטאַרקען כאַרבעל געטאָן. די שרעקלאַכע האַנט האָט דעם האַלז דערטאַפּט און דער אַלטער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

די טאָכטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר הינערפּלעט, און האָט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגען געקוקט אין דעם ווינקעל וואו די אַלטע

איז געלעגען. צוויי גלעזערנע אייגען האבען איר אקעגענגעשטארט. דאס פארגליווערטע פנים האט, דאכט זיך, געשמייכעלט.

די טאכטער האט געציטערט און האט ווידער באהאלטען איר פנים אין די אפענע הענט. אין דער פינסטערניש האט זי מחנות אויפגערייצטע מענשען פאר זיך געזען. מיט שטיינער אין די הענט האבען זיי זיך נאך איר נאכגעיאגט און האבען איר נאכגעשריען:

— מוטער־מערדערין! מוטער־מערדערין!...

אבער די אלטע איז רואיג געלעגען אין איר בעט. פריי פון אירע שמערצען און וויטאגען.

געראטעוועט... דער טויט האט געזיגט!...

צווישען אידעאַל און לעבען

(בילדער און סצענעס)

1.

די באָבע מיט'ן איניקעל

געשטאַנען איז די אַלטעטשקע אין סאַמע מיטן „העסטער־מאַרק". אין
די וואָכעדיגע טעג פלעגט זי שטיין אויף איר אָרט פון דעם גרויען פרימאָר־
גען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַנגעטאָן אין טראַנטעס און אין שמאַטעס,
איינגעהויקערט און איינגעבויגן איבער אַ קורצן שטעקן, איז זי געשטאַ־
נען לעבן איר קאַשעקעל מיט'ן אָרעם ביסעל סחורה. דאָס אַלטע פאַרמע־
טענע פּנים איז געווען טיף געקנייטשט און געדונצעלט. די דינע באַקן איינ־
געפאַלן; די בלויע ליפּן איינגעשרומפּן; די שפּיציגע פאַרריסענע
מאָרדע באַוואַקסן מיט אַ גרויליכן מאָד. די אַלטע אויגן האָבן ארויס־
געקוקט פון די טיפע אויגנלעכער און האָבן קוים־קוים געזען די ליכטיגע
וועלט. דער גרויער קאָפּ, באַדעקט מיט אַ שוואַרץ־אָפּגעריבן שטערן־
זיבעל, האָט פון אַלטקייט זיך געשאָקלט ווי אַן אומרו.

אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט האָט זי מיט די קרומע דאַרע פינגער
געהאַלטן מוסטערן פון איר סחורה און מיט אַ דינער, ציטערדיגער שטי־
מע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט דער טיפער טרויער פון איר נשמה,
האָט זי פּאַמעלאַך און צעצויגן אויסגעזונגען:

— ליכט... און מעט־שעס... מעט־שעס און לי־כט... צוויי פאַר אַ
פּע־נע... קויפט... ווייבער... צוויי־פאַר־אַ־פּ ע ע נ ע. —

„די באָבע" האָט מען זי אין מאַרק גערופן, ווייל איר גאַנץ פאַרמעגן
אויף דער וועלט איז געווען אַן איניקעל — אַ יתום'על פון אַ יאָר זיבן.
ער איז איר געבליבן אַ טרויעריגע ירושה פון איר איינציגער טאָכטער
וואָס איז מיט אַ יאָר דריי צוריק געשטאָרבן פון טשאַכאָטקע. שכנים און
אַזוי גוטע לייט האָבן דעמאָלט דער אַלטער אַן עצה געגעבן, זי זאָל
אַוועקגעבן דאָס יתום'על אין יתומים־הויז אריין.

— ווי אַזוי וועט איר אים דען דערנערן? — האָבן זיי מיט רחמנות
געפרעגט.

יאָ, ווי אַזוי? אָבער זי האָט עס ניט געקענט... איר האַרץ האָט עס ניט
דערלאָזט. זי האָט ניט געקענט פּועל'ן ביי זיך אַוועקצוגעבן דאָס איינציגע
וואָס איז איר געבליבן אין לעבן. און... פון דעמאָלט אָן שטייט זי אָט
דאָ, אין מאַרק, סאַי זומער און סאַי ווינטער, אין רעגן און אין שניי, און
רופט מיט איר אַלטער פאַראומערטער שטימע:

— ליכט... און מעט־שעם... מעעט־שעם און ליכט... צוויי־פאַר־אַ־פּע־נע... קויפט... ווייבער. — צוויי פּאַר־אַ־פּ ע ע נ ע.

* * *

עס איז געווען פרייטאג פאַרנאַכט אין אַ שיינעם, וואַרימען זומער־טאָג. די גרויסע גליהענדיגע זון האָט ווי אַ גאָלדענער טאַץ זיך געגליטשט אין מערב זייט איבער דעם האָריזאָנט, און האָט געפינקעלט און געבלישצעט איבער דעם נעגילטען צלם פון אַ הויכען קלויסטער. דער הימעל איז געווען לויטער קלאָר. ערטערווייז, ביים סאַמע האָריזאָנט, זיינען אין דער לופט געהאַנגען גרויסע שנייאיגע בערג־וואָלקענס און הינטער זיי האָט זיך, ווי אַ זוים אַרום דער טונקעלער ערד, געצויגען אַ ברייטער בלויער פּאַס. פון דרום זייט האָט זיך געטראָגען אַ קיל ווינטעל וואָס האָט אָפּגעפרישט די פאַרשוויצטע הענד־לער און טענדלער. אין מאַרק האָט געקאָכט און געזאָטען.

ערב שבת. די גרויסע מאַסע קונים האָבען זיך געאיילט איינצוקויפען וואָס זיי האָבען באַדאַרפט, כדי וואָס גיכער צו לויפען אַהיים.

זיי האָבען זיך געשטופּט, געשטויסען און געדריקט אין דער איינג־שאַפט און האָבען געפּילדערט און געליאַרעמט. די וואָגענס פון די געפּראַפּטע גאַסען האָבען זיך קוים דורכגעשלאָגען אַ וועג און די פורמאַנעס האָבען גראָב געשאָלטען און געזידעלט דעם עולם פאַר דער גרויסער איינגשאַפט. הונדער־טער פּעדלערס שטייענדיג ביי „פּושקאַרטס“, אָדער שטופּענדיג זיי פאַראויס צווישען דער מאַסע איינקויפער, האָבען אויף אַ קול אויסגערופען די מעלות פון זייערע סחורות און מיט ליאַרעם און געפּילדער האָבען זיי איינער דעם אַנדערען אָקאָמפּאַנירט און איבערגעשריען.

— אָר־ענד־זשעס — האָט זיך געריסען אַ דויט אידעל מיט אַ דיקען קאַרק און אַ הייזעריגער שטימע, — קאַ־לי־פּאָניע... אָרענד־זשעס... דריי פּאַר אַ ניקעל... דריי פּאַר אַ ניקעל... דריי פּאַר אַ־ני־י־קעל... — האָט ער געשריען, צענויפלייגענדיג זיינע רויטע און געלע מאַראַנצען אין צוויי גרויסע פּיראַמידען.

אים האָט אַקאָמפּאַנירט אַ דין, ווייך שטימעלע פון אַ „גרין“ אינגעל:

— גריי־פּעס... גריי־פּעס... וויינ־טרויבען... — האָט ער געקוויטשעט אויף אַ מיידעלש קול.

צייטענווייז האָט זיי ביידע פאַרהילכט די בייזע שטימע פון אַן אַלטען גרויען אידען:

— רעטעכער... רעטעכער... רעטעכער — האָט ער אין איין אָטעם זיך געבייזערט. ער האָט מאָדנע גיך געווישט די וואָנצעס אַחין און אַהער מיט'ן רוקען פון זיין האַנט און האָט ווייטער געדונערט: „רעטעכער... רעטע־בער... רעטעכער...“ ביז ווי ווייט זיין אָטעם האָט געכאַפּט.

אביסעל ווייטער האָט אַ לאַנגער דאַרער איד מיט אַ געל פּנים און אַ בלאָנד שיטער בערדעל געשטופּט זיין וועגעלע פאַר זיך און האָט מיט אַ רחמנות׳דיגען נגון געבעטען:

— טשיי־נע... פּאַרצעליי אויף שבת... קויפט... קויפט אויף שבת!

אַ טויט־שרעק איז אין זיינע אויגען געלעגען. און ניט אומזיסט: ער איז טאַקע ערשט קוים ניצול געוואָרען פון דעם טויט. ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיגער פון אונטער אַ גרויסען ביר־ברויעריי וואָגען.

דער טרייבער פון דעם וואָגען, אַ דיקער דייטש מיט צעשויבערטע וואָנצעס, מיט אַ פאַר׳שכור׳ט, בּעט פּנים און רציחות׳דיגע אויגען, האָט מיט זיינע אייזערנע הענט צוריקגעהאַלטען די שטאַרקע פערד, כדי דורכ־צולאָזען דעם עלעקטרישען טראַמוואַי אויף די רעלסען וואָס האָבען איבער־געשניטען דעם וועג. דער טראַמוואַי האָט אָן אויפהער געקלונגען מיט זיין גלאָק. דער דייטש האָט אין אַ סעקונדע באַנומען די געפאַר; און איינשפּאַ־רענדיג זיינע פיס אין דעם אונטערשטען אייזען פון זיין זיץ, האָט ער מיט זיין גאַנצען כח זיך צוריקגעלעגט אַהינטער און האָט מיט אַן אייזערנער גבורה צוריקגעצויגען די לייצעס.

— בעק... בעק... — האָט ער געשריען מיט אַ ווילדער רציחה אויף די פערד. — פאַרדאַמט... צוריק... דאַנער וועטער... — פון כעס איז ער אַזש רויט געוואָרען.

די פערד האָבען נאָכגעגעבען. דערשראָקענע האָבען זיי זיך געזעצט אויף די הינטערשטע פיס, אויפהויבענדיג די פאָדערשטע אין דער לופטען. דער גרויסער ביר־וואָגען האָט זיך אַ שליידער געטאָן אַהינטער אין דער נאָס און האָט אַזוי אַרום שיר ניט צעקוועטשט דעם אָרימען פעדלער מיט זיין פּאַרצעליי. האָבענדיג זיך אַרויסגעדרייט פון אַ זיכערען טויט, האָט ער נאָך אַלץ אין טויט־שרעק און מיט אַ רחמנות׳דיג קול געשריען:

— טשיי־נע... פּאַרצעליי... אויף שבת... קויפט — קויפט אויף שבת...

דער עלעקטרישער טראַמוואַי איז דורכגעלאָפען אין דעם געטומעל פון זיינע קלאַנגען. פון אונטער זיינע רעדער האָט געקנאַקט און געשאָסען אַ בליץ־שנעלע רייע פון הילכיגע ראַפּאָרטען. דאָס האָט עקספּלאָדירט אַ בינטעל רויטע פייער־ווערק פּיסטאָנען, וואָס אַ קליין אינגעל האָט לכבוד דעם קומענדיגען יום־טוב פון 4־טען יולי שוין איצט אונטערגעוואָרפען אונטער דעם וואָגען. דער טראַמוואַי איז געלאָפען איבער די רעלסען; דאָס פייער־ווערק האָט געקנאַקט און געשאָסען און דער עלעקטרישער וואָגאָן האָט זיך געוויגט און געהוידעט אין אַ וואָלקען פון רויך, פונקען און פלאַ־

מען... דאָס אינגעל, שטייענדיג פון דערווייטענס, האָט עס צוגעקוקט מיט לעבעדיגע אויגלאַך און אַנגעקוואָלען פון גרויס הנאה.

דער טומעל האָט זיך אַלץ געטראָגן. אַפּטמאָל האָבען זיך פון דעם גערויש אויך אויסגעטיילט די שאַרפע שטימען פון בייזע ווייבער, וואָס האָבען געשאָלטען איינס דאָס אַנדערע.

— מרשעת, רייס ניט פון די הענט — האָט איינע געשריען.

— איך גיב דיר מיט'ן בינטעל איבער'ן קאָפּ — האָט די אַנדערע געענטפערט.

— חצופה! — האָט איינע געזידעלט.

— פּגירה! — האָט אַ צווייטע אויסגעשפּיגען מיט פאַרדראָס.

און דער כריין־הענדלער, לעבען וועמען זיי האָבען זיך געקריגט, האָט זיי איבערגעשריען מיט אַ נגון:

— צעבאַפּט זיי, ווייבערלאַך, פרישינקע בינטלאַך... כריין אויף שבת... אויף מיר אַזאַ יאָר... כריין אויף שבת...

אים אנטקעגען, פון איבער דער גאַס, האָט געענטפערט די קלינגענדיגע שטימע פון אַ יונגענמאַן, האַלב „יענקי“, האַלב איד. ער איז געשטאַנען אויפ'ן עק גאַס, פון אַ רייזען־טאַש וואָס איז געווען אריבערגעוואָרפען איבער זיין אַקסעל, האָט ער אויסגעטיילט שטיקלאַך „טשואינג גאָם“ און האָט געשריען, געפּילדערט, גערופען קונים, געזונגען און געטאַנצט מיט נאָכגעמאַכטער נעגערשער התלהבות:

— העי... — האָט ער זינגענדיג גערופען:

„ווילט איר עס... ביי'עם.

„ווילט איר ניט... טריי'עם.

„איך גיב עס פאַר נאַטהינג!...

„באָט, ווען יו טריי'עם.

„אַד, יו'ל ביי'עם.

„העי, טריי'עם, ביי'עם!...“

און, איינבויגענדיג דעם קאָפּ, האָט ער אויפגעהויבען זיינע צעשפּרייטע אויסגעבויגענע הענט אין דער הויך ביז די אַקסלען, און באַוועגענדיג דעם קערפּער אין שנעלע צוקונגען, האָט ער מיט די טריט פון זיינע דינע פיס אין די לאַקירטע שיך, געטאַנצט מיט גרויס התלהבות דעם נעגערשען זשינגאַ־טאַנץ... דער עולם האָט זיך ארומגעשטעלט ארום אים, האָט אים מיט פאַרגעניגען אַנגעקוקט, געלאַכט און געפרייט זיך. און ער האָט געטיילט שטיקלאַך „טשואינג גאָם“ און גיך און געשיקט האָט ער אויספאַרקויפט זיין וואַרע.

און אַמאָל, ווען ניט ווען, אין די שטילערע מאָמענטען פון דעם גרויסען

געפילדער, האָט זיך אהער אויך דערטראָגען דער „באָבע׳ס" טרויעריגע צעצויגענע שטימע, וואָס האָט פּאַמעלאַך געזונגען:

— ליכט... און מעט־שעס... מעעט־שעס און ליכט... צוויי—פּאַר— אַ־פּע־ענע... קויפט... ווייבער... צוויי פּאַר אַ־פּע־ענע.

* * *

אָבער ניט פון מאַרק אַליין איז געקומען דער טומעל וואָס איז געהאַנגען ווי דער רויש פון אַ ווייטען וואַסער־פאַל אין דער לופט פון דער געגענד.

אנטקעגען, איבער דער גאַס, וואו די „באָבע" איז געשטאַנען, איז געווען דער „העסטער פּאַרק", אַ שטיק ליידיג פּלאַץ, אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס.

אַ פּאַרק איז עס געווען נאָר ווייל אַזוי האָט עס געהייסען. אין דער אמת׳ען זיינען אין דעם אָפּגעצאַמטען פּלאַץ געווען נאָר עטלאַכע הויכע, יונגע בוימעלאַך, אַ ביסעל גרין גראָז, אַ פּאָר אָפּגעבליאַקעוועטע בלומען־בייטען; לאַנגע אייזערנע פּאַרראַסטעטע ביינק, אויסגעשטעלט אין די ברייטע אַספּאַלטענע סטעזשקעס; אַ פרייע באָד־הויז מיט אַ גרויסען גאַניק פאַר אָרעמע מוטערס מיט קראַנקע עופ׳עלאַך, און צוויי אָפּגעצאַמטע שטיקער „פּאַרק" פאַר עלטערע קינדער צו שפּילען זיך. אַט דאָס איז געווען „העסטער" אָדער „סיוואַרד" פּאַרק, ווי די אָפיציעלע שטאָט־געאָגראַפיע האָט עס גערופען.

דערפאַר אָבער איז „העסטער פּאַרק" געווען דער עיר־מקלט פון אַלע מינים מענשען. דאָ האָבען זיך אַרומגעדרייט אָרעמע אַרבעטער אָן אַרבעט, וואָס פלעגען דאָ זוכען צו פאַרדינען אַ גראָשען — דאָס איז געווען זייער בירזע: אַהער פלעגען קומען די „סוועטערס", קליינע און גרויסע, און דינגען „הענט" צו דער אַרבעט. דאָ פלעגען אויך אַרומשפּאַצירען יונגע פּאָר־לאַך, בחורים און מיידלאַך, פון די אָרעמערע אַרבעטער, סוד׳ען זיך... פאַר־ליבען זיך... און אַ מאָל, אין אידילישער אומשולד, דאָ טאַקי קושען זיך אונטער די יונגע בוימעלאַך שפּעט ביי נאַכט. דאָ פלעגען אָפטמאָל קעשענע־גנבים אויסראַמען ביים אָרעמאַן זיין לעצטען סענט, וואָס ער האָט געטראָגען אויף ברויט פאַר זיינע קינדער. הונדערטער און טויזענטער פלעגען דאָ פאַרבייגיין, לויפען אין אייל׳עניש אין מאַרק אַריין, אָדער צוריק פון מאַרק אַהיים. און דער רויש און טומעל איז געווען דאָ ניט קלענער ווי אין מאַרק און ער פלעגט זיך ציען פון דאַנען צו יענעם טומעל אין מאַרק און זיך מיט אים פאַרשמעלצען.

דעם פרייטאָג פאַרנאַכט איז „העסטער פּאַרק", ווי תמיד, געווען אָנ־געפּאַקט מיט מענשען. די קינדער האָבען זיך, ווי געוויינטלאַך, געשפּילט אין זייערע אָפּגעצאַמטע אָפּטיילונגען לעבעדיג און פריילאַך, מיט קינדערשער

התלהבות און קינדערשען גענוס. די אינגלאַך האָבען זיך געשפּילט באַזונדער, די מיידלאַך באַזונדער. די מיידלאַך האָבען דאָס רוב געקוויקעלט רייפען און לוסטיג, מיט פריילאַכע אויסגעשרייען, זיינען זיי נאָך זיי נאָכגעלאָפען. אייניגע זיינען געשפּרונגען איבער אַ שטריק, וואָס די חבר'טעס האָבען געהאַלטען אין דער הויך, און טאַנצענדיג האָבען זיי געציילט די שפּרינג: איינס, צוויי, דריי... יעדען שפּרונג איבער'ן שטריק. אַנדערע האָבען זיך געהוידעט אין די הוידעלקעס און האָבען, ווער מיט מורא און ווער מיט פאַרגעניגען, געשריען און געפּילדערט אין אַנגסטען אָדער פרייד. אייניגע האָבען זיך צעלייגט אויף דער ערד און האָבען פון ווייסער נאָסליכער זאַמד קינדערשע הייזעלאַך געבויט, קעלערס און גריבער געגראָבען און קייטען פון בערג אָנגעשאָטען... און גאָר אַנדערע האָבען מיט פאַרפּלאָמטע פּנים'ער געשפּילט אין כאַפּערלאַך. זיי זיינען געלאָפען, הילכיג געלאַכט, געכאַפּט איינס דאָס אַנדערע און לאַכענדיג אויף אַ קול זיך פאַרגאַנגען פון פאַרגעניגען.

אין זייערע לעבעדיגע שפּילען, אין די געשרייען און אַנטציקונגען, אין דאָס גאַנצע באַנעמען האָט זיך געפילט די שטילע בנעימות'דיגע, מיידעלשע נשמה.

די אינגלאַך האָבען זיך געשפּילט מיט מער רוגזה און שטאַרקער גערפּילדערט. אַ חברה האָט אין מיאַטש געשפּילט. רויטע, פאַרשוויצטע, האָבען זיי מיט מענליכער קראַפט געשליידערט דעם מיאַטש, געלאָפען נאָך אים, געכאַפּט אים און געוואָרפען אין דער לופט צו זייערע חברים אויף דער אַנדערער זייט. בעת די געגנער זייערע, דער אַנדערער צד, זיינען אין דער צייט ווי פאַר'סמ'טע מייז אַרומגעלאָפען איבער די געצייכענטע שפּורען פון שפּיל-פּלאַץ.

אַנדערע האָבען גימנאַסטיקע געמאַכט. קונצען געוויזען: אין אייזערנע רינגען זיך געהוידעט, איבער אייזערנע שטאַנגען אין דער לופטען זיך איבערגעוואָליעט. די אַנטציקטע חברים זיינען געשטאַנען אַרום, באַוואונדערט יעדע באַוועגונג און מיט הילכיגע אויסגעשרייען, פון אַן אַנטציקטער קינדערשער נאַטור, די געגענד פאַרטויבט.

דער פריילאַכער געטומעל פון די קינדער האָט זיך צענויפגעגאָסען מיט דעם ליאַרעם פון די דערוואַקסענע אין פּאַרק. יענע זיינען טיילוויז געזעסען אויף די ביינק און טיילוויז געשטאַנען אין רעדלאַך אויף די געפּאַלסטערטע סטעזשקעס. זיי האָבען מיט חשק גערעדט צווישען זיך, אָפטמאָל אַלע מיט אַמאָל, געמאַכט מיט די הענט, געשריען און געקריגט זיך, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען מיט זייערע רייד און קולות אויפגעלעזט די טיפסטע פּראָבלעמען פון דער מענשלאַכער זעלע, פון מענשלאַכען לעבען.

איין רעדעל האָט מער ווי אַלע צוגעצויגען די פאַרבייגייער.

דאָ איז געשטאַנען מאַטיע גוי, די גרויסע פּערזענלאַכקייט פון „העסטער פּאַרק“. אַלע האָבען אים געקענט. ער איז געווען דער רעדנער, דער אַגיטאַ־טאָר, דער נביא פון פּאַרק. אַ נידעריגער, דיקער איד, מיט אַ ברוינער גע־שוירענער באָרד, מיט אַ גרויסען, בלויזען, פּליכעוואַטען קאָפּ, דאָס רעקל איבער דער האַנט, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל, ערשט פון דער אַרבעט, מיט אַ צעשפּילעטער זשילעט אין אַ האַלב־צעכראַסטעטען העמד, פון וועלכען עס האָט זיך אַרויסגעזען די פאַרוואַקסענע ברוסט, אַן אַלטע רויטע פאַטשיילע אין דער האַנט, פלעגט ער שטיין אַ בייזער, אַן אויפגערעגטער, מיט ברע־נענדיגע אויגען און ריידען צום פאָלק, צו זיינע ברידער, די סוועט־שאַפּ קנעכט. אין גיכע ניט־דערדערדטע פּראַזען, גלייך ווי ער וואָלט זיך געאיילט אַריינצוכאַפּען וואָס מער, פלעגט ער, דער נייער עמוד אש, אין קאַלירען פון פלאַם פייער, מאָלען זיי זייער לאַגע, דערציילען זיי ווי מען שינדט פון זיי די הויט, ווי מען נעמט ביי זיי צו דעם לעצטען ביסען פון מויל... און ער פלעגט ניט שאַנעווען די בלוט־זייגער... אָבער ער פלעגט אויך די קנעכט ניט שאַנעווען...

— פאַר וואָס שינדט מען אונז? — פלעגט ער פרעגען מיט זיין גרויסער באַס־שטימע.

— ווייל מיר זיינען אָקסען... אָקסען צו שינדען אונזער פעל... — פלעגט ער דונערען אין דער לופט. און ער פלעגט זיך גיך אַ וויש טאָן מיט דער רויטער פאַטשיילע דאָס פאַרשוויצטע פּנים און דעם נאַסען פליך און ווידער ריידען מיט ברענענדיגער באַגייסטערונג. ווי אַ נביא פלעגט ער אַריינקוקען אין דער ווייטער צוקונפט, זעהען בנבואה דאָס אָנקומען פון אַ גאָלדענער צייט.

זיינע צוהערער פלעגען אים ניט תמיד פאַרשטיין. אָבער זיי האָבען אימער געפילט זיינע וואַרימע רייד, זיין ביטערען אמת. און זייערע פּנים'ער פלעגען עדות זאָגען, אַז שטיל אין דער נשמה האָבען זיי געגאַרט אַז עס זאָל מקוים ווערען זיין נבואה.

און זיין שטימע, די שטאַרקע שטימע פון אַ פאָלקס־רעבעל, פלעגט זיך הערען איבער דעם געטומעל פון פּאַרק.

און אַלע געשרייען — דער קינדערשער יובעל פון לופט און פרייד, די קרעמערשע קולות פון האַנדעל און וואַנדעל, דער פּוסטער ליאַרעם פון ליידיג־גייער און פאַרבייגייער אין די געוואַגטע שטימע פון אַ דענקענדען קנעכט — פלעגען זיך צענויפגיסען אינאיינעם, זיך וויגען און באַוועגען מיט דער טויזענט־קעפּיגער עדה און טראָגען זיך אין אַ ברויזענדען גערויש מיט די כוואַליעס פון דער לופט און הערען זיך פון ווייטע יעדען פרייטאָג

פאַרנאַכט אין אידישען קוואַרטאַל, ווי דאַס רוישענדע וואַסער פון דעם מאַכטיגען ניאַגאַראַ...

* * *

ערב שבת. די זון האָט זיך שוין האַלב באַהאַלטען הינטער דעם גרויסען קלויסטער־טורעם. בלויז די העכערע שפּיצען פון די יונגע בוימעלאַך אין „העסטער פּאַרק" זיינען נאָך באַלויכטען פון אירע שטראַלען. אויסגעצירט אין אַ גין־גאָלדענער קרוין, שאָקלען זיי זיך אין דעם קילען ווינטעל און ווינקען מיט די בלישצענדיגע בלעטעלאַך צו דער קומענדיגער שבת'דיגער רו. ברייטע, גרויסע שאָטענס שפּרייטען זיך אויס און לייגען זיך איבער די הייזער פון דער געגענד. דער רויש הויבט אָן צו פאַרשווינדען ערגעץ־וואו ווייטער און ווייטער אין רוים. ביסלאַכווייז ווערט שטילער. אין די גאַסען ווערען ווייניגער מענשען. ווייניגער ווערען די וועגען און וועגעלאַך. דאָ און דאָרט הערט זיך דער קלאַפּ פון אַן אייזערנער טיר וואָס מאַכט זיך צו אויף שבת. אַ ריגעל פאַרריגעלט זיך, אַ טיר פון אַ קעלער פאַלט צו מיט אַ קלאַפּ... עס ווערט אַלץ שטילער... שטילער...

די „באָבע" קלייבט זיך שוין צו גיין אַהיים. דער שבת קודש קומט. זי לייזט נאָך אָבער אַביסעל געלט... און... ס'איז אַן עברה אוועקצואוואַרפען. און קונים לויפען דורך און קויפען ביי איר ליכט און שוועבעלאַך. אָט האָט ביי איר אַ פאַרשמייעטע אידענע מיט אַ קאַשעק אויפ'ן אָרעם ליכט גע־קויפט. די אַלטע האָט זיך צו־לאַנג געפּאַרעט מיט דעם אויסגאַב, זי זעט שוין כמעט גאָרניט, און די אידענע בייזערט זיך און טרייבט זי אונטער:

— גיכער, באָבע, גיכער!... עס ווערט שפּעט.

אַ פאַרשייט, אָפּגעריסען אינגעל קויפט ביי איר שוועבעלאַך. מיט אַ גאַנצער כאַפּטע ווייסע־חברה'ניקעס רויכערט ער זיין ציגאַרעטעל און בלאָזט דעם רויך דער אַלטער אין פּנים אריין. ער לאַכט מיט זיינע חברים און זיי מאַכען חוזק פון איר. זי בייזערט זיך אויף די ווייסע־חברה'ניקעס און סטראַשעט זיי מיט'ן שטעקען. אַ איד מיט נאַסע באָרד און פּאות און אַן אויסגעפּריעט פּנים'על האָט ביי איר ליכט און שוועבעלאַך אויף שבת גע־קויפט און איר פריינדלאַך געהאָלפען געבען אים פון איר פּולער האַנט מיט קליין־געלט אויסגאָב פון אַ זילבערנער מטבע.

אין מאַרק ווערט אַלץ שטילער און שטילער. די זון האָט זיך שוין באַלד אינגאַנצען געזעגנט, נאָר אַ רויטער גליענדער פּאַס האָט זיך נאָך געצויגען איבער דעם טונקעל־בלויען האָריזאָנט. עס פילט זיך אַזוי ווי אַ טיפע, גרויסע שטילקייט רוקט זיך אַלץ מער און מער אָן אויף דער געגענד. דאָ און דאָרט נאָר האָט נאָך אַ פאַרשפּעטיגטער פּעדלער מיד געצויגען זיין לייט־מאַטיוו:

— קויפט, ווייבער, קויפט. — און ווען ניט ווען האט מען נאך געהערט די הילכיגע אויסגעשרייען פון שפּילענדיגע קינדער.

אויפ'ן עק גאס איז נאך דער אייזמאן געשטאנען אויף זיין וואגען און אייז פארקויפט. זיין פערד האט מיד אראפּגעלאזט זיין לאנגען, שמאלען קאפּ און האט מיט די נאז־לעכער צעבלאזען דעם שטויב אויף דער ערד. א קערענדעל האבער האט ער געזוכט. אומזיסט, נעבאך. האט ער א הויב געטאן די אויבערשטע ליפּ און ארויסגעשטעלט זיין בלאס־רויטע יאסלע מיט די אלטע פאדערשטע ציין — ער האט גארניט געפונען. אזוי ווי פאר־שעמט האט ער אראפּגעהאנגען זיין שווערען קאפּ, צוגעמאכט די אלטע מידע אויגען און גדרעמעלט. ווער ווייסט, אפשר האט ער זיך גע'חלום'ט פון דער מארגענדיגער שבת'דיגער רו. זיין בעל־הבית, דער אייזמאן, אויס־געמאטערט און פארשוויצט, איז געשטאנען אויפ'ן וואגען מיט א גרויסער אייזערנער צוואנג אין איין האנט, מיט דער אנדערער האט ער האלב־קיילעכדיג פארשטעלט דאס מויל און האט שארף געשריען:

— אייז... אייז... אייז...

די „באבע" האט שוין איינגעדעקט איר סחורה אין קאשעקעל. א מינוט איז זי געבליבען שטיין. א ליכטיגער שטראל האט באלויכטען איר געדונצעלט פּנים און האט, דאכט זיך, אויסגעפילט די קנייטשען.

— דער שבת קודש קומט — האט זי געקלערט. די אלטע גרויס'ע גע־וואוינהייט פון איר נשמה האט זיך גראד איצט צענויפגעשמאלצען מיט א געפיל פון טיפען טרויער. אבער א ליכטיגער, א פרייליכער געדאנק האט פלוצלונג גובר געווען און האט צוריק דאס אלטע פּנים באזעלט... מאר־גען האט איר שלמה'לע יארצייט נאכ'ן טאטען. מארגען — שבת — וועט ער זאגען קדיש אין שול. און היינט... היינט וועט זי אים קויפען דאס ער־שטע גארניטורעל זינט זיין מוטער איז געשטארבען. ביז אצינד האט זי אים ניט געקענט קויפען קיין מלבושים, איז ער געגאנגען אין די אלטע שמאטעס וואס זיינען אים פון איר בירושה געבליבען. היינט אבער וועט זי אים קויפען דאס גארניטורעל, אויף וועלכען זי האט שוין לאנג געוואר־פען אן אויג. — עס קאסט אפילו 98 סענט... כמעט א גאנצער דאלאר... — האט זי א טיפען זיפץ געטאן — אבער דערפאר איז עס א שיין גארניטורעל, א וואויל גארניטורעל... און, ווי ביי לייטען, גאר בזול. ביי איר אבער?... פון פסח אן האט זי צענויפגעלייגט א פעני צו א פעני און האט שוין, דאכט זיך, א 7־48 סענט אפּגעשפּארט... היינט וועט זי פון דעם פּדיון דאס איבע־ריגע אראפּנעמען — מעג זיך זיין וואס עס וויל זיך — און וועט אים קויפען דאס אנצועגל. נישקשה. זי וועט זיך שוין איבער'ן זומער איבערמוטשען און

וועט מיט גאט'ס הילף ביסלאכווייז דורכקומען... גאט וועט איר העלפען. דערפאר מארגען... ווען זי וועט גיין מיט שלמה'לען אין שול אריין...

— רבונו של עולם! ווער וועט זיין גלייך צו מיר?... — האט זיך ביי דער אלטער ארויסגעריסען פון דער נשמה. — און אז ער וועט שטיין אויף דער שול־באנק און וועט מיט זיין הויך־קלינגענדיג קול'כעל זאגען דעם יתגדל ויתקדש שמיה רבא... אך, גאטעניו...

און זי איז געשטאנען א מינוט אין דעם שטילען הייליגען שאטען פון דעם קומענדיגען שבת און האט אין א טיפען הייליגען עקסטאז געריבען אירע אלטע הענט און עפעס אזוי ווי אומגערען האט זי זיך געוויגט פון איין פוס אויפ'ן אנדערען און דאס שטראלענדיגע פנים האט ווי אז אומרו צוגעשאקעלט צום טאקט פון איר נשמה־פרייד...

* * *

אויפ'ן וועג אהיים האט „די באבע" געקויפט דאס גארניטורעל פאר שלמה'לען און, איינגעהויקערט ווי תמיד, דאס קאשעקעל אויף איין האנט, דעם שטעקען אין דער אנדערער, איז זי, דאכט זיך, גרינגער און גיכער געגאנגען. די פרייד פון איר נשמה האט זי אונטערגעטריבען.

אין גאס איז שוין גאר שטיל געווען. א הייליגע רו האט זיך אויסגעשפרייט אומעטום... און דא און דארט האבען זיך שוין אנגעצונדען בענטשליכט און האבען מיט זייערע פריילאכע חנ'עוודיגע פלעמלאך געוואונקען דורך די פענסטער א גוט שבת דער גאנצער געגענד.

2.

דער זילבערנער האלבער דאלאר

אינדערהיים האט „די באבע" אראפגעווארפען פון זיך די וואכעדיגע שמאטעס און מיט זיי — דעם יאך פון די וואכעדיגע זארג. זי האט זיך שבת'דיג ארומגעוואשען, האט אנגעטאן אירע אלטע שבת'דיגע קליידער און האט זיך צוגעגרייט ליכט־בענטשען. די צוויי ארימע חדרים'לאך וואס זי האט פארוואוינט מיט שלמה'לען זיינען שוין לאנג געווען ריין, ציכטיג, שבת'דיג. די אלטע מעשענע לייכטער מיט די ווייסע סטעארינענע ליכט האבען שוין לאנג געגלאנצט אויף דעם באדעקטען טיש און געווארט אויף דער באבע. שלמה'לע פלעגט יעדען פרייטאג פארנאכט אויסשייערען די לייכטער, ארייננשטעקען אין זיי די ליכט און שטעלען זיי אויף זייער ארט. מיט אומגעדולד פלעגט ער ווארטען אויפ'ן ליכט־בענטשען. ער האט זייער שטארק ליב געהאט צו זען ווי די באבע בענטשט ליכט.

איצט האט ער, ווי יעדען פרייטאג אין דער צייט, האלב שטייענדיג

אויף די קני פאר א ביינקעל, געציילט דעם פדיון, וואס די באבע האט גע־בראכט און אויסגעשאטען פאר אים פון איר לייווענטען בייטעל. ער איז געווען פול מיט פרייד איבער דעם אנצוג, וואס די באבע האט אים גע־קויפט, און ער האט געציילט דאס געלט מיט א מאדנער ווארימער קינדער־שער באגייסטערונג. א סענט צו א סענט, א ניקעל צו א ניקעל און א צווי סענט־שטיק צו צוויי סענט־שטיק — האט ער מיט קינדערשער התלהבות איבערגעציילט די מטבעות און זיי צענויפגעלייגט אין באזונדערע קופקעלאך.

שלמה'לע איז געווען א קליין דאר אינגעל, אבער א רירעוודיגער, א לע־בעדיגער, און איצט, רעכענענדיג און איבעררעכענענדיג, האבען זיינע ברוינע אויגען געברענט ביי יעדען טייט מיט'ן פינגער אויף דאס צענויפגעלייגטע געלט. די בלאסע בעקעלאך האבען געפלאמט, דאס פלאכע היטעלע האט זיך פאררוקט אויף הינטען אויפ'ן שפיץ קאפ און די גלייכע בלאנדע האר זיינען צעשויבערט געלעגען אויפ'ן שטערען.

— איינס... צוויי... דריי... — האט ער געטייטעלט מיט'ן פינגער און געציילט די קופקעלאך געלט.

— וויניג, וויניג געלט — האט ער געטראכט. — אפילו א סך פענים. אבער זייער וויניג ניקעלס *)... אינגאנצען דריי, פיר דיימס **)... און נאר צוויי קוואדערס ***)... א ביסעל געלט. און ביי די צייטונגען האט ער היינט אויך נים פארדינט. פרייטאג!... און פרייטאג דארף ער דאך העלפען אויפרוימען אין שטוב — האט ער געטראכט און עס האט אים פארדראסען. דערפאר האט ער גאר מיט א באזונדערען פארגעניגען געקוקט אויף א גרוים געלט־שטיק, וואס איז געלעגען אפגערוקט פון די איבעריגע מטבעות. א זילבערנער האלבער דאלאר. נים אפט פלעגט ער זען אזא גרוים־געלט אין דער באבעס לייזונג און שלמה'לע האט מיט אפשיי גענומען דעם האל־בען דאלאר אין די הענט און האט זיך געפרייט.

די באבע איז שוין פארטיג געווען צו ליכט־בענטשען. אין די שבת'דיגע מלבושים מיט'ן אלטען אטלעסענעם שטערענטיכעל אויפ'ן קאפ האט זי גאר אנדערש אויסגעזען... שבתדיג. שלמה'לע האט נאך אלץ געהאלטען דעם האלבען דאלאר אין די הענט. איצט האט ער אים שוין ערנסט באטראכט. אין זיין פנים האבען זיך געמינעט די קאלירען און אין זיינע אויגעלאך איז געלעגען א שרעק.

---

*) ניקעל — פינף סענט.

**) דיים — צען סענט.

***) קוואדער — א פערטעל דאלאר.

— באָבע, — האָט ער זיך צו איר געווענדעט, ווען זי איז געגאַנגען צום טיש ליכט־בענטשען — איז עס אַ גוטער האַלבער דאָלאַר?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ גוטער? וואָס הייסט אַ גוטער? — האָט זי איבערגעפרעגט פאַרוואונדערט. — געוויס, אַ גוטער, מיין קינד, ווי דען?

ער האָט זיך פון דאָס־ניי צוגעקוקט צום האַלבען דאָלאַר, אים געדרייט אויף אַלע זייטען. די באָבע איז שלמה׳לען פאַריבערגעגאַנגען, גייענדיג צום טיש.

— באָבע, — האָט ער זיך אָפּגערופען, און עס האָט אים אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצען — באָבע, דער האַלבער דאָלאַר איז נאָ גוד *) — ער טויג ניט... — האָט ער מיט אַ משונה׳דיגען קול אויסגעשריען, און זיך דערשראָקען פאַר זיינע אייגענע ווערטער.

די אַלטע האָט אים ניט גוט פאַרשטאַנען.

— האַ? וואָס האָסטו געזאָגט, שלמה׳לע? — האָט זי זיך אומגעדרייט צו אים און אים אומרואיג געפרעגט.

— דער האַלבער דאָלאַר איז... אַ... אַ... אַ פאַלשער, אַ פאַלשער האַלבער דאָלאַר — האָט ער דערשראָקען געשטאַמעלט.

— אַ פאַלשער האַלבער דאָלאַר? וויי איז מיר... וואָס רעדסטו, קינד מיינס, ווייז נאָר... ווייז נאָר אַהער — האָט זי פאַרציטערט אויסגעשריען און אויסגעשטרעקט איר ביינערנע האַנט.

שלמה׳לע האָט איר געגעבען דעם האַלבען דאָלאַר. זי האָט אים נאָענט צוגעטראָגען צו די אַלטע אויגען, אויסגעדרייט איר אַלטען קאָפּ און זיך יורצזיכטיג, מיט איין אויג, איינגעקוקט אין דער מטבע, ווי זי וואָלט ווען מיט דאָס איינע אויג, מיט דאָס בעסערע, דערגרונטעווען אַז עס איז אַ גוטער האַלבער דאָלאַר.

— איך זע ניט — האָט זי זיך טרויעריג באַקלאָגט. — שלמה׳לע, רוף נאָר אריין משה׳ן, רוף אים אריין, מיין קינד — האָט זי זיך געבעטען.

עס איז אריינגעקומען משה, אַ יונגערמאַן מיט קלוגע, גנבה׳שע אויגען. ער האָט גענומען דעם האַלבען דאָלאַר ווי אַ כוואַט, אַ קענער פון געלט, און אים גוט באַטראַכט, געפּרואווט מיט די ציין, געריבען אויף פּאַפּיר, געוואויגען אויף דער האַנט, געקלאַפּט מיט אים אין פּאָל. דערוויילע האָבען זיך אויך די אַנדערע שכנים דערוואוסט פון דער סבה און זיינען אריינגעקומען אויף אַ מינוט אַ קוק טאָן. יעדערער האָט באַטראַכט דעם האַלבען דאָלאַר, באַטאַפּט אים און אַ מיינונג געזאָגט.

---

*) ניט קיין גוטער.

— אַ צינענער האַלבער דאָלאַר — האָט משה באַשלאָסען — אַ פאַל־שער...

— אוי איז צו מיר... ווײ איז צו מיר — האָט די אַלטע געאויקעט און געקרעכצט און פאַרבראָכען די הענט.

— וואָס וועל איך איצט טאָן, ווײ איז מיר, ווינד איז מיר... וואָס זאָל איך טאָן ?... — איז זי אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַ דערשלאָגענע.

— אַזאַ רציחה... אַפּנאַרען אַן אַלטע, אָרימע אידענע — האָבען די שכנים באַדויערט און מיטגעפילט מיט דער אַלטער.

— פונדעסטוועגען — האָט משה באַמערקט — קען מען אים נאָך פּרובען אויסגעבען... מען דאַרף נאָר וויסען ווי אַזוי... — האָט ער שוין כמעט אויף דער שוועל אַ זאָג געטאָן און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אַ צופרי־דענער. די באָבע האָט געהאַלטען דעם האַלבען דאָלאַר אין די הענט און האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— אויסגעבען... איך זאָל אים אויסגעבען. איך וועל דען קענען ?... האָט זי ווי זיך אַליין געפרעגט. פּלוצלונג האָט זי צונויפגעדריקט איר ביי־נערנע האַנט מיט'ן האַלבען דאָלאַר און האָט אַ טיפען זיפץ געטאָן.

— גאָטעניו — האָט זי פאַרביטערט אויסגערעט, — היינט אויף צו להכעיס, היינט... — איר האָט זיך אין די געדאַנקען פאַרגעשטעלט דער מילך־מאַן, די אידענע פון קליימעל... דער בעקער... וואָס וועט זי זיי זאָגען... און דער גזלן פון די ליכט און שוועבעלאַך... — ער געטרויט דאָך ניט אפילו אַ סענט — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט.

די שכנים האָבען מיט רחמנות צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ און זיינען זיך ביסלאַכווייז צעגאַנגען.

די אַלטע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און האָט געאויקעט און גע־קרעכצט. — אפשר וואָלט איך גאָר אַפּגעשיקט דאָס גאַרניטערעל און אָפּ־גענומען דאָס געלט צוריק — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — דערציילען דעם קרעמער דאָס אומגליק. ער וועט זיך דערבאַרעמען. ער איז דאָך אַ איד... אָבער שלמה'לע ?... — דער געדאַנק האָט זיך אַפּגעריסען.

שלמה'לע איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער, אַ צעטומעלטער. די אויי־געלאַך ברייט צעעפענט, די הענטלאַך, ווי פרעמדע, זיינען אַראָפּגעהאַנגען ביי די זייטען פון דעם איינגעשרומפּטען קערפּערל און דאָס הערצעלע האָט שטאַרק געקלאַפּט. אים האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז דער שולדיגער אין דעם גאַנצען אומגליק. ער זאָל אָבער גאָר ניט געווען זאָגען... האָט אים אַ שטימע אינווייניג גע'מוסר'ט... די אַלטע האָט אַלץ געדריקט דעם האַלבען דאָלאַר אין איר ביינערנער האַנט.

— רבונו של עולם — האָט זי מיט טיפער ביטערקייט אויסגעשריגען,

און אין איר שטימע האָט זיך דער טרויער פון איר מאַרק־נגון געמערקט — רבונו של עולם...

פּלוצלונג האָט זי דערזען ברענענדיגע בענטש־ליכט אין אַ פענסטער קעגנאיבער.

— טאָר מען דען? — האָט זיך ביי איר געביטען דער קול — ווי טאָר מען... מחלל שבת זיין... פאַרשטערען דעם שבת קודש?... גאָטעניו, באַרמהאַרציגער פאָטער אין הימעל, זיי מיר מוחל מיינע זינד.

זי איז צוגעגאַנגען צום אַלטען קאָמאָד און האָט אין אַ ווינקעל פון אויבערשטען שופלאָד באַהאַלטען דעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר און איז געגאַנגען צום טיש ליכט־בענטשען. שלמה'לע האָט איר אַ רגע נאָך נאָכגעקוקט. דערנאָך האָט ער שטיל צונויפגעלייגט דאָס איבעריגע געלט אין דאָס לייוונטענע בייטעל, האָט איבער דעם פאַרצויגען די בענדלאָך און פאַרבונדען ווי אַ תפלים־זעקעל, און האָט עס באַהאַלטען אין צווייטען חדר. פּאַמעלאַך האָט ער זיך אומגעקערט. שטיל, כמעט אויף די שפּיץ פינגער, איז ער צוגעגאַנגען צום אַנדערען עק טיש און האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט, — זען ווי די באָבע וועט ליכט־בענטשען.

שלמה'לע איז געזעסען האַלב אַנגעלענט אָן דער וואַנט, האַלב אָנגעשפּאַרט אויף זיין האַנט; די פּאַסירונג האָט ניט געקענט פאַרשווינדען פון זיין נשמה. זיינע אויגען האָבען געקוקט אויף דער באָבען און נאָכגעשפּירט איר יעדע באַוועגונג. עס איז געווען שטיל אין צימער. די אַלטע האָט אָנגעצונדען די ליכט. זי האָט אַ צוויי־דריי מאָל אַ פיר געטאָן איבער זיי מיט אירע דאַרע הענט, גלייך ווי זי וואָלט זיי געוואָלט ווי אירע קינדער אַרומנעמען און צודריקען צום האַרצען. אירע דינע ליפּען האָבען זיך באַוואויגען און געשעפּטשעט שטילערהייט: „ברוך הוא וברוך שמו", די ביינערנע פינגער האָבען פאַרשטעלט דאָס געקנייטשטע פּנים. שלמה'לע האָט געקוקט אויף די באַקאַנטע באַוועגונגען מיט אַ שטילער קינדערשער זאָרג און זיך צוגעהערט צו דעם שטילען, אַנגענעמען מורמלען פון דער באָבע'ס ליפּען. ער האָט געוואַרט וצו זען די שטראַלענדיגע שבת'דיגע אויגען אירע, באַלד נאָך ליכט־בענטשען און הערען איר פריילאַכען „גוט־שבת". וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען דאָס פלעגט אים תמיד געבען. ער האָט אַזוי ליב געהאַט איר געלייטערט ליכטיג פּנים און אירע שטראַלענדיגע אויגען... היינט אָבער האָט די באָבע געהאַלטען אירע הענט איבער'ן פּנים לענגער ווי תמיד, און אין דעם שטילען מורמלען האָט ער, דוכט זיך, אַ טיפען זיפץ געהערט... און נאָך איינעם. ער האָט זיך צוגעבויגען, איינגעקוקט זיך, בעסער איינגעהערט זיך. און אים האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער הערט אַ שטיל געוויין... אַ כליפּען... דער באָבע'ס קערפּער האָט זיך געטרייסעלט... שלמה'לע האָט מיט אנגסט

געקוקט אויף דער זיך טרייסלענדיגער פיגור פון דער אַלטיטשקע. זיין נשמה'־לע האָט זיך געריסען צו איר, ארומנעמען זי, צודריקען זי צו זיך, קושען זי... אָבער ער האָט ניט געוואגט איר איבערשלאָגען.

די באָבע איז שטיל געבליבען. שלמה'לע איז גיך אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט. זי האָט אראָפּגענומען די הענט פון פּנים און ער האָט צו איר צו־לויפען געוואלט. איז ער אָבער אַ פאַרשטיינערטער שטיין געבליבען. ער האָט דערזען אויף די וויעס פון דער באָבע'ס אַלטע אויגען צוויי גרויסע טרערען. איר אַלטער קאָפּ האָט זיך פּאַמעלאַך געשאָקעלט און אין אירע טרערען האָ־בען זיך אָפּגעשפּיגעלט די שטראַלען פון דעם העלען פלאַם פון די בענטש־ליכט. זיי האָבען געבלישצעט ווי צוויי גרויסע רעגען־טראָפּענס אונטער דער פריִמאָרגענדיגער זון.

— די באָבע האָט געוויינט — איז שלמה'לע זיכער געווען. דער אַלטער, זיך שאָקלענדיגער קאָפּ מיט'ן געקנייטשטען פּנים און די בלישצענדיגע טרע־רען אין די אויגען האָבען אַנגעפילט זיין גאַנצע נשמה און עפּעס האָט דאָר־טען אַזוי גענאַגט און געפּלאָטערט. אפילו ווען די באָבע האָט זיך שטום אוועקגעדרייט אויסצואווישען מיט איר שבת'דיגער שירץ די פאַרוויינטע אויגען, איז דער אַלטער שאָקלדיגער קאָפּ מיט דעם צעקנייטשטען פּנים און די טרערען אין די אויגען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר אים... דאָס בילד איז פאַר אים פאַרגליווערט געוואָרען. און וואו ער איז געגאַנגען, און וואו ער איז געשטאַנען דעם גאַנצען אויפדערנאַכט, איז אים דאָס אַלטע פּנים מיט די טרערען אין די אויגען נאָכגעגאַנגען... אַפילו שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין לאַנג געשלאָפען, איז שלמה'לע נאָך אַלץ געלעגען אויף זיין גע־לעגער און ניט געקענט איינשלאָפען. נאָך אַלץ האָט זיך פאַר אים פּאַמעלאַך געשאָקעלט דער אַלטער, גרויער קאָפּ, באַדעקט מיט'ן שבת'דיגען שטערען־טיכעל ביז די ברעמען, דאָס געקנייטשטע פּנים מיט די דינע איינגעפאַלענע באַקען, מיט די איינגעשרומפּענע ליפּען, מיט דער שפּיציגער, פאַררייסענער מאָרדע, באַוואַקסען מיט אַ גרויזאַכען מאָך. נאָך אַלץ האָבען זיך פאַר אים געטראָגען די טיפע איינגעפאַלענע אויגען מיט די גרויסע בלישצענדיגע טרערען אויף די אַלטע וויעס...

אומזיסט האָט ער געפּרוּווט צומאַכען די אויגען, שטאַרקער צודריקען זיי. אומזיסט האָט ער געפּרוּווט איינשלאָפען — אומזיסט.

די בענטש־ליכט האָבען שוין געצאַנקט. טונקעלע שאָטענס האָבען איינ־געהילט דאָס צימער. שלמה'לע איז געלעגען אויף זיין געלעגער און געקוקט אין דעם טונקעלען רוים. קינדערשע געדאַנקען האָבען געמאַטערט זיין מח. און ווען די פלעמלאַך פון די צאַנקענדיגע ליכט פלעגען איינער נאָכ'ן אַנ־דערען נידעריגער ווערען, ארייננציען זיך אין די עסעם פון די לייכטער צום

אויסלעשען זיך און די פינסטערניש פלעגט זיך פון טיש ווי צוויי גרויסע שווארצע פליגלען אויסשפרייטען. איז דאס אלטע פנים מיט די בלישצענדיגע טרערען ארויסגעטראטען אין דעם רוים, באלויכטען פון דאס אינ־ווענינגסטע ליכט פון זיין קינדערשער פארשטעלונג, זיך געשאקעלט לאנגזאם ווי אן אומרו און אים געשראקען... עס איז פארשוואונדען ווען די צאנקענ־דיגע ליכט פלעגען ווידער אויפפלאמען און אויסציהען זיך ווי שמאלע צונגען אין דער הויך, טאנצען א רגע און זיך רייצען מיט דער פינסטערניש, און עס האט זיך באוויזען איבער־א־ניים, ווען די פלאמען פלעגען צוריק איינפאלען. אזוי איז ער געלעגען, געטראכט און געשראקען זיך און די קינ־דערשע נשמה האט גענאגט און געפלאטערט, ניט וויסענדיג פאר וואס און נאך וואס.

ענדלאך איז שלמה׳לע מיד געווארען. ער האט זיך איינגענורעט. די אויגעלאך האבען זיך ביסלאכוויים צוגעמאכט. אין קאפ האבען זיך געפלאנ־טערט אפגעריסענע צעמישטע בילדער און קינדערשע געדאנקען... א קריג מיט א אינגעל אייערנעבכטען... די בלישצענדיגע מעשענע לייכטער, א וויי־סער פלעק אויף דער וואנט ווי א זילבערנער האלבער דאלאר די גרוים... די גאס מיט דעם עלעקטרישען לאמפ, ווי א פליאמע ווייסע ליכט, און דאס, וואס משה האט געזאגט... „א צינענער האלבער דאלאר“. און אט איז דער פרוכט־סטענד פון דעם איטאליענער אויפ׳ן עק גאס און די רויטע גאזאלינענע לאמפען איבער אים מיט די שיינע רויט־בלויע פלאמען. די רויטע עפעל האבען שלמה׳לען פאר די אויגען א פינקעל געטאן. די פאמעראנצען האבען זיך אויפגעהויבען אין א גרויסער פיראמידע און א גאנצער צווייג פון געל־גרינע באנאנעס, וואס איז געהאנגען אויף א שטריקעל, האט זיך פאמעלאך גע־וויגט אין דער לופט. און שלמה׳לען דאכט זיך, ער האט קאנפעקטען געקויפט... און פלוצלונג... איז אלץ פארשוואונדען... בלויז פליאמעס ליכט האבען זיך געצויגען און געצויגען פאר די אויגען... זיי האבען זיך באהעפט און צונויפ־געגאסען און זיינען געווארען איין גרויסער, ברייטער, ליכטיגער קרייז... און ער האט זיך פארשפרייט און געלייגט זיך אים אויף די אויגען... זיי געדריקט... געשניטען... מיט אמאל האט דער ליכט־קרייז געפלאצט... געפלאצט און צע־שאטען זיך אויף א דראבנינקען רעגען פון קליינע שטערנדלאך... מיליאנען, מיליארדען שטערנדלאך. און גרינע, געלע, רויטע און אראנזשענע רינגען האבען זיך מיט די שטערנדלאך געדרייט און געדרייט; געפלויגען און גע־פאלען טיף, טיף אראפ... און שלמה׳לע איז געפאלען מיט זיי... גיך, גיך ווי א בליץ... נידעריג... נידעריג אין א פינסטערען אפגרונט אריין...

ער האט זיך דערשראקען און זיך אויפגעכאפט!

ער האט געעפענט זיינע גרויסע, ברוינע אויגען און האט א סעקונדע

געקוקט אין דער פינסטערניש. די פלאַמען פון די צאַנקענדיגע ליכט האָבען זיך קוים־קוים אויסגעצויגען אין דינע בלויליכע שפיזען און האָבען געל־מאַט באַלויכטען די דיקע פינסטערניש, פאַר שלמה'לעס אויגען איז געשטאַנען דאָס אַלטע געקנייטשטע פנים פון דער באָבען — אַ העל, אַ באַגייסטערט פנים, פול מיט דער פרייד פון דעם הייליגען שבת, אַזוי ווי ער פלעגט עס אימער זען נאָך ליכט־בענטשען, און זי האָט אים, ווי תמיד פריילאך געזאָגט:

— אַ גוט שבת... אַ גוט שבת, שלמה'לע.

ניט ווילענדיג האָבען זיך זיינע ליפּעלאך צונויפגעלייגט אין אַ שמייכעל. ער האָט זיך געלייגט אויף אַ זייט, זיך נאָך מער איינגעקאָרטשעט, צוגעצויגען צו זיך די איינגעבויגענע קניעלאך. ער האָט אַריינגעלייגט די צונויפגעלייגטע הענטלאך צווישען די קני און האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגען... און איז שטיל און רואיג איינגעשלאָפען.

* * *

אַ זעלטענעם שבת האָט שלמה'לע פאַרבראַכט. ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי אַ לעבעדיגער, אַ מונטערער. ער האָט זיך גיך איינגעוואַשען, אויסגעפּוצט אין דעם נייעם אַנצוג און איז מיט דער באָבען געגאַנגען אין שול אַריין. ער האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט זיך צו פאַרטראַכטען איבער דעם, וואָס האָט נעכטען פּאַסירט, אַזוי גליקלאך איז ער געווען. די באָבע איז געווען מלא שמחה. אַזאַ נחת האָט זי שוין לאַנג־לאַנג ניט געהאַט. שלמה'לע האָט אפילו היינט געהאַט יאָרצייט נאָכ'ן טאַטען. אָבער זי האָט ניט דערלאָזט, אַז אירע געדאַנקען זאָלען זיך לאַנג אויף דעם אָפּשטעלען. היינט איז שבת... טאָר מען ניט!

קדיש האָט שלמה'לע געזאָגט מיט אַן ערנסטער קינדערשער וואַרימקייט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף אים... אַלע זעען אים. זיי זעען זיין נייעם גאַרניטור.

נאָכ'ן טיש האָט די באָבע זיך צוגעלייגט שלאָפען און שלמה'לע איז געגאַנגען שפּילען זיך מיט די חברים אין דרויסען. דאָרט איז קיינער ניט געווען גלייך צו אים. ער איז תמיד געווען דער לעבעדיגער, דער רירעווודיגער, דער העלד. און היינט אודאי. איין מאָל נאָר איז ער אַריינגעלאָפען אין שטוב אַריין מיט פאַרפלאַמטע בעקעלאך און צעשויבערטע האָר נעמען אַ טרונק. נאָר ווען ער האָט באַמערקט, אַז די באָבע שלאָפט נאָך, האָט ער ניט אויסגעהאַלטען, שטילערהייט האָט ער צוגערוקט אַ בייגקעל צום אַלטען קאַמאָד, געעפענט דעם שופלאַד און פאַרזיכטיג באַטראַכט דעם האַלבען דאָלאַר. אָבער שוין ניט ווי נעכטען, מיט שרעק... זיינע גרויסע אויגען האָבען מאָדנע

געפינקעלט. קענטיג, אז ער האָט באַהאַלטען אין זיין נשמה׳לע אַ גרויסען סוד.

נאָכ׳ן שלאָף האָט די באָבע, ווי איר שטייגער איז געווען, זיך געזעצט ביים פענסטער, אָנגעטאָן אירע אַלטע שבת׳דיגע ברילען, שטיל געזאָגט עפּעס פון טייטש־חומש, ביז עס האָט אָנגעהויבען טונקעל ווערען. דאַן האָט זי אוועקגעלייגט דעם חומש און געקוקט דורך די שויבען פון די פענסטער אין שמאָלען הויף אריין, צי ווייזען זיך שוין ניט קיין שטערען אויפ׳ן הימעל.

עס איז ביסלאַכווייז טונקעל געוואָרען. די וואָכעדיגע דאגות האָבען זיך ביסלאַכווייז אָנגערוקט אויף אירע פּלייצעס און האָבען זי, דאַכט זיך, נאָך מער איינגעהויקערט. ווידער האָט זיך די זאָרג פון איר לעבען איינגע־געסען אין דעם גרויען פאַרמעט פון איר פּנים, און האָט די קנייטשען נאָך טיפער געמאַכט, די אויגען פינסטערער.

ווען שלמה׳לע איז אריינגעקומען אין שטוב, האָבען שוין ביי די שכנים ליכט געברענט. די באָבע איז ארומגעגאַנגען איבער׳ן חדר אין דער פינס־טער און האָט שטילערהייט געזאָגט „גאָט פון אברהם״. זי האָט אויסגעטאָן די שבת׳דיגע מלבושים.

שלמה׳לע האָט אָנגעצונדען דאָס קליינע לעמפּעל און האָט מיט גרויס דערשטוינונג באַמערקט, צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, אַז די באָבע קלייבט זיך שבת־צו־נאַכט גיין אין מארק אריין. אַ פרייד האָט אָנגעפילט זיין הארץ. ער האָט זיך גאָר ניט געריכט אויף דעם. און די פרייד זיינע האָט זיך הויך געהערט איז זיין אויפגערעגטער שטימע.

— באָבע — האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט — דו גייסט גאָר היינט אין מארק אריין?

— יאָ, מיין קינד, טאָמער וועל איך עפּעס לייזען אויף אַ פולער וואָך — האָט זי פאַרזאָרגט געענטפערט, גאָר ניט באַמערקענדיג זיין פרייד און זיין אויפרעגונג.

זיין נשמה האָט געטאַנצט אין אים און ער האָט גיך און רירעוודיג איר נעהאָלפען זיך צוגרייטען.

* * *

גיך און רירעוודיג איז שלמה׳לע צוגעגאַנגען צום פרוכט־סטענד, אויפ׳ן עק גאַס. אמת, שוין ניט אַזוי גיך ווי ער איז אראָפּגעלאָפען פון די טרעפּ, באַלד ווי די באָבע איז אוועקגעגאַנגען. אויך ניט אַזוי האַסטיג ווי ער איז דורכגעלאָפען דורך דער גאַס אין דער אויפרעגונג פון זיינע קינדערשע האָ־פענונגען. דאַך איז ער פעסט און אַנטשלאָסען צוגעגאַנגען צום סטענד. דער איטאַליענער, אַ מיטעל־יאָריגער מענש, מיט אַ ערדען פּנים און גרויליכע וואָנצעס, מיט ברענענדיגע שוואַרצע אויגען און אַ אויער־רינגעל אין לינקען

אויער, האָט ענערגיש געווישט און געפּוצט מיט אַ שמאַטקעלע אַ רויטען עפּעל, וואָס האָט אין זיינע הענט געשיינט און געבלישצעט. צוויי גרויסע גאַזאָלינענע לאָמפּען מיט געל־בלויע פלאַמען האָבען העל באַלויכטען די שיינע אויסגעלייגטע פרוכטען און די פאַרשיידענע סאָרטען צוקערקעס. דער גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ אייפּ׳ן עק גאַס האָט צוגעמישט זיין ווייסע שיין צו דער באַלייכטונג. אַ דין־מאַנאָטאָנע פייפען האָט זיך כסדר געהערט אין דער לופט. דאָס איז געווען דאָס פייפען פון אַ דינעם שטראָם פּאַרע, וואָס איז אַרויס פון דעם רערעל פון אויוועלע, אין וועלכען דער איטאַליענער האָט געפּראַזשעט זיינע קאַשטאַנעס. דער ריח פון צוגעברענט־געפּראַזשעטע ניס האָט זיך געשפּירט אין דער געגענד.

די גאַס איז געווען פול מיט מענשען. אייניגע, נאָך אין די שבת׳דיגע מלבושים, האָבען שבת׳דיג שפּאַצירט הין און צוריק, אין פּאַרק, אין מאַרק, אין די גאַסען. אַנדערע, שוין אין דעם וואָכעדיגען יאָך, האָבען וואָכעדיג געהאַנדעלט און געוואַנדעלט.

שלמה׳לע איז צוגעגאַנגען צים סטענד. ער האָט אויסגעקליבען אַ באַר, אַ פלאָם, אַ באַנאַנאַ און האָט דערלאַנגט דעם איטאַליענער דעם זילבערנעם האַלבען דאָלאַר. יענער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן קינד. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם עפּעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין ווישען, האָט באַרעכענט וויפיל עס קומט אים און האָט אויף זיין אָפענער האַנט אָנגעהויבען אויסציילען דאָס אויסגאָב. שלמה׳לע האָט געקוקט אויף דעם איטאַליענער און האָט געציטערט פאַר פרייד און פאַר מורא. זיין קינדערש הערציל האָט זיך געשראָקען אַז עס האָט זיך געפרייט...

דער איטאַליענער האָט געציילט און געציילט דאָס קליין־געלט. וואָס ווייטער האָט זיך שלמה׳לע אַלץ דערפילט זיכערער... און... אים האָט זיך פאַרגלוסט נאָך עפּעס צו קויפען... אַ צוקערקע... יענע, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

— איך נעם נאָך אַ צוקערקע — האָט ער העכער ווי געוויינטלאך אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אַליין פאַרוואונדערט איבער זיין קול. ער האָט נערוועז אויפגעהויבען דאָס גלעזערנע דעקעל פון שאַפקעלע און האָט גענומען די צוקערקע. דאָס דעקעל האָט זיך אויסגעגליטשט פון זיין האַנט און האָט זיך צוגעמאַכט מיט אַ קלונג.

דער איטאַליענער האָט אָנגעהויבען דעם קאָפּ און האָט בייז געקוקט אויף שלמה׳לען.

— סיי *) — האָט ער מיט כעס געשריען. — דו וועסט מיר נאָך צע־

*) הער נאָר.

ברעכען דאָס גלאָז, וועל איך דיר צעברעכען דעם קאָפּ — דו ממזר...

שלמה׳לע איז פאַרציטערט געוואָרען. דער איטאַליענער האָט אים בייז אָנגעקוקט. עפּעס איז אים ניט געפעלען געוואָרען, עפּעס קשה געוואָרען. און נעמענדיג זיך ווייטער צום אויסגאָב, האָט ער לאַנגזאַם באַטראַכט דעם האַלבען דאָלאַר. ער איז אים ניט געפעלען געוואָרען, האָט ער אים אריינגעלייגט צווישען די ציין און אים א שטאַרקען ביס געטאָן. זיינע ציין האָבען איבערגעלאָזט אויף׳ן האַלבען דאָלאַר צוויי שאַרפע קאַרבען...

דער איטאַליענער איז ווילד געוואָרען. שלמה׳לע האָט עס מיט שרעק דערזען און איז צעטומעלט געוואָרען.

— היי... דו... — האָט דער איטאַליענער געשריען מיט כעס — נאָ גודע מאָני... נאָ גודע *)..

שלמה׳לע האָט שוין ניט געהערט. ניט־ווילענדיג האָט ער זיך א גיכען דריי געטאָן, ווי צום אַנטלויפען. דער איטאַליענער האָט עס באַמערקט און מיט איין שפּרונג איז ער געווען לעבען אים. זיינער אייזערנע פינגער האָבען מיט א ווילדער רציחה אָנגעכאַפּט שלמה׳לעס אויער.

— אַ־אַ... — האָט שלמה׳לע מיט שרעקלאַכען ווייטאָג געשריען און האָט זיך מיט זיינע הענטלאך געפּרואווט צו ווערען. די פּרוכטען און די צוקערקע זיינען צעפאַלען אויף דער ערד. דער איטאַליענער איז נאָך ווילדער געוואָרען. ער האָט געצויגען און געריסען שלמה׳לעס אויער מיט א ווילדער רציחה אָן רחמנות און האָט געשריען און געזידעלט.

— שיני... שיני... יאָ וואָנטע טשיטע מי. שיני... שיני... **)

שלמה׳לע האָט געקוויטשעט און געשריען אויף׳ן קול. געווערט זיך און זיך געריסען פון דעם רוצח און האָט אויסגעצויגען זיין קערפּערל אין דער הויך, נאָכגעגעבדיג דער קראַפט וואָס האָט געריסען זיין אויער.

אין עולם האָט זיך אַרומגעקליבען און דער איטאַליענער האָט שלמה׳לען אָפּגעלאָזען. ער האָט א שליידער געטאָן דעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר איבער דעם טראָטואַר און זיך גענומען צענויפקלייבען זיין סחורה. דער האַלבער דאָלאַר האָט זיך געקייקעלט איבער די שטיינער מיט א טעמפּען קלונג און איז ערגעץ פאַרפלויגען געוואָרען...

שלמה׳לע האָט געוויינט אויף׳ן קול און מיט א פאַרביסענער קינדערשער נקמה אין זיין באַליידיגט נשמה׳לע האָט ער זיך געקריגט פון דער ווייטען מיט׳ן איטאַליענער.

---

*) שלעכטע געלט... ניט גוט.

**) דו ווילסט מיך נאַרען — איך... איך...

— דייגאָ... דייגאָ*)... האָט ער אים גערופען און האָט מיט פאַרוויינטע אויגען געזוכט אויף דער ערד זיין פאַרלוירענעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר.

די פאַרבייגייער, די שבת'דיגע שפּאַציר־גייער ווי די וואָכעדיגע הענד־לער, האָבען געלאַכט און געשפּאַסט איבער דעם וואָס האָט פּאַסירט. און דאָרט ווייט אַוועק, אויף יענעם עק גאַס, האָט זיך היינט צום ערשטען מאָל געהערט, אין דעם פרישען וואָכעדיגען געטומעל, דער באָבעס שטימע אויף אַ פולער וואָר, ציענדיג טרויעריג איר ליד, ווייך און פּאַמעלאַך:

— ליכט און מע—טשעס... מע—טשעס—און ליכט... צוויי—פאַר—אַ—פּעני קויפט, וויבער, צוויי—פאַר—אַ פּעני!...

.3

מאַטיע גוי

עס איז שוין שפּעט געווען. שטיל און רואיג איז העסטער סטריט גע־שלאָפען איינגעהילט אין דער נאַכט. אין הימעל האָבען קלאָר־ווייסע וואָל־קענס געשוועבט איבער דער פולער זילבערנער לבנה און זי האָט זיך גע־טוקט און געבאָדען אין זיי. ווי אַ לוסטיג קינד האָט זי זיך געשפּילט אין באַ־העלטערלאַך. אָט האָט זי זיך באַהאַלטען אונטער די ווייסע וואָלקענס, און אָט האָט זי ווידער געוויזען איר גרויס ליכטיג פּנים און האָט שטיפעריש גע־שמייכעלט. די שטערען האָבען ווי ברילִיאַנטען געשיינט און געפינקעלט.

נאָר איין מאַטיע גוי איז נאָך געווען וואַכעדיג. אַ פּאָר שעה האָט ער זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער אויף זיין געלעגער און ניט גע־קענט איינשלאָפען. אַ געדאַנק האָט אים געמאַטערט.

אין שטוב (ער האָט געוואוינט אויף אַ פינפטען שטאָק פון אַ גרויס הויז אויף העסטער סטריט) איז געווען הייס און שווער איז געווען די לופט. ער איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער און איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער פון גאַס־צימער און זיך אַנידערגעזעצט ביים פענסטער. די קילע פרישע לופט האָט זיך געשפּילט מיט זיין באָוואַקסענער ברוסט און האָט אים דערפרישט. דאָס שטילע שיינע נאַכט־בילד האָט אים פאַרגעניגען געמאַכט. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אַן פענסטער און געקוקט אין וויטען דרויסען.

— וואו האָב איך דעם האַלבען דאָלאַר פאַרט אַהינגעטאָן? — האָט ער זיך געפרעגט. ער האָט שוין איבערגעקערט אַלע קעשענעס. אויסגעזוכט אַלע ווינקעלאַך... און ניט געפונען.

---

*) אַ צונאָמען פאַר איטאַליענער, ווי דאָס וואָרט שייגעץ—פאַר אידען.

— יאָ, וואו איז ער טאַקע? דער הויטשינדער וועט דאָך ניט גלויבען, אפילו ווען ער ווייסט אויף זיכער, אַז ער האָט מיר אים געגעבען פרייטאָג — האָט מאַטיע געטראַכט — און איך האָב אים אומישנע אריינגעלייגט אין זשי־לעט־קעשענע, איך זאָל אים גרינג קענען געפינען און ווייזען אים, דעם מער־דער.

מאַטיע זוכט אָפּ זיין זשילעט, זוכט אין איר און געפינט ניט. פאַר־טראַכטערהייט גייט ער צוריק צום פענסטער און קוקט ארויס אויפ'ן מארק, אויף סיוארד פארק. עס שוועבט די שטילקייט איבער זיי... א טיפע שטילע רו. אָבער ווי קאָכט דאָרטען, ווי מאָלט דאָרט דאָס לעבען ווי א מיל זאָרג און ליידען. דאָ — אין מארק; דאָרט — אין פאַרק. און מאַטיע דערמאָנט זיך אויף זיין לעצטער רעדע, פרייטאָג פאַרנאַכט, ווי האָט זיך דעמאָלט געמאָלען פאַר זיין אויג דער גרויסער אידעאַל פון זיין נשמה, די גאָלדענע צוקונפט פון א גליקלאַכער מענשהייט. פונקט האָט זי אים דעמאָלט ווי איצט ווידער באַ־גייסטערט און ער האָט געקוקט אויף דעם שיינעם הימעל און די פינקעלדיגע שטערען.

און אפשר אין טומעל פון דעם קאָכענדיגען לעבען פון מארק און אין דער באַגייסטערונג פון זיין נשמה פאַר דעם גרויסען אידעאַל האָט ער טאַקי פרייטאָג פאַרנאַכט דעם האַלבען דאָלאַר אוועקגעגעבען אַן אָרעמאַן, קויפענ־דיג עפּעס, און האָט נאָך אויסגאָב גענומען? —

ער האָט א שוידער געטאָן, א צוק געטאָן מיט די אקסלען און מורא גע־האָט צו טראַכטען דערפון.

ווידער האָבען זיך זיינע מחשבות געפלאָכטען ארום זיינע רעדעס אין העסטער פאַרק און די אָרימע מענשען וואָס הערען זיי.

דער הימעל האָט געוואונקען צו אים. די שטערען האָבען געפינקעלט. מאַטיע גוי האָט טרוימעריש גע'חלומ'ט פון דער ליכטיגער צוקונפט.

דער בלוט־פלעק

און סאשינקא איז געוואקסען.

זיין פאטער, דוד ליפסקי, פלעגט קוקען אויף אים מיט אויגען, וואס האָ־בען געשטראלט פון ליבע, פלעגט אנקוועלען פון אים.

די מוטער איז צעגאנגען פון נחת.

געבראכט האבען זיי סאשינקע'ן קיין אמעריקע, ווען ער איז קוים צוויי יאר אלט געווען, און ווי שווער עס איז זיי די ערשטע צייט אנגעקומען אין נייעם לאנד זיך צו דערנערען, אבער סאשינקע'ן האבען זיי אפגעהיט ווי דאס שווארצאפּעל פון אויג.

סאשינקע איז געווען זייער טרייסט. שוין דעמאלט האט דער פאטער אויף אים געקוקט מיט שטילער האפענונג אויף — אויף עפּעס וואס ער האט ניט געוואגט ארויסצוריידען.

אין דער היים, אין רוסלאנד, איז דוד ליפסקי געווען א סטודענט אין א גרויסען אוניווערזיטעט. אבער נאך איידער ער איז אריבער אין דריטען קורס, האבען מיט אים צוויי סבות געטראפען און זיי האבען זיין סטודענטישע קאַ־ריערע צעשטערט.

נאך זייענדיג אין דער גימנאזיע האט זיך דוד ליפסקי פאראינטערעסירט מיט דער סאציאלער פראגע און האט זיך באטייליגט אין געוויסע קאנספּירא־טיווע אונטערנעמונגען. אנקומענדיג אין אוניווערסיטעט און הינרייסענדיג זיך אלץ מער מיט דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, האט ער זיך דורך איר באַ־געגענט מיט סאניטשקען — זיך באגעגענט, פארליבט און חתונה געהאט.

סאשינקע איז געבוירען געווארען. זיין רעוואלוציאנערע טעטיגקייט האט דעם יונגען, ענערגישען דוד אלץ מער אין געפאר געשטעלט.

דוד איז געצוואונגען געווען אפּצופארען. די פאמיליע האט אויסגעוואנ־דערט קיין אמעריקע.

* * *

אין ניו יארק איז דוד ליפסקי'ן די ערשטע צייט זייער שלעכט געגאנגען. באלד נאך זיין אנקומען איז דער אומפארענדערלאכער אידעאליסט זיכער גע־ווען, אז אין דער פרייער אמעריקע וועט אים ניט שווער זיין, שוין באלד כאטש עפּעס פון זיינע אלטע חלומות צו פארווירקלאכען. ער האט זיך גענומען גרינ־דען א קאאפּעראטיווע חברה העמדעל־נייער. לכתחלה איז דאכט זיך אלץ געגאנגען כשורה: א דאנק זיין גרויסען ענטוזיאזם האט דוד ליפסקי די חברים

פאר'ן קאאָפעראטיוו צונויפגעבראכט און ער האט פאר זיי לעקציעס געהאל־טען, די פרינציפען פון קאאָפעראטיווער ארבעט דערקלערט. די חברים האָבען געהערט און דוד ליפסקי האט געהאט דעם גרויסען נחת רוח צו וויסען, אז ער מאכט פון זיי באוואוסטזיניגע, אידעאליסטישע ארבעטער, גוטע סאָציאליסטען.

אבער אין א קורצער צייט ארום האט חברה זיך גענומען קריגען. דער קאאָפעראטיוו איז זיך צעפאלען. ליפסקי'ס איינציגע ירושה פון זיין קאָאפעראטיווער חברה איז געווען וואס ער האט זיך געזעצט נייען העמדלאך אין א קליינעם „סוועט־שאפ".

דעם גלויבען אין זיין אידעאל האט ער דאך נים פארלוירען, כאטש יענע צייט איז געווען פאר אים די סאמע ערגסטע.

ליפסקי איז ווייט נים געווען, נים קיין גוטער און נים קיין שנעלער בעל־מלאכה. האבען אים זיינע חברים ביי דער ארבעט באלד געקרוינט מיט'ן נאמען „קריבער" און די לצנים פון שאפ האבען אין אים געפונען א גוטען אביעקט פון וועמען חוזק צו מאכען. און עס איז געווען פון וואס.

נים איינמאל פלעגט פאסירען, אז ער האט צוגענייט דעם דרויסענדיגען ברעג פון איין האלבען ארבעל צום אינוועניגסטען ברעג פון אנאנדער האלבען ארבעל און ערשט, ווען דער גאנצער שאפ האט געקייכט פאר געלעכטער, האט זיך ליפסקי געכאפט, אז א גאנצע איבעריגע שטיק שטעקט ארויס פון אר־בעל ביים נאט. אנאנדערס מאל פלעגט ער איינניייען דעם ארבעל פארקערט, מיט'ן פארענט צום הינטען. דערזעענדיג אזא טייערע מציאה, פלעגט חיים ליז א כאפ געבען דאס העמדעל, אויסשפרייטען דעם ארבעל און אזוי אוועק־לאזען זיך אין א פריילאכען טענצעל איבער'ן שאפ און רופען דעם גאנצען עולם צו באוואונדערען דעם „קריבער'ס קונץ־שטיק". און דער גאנצער שאפ פלעגט אפשטעלען די ארבעט און אנקוועלען פאר גרויס גדולה.

דוד ליפסקי פלעגט די דאזיגע לצנות רואיג אריבערטראגען, קוים שמייכ־לענדיג פון זיין אייגענער נים געשיקטקייט און קוקענדיג אויף זיינע חברים מיט באדויערען און ליבע. האט ער ביי זיך געקלערט:

— נעבאך נאך נים אנטוויקעלט! מען דארף זיי נאך אויפקלערען.

ערגער פון אלץ איז געווען דער שטענדיגער רעש אין שאפ. דאס קלאפען און רוישען פון די מאשינען האט אים ארויסגעשלאגען פון זיינע רעיונות, נים געלאזט אים רואיג טראכטען. און ער האט געהאט אזוי פיל צו טראכ־טען: וועגען דער ארבעט, וועגען די חברים, ווי אזוי זיי אויפצוקלערען און מאכען פאר קלאסען־באוואוסטע ארבעטער, וועגען זיין ביי לעבען, וועגען זיין באטייליגען זיך אין דער סאציאליסטישער באוועגונג, וועגען זיין סאָ־ניטשקען, וואס טראגט אזוי געדולדיג אריבער איר שווערען יאך, אוועקגע־

בענדיג אירע בעסטע יאָרען זייער סאַשינקע׳ן און וועגען סאַשינקע׳ן אַליין...

סאַשינקע איז שוין באַלד פינף יאָר אַלט; אַ געזונטער, שיינער, פעט־טינקער יונג; אַ מזיק, אַ ברען, קערט איבער די גאַנצע שטוב. ביז איצט האָט מען אים נאָך געפירט אין אַ העמדעל מיט אַ „קושאַן" איבער די הויז־לאַד, מיט אַ גרויסער „קאַצאַפּישער" קודלע האָר פון הינטען — אַלץ אין רוסישען סטיל. אָבער איצט האָט ער אָנגעהויבען גיין אין קינדערגאָרטען. איז ער פון דאָרט איינמאָל געקומען אַהיים מיט אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל אים אָפּשערען און אויסקליידען ווי די אַנדערע קינדער און די עלטערען האָבען סאַשינקע׳ס פאָדערונג געמוזט נאָכגעבען.

און דוד ליפּסקי נייט אַ גאָט און טראַכט: ווי ער וואַקסט עם אַ ביסעל, סאַשינקע... ווען ער וועט אויסוואַקסען, וועלען שוין די מאַסען אַרבעטער זיין ציל־באַוואוסט... איי, וועט עס דעמאָלט זיין אַ הייסע צייט, אַ צייט פון אַרבעט. איז טאַקע גוט וואָס צו יענער צייט וואַקסט עם אָן נאָך אַ גוטער, טיכטיגער אַרבעטער — סאַשינקע.

ביסלאַכווייז האָט דוד ליפּסקי זיך אַרויסגעשלאָגען פון דער העמדעל־נייערייַ. ער האָט כסדר געשטרעבט צו האָבען מער פרייע צייט, כדי מיט זיינע פעאיגקייטען און אינטעליגענץ זיך קענען מער באַטייליגען אין דער גראַד דעמאָלט אויפבליענדיגער ניו יאָרקער אַרבעטער־באַוועגונג. האָבענדיג פאַר דער צייט שוין באַהערשט די ענגלישע שפּראַך, האָט ער איצט אָנגע־הויבען געבען שטונדען אַנדערע אימיגראַנטען. ער האָט אַפילו לאַנג געהאַט אין דער מחשבה זיך ווידער אַמאָל נעמען פאַר זיינע ביכער און אָפּפרישען־דיג זיינע סטודענטען יאָרען, זיך ווידמען דער מעדיצין אָדער דער יורים־פּרודענץ. ער האָט אָבער באַרעכענט, אַז כדי דורכצופירען דאָס, שטייט אים פאַר אַ שווערער, לאַנגער קאַמף מיט די אומשטאַנדען, וואָס וועט אים דערצו נאָך ניט ווייניג אָפּרייסען פון זיין סאָציאַליסטישער טעטיגקייט. דוד ליפּסקי איז שוין פאַרבליבען אַ לערער, פון וואָס ער האָט פאַרדינט ניט ווייניגער, הגם אויך ניט מער, ווי פון דער העמדעל־נייערייַ. דערפאַר האָט ער איצט געהאַט פיל צייט אויף צו האַלטען רעדעס, פּריידיגען, אָרגאַניזירען אַרבע־טער פאַכען און זיי אויפקלערען.

און סאַשינקע איז אַלץ געוואַקסען. ער איז שוין געגאַנגען אין שול און איז, אַפּט אַריבערהיפּענדיג אַ קלאַס, געגאַנגען אַלץ העכער. ס׳איז געווען מערקווירדיג — ער האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געלערנט, קיינמאָל זיינע לעקציעס ניט געמאַכט און, סאַי אין גאַס סאַי אין שטוב, האָט ער שטענדיג איבערגעקערט אַ וועלט, דאָך האָט ער זיינע לעקציעס אימער געקענט און איז געווען איינער פון די ערשטע אין קלאַס.

זעלטען ווען פלעגט סאַשינקע זיין אין־דעם־היים, תמיד נאָר אָדער אין שול אָדער אויפ׳ן גאַס מיט די חברים. בלויז אויף אַ ווײַלע אָפּעסען

פלעגט ער אריינלויפען אין הויז און ביינאכט פלעגט ער אריינפאלען אין שטוב זיך לייגען שלאָפען.

דרויסען איז דאָס שפילען אין „מיאַטש" געווען די הויפט זאַך. שעה'ן לאַנג פלעגט סאַשינקע, אַ פאַרשמאַיטער, אַ פאַרשוויצטער, מיט פלאַמענדע בעקלאַך און גליהענדע אויגלאַך, ארומלויפען מיט חברה, דאָס וואַרפענדיג און דאָס כאַפענדיג דעם באָל. דער פאָליציימאַן פון גאַס האָט מיט סאַשינקע'ן און זיינע חברה אָפט געהאַט צו טאָן, פלעגט זיי אָפט נאָכיאָגען, צעטרייבען. קיין גרויס אומגליק איז דאָס אָבער ניט געווען. ווערענדיג פאַרטריבען פון זיין גאַס, פלעגט סאַשינקע מיט זיינע חברים זיך גיך איינאָרדענען אויף אַ צווייטער גאַס און דאָרט פאָרטזעצען דעם איבערגעריסענעם קאָן.

עס האָבען אויך ניט געפעלט קיין אַנדערע פאַרגעניגענס. ווינטער האָט סאַשינקע מיט חברים זיך געוואָרפען מיט שניי־קוילען, געגליטשט זיך. האָט זיך אין גאַס מוזיק דערהערט, ווי, למשל, ביי אַ פראָצעסיע ערב אַ וואַל, איז סאַשינקע דער ערשטער נאָכגעלאָפען נאָך די מאַרשירענדע. ווער רעדט נאָך, אַז סאָלדאַטען האָבען פאַרבייגעמאַרשירט, דאַמאָלסט האָט סאַשינקע פאַרגעסען אַלץ אין דער וועלט און איז הענדום פענדום געלאָפען מיט זיי. און אפילו, אַז די פייערלייט זענען מיט אַ קלינגעריי און פייפעריי פאַרבייגעפאָרען אויף אַ שריפה, האָט סאַשינקע שוין ניט געסטאַיעט און איז מיט'ן גרעסטען אימפעט נאָכגעלאָפען נאָך דער קאָמאַנדע פייער־לעשער.

נאָך אַ פּאָר יאָר זענען אַוועק. סאַשינקע איז שוין אַלט גיין־צען יאָר. ער כאַפּט זיך שוין צו צו די צייטונגען. אָבער אויך דאָ איז די הויפט צוציאונג פאַר אים די ידיעות און באַשרייבונגען פון די פאַרשיידענע ספּאָרט־שפּילען, דער עיקר פון „מיאַטש".

איצט האָבען אים שוין שטאַרק אינטערעסירט די העלדען פון די פאַרשיידענע טורנעס, די פּראָפעסיאָנעלע שפּילער, וועלכע פאַרדינען דורך זיי אַ סך געלט. די ידיעות וועגען זייערע העלדישקייטען און די חשבונות וועגען זייערע פאַרדינסטען האָט סאַשינקע געשלונגען מיט'ן ברענענדסטען חשק, אויסדריקענדיג דערביי זיינע אוממיטעלבאַרסטע איבערלעבונגען מיט פּאַסענדע אויסרופען. און פלעגט ער אַמאָל יאָ אַריינקוקען אין אַנאַנדער טייל פון דער צייטונג, איז עס נאָר געווען אין די באַשרייבונגען פון די שרעקלאַכסטע־בלוט־פאַרגליווערענדע און אָטעם־פאַרכאַפּענדע געשעענישען, ווי אַז אומגעוויינטלאַכער מאָרד אָדער אַ זייער געוואַגטע באַנדיטעריי, נאָך וועלכער עס האָט נאָכגעפאָלגט אַ קונציג־אויפרעגענדיגע געיעג.

יונג ווי סאַשינקע איז געווען, האָט ער שוין דעמאָלט גענומען באַמערקען, אַז זיין פאָטער איז עפּעס ניט ווי די מענשען וואָס ער האָט געזען

אָדער זיך פאַרגעשטעלט, אַז עפּעס פּאַסט ער זיך ניט אַריין אין דעם אַרו־מיגען רומעל.

מיט טשיקאַווע בליקען, דורך וועלכע עס האָט אויך דורכגעשיינט עט־וואָס קאַמיזם, פלעגט דער קליינער אינגעל באַטראַכטען דעם שטענדיג פאַר־האַוועטען און צעטראָגענעם לערער און סאָציאַליסטישען פריידיגער.

דוד ליפּסקי, פון דער אַנדער זייט, פלעגט זיך איצט זייער אָפט פאַר־טראַכטען מכח סאַשינקע'ן. ער איז וועגען אים געווען ערנסט פאַרזאָרגט, מורא האָבענדיג, אַז דאָס אַרומיגע לעבען פאַרפרעמדט זיין קינד פון אים אליין און פון אַלץ וואָס אים איז טייער. ער האָט איצט גענומען זוכען אַ וועג ווי אַזוי צוצוקומען צו סאַשינקע'ס האַרץ און מוח, ווי אַזוי צו פאַר־אינטערעסירען אים מיט די פראַגעס וואָס האָבען אָנגעפילט זיין אייגענע נשמה. ער האָט אָבער אַזאַ וועג ניט געקענט געפינען. פיל מאָל האָט ער גע־פּרואווט פאַרפירען אַ שמועס מיט'ן קינד אָדער פאַראינטערעסירען אים מיט עפּעס ערנסטעס אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל, וואָס איז דעם פאָטער פאַר־געקומען אַלס צוגאַנגליך פאַר זיין זונ'ס יונגען מוח. עס איז אָבער געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. סאַשינקע איז געווען צו האַסטיג, צו אומרו־איג, אַז זיין מוח זאָל זיך לאַנג קענען אָפּשטעלען אויף עפּעס ערנסטעס. און דוד ליפּסקי'ס זאָרג, אַז ער קען נאָך אָנווערען זיין קינד, איז טיפער גע־וואָרען.

עס זיינען אַוועק נאָך אַ פּאָר יאָר. ליפּסקי האָט אָנגעהויבען מיטנעמען זיין זון אויף פאַרזאַמלונגען. ער האָט געהאָפט, אַז אפשר וועלען אים דאָרט פאַראינטערעסירען די רעדעס, די דיסקוסיעס. אָדער אפשר וועט זיין אומ־רואיג־לעבעדיגע נאַטור אויך מיטגעריסען ווערען מיט'ן ענטוזיאַזם פון פּובליקום.

לכתחלה האָט אויסגעוויזען, אַז דער פאָטער האָט זיך ניט גענאַרט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ענטוזיאַזם פון די מאַסען רופט זיך טאַקע אָפּ אויף סאַשינקע'ן. און ווי האָט זיך ליפּסקי דערפרייט! אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ניט די באַגייסטערונג פון עולם, ניט זיין טיפער און שיינער גלויבען האָבען אויפ'ן אַמעריקאַנעם אינגעל אַ רושם געמאַכט. דאָס איז נאָר ביי סאַשינקע'ן געווען ווידער אַזאַ מין ספּאָרט. און אפילו דער דאָ־זיגער אינטערעס האָט זיך אויך באַלד אויסגעוועבט.

די אידישע פאַרזאַמלונגען זענען אים גלאַט ניט געפעלען געוואָרען. פאַר וואָס ריידען זיי ניט „יונייטעד סטייטס" *), האָט ער אומצופרידען גע־פרעגט. און כאָטש די ענגלישע פאַרזאַמלונגען האָבען ביי אים ניט אַרויס־גערופען קיין אומצופרידענקייט, האָט ער אָבער ביי זיך באַלד אָפּגע'פסק־

---

*) ענגליש.

ענט, אַז דאָס איז „פּאָליטיקס“ *). דעם פּאַטער האָט ער זיין אורטייל ניט איבערגעגעבען, אָבער מער איז ער שוין צו די פאַרזאַמלונגען ניט געגאַנגען.

סאַשינקע האָט זיך ווייטער געלעבט זיין אייגען לעבען. ווערענדיג על־טער, איז ער געוואָרען אַ ביסעל געזעצטער, געלאַסענער. אמת, ספּאָרט איז ביי אים נאָך אַלץ געווען דאָס חיות, אָבער צו דעם זיינען שוין צוגעקומען נייע פאַרלאַנגען און עס האָבען זיך גענומען אויסאַרבעטען פּלענער. אָבער דער מיטעלפּונקט פוןביידע איז געווען — „געלט פאַרדינען“.

אייניגע פּלענער וואָלט ער אודאי אויך אויסגעפירט, ווען דער פּאַטער וואָלט אים ניט געשטערט. איצט האָט שוין דער פּאַטער פאַרצווייפעלט זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען זיין קינד. איצט פּלעגט ער מיט אים שוין אָפט ריי־דען, מוסר׳ען אים, פאַר וואָס ער לייענט ניט קיין ערנסטע ביכער, פאַר וואָס ער באַקאַנט זיך ניט מיט ערנסטע פראַגעס. דאָס וואָלט דאָך אים אַ קלאָרען באַגריף פון לעבען געגעבען, דאָס וואָלט אים דאָך געגעבען די וועלט צו פאַרשטיין. און דער פּאַטער פּלעגט צו אים ריידען מיט גרויס געפיל, מיט אַזאַ ביטערען טרויער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט ווערט זיין האַרץ צעריסען.

אַ לאַנגע צייט פּלעגט סאַשינקע דעם דאָזיגען מוסר אויסהערען אין שווייגענדיגער אַנגעהויקטקייט, ביז איינמאָל — ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען פופצען יאָר — איז ער אַרוים מיט לשון: ער האַלט עס פאַר אַ גאַנץ קנאַפּער חכמה צו באַגראָבען זיין יונג לעבען אין נוצלאָזע ביכער און שריפ־טען. אַזאַ יונגער מענש ווי ער קען אַ סך מער לערנען פון לעבען גופא איי־דער פון וואָס ניט איז אַנדערש. בכלל האַלט ער, אַז די פאַסיגסטע זאַך פאַר אַזאַ יונגען מענשען ווי ער — איז אַרומצוגיין אין דער וועלט — ווערען אַ „סעלף מייד מען“ °).

אַ ווייל׳ע האָט אים ליפּסקי אַנגעקוקט און זיינע אויגען זיינען פאַרזאַ־טען געוואָרען מיט טרערען. דאָס מאָל האָט דער פּאַטער שוין גאָר גיט גע־זאָגט. ער האָט בלויז אַראָפּגענומען זיינע ברילען און האָט זיי לאַנג און מע־טאָדיש אויסגעווישט. — און מאָדנע האָבען זיינע קורצזיכטיגע אויגען אָז די ברילען געקוקט און מאָדנע האָבען זיי אויסגעוויזען...

ענדיגענדיג „האי־סקול“ — עס איז אים שוין דאַמאָלס געגאַנגען דאָס אַכצענטע יאָר — איז פאַר סאַשינקע׳ן קלאָר געוואָרען, אַז מיט׳ן לערנען איז ער שוין פאַרטיג. ער וויל ניט שטודירען אויף דאָקטאָר און אפילו ניט אויף אַדוואָקאַט. איצט מוז ער ווערען אַ מענש. זאָל ער זיך נאָר אַריינוואַר־

---

*) פּאָליטישע שטרייטיגקייטען.

°) אַזאַ איינער וואָס מיט אייגענע קרעפטען אַרבעט ער זיך אַרויף אין דער וועלט.

פען אין קאַכעדיגען קעסעל־גרוב פון לעבען און פריער־שפעטער וועט אים דער זודיגער תהום פון דער לעבעדיגער וועלט שוין ארויסטראַגען אויף דער אויבערפלאַך. א קורצע צייט נאָך האָט סאשינקע זיך געוואַקעלט, צי זאָל ער זיך אריינוואַרפען אין געשעפט אדער זיך נעמען צוגרייטען פאר א פּאָליטישער קאַריערע. לסוף איז ביי אים געבליבען, אז ער נעמט זיך פאַר „ביזנעס“.

אין איין שיינעם טאָג, אין פרילינג פון יענעם יאָר, האָט אַלעקס פאַר־מאָלנע געלאָזט וויסען זיין באשלוס צו דער מוטער. כאָטש דער פאָטער איז געזעסען דערביי (אריינקוקענדיג ווי אימער אין א בוך), האָט ער זיך גע־ווענדעט ניט צו אים נאָר צו דער מאַמען. פאָטער און זון האָבען די לעצטע צייט איבערהויפּט זייער ווייניג און זעלטען גערעדט צווישען זיך, אי דאָס כמעט אימער נאָר וועגען שטוביגע זאַכען. וואָס איז שייך ערנסטערע פּראַגעס פלעגען זיי אַנרירען זייער פאַרזיכטיג, קוים־קוים, אַט ווי איינער גייט א באַרוועסער איבער גלאָז.

אַלעקס האָט מודיע געווען דער מוטער, אז אויף זומער קלייבט ער זיך אַפּצוזוכען זיך א שטעלע ערגעץ אין א געשעפט, וואָרים ווייל ער איז אַנט־שלאָסען זיך איבערצוגעבען צו „ביזנעס“.

— „ביזנעס“? — האָט דוד ליפּסקי איראָניש געפרעגט, — ווייסטו, סאַשאַ (ער פלעגט אים נאָך אַלץ רופען „סאַשאַ“), וואָס „ביזנעס“ איז? „ביזנעס“ איז שווינדעל!

אַלעקס האָט א קוק געטאָן אויפ'ן פאָטער מיט א גוט־מוטיגען שמייכעל אויף זיין פריש, געזונט פּנים און האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— נו, נעם איך זיך פאַר שווינדעל.

דוד ליפּסקי האָט זיך אַנגעצונדען, אָבער ער האָט געפּרוּווט באַהער־שען זיין כעס.

— סאַשאַ, — האָט ער געזאָגט און זיין קול האָט געציטערט, — ניט דערצו האָב איך זיך געפּלאָגט און דיך דערצויגען, ניט דערצו האָב איך מיין גאַנץ לעבען געאַפּפערט...

— דאָן האָסטו זיך געפּלאָגט גאַנץ אומזיסט, — האָט אַלעקס ערנסט באַמערקט, — קיינער האָט פון דיר קיין אָפּפער ניט פאַרלאַנגט, קיינער האָט אים ניט באַדאַרפט.

ליפּסקי'ס פּנים איז רויט געוואָרען און א טופּע טאָנדיג מיט'ן פוס אַז דיל, האָט ער אויסגעשריען:

— שטיל, דו אומדאַנקבאַרער! איך האָב מיין לעבען דיר און דער מענשהייט פאַר אַן אָפּפער געבראַכט.

— מיר? — האָט אַלעקס דעם פאָטער אַנגעקוקט ווי פאַרוואונדערט — וואָס רעדסטו, אַלטער? צי פאַרמאָגסטו דען עפּעס? צי האָסטו אפילו א

פענע ביי דער נשמה, מיר צו העלפען אין מיינע ערשטע טריט אויף דער וועלט? ניט אנדערש, אלטער, אז דו שפאסט. און וואס איז שייך דער מענשהייט, — פאר וועלכער, דו זאגסט, דו האסט זיך געאפערט — האט ער שוין עפעס פריינדליכער צוגעלייגט — את דאס, זעסטו, קומט מיר פאר שוין טאקע אמת קאמיש. די מענשהייט דיינע גיט דיר ניט קיין פרוטה פאר אלע דיינע אפער.

— שוויג שטיל! — איז דער פאטער אויפגעשפרונגען פון ארט אזוי ווי א בליץ וואלט אים אונטערגעטראגען און געשריען אויסער זיך — דו הוצפה'ניק! איך וויל ניט הערען דיינע רייד, איך וויל דיך ניט קענען! איך זע שוין צו וואס דיין לעבען וועט דיך פירען! גיי דיר, לעב דיר וואו דו ווילסט און טו דיר וואס דו ווילסט, איך האב מיט דיר גארניט קיין געמיינשאפטליכעס! סאניע — האט ער זיך געווענדעט שוין צו זיין פרוי — זיין פוס זאל דא מער ביי מיר ניט זיין! זאל ער זיך לעבען ווי ער וויל, אבער ניט אונטער אונזער דאך. לאמיך ניט טראגען קיין פאראנטווארטליכ־קייט פאר זיין לעבען!...

און טאקע באלד דערנאך האט זיך אלעקסאנדער ארויסגעצויגען פונ'ם הויז פון זיינע עלטערען.

עס זיינען אוועק נאך א פאר יאר. אלעקס האט זיך מיט'ן פאטער ניט געזען. ער פלעגט זיך אבער גערן טרעפען מיט דער מוטער און פלעגט איר אויך ווען־ניט־ווען געבען א פאר דאלאר פון זיינע פארדינסטען. ער פלעגט זיך ביי איר אויך גאנץ ערנסט נאכפרעגען אויפ'ן פאטער. אין אמת'ען האט ער אים גרייליך געוואלט זען, אבער ער איז געווען צו שטאלץ אים איבער־צובעטען.

ער האט זיך געלעבט זיין אייגען לעבען. תמיד לעבעדיג און מונטער, האט ער זיך שטארק אפגעגעבען מיט זיין געזונט, מאכענדיג יעדען פרי־מארגען גימנאסטיקע, באדענדיג זיך יעדען טאג אין קאלט וואסער. און, וואס איז דא צו ריידען, אלעקס האט טאקע געבליט.

ער האט געארבעט אין א געשעפט דאון טאון און דער בעל־הבית האט פון אים געהאלטען אז עולם ומלואו. ער האט שוין פארדינט צוואנציג דא־לאר א וואך און אחוץ דאס ביסעל וואס ער פלעגט געבען דער מוטער, איז עס ביי אים אינגאנצען אוועקגעגאנגען.

ווי פריער, איז ער אויך איצט געווען א פלייסיגער לעזער פון די צייט־טונגען. ווי פריער, האט ער זיך נאך אלץ געקאכט אין אלערליי ספארטס און פלעגט ער וועגען זיי ריידען, האט מען געזען, אז ער לעבט, אז עס רעדט און טאנצט אין אים יעדער אבר. אבער איצט האט זיך שוין ביי אים געהאט אנטוויקעלט א שטארקער אינטערעס אין דער פאליטיק. געווען

איז אלעקס א רעפובליקאנער, דאך ניט איבער עפעס אן ערנסטען טעם, נאר דער עיקר ווייל זיין בעל־הבית איז געווען א רעפובליקאנער. יעדענפאלס איז זיכער, אז די דעמאקראטען האט ער ניט זייער ליב געהאט — זיי זיינען דאס גראבע פאלק — האט ער געטראכט. און נאך ווייניגער האט ער ניט ליב געהאט די סאציאליסטען:

„זיי זיינען דעם טאטענ'ס חברה" — האט ער ביי זיך אפגע'פסק'ענט. אחוץ דעם, כאטש ער פלעגט עס ניט אפען ארויסזאגען, איז ביי אים תמיד געווען א געפיל אזא, אז די סאציאליסטען זיינען „פרעמדע". אויף זיך אליין (ניט־קוקענדיג וואס ער איז געבוירען געווארען „דארטען אין ראשיע"*) האט ער געקוקט ווי אויף אן אמעריקאנעם.

נאך אן אינטערעס האט ער געהאט — אין מיליטערישע ענינים. אי־בעריגענס איז ער נאך פון קינדווייז אן געווען א שטארקער פארערער פון דעם אמעריקאנער פלאט און ארמיי. איצט פלעגט ער מיט גרויס חשק נאכ־פאלגען די מעלדונגען אין די צייטונגען וועגען דער מינדסטער באוועגונג פון די גרויסע אמעריקאנער קריגס־שיפען אדער וועגען דעם אויפהאלט פון דעם אדער יענעם רעגימענט פון דער ארמיי. און תמיד האט אים באנג געטאן, וואס בשעת עס איז געווען די שפאניש־אמעריקאנישע מלחמה, איז ער נאך צו יונג געווען, ער זאל זיך געווען קענען איינשרייבען פאר א סאלדאט.

דאך, זיין הויפט אינטערעס אין לעבען איז געווען ערפאלג אין „ביז־נעס". ער האט געארבעט און איז געווען זיכער, אז פריער־שפעטער וועט ער ארויפשטייגען אויפ'ן לייטער פון הצלחה. ער וועט רייך ווערען און דעמאלט וועט אים ערשט אמת'דיג גוט זיין.

און מיט דיזער האפענונג האט ער געלעבט.

* * *

אין א געוויסען פרימארגען אין מאנאט מאי פון יאר —190, האבען פיל טיילען פון דער שטאט ניו יארק, דער עיקר דער אידישער קווארטאל, געשטורעמט מיט לעבען און אויפרעגונג. די טראמוואי־ארבעטער האבען פיר דעם זייגער פארטאג געווארפען די ארבעט און דערקלערט א סטרייק. אלע רעדער פון עלעקטרישען טראמוואי זיינען שטיל געבליבען. די גאסען, דורך וועלכע דער טראם האט זיך געצויגען, האבען מאדנע אויסגעקוקט. דארט וואו עס זיינען געלעגען די לאנגע, צוויי־ענדיגע, שטאלענע רעלסען, איבער וועלכע עס פלעגען אימער, מיט קליינע איבעררייסען, שומענדיג פארען די קארס, איז איצט אזוי ווי ליידיג געווארען. אויףביידע זייטען טרעטואר

*) רוסלאנד.

זיינען א סך מענשען ארומגעגאנגען, גלאט אזוי, עפּעס ווי זיי וואָלטען יום־טוב׳דיג געשפּאַצירט. אלע האָבען עפּעס אומבאַשטימט געפילט, אז גאָר גלאַט וועט די זאַך ניט אָפּלויפען.

א גאַנצען טאָג האָט זיך דער עולם מיט גרוים זשעדנעקייט צו די צייטונגען געכאַפּט, וועלענדיג געוואָר ווערען, וואָס זיינען די נייסטע שאָד־צונגען אין סטרייק. אין פרימאָרגען האָט נאָך געטליעט די האָפנונג, אז א ביסעל וועט די טראַמוואַי־געזעלשאַפט נאָכגעבען, א ביסעל וועלען די אַרבעטער אַראָפּלאַזען און מען וועט דורכקומען. אָבער וואָס גרעסער דער טאָג איז געוואָרען, אַלץ הייסערע שטראָמען האָבען זיך אין דער לופט גע־נומען טראָגען און אַלץ שאַרפער האָט זיך דער גערוך פון פּולווער געשפּירט. צו וואָונט צו האָט זיך פון דער דערהיצטער אַטמאָספערע שוין אָפּגעגעבען מיט בליצען.

שוין צו מיטאָג צו האָבען די בעלי־הבתים אויף יעדער ליניע צו קאַרס דורכגעפירט. אויך אויף דער גרויסער גאַס פון אידישען קוואַרטאַל איז א קאַר דורכגעפאָרען. קיין פּאַסאַזשירען זיינען, אמת, אויף איר ניט געווען. דאָס פאָרען האָט גיכער געטראָגען דעם כאַראַקטער פון א דעמאָנסטראַציע. אָבער שוין דער אָנשטעל, אז די בעלי־הבתים מאַכען זיך גאָר ניט אויס פון די סטרייקער, האָט דעם עולם ניט ווייניג פאַרדראָסען און נאָכמער האָבען אים פּראָוואָצירט די פּאָליציי־לייט וואָס זיינען געפאָרען אויף דער קאַר פון פאָרענט און פון הינטען, פון שמירה וועגען. און באַלד האָבען ניט־געזעענע העגט, אין א פּאָר ערטער אויף דער ליניע, אין דער קאַר שטיינער נעוואָרפען און אין איר עטלאַכע שויבען אויסגעזעצט.

די פּאָליציי האָט שוין פיל סטרייקער געהאַט אַרעסטירט. אַרום די קאַר־דעפּאָס און אין אַנדערע געגענדען זיינען פייערדיגע גאַסען־פאַרזאַמ־לונגען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, וואו די סטרייקער האָבען זיך פאַר דער וועלט אויף זייער שווער, אָרים לעבען באַקלאָגט. האָד די וועלט האָט זיי ניט געהערט. בלויז א ברודער האָט א ברודער געהערט און א קנעכט האָט א קנעכט באַדויערט. און ביי די אַרבעטער האָט זיך דאָס בלוט אָנגעצונדען און די נשמה הייט מיט צאָרן געברענט.

שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך איבער דער שטאָט מיט אומהיימלאַכער שווערקייט די נייס צעטראָגען, אז דורך דער נאַכט וועלען די בעלי־הבתים סטרייק־ברעכער אַראָפּברייינגען. די האָפנונג אויף א נצחון פון אַרבעטער איז אַלץ מער מיט שווערע וואָלקענס פאַרדעקט געוואָרען.

— זיי וועלען ברעכען דעם סטרייק! זיי וועלען ברעכען דעם סטרייק!

— האָט זיך ווי א העלישע שטימע אין דער לופט געטראָגען און זיך איז די פאָלקסמאַסען ווי אן עסענדיגער גיפט צעברענט.

— מיר וועלען זען ! — האט זיך פון לאגער פון די ארבעטער מיט א פארצווייפעלטען סטראשונאק געהערט.

און די צוויי מחנות זיינען געשטאנען גרייט איינע קעגען דער צווייטער העליש פארביסען אין ביטע־ער אנטשלאסענקייט.

דורך דער נאכט האט דאכט זיך קיינער פון די ארבעטער'ס צד מיט קיין אויג ניט צוגעטאן. די ראדיקאלע עלעמענטען פון אידישען קווארטאל האבען ניט גערוט. זיי האבען אפגעהאלטען פארזאמלונגען, ארויסגעלאזט אויפרופען, געקליבען געלט אויפ'ן סטרייק־פאנד.

די „איסט סייד“ האט זיך געפונען אין א פיבערישען צושטאנד. שוין לאנג האט אין איר אזא רעש'דיג לעבען ניט פולסירט. אלע האבען דא געווארט אויפ'ן פרימארגען — וואס וועט ער ברענגען? עס האט זיך אויסגעדאכט, אזוי ווי פון אינעווייניג, פון דער טיפעניש פון דער ערד, וואלט זיך א צעמישט־שווערער גערויש געהויבען און געטראגען זיך אלץ נעענטער און נעענטער צו איר אויבערפלאך. עס האט זיך געדאכט, אז דורך דער לופט ציטערט א שושקעריי, ווי הינטער א דין ווענטעל, אנזאגענדיג, דאך מורא האבענדיג אינגאנצען עס ארויסצוזאגען, וואס מארגען וועט זיין.

שוין פארטאג האבען פאליציי־לייט די קאר־דעפאס פארפלייצט. חברה־וויים זיינען זיי געשטאנען, אין זייערע לאנגע, בלויע מונדירען, מיט שורות ווייסע בלישצענדע קנעפ, מיט ברוין־פאלירטע בולעוועס אין די הענט. א ביסעל אומרואיג זיינען זיי געשטאנען, אבער מיט א שטאלץ פנים, אזוי ווי פילענדיג אז איצט זיינען זיי די גאנצע נשמה פון דער מהומה, זיי, די היטער פון דער בירגערלאכער רו. אין דער פרי זיינען שוין איבער אלע ליניעס צו עטלאכע קארס געפארען, מיט פרעמדע מענשען פאר טרייבער און קאנדוקטארען.. די פרעמדע האבען אויסגעקוקט זייער צרה'דיג, ארים און אויסגעמאטערט; אין זייערע איינגעשרומפענע פיגורען און אראפגעלאזטע אויגען האט זיך געזען מורא און זינדיגקייט. דאך, הגם מיט אומזיכערע הענט, די קארס אבער האבען זיי דורכגעפירט... און יעדער צוג האט ווי אן עלעקטרישער שטראם דורך די ארבעטער־מאסען דורכגעצוקט, דורכברענענדיג דורך זיי דאס באוואוסטזיין, אז די לויפענדיגע קארס ברענגען די הונדערטער און טויזענטער סטרייקערס הונגער און אונטערגאנג און אז עס וועט זיין א שרעקלאכע זאך, ווען מען זאל דאס רואיג דערלאזען.

שוין אין דער פרי האט זיך דערהערט דער מלחמה־שאל.

ערגעץ־וואו, אויף איינער פון די שטילערע גאסען, איז א קאמפאניע סטרייקער א קאר באפאלען און צווישען זיי און דער פאליציי האט זיך צעפלאקערט אן ערנסט געשלעג. די סטרייקער האבען, אמת, ניט גוט אפגעשניטען, אבער אויך דער קאר־טרייבער מיט'ן קאנדוקטאר מיט עטלאכע פאליציי־לייט זיינען אויך ניט ארויס טרוקען.

דער ליאַרם און די מורא זיינען נאָך גרעסער געוואָרען. פון פּאָליציי־אַמט האָט מען אויפ'ן שלאַכט־פעלד שוין ארויסגעשיקט דעם רעזערוו.

לעבען א דעפּאָ האָט מען דינאַמיט געפונען. די אומהיימלאַכקייט איז נאָכמער געשטיגען.

אַלץ עפטער און עפטער זיינען די קאַרס דורך די גאַסען דורכגעלאָפען, געפירט פון יענע פרעמדע, זינדיגע מענשען, געהיט פון די פערד־שטאָלצע פּאָליציי־לייט.

אַלץ עפטער זיינען די סטרייקער די קאַרס באַפאַלען, פירענדיג קעגען זייערע שונאים א בלוטיגען קאַמף. אבער אפילו אין דער רעכטער היץ פון שלאַכט האָט זיך קלאָר ארויסגעזען דאָס ציל, צו וועלכען די ארבעטער האָבען געשטרעבט — איבערצוקערען די קאַר פּאַפּערעטשנע איבער די רעלסען. וואָס דאָס וואָלט ניט נאָר פּאַרזיכערט אַז די קאַר וועט שוין בלייבען אין דער קלעם, נאָר אויך אַז דער גאַנצער וועג וועט לכל הפחות אויף א היבשער ווײַלע שוין פאַרבלייבען פאַרצאַמט.

ענדלאַך איז קלאָר געוואָרען, אַז די פּאָליציי אַליין איז ניט בכוח איינצוצאַמען די פאַרצווייפעלטע סטרייקער און דער מעיר פון שטאָט האָט ארויסגעפאָדערט שטאַטס־מיליץ.

איבער דער גרויסער גאַס פון אידישען קוואַרטאַל זיינען די קאַרס גענאַנגען זעלטען. מען האָט געוואוסט, אַז די גרויסע מאַסען אידישע ארבעטער סימפּאַטיזירען שטאַרק מיט די סטרייקער. האָט די אדמיניסטראַציע מורא געהאַט, דאָס אַפטע קאַרס וועלען דאָ ארויסרופען אָפטע צוזאַמענשטויסען מיט דער פּאָליציי, אפשר בלוט־פאַרגיסונג.

די גרויסע גאַס פון אידישען קוואַרטאַל איז אויך געווען איינע פון די ערשטע וואו די מיליץ האָט זיך באַוויזען. מיטאָג־צייט האָט שוין דאָ מיט גרויס פּאַראַד אַן אָפּטיילונג יונגע סאָלדאַטלאַך ארומגעשפּאַצירט, אין זייערע געלע קאָסטיומען, מיט טריקאָענע זאָקען און מיט קליינע ביקסען גרייט אויפ'ן אַקסעל, גלייך ווי זיי וואָלטען געגאַנגען אויף א ביטערען שונא. גלייך זיי וואָלטען זיך עס אַוועקגעלאָזט פרעמדע לענדער איינצונעמען.

דאָס רוב זיינען דאָס געווען יונגע בחורים'לאַך, אפשר זין פון די ארבעטער אַליין, אין ערגסטען פאַל — פון דעם מיטעלען קלאַס, פרישע, לעבעדיגע, נאָך גאָר קינדער. אין זייערע פנים'ער האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט מער דער באַגער פון ספּאָרט איידער פון ערנסטען, באַוואוסטזיניגען קאַמף.

ביים עק פון דער גרויסער גאַס האָט דער קאָמאַנדיר זיך אָפּגעשטעלט און צעטיילט זיין אַרמיי אויף ביידע זייטען. די סאָלדאַטען האָבען אַראָפּגענומען זייער געווער און זיי צענויפגעשטעלט אויפ'ן טראָטואַר אין איין קופּע. א וואַך איז ארומגעגאַנגען און זיי געהיט.

די סאָלדאַטען האָבען ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָבען זיי אין קופּ־קעלאַד זיך אויסגעזעצט אָדער אויסגעשטעלט אויפ׳ן טראָטואַר, געריוכערט, גערעדט, געשפּאַסט און לייכט זיך אונטערגעשטיפּט איינער מיט׳ן צווייטען. אַ גרויסע מאַסע מענשען האָט זיך אויף די טראָטואַרען צענויפגעקליבען און האָבען מיט פאַרדראָס געקוקט אויף די יונגע זעלנער. איינינגע פון עולם האָבען, כלומרשט ניט־קוקענדיג אויף זיי, זיי גע׳מוסר׳ט, אַמאָל זיי אויך געזידעלט, אַנדערע האָבען אפילו זיי געפּרואווט צערייצען. דאָך די יונגע סאָלדאַטען האָבען זיך געמאַכט, גלייך ווי זיי באַמערקען דאָס ניט. דאָס איז שוין געווען אַ טייל פון זייער דיסציפּלין. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי קומען אַהער די הויפּט־זאַך פאַר אַ סטראַשאַק בלויז. מייסטענטיילס וועלען זיי נאָר דאַרפען העלפען דער פּאָליציי צעטרייבען דעם עולם און אין סאַמע ערגסטען פאַל וועלען זיי דאַרפען געברויכען זייערע רעוואָלווערען אויף צו שפּאַלטען קעפּ, אָבער ניט אויף צו שיסען, ביז — ביז אַזאַ באַפעל וועט ניט קומען פון אויבען...

און די יונגע זעלנער האָבען זיך לייכט און אפילו אַביסעל נעלאַנגווייליגט אונטערגעהאַלטען.

אין אַ גרופּע פון פיר אַזעלכע יונגע זעלנער איז אויך געווען אַלעקסאַנדער ליפּסקי.

* * *

פלוצלונג האָט זיך פון עק פון דער גרויסער גאַס אַ גוואַלדיגער טומעל דערהערט. אַ קאָמפּאַניע סטרייקער האָט דאָרט אַ קאַר איבערגענומען און געפּרואווט איר דעם וועג פאַרצאַמען. דער צעשראָקענער טרייבער האָט אין געשריי און גערויש, אין דאָס טומקען און הוקען, וואָס האָט זיך פון אַלע זייטען אויף זיין קאָפּ געטראָגען, גאָר אינגאַנצען די קאָנטראָלע פאַרלוירען. די פּאָר פּאָליציסטען, אויפ׳ן פאָדערשטען בריקעל פון טראַם, האָבען דעם צעטומעלטען טרייבער אונטערגעגעבען חשק צו טאָן זיין אַרבעט. אָבער די סטרייקער האָבען זיך געהאַט אַרומגעהאַנגען אַרום דער קאַר ווי אַ מחנה פליגען און האָבען זיך געראַנגעלט מיט די פּאָליציילייט. פּלוצים זיינען פאַרויס פון דער קאַר עטלאַכע פרויען אונטערגעשפּרונגען און זיך אויף די רעלסען אוועקגעשטעלט. דאָ האָט זיך דאָס אָרימע מענשעל שוין גאָר אינגאַנצען פאַרלוירען און טויט־בלאַס, מיט׳ן שרעק פון אַ גייאָגטען האָז אין די שטאַרע אויגען, האָט ער זיין קאַר אָפּגעשטעלט.

אין איין סעקונדע איז שוין די קאַר געווען אין די הענט פון די סטרייקער. הונדערטער מענשען פון גאַס האָבען מיט אַ גוואַלדיגען ליאַרעם דעם נצחון באַגריסט. די ענטוזיאַסטישערע און מער היציגע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן העלפען די סטרייקער.

א שרעקלאַכער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט צווישען די סטרייקער און דאָס פאָלק, פון איין זייט, און דער פּאָליציי, פון דער אַנדער זייט. די פּאָליציי־לייט האָבען מיט זייערע בולעוועס אָן איינזעעניש געאַרבעט איבער די קעפּ פון די מאַסע, צעבלוטיגענדיג פּנים׳ער, שפּאַלטענדיג שאַרבענס, שליידערענדיג מענשען צו דער ערד. דאָך זיינען זיי מאַכטלאָז געווען געגען דעם גרויסען, פאַרצווייפעלטען עולם.

די אַרבעט פון צעשטערונג איז צוגעגאַנגען שנעל. אין איינע עטלאַכע מינוטען איז די קאַר שוין געווען אויפגעהויבען פון די רעלסען, די עלעקטרישע שטריק אונטער איר אָפּגעשניטען. א מינוט שפּעטער איז די קאַר שוין אויף א זייט געלעגען, קוקענדיג משונה אַרויף מיט אירע דורכגעלעכערטע שויבען־אויגען, עפּעס ווי א ריזיגע ים־חיה וואָלט פלוצלונג אויף דער יבשה אַרויפגעשליידערט געוואָרען און געלעגען דאָרט אָנמאַכטיג אַרומגעפליקט.

הונדערטער מענשען האָבען די אַרבעט אָפּגעטאָן. טויזענטער האָבען אין טריומף געלאַכט און געיובעלט.

די יונגע סאָלדאַטען זיינען אומרואיג געוואָרען. מיט אומגעדולד האָבען זיי געוואַרט אויף א באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר און זיך געוואונדערט פאַר וואָס ער זוימט זיך אַזוי לאַנג.

ענדלאַך איז דער באַפעל געקומען — לאָזען זיך אויף׳ן המון און אים צעטרייבען. דערוויילע אָן געווער. דאָך גרייט זיין, ווען דער נייער באַפעל וועט קומען, צו שיסען מיט לערע פּיסטאָנעס.

די סאָלדאַטען האָבען זיך פון ביידע זייטען גאָס צום עולם אַוועקגעלאָזט.

עס איז אָבער אוממעגלאַך געווען א וועג זיך דורכצושלאָגען. די גאָס איז געווען געדיכט, געפּראָפּט מיט מענשען. די סאָלדאַטען זיינען דעם געזעמעל ווילד באַפאַלען. איניגע האָבען זיך לויפען געלאָזט, אַנדערע זיינען געפאַלען אין א הויפען און האָבען דעם מאַרש פון די סאָלדאַטען נאָך שווערער געמאַכט.

איניגע סאָלדאַטען, ווערענדיג אומגעדולדיג און אומרואיג, האָבען זיך געלאָזען אָפּרייניגען דעם וועג מיט זייערע רעוואָלווערען.

אויף א סעקונדע איז אַלעקסאַנדער געוואָרען דער העלד און פירער פון זיין חברה. מיט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט האָט ער מיט קראַפט אָנגעכאַפּט פאַר׳ן רוקען עפּעס א מאַן, וואָס איז געלעגען האַלב אָנגעבויגען איבער א הויפען מענשען. יענער האָט זיך מיט כוח א דריי געטאָן און גענומען זיך ווערען. אַלעקסאַנדער׳ס בלוט האָט אין אים א פלאַם געטאָן. ער האָט אויפגעהויבען די האַנט מיט׳ן רעוואָלווער און גענומען זי אַראָפּלאָזען אויף זיין נעגנער. פלוצים האָט יענער זיך אויסגעדרייט מיט׳ן פּנים און אין דער איינענער רגע האָט אַלעקסאַנדער׳ס האַנט מיט׳ן רעוואָלווער מיט אומפּעט

דערלאַנגט אים אַ זעץ איבער דער לינקער זייט פון שטערן. איבער זיין לינק אויג האָט זיך אַ בלוט־פלעק באַוויזן און באַלד האָט זיך דער רויט־פליסענדיגער שטראָם איבער דאָס גאַנצע פּנים צעגאָסן.

אַלעקסאַנדער האָט נאָר פּאַספּעיעט אויף דאָס פאַרבלוטיגטע פּנים בלויז איין בליק צו וואַרפן, איין קורצן, שנעלן בליק. ער איז טויט־בלאַס גע־וואָרן און זיך געוואַקעלט אויף זיין פּלאַץ.

דער פאַרבלוטיגטער איז צו דער ערד געפאַלן, שרייענדיג מיט אַ שרעקלאַכען קול. אַלעקס האָט דאָס אָבער ניט געזען און ניט געהערט. פאַר די אויגען איז אים געשטאַנען אַ דיקע פינסטערניש און צווישען זיינע אויערן און דאָס ארומיגע איז פּלוצים אויסגעוואַקסען אַ טויבע וואַנט.

אַ קאַמעראַד האָט אַלעקסאַנדער׳ס צושטאַנד באַמערקט און אים אונ־טערגעכאַפּט. זעענדיג אַז ער קען ניט איינשטיין אויף די פיס, האָט ער זיך פאַר אים ערנסט דערשראָקען, אים אויף די אַרעמס גענומען און פון געדריינג ארויסגעטראָגען. ער האָט ניט אַנדערש געמיינט, אַז דאָס האָט אים אימיצער פון המון אַזוי דערשלאָגען. אַזוי האָבען אויך געמיינט די דערביישטייער, וועלכע האָבען די צוויי סאָלדאַטען אויף אַ שפּאַט הורא אויפגעהויבען.

און אַלעקס נאָר האָט געוואוסט, מיט׳ן שוואַר־טונקעלען באַוואוסטזיין פון אַ גע׳חלש׳טען, אַז דערשלאָגען האָט אים בלויז אַ י י ן קוק — דער קוק פון דוד ליפּסקי.

דאָס אייביגע ווידער־קול

פרוי עטעל איז געזעסען אין אַ גרויסען, ווייכען וויג־שטול ביים פענס־טער פון עס־צימער.

עס איז געווען אַ שיינער ווינטערדיגער פאַרנאַכט.

זי איז אַ ביסעל מיד געווען. דעם גאַנצען נאָכימטאָג האָט זי געאַרבעט. צוקלייבענדיג נאָך איר גוטען געשמאַק איר שיינע היים.

די פאַמיליע האָט דעם אָוונט געסט ערוואַרטעט.

עטעל שטערן איז שוין געווען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרען. אַ קלוגע, אַ גוטע, אַן ערנסטע פרוי. און איר פּנים האָט נאָך באַהאַלטען די יוגענט־לאַכע שיינקייט פון אירע סימעטרישע שטריכען.

אַמאָל אין דער יוגענט האָט זי פיל געליטען. איצט האָט זי, דאַכט זיך, געלעבט גליקלאַך. און זי האָט ליב געהאַט די אָוונטען ווען געסט פלע־גען זיך צענויפקומען. אַט קומען זיי — די יונגע, די לעבעדיגע, די לוסטיגע. זיי לייענען פאַר, ריידען, דיסקוטירען, טרינקען טיי, בייסען־צו, פאַרבריי־גען. זי האָט ליב געהאַט אַזעלכע אָוונטען.

איצט איז זי מיד געזעסען ביים פענסטער אין וויג־שטול און געוואַרט אויף אירע געסט. זי האָט שוין ניט געלייענט פון דאָס אָפענע בוך וואָס איז געלעגען אויף אירע קני.

אין צימער איז שוין טונקעל געווען.

די קאַלטע שטראַלען פון דער פאַרגאַנגענער ווינטער־זון האָבען נאָך ווי בלאַסע צינגער אַנגערירט די אויבערשטע שויבען פון דעם פענסטער, אָבער זיי האָבען שוין ניט געלויכטען. דאָס בין־השמשות־ליכט האָט זיך בלויז צעשמאָלצען אין דער ליבער וואַרימקייט פון צימער און האָט זיך, ווי אַ צויבער פון ליכט און שאָטען, געפלאָכטען און אויסגעשפרייט אויף די ווענט.

עטעל שטערן האָט אָנגעשפאַרט איר קאָפּ אויף דער האַנט, וואָס האָט מיט דעם איילענבויגען גערוט אויף דעם ראַנד פון דעם וויג־שטול און האָט צוגעמאַכט אירע שיינע ברוינע אויגען.

זי האָט זיך שטיל און ריטמיש געוויגט אין דעם שטול.

עטלאַכע סעקונדען האָט זי זיך געוויגט פּאַמעלאַך, רואיג... רואיגער, שטיל... שטילער. ביז צום סוף איז דער שטול אינגאַנצען רואיג געבליבען.

אין צימער איז פינסטערער געוואָרען און עטעל שטערן איז אַזוי ווי אַנדרעמילט געוואָרען.

און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די לופט אין צימער האָט זיך כוואַליענאַרטיג צעשאַקעלט. אַ סעקונדע האָט זיך די לופט אַזוי געוויגט. עפּעס האָט אַ רויש געטאָן, און אימיצער האָט זיך אין צימער אַריינגעריסן.

און זי האָט דערזען פאַר זיך אַ יונגענמאַן. די ברייטע שטריכען פון זיין ערלאַך פּנים האָט זי אַמאָל גוט געקאַנט.

— גאָט! — האָבען אירע ליפּען געשעפּטשעט, — סאַמועל!

— עטעל!

און זיי זיינען זיך ביידע אין די אָרעמס אַריינגעפאַלען און האָבען זיך הארצלאַך צעקושט.

אָבער באַלד האָט זי זיך אַ ראַנגעל געטאָן אין זיינע אָרעמס און האָט זיך פון אים באַפרייט. עס האָט זי געשווינדערט און זי האָט אַראָפּגעבויגען דעם שיינעם קאַשטאַנענעם קאָפּ און איינגעגראָבען די ברוינע אויגען אין דער פיגור פון סאַמעטענעם קאַווייאַר אויף דעם באָדען.

— עטעל — האָט ער מיט אַ טיפער אָבער צאַרטער שטימע גערעדט צו איר — געדענקסטו מיך נאָך? מיר איז ניט באַשערט געווען צו געניסען די ליבע פון דיין זעלע, לעבען גליקלאַך מיט דיר. דו ווייסט, איך האָב אַנדערש ניט געקענט. ניט פון מיר איז עס אָפּגעהאַנגען... אָבער, דו עטעל, דו — אַך, ווי גיך דו האָסט מיך פאַרגעסען.

און עס האָט זיך געהערט אַ שרעקלאַכע באַשולדיגונג אין זיינע ווערטער.

עטעל האָט געציטערט. זי האָט די באַשולדיגונג ניט איבערגעטראָגען. נערוועז האָט זי זיך באַוואויגען אין דעם וויג־שטול.

— ניין, ניט צו גיך, סאַמועל. יאָרען־לאַנג האָב איך דיין ליבע ווי דאָס הייליגסטע פון מיין לעבען אין מיין נשמה געטראָגען. אָבער דאָס האַרץ באַנוגענט זיך ניט מיט דער פאָרשטעלונג בלויז; עס לעכצט צו פאַרפילען די ליידיגקייט אין דער זעלע.

— האָסט דו זיך אַן אַנדערען אָפּגעגעבען.

— אָפּגעגעבען? דו משפּט'סט צו שטרענג.

— אָבער דו האָסט אים ניט געליבט. האָסט אים ניט געקענט ליבען.

עטעל'ס קערפּער האָט אינגאַנצען געציטערט. איר קאָפּ איז גיך אַרונטערגעפאַלען פון איר האַנט און די פרייע האַנט האָט צוגעדריקט דאָס קלאַפּענדיגע האַרץ.

— סאַמועל, איך האָב אים אָבער טיף אין דער נשמה געערט און געאַכטעט.

— דאַך האָסטו יאָרען געפּלאָגט זיך, יאָרען געליטען און ניט געליבט.

— איך האָב דעמאָלט אַז אָפּער געבראַכט... אַז אָפּער... פאַר...

— דעמאלט?... און איצט?

— איצט בין איך גליקלאך, סאמועל. איך ליב אים... און ער האט מיך תמיד געליבט.

— גליקלאך?... האסטו מיך דען פארגעסען?

— כמעט.

— און דאך האסטו מיר אייביגע ליבע געשוואוירען.

— די אייביגקייט געהערט די געטער.

— אפשר. אבער די אמת'ע ליבע — זי געהערט צו דער יוגענט.

— ניט תמיד... ניין.

— און דו ליבסט אים ווי דו האסט מיך געליבט?

— מיט מיין גאנצער זעלע. ביסלאכווייז האט זיין טייערער וועזען פארנומען מיין גאנצע נשמה.

— אבער צי ליבסטו אים?

— איך ליב אים און געהער אים.

— אייער ליבע טראגט א קברים־קראנץ. זי שמעקט מיט דער קאלטקייט פון דער עלטער.

— ניין, סאמועל, זי פינקעלט מיט דער העלער שיין פון א געשליפענעם דימענט...

— א! ווען איך וואלט געקענט וואלט איך אירע ווארצלען פארניכטעט.

— דו וואלסט ניט געוואגט; איך וואלט ניט דערלאזט.

— טייערע, טייערע — האט ער שטיל און ליבלאך געשעפצעט אויף איר אויער — דו וואלסט מיך ניט פארשטויסען. יענע זיסע מינוטען פון אונזער לעבען וואלטען זיך געמיט פאר מיר; זייער זכות וואלט מיר בייגעשטאנען. יענע גליקלאכע מאמענטען, ווען מיר ביידע זענען ריין געווען ווי די שניי־שטערענדלאך איידער זיי פאלען אויף דער ערד אראפ.

— ניין, ניין, — האט זיך עטעל געווערט אין איר שלאף — ניין, יענע גרויסע גליקלאכע מינוטען, ווען איך האב זיך אים אינגאנצען אפגעגעבען, ווען איך האב אים אוועקגעגעבען מיין גוף און מיין נשמה... יענע הייליגע מאמענטען, ווען מיר האבען זיך ביידע ווי איין לעבענס־שטראם צונויפגעגאסען, יענע הייליגע מאמענטען וואלטען זיך געמיט פאר אים, זייער זכות וואלט אים בייגעשטאנען... אין זייער זכות געהער איך אים... אים אליין.

— עטעל! — און איר האט זיך פלוצלונג אויסגעוויזען, אז סאמועל האט זיך א ווארף געטאן צו איר... דריקט זי צו זיך... צו זיין הייסען גליהענדיגען קערפער... און זי האט געפילט...

— א, גאט! — האט זי אויסגעשריגען ניט מיט איר קול און האט זיך אויפגעכאפט.

איר מאַן איז אַריינגעלאָפֿן אין צימער אַ דערשראָקענער.

— עטעל, מאַמאַטשקע, וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט ער זי מיט ליבע געדריקט צו זיך און זי געצערטעלט.

זי האָט דערקענט זיין קול. ציטערענדיג האָט זי אים אַרומגענומען. זי האָט זיך מיט איר גאַנצען קערפּער צוגעדריקט צו אים. זי האָט נאָך אַלץ געציטערט.

— מיר האָט זיך אַ שרעקלאַכער חלום גע׳חלומ׳ט! טייערער, אַ שרעקלאַכער חלום!

און עס איז איר ביסלאַכווייז אַלץ קלאָר געוואָרען: ערשט נעכטען האָט זי דורכגעוואָרפֿען אירע אַלטע בריף און כתבים און האָט צווישען זיי געפונען דאָס בילד פֿון דער מצבה וואָס שטייט שוין פֿיל יאָרען אויף סאַמועל׳ס קבר.

ניט דערוואַרט זיך *)

1.

— ער האָט אַ טאַלאַנט, מיין הער, אַ גרויסען טאַלאַנט — האָט דוד רחל'עס געזאָגט.

דער באַרימטער פילאַנטראָפּ, הער ערנסט צווייהאַרץ, צו וועמען די ווערטער זיינען געווען געווענדעט, איז געזעסען ביי זיך אין דער ביבליאָטעק און האָט פאַמעלאַך געבלעטערט אַ בוך.

— איך ווייס, איך ווייס — האָט ער איבערגע'חזר'ט און האָט אוועקגעלייגט זיינע גילדערנע ברילען אויף דעם אָפענעם ספר. ער האָט זיך באַקוועמער אריינגעזעצט אין דעם גרויסען אָרעם-שטול און האָט אומגעדרייט זיין גרויען קאָפּ מיט דאָס פולע פּנים, מיט דער שיינער גרויער באָרד און שאַרפע קלוגע אויגען צו דער דאַרער הויכער פיגור, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

— אָבער... וואָס קאָן איך דען טון פאַר אים? — האָט ער מיט אַ פריינדלאַכען שמייכעל געפרעגט און האָט מיט אויסגעסטאַרשצעטע אויגען און אַ געקנייטשטען שטערען באַטראַכט דעם מאַן און דאָס קליינע אינגעל, וואָס איז געשטאַנען לעבען אים.

דוד רחל'עס האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ער האָט זיך גיך אַ נייג געטאָן.

— איר האָט אַזאַ גוט האַרץ... אַזאַ גוט האַרץ. — האָט ער געשטאַמעלט בעטענדיג. — מענשען זאָגען, אַז איר העלפט אַזוי פיל אָרימע לייט... — האָט ער מיט רחמנות געזאָגט און געקוקט אויף צווייהאַרצ'ען. אַן אויסדרוק פון האָפענונג האָט געשיינט אין זיינע בעטענדיגע אויגען. דער אויסדרוק האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם מאָגערען, וואַקסענען פּנים, באַדעקט מיט אַ גרויסער, געל-גרויער קאַלטענעוואַטער באָרד. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער איד מיט איינגעהויקערטע אַקסלען, אַן איינגעפאַלענער ברוסט און קליינע לעבעדיגע אויגען אונטער גרויסע געלע ברעמען. אַצינד איז ער געשטאַנען צונויפגעקאָרטשעט פאַר דעם גרויסען הער, אויף וועמען ער האָט אַרויפגעלייגט אַלע זיינע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט פון זיין קינד, אין וועמען ער האָט שטאַרק געגלויבט.

אַ מינוט איז געווען שטיל אין צימער. דוד רחל'עס איז געשטאַנען ביי דער טיר; זיינע לאַנגע הענט האָבען נערוויש געקנייטשט די ווייכע הוט,

---

*) אין ביכעל „אין שטראָם פון לעבען", האָט די דאָזיגע דערציילונג געהייסען: „דער פּערעל פון דער געטאָ". — י. ע.

וואָס ער האָט אין זיי געהאַלטען. לעבען אים איז דערשראָקען געשטאַנען דאָס קינד, איבערראַשט פון דער פּראַכטפולער עלעקטרישער באַלייכטונג, וואָס האָט אָנגעפילט די גרויסאַרטיגע ביבליאָטעק. מיט שרעק האָט דער אינגעל זיך אַרומגעקוקט אויף די גרויסע סטאַטועס, אויף די בילדער און שאַפעס מיט ביכער וואָס האָבען באַפוצט דאָס גרויסע עלעגאַנטע צימער.

— יאָ, יאָ . . . געוויס — האָט הער צווייהאַרץ איבערגעריסען די שטילקייט. — אָבער... — ער האָט פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קען ער העלפען דעם טאַלאַנטפולען קינד. — אָבער... ווי אַלט איז דאָס קינד ? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, צופרידען וואָס ער האָט געפונען אַן אויסגאַנג פון דער ניט־אָנגענעמער לאַגע.

— קומענדיגע וואָך, אַז מיר וועלען לעבען און געזונט זיין, וועט ער ווערען בר־מצוה — האָט דוד רחל׳עס שטיל געענטפערט.

— אַ . . . בר־מצ־וה — האָט הער צווייהאַרץ איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער מיט אַ פול מויל. אַ צופרידענער שמייכעל האָט געשיינט אויף זיין פּנים. — יאָ, יאָ . . . דאָס איזט עכט העברעאיש . . . האָט ער געזאָגט, און אים האָט שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער געדענקט נאָך עפּעס פון דער אַלטער אידישקייט — קאָנפירמאַציאָן הייסט דאָס אין אַמעריקאַ, — האָט ער דוד רחל׳ס געלערענט. — אָבער . . . דאָן דאַרף ער גאָך אין דער שולע גען — האָט הער צווייהאַרץ צוגעזעצט.

— ער קען ניט לערנען, מיין הער — האָט דוד רחל׳עס ווי אַ שולדיגער זיך פאַרענטפערט.

— וואָס ? קאָן ניכט לערנען ?... זאָ... זאָ... איין פערשטאָפּטער קאָפּף . . . — האָט הער צווייהאַרץ גוטמוטיג געשפּאַסט, — דאָן מוסען זי אים איין אַנשטענדיגע פּראָפעסיאָן לערנען, — איינע אַרבייט. איהרע לייטע זינד יאַ גוטע שניידער — ניכט וואַר — נון, מאַכען זי אים פיר איין שניידער.

דוד רחל׳עס האָט אַ ציטער געטאָן פון קאָפּ ביז די פיס.

— אַ שניידער ! — האָט ער ווי אַ צעמישטער געשטאַמעלט. — אָבער, מיין הער, ער האָט אַ טאַלאַנט. אַ גרויסען טאַלאַנט — האָט ער ציטערענדיג געזאָגט.

— יאַ, יאַ, דאַס וויים איך שאָן... איך וויים דאַס ער טאַלענט האַט, — האָט צווייהאַרץ שוין אַ ביסעל אומגעדולדיג באַמערקט. עס האָט אים אַפּנים אָנגעהויבען צו דערעסען די גאַנצע מעשה. ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו דוד רחל׳עס.

— מיין גוטער מאַן — האָט ער מיט געמאַכטער פריינדשאַפט געזאָגט און געקוקט דעם אַלטען גלייך אין פּנים אריין — יעדער מענש אין דער וועלט האָט טאַלענט, אָבער יעדער מענש אין דער וועלט מוז זיינע טאַלענטע בע־

נוצען אום איין לעבען צו מאכען — האט ער גערעט מיט א שטאלצען טאן אין וועלכען עס האט געקלונגען די ערפארענהייט פון א גענייטען געשעפטס־מאן. — פערשטאנדען?.. האט ער געפרעגט אין א סעקונדע ארום, קניי־טשענדיג דעם שטערען און באטאנענדיג זיינע ווערטער מיט דער באוועגונג פון אויסגעצויגענעם טייט־פינגער. — פערשטאנדען?...

דוד רחל'עס האט ניט אנגעהויבען פארשטיין. פונדעסטוועגען האט זיך זיין לאנגע פיגור א פאר מאל פארבויגען און פארנייגט פארויס... זיין קאפ האט צוגעשאקעלט פונקט ווי ער וואלט מסכים געווען צו דעם וואס צווייהארץ זאגט.

— דא, אין אמעריקא, דארף יעדער מאן ארבייטען, שאפען — איין לעבען צו מאכען. — האט שוין הער צווייהארץ געפרעדיגט. — טאלענט אדער ניכט טאלענט, דא דארף מען ניכט הערומלויפען אדער לעבען אויף יעמאנד'ס רעכענונג אדער גאר צו לאסט פאלען אויף די טשאריטים... ע... אויף די... צדקה־אנשטאלטען פאן אונזער שטאט... האט איר פערשטאנדען?

דוד רחל'עס האט זיך ווידער גיך געשאקעלט מיט'ן גאנצען גוף און האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ... אין טונקעלען ווינקעל, דארט וואו ער איז גע־שטאנען, לעבן דער שוועל, אונטער די גרויסע שווערע פארטיערען, האט ער, אין פארגלייך מיט דער קיילאכדיגער פיגור פון הער צווייהארץ, אויסגעזען ווי א שאקעלדיגער שאטען.

— איך ארבייט איין לעבען צו מאכען, איך ארבייט, זא מוז ער אויך ארבייטען — האט הער צווייהארץ, ווייזענדיג מיט דעם פינגער אויף אלע דריי פארשוינען פון געשפרעך, געטייט און גאנץ פרעך ערקלערט.

דוד רחל'עס האט צו אלץ צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און זיין הסכמה גע־געבען.

— יא, מיין הער. איך ארבעט, ארבעט שווער. ביי טאג און ביי נאכט ארבעט איך צו מאכען א לעבען, — האט ער שטיל מיט'ן גאנצען קוראזש פון זיין נשמה ארויסגערעדט. — איך וויל חלילה ניט קיין נדבה פון אייך — האט ער דערקלערט. — אבער איך בין אן ארימאן. איך האב קיין מיטלען צו לערנען אים זיין טאלאנט. אלע זאגען, אז ער האט א גרויסען טאלאנט און זיי זאגען מיר, אז איר האט א גרויס גוט הארץ... אז איר וועט אים העלפען. בין איך געקומען צו אייך. וואס וואלט א פאטער ניט געטאן פאר זיין קינד? איך בעט אייך, מיין הער, איך בעט אייך, העלפט אים צו לערנען זיין טא־לאנט — האט דער פאטער שטיל, רחמנות'דיג געבעטען.

הער צווייהארץ איז געווען גערירט. ער האט מיט מיטלייד באטראכט דעם אלטען. צווייהארצ'ען האט זיך באמת פארוואלט אים העלפען. אבער ווי

אַזוי? אַ פּאָר מינוט האָבן זיינע געדאַנקען ניט גערוט און אַ פאַרטראַכטער איז ער געגאַנגען איבערן צימער.

— איך וואָלט דאָך ווירקלאַך געדאַרפט זיין אימשטאַנד צו טאָן עט־וואָס פיר דעם אָרימען מאַן — פיר זיין קינד. — האָט ער געטראַכט. — איך בין יאָ דער הויפּט־שטיצער פון בילדונג פיר עמיגראַנטען — און מיר וואָלען דאָך די אונגליליכע „גרינע" בילדען, אויפקלערען — אַמעריקאַניזירען. יאָ, אַך, איך זאָלטע דאָך אימשטאַנדע זיין עטוואָס צו טון פיר דען קינד — האָט ער כמעט אין דער הויך צו זיך אַליין געזאָגט.

אַ געדאַנק איז דורכגעפלויגען דורך זיין קאָפּ. אַ! — האָט ער פּאָר זיך איבעררעשט אויסגעשריגען און האָט זייער ברייט געעפענט די אויגען — גרויסאַרטיג... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט. — יאָ, יאָ... האָט ער באַשלאָסען ביי זיך און האָט זיך אומגעדרייט צו דוד רחל׳עס. ער האָט זיך באַקוועם אָנגעשפּאַרט אָן טיש און האָט ליבלאַך, פריינדלאַך געזאָגט:

— אויב איר קיין געלט האָט צו ענטוויקלען זיין טאַלענט, לאָסען זי אונז דען אין איינע רעספּעקטאַבלע פּראָפעסיאָן לערנען, דורך וועלכער ער זיך דאָס נעטיגע געלט פערדינען קאַן. האָב איך רעכט? ניכט וואַר?

דוד רחל׳עס האָט אַלץ ווי פריער זיך אַ נייג געטאָן און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— נון, גוט, וויר ווערדען אינען העלפען. זי זינד הילפעס ווירדיג — האָט צווייהאַרץ שוין זיכער געזאָגט. ער איז געווען זייער צופרידען מיט׳ן גליקלאַ־כען געדאַנק וואָס איז אים אַזוי פּלוצלונג געקומען אויף דעם רעיון.

— יאָ... וויר מוסען אינען העלפען... וויר זינד דאַפיר היר! גיבען זי מיר, ביטע, אירען נאָמען און אירע אַדרעסע — האָט ער זיך געווענדעט צו דוד רחל׳עס און האָט פון טיש גענומען אַ בלייפעדער און אַ נאָטיץ־בוך צום שרייבען. — וויר ווערדען נאָך אירען זאָן שיקען, ווען וויר איינען קלאַס אָר־גאַניזירט האָבען — האָט ער געזאָגט און פאַרשריבען דוד רחל׳עס נאָמען און זיין אַדרעס — פערשטאַנדען? — האָט ער מיט אַ זיס־צופרידען שמייכעל געפרעגט. דוד רחל׳ס האָט נערוועז צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ...

האָט ער פאַרשטאַנען? ער האָט געזען, אַז דער גרויסער פילאַנטראָפּ האָט פאַרשריבען זיין נאָמען און זיין אַדרעס און נאָך וואָס האָט ער זיי דען געדאַרפט אויב ניט צו העלפען זיין קינד? ער האָט געהערט, אַז ער וועט אים אַריינגעבען אין אַ קלאַס און אין וואָסער אַן אַנדער קלאַס קען ער אים דען אַריינגעבען, אויב ניט אין אַ קלאַס פון גרויסע טאַלאַנטען? פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אים פאַרשטאַנען... און די גרויסע פרייד פון זיין נשמה האָט גאָר קיין סוף ניט געהאַט. זיינע אויגען האָבען געשטראַלט און געלויכ־טען. זיין דאַרע ברוסט האָט זיך עפּעס אַזוי גרינג צעשפּרייט פון דאָס גליק,

מיט וועלכע זיין אלטע הארץ האט געטאנצט און געשפרונגען. ער האט דער־גרייכט דאס ציל פון זיין לעבען. ער האט שוין זיין קינד פארזארגט. וואס דארף ער נאך מער? און ווען ער האט בּיסלאכווייז נאך בעסער באנומען, וואס צווייהארץ וועט טאן פאר אים און פאר זיין קינד, האט די פייערדיגע פרייד גאר אינגאנצען צעשמאלצען זיין נשמה און ער האט געזוכט די האנט, וואס האט ערשט געשריבען זיין נאמען און אדרעס — צו קושען זי. הער צווייהארץ האט דאס ניט דערלאזט. ער איז ביי זיך אין הארצען געווען צופרידען וואס דער מאן האט „ענדלאך" פארשטאנען — אזוי האט ער געטראכט, — אז אר־בעט און פארדינסט דארפען זיין דאס ערשטע און דאס וויכטיגסטע אין אן ארימאנ'ס לעבען, און ערשט, ווען איינער האט אפּגעשפּארט גענוג געלט — האט ער געטראכט — דאן קאן ער ערשטע פיר טאלענטע זארגען.

— אך, די לויטען, די לויטען... די גרינע לויטע... האט ער זיך דער־ווארעמט טראכטענדיג, ווען ער האט שוין ארויסבאגלייט דוד רחל'עס מיט זיין איינגעל פון דער טיר. —— די האבען איין זאנדערבארען בעגריף פון לע־בען. די האבען מערקווירדיגע פעהיגקייטען און זאנדערבארע שטרעבונגען. דאקטארען, אדוואקאטען, ליטעראטען, קינסטלער וואלען זיי אלע זיין, אבער... ווער וועט פיר דיזע ארבייטען... איין לעבען מאכען. דא אים לאנדע מוסען זי לערנען צו שאפען. יא, ארבייטען — דאס איזט דאס הויפּט אמעריקאני־שעם פּרינציפּ דעם לעבענס — האט ער זיך פרידלאך געמורמעלט אונטער דער נאז, גאר פארגעסענדיג, אז דוד רחל'עס לאנדסלייט האבען שוין אין די הונ־דערטער טויזענטער זיך גוט אויסגעלערענט דעם דאזיגען פּרינציפּ אין די איינגע און שמוציגע ווינקלען פון זייער געטא.

דוד רחל'עס איז אוועקגעגאנגען פון הער צווייהארץ דער גליקלאכסטער מענש אין דער וועלט. איצט האט ער שוין פארזארגט זיין קינד, איצט וועט ער שוין געוויס ווערען דער גרויסער קינסטלער, וואס עס איז אים באשערט צו ווערען. און פאנטאסטישע בילדער פון צוקונפטיגער גרויסקייט און צו־קונפטיגע ערע האבען זיך געמאלען אין דעם אלטענ'ס פארשטעלונג.

* * *

פינף טעג זענען פאריבער און דוד רחל'עס האט גאר ניט געהערט פון הער צווייהארצ'ען. ער איז געווען אויסער זיך.

— קען דען זיין, אז הער צווייהארץ האט גענומען זיין נאמען און אדרעס נאר פּטור צו ווערען פון אים? פּונקט ווי די הערען פון די געשעפטען, וואו ער פלעגט פרעגען אויף ארבעט, פלעגען פארשרייבען זיין נאמען און אדרעס און זיך קיינמאל ניט דערמאנען אויף אים. קען עס טאקע זיין, — האט ער אלץ געטראכט, און זיין הארץ פלעגט אנהויבען קלאפּען אזוי שטארק, גלייך ווי ער וואלט חלילה געהערט א שלעכטע בשורה.

אָבער.. .עס איז דאָך געקומען, אַ פּאָסט־קאַרטעל איז געקומען. און ער האָט געוואוסט, אַז עס איז פון צווייהאַרצ'ען. עס איז געווען געשריבען אויף ענגליש און ווער דען וואָלט געשריבען ענגליש צו אים? ער האָט דאָס פּאָסט־קאַרטעל באַטראַכט, געדרייט אַהין און אַהער, געקוקט אויף דעם דורך די ברילען, אַוועקלייגענדיג די אַרבעט אויף אַ ווייל. זיינע געדאַנקען זענען ווילד געפלויגען און האָבען זיך אַליין פאַרגעשטעלט דעם אינהאַלט פון דעם פּאָסט־קאַרטעל. און דער אינהאַלט איז אויף אַ רגע ניט געבליבען פעסט אין זיינע געדאַנקען. אַט איז עס געווען דאָס, און אַט ווידער עפּעס אַנדערש.

ער האָט ניט געקענט אַרבעטען, ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין פּלימעניק, דעם סטודענט, דער איינציגער מענש וועמען ער וואָלט גע־טרויט דעם אינהאַלט פון דעם פּאָסט־קאַרטעל. ווי אויף צו להכעיס אָבער, איז זיין פּלימעניק אַלץ ניט געקומען און דוד רחל'עס האָט זיך ביז דעמאָלט קיין אָרט ניט געפונען.

— טאָמער, חלילה, שטייט אין פּאָסט־קאַרטעל, אַז מיר האָבען געדאַרפט היינט אין דער פרי גיין אַהין — האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיגען — דע־מאָלט, גאָט באַהיט, קען דאָך זיין אַלץ פאַרלוירען... — האָט זיך אים אָפּט פאַרגעשטעלט, און ער האָט ווידער באַטראַכט דאָס פּאָסט־קאַרטעל, געדרייט עס אַהין און אַהער פּונקט ווי דאָס וואָלט אים געהאָלפען זיך אַנשטויסען וואָס עס שטייט דאָרט געשריבען.

ערשט אַרום אַ זייגער פיר בייטאָג איז געקומען זיין פּלימעניק.

— אוי, ישראל — האָט ער אויסגעשריגען — איך האָב דאָך קוים דער־לעבט דיך צו זען. די אויגען זענען מיר שיער ניט אַרויסגעקראָכען. וואו ביסטו געווען?

— געוואַרט... אויף מיר? וואָס איז? — האָט ישראל דערשטוינט גע־פרעגט.

— ששש... שריי ניט אַזוי, — האָט זיך דוד רחל'עס איבערגעבויגען איבער זיין אַרבעט און האָט שטיל געזאָגט:

— דו ווייסט, ישראל, איך בין דאָך געווען מיט'ן אינגעל ביי מיסטער צווייהאַרץ. ששש... האָט ער צוגעלייגט די צונויפגעלייגטע פינגער פון דער האַנט צו די צונויפגעלייגטע ליפּען און האָט נאָך שטילער גערעדט. — ער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפען דעם קינד... דו הערסט, ישראל?

— אַזוי?... האָט ישראל פאַרוואונדערט געפרעגט.

— יאָ, יאָ, ישראל... ער איז אַ גרויסער מאַן... אַ רייכער, מיט אַ די־מענט־האַרץ. מען זאָגט, ער טוט פיל גוטעס פאַר אידען... און, אַז ער זאָגט צו... און ער האָט מיר אַליין מיט זיין מויל צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים

אַריינגנעמען אין אַזאַ קלאַס... דו פאַרשטייסט, ישראל? — האָט דוד רחל'ס באַטאָנט זיינע לעצטע ווערטער.

— אַ קלאַס? — האָט ישראל איבערגעפרעגט. — וואָס הייסט עפּעס אַ קלאַס?

— איך וויים? אַזוי האָט ער געזאָגט; מסתמא, ווייסט ער דאָך, וואָס ער רעדט. ישראל, דו ווייסט גאָר ניט ווי גליקלאך איך בין — האָט דער אַלטער געזאָגט און זיין אונטערשטע ליפּ מיט דער גרויסער געל־גרויער באָרד האָבען אַ ציטער געטאָן. — ווי וואָלט איך, אַן אָרימאַן, געקענט עפּעס טאָן פאַר אים, פאַר זיין גרויסען טאַלאַנט... אָבער, ישראל, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט. דו וועסט זען, ישראל, דער צווייהאַריץ וועט אים שוין פאַרזאָרגען.

ישראל'ן האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט. אים איז נאָך גוט אין טעם גע־לעגען ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען איינצוצאָלען, מיט דער הילף פון די בעלי צדקות, אין אוניווערסיטעט, וואו ער האָט זיך געלערענט.

— הלואי, פעטער, זאָל עס אמת זיין — האָט ער געזאָגט.

— אָט, נאַ, זע אַליין. זיי האָבען דאָך געשיקט נאָך אים... אויב עס איז, חלילה, ניט פאַרשפּעטיגט — און דוד רחל'עס האָט אים דערלאַנגט דאָס פּאָסט־קאַרטעל.

דער יונגער מאַן האָט גענומען דאָס פּאָסט־קאַרטעל. דוד רחל'עס האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט אויף די קני, האָט צונויפגעלייגט די דאַרע הענט אויף דער אַרבייט, האָט אויסגעצויגען זיין האַלז־און־נאַקען, ביז די בלויע אָדערען האָבען אַרויסגעסטאַרטשט פון ביידע זייטען און די געל־גרויע באָרד איז געהאָנגען אין דער לופטען. זיינע קליינע בלישטשענדיגע אויגען האָבען זיך ווייט געעפענט און וואַרטענדיג האָט ער געקוקט אויף ישראל'ן.

ישראל האָט אַ סעקונדע באַטראַכט דאָס קאַרטעל, מאַשינאַלנע האָט ער עס צוגעטראָגען נעענטער צו זיך, האָט זיך צוגעבויגען צו דעם און זיך גוט צוגעקוקט. ער האָט עס שטום, פאַר זיך געלייענט און געשטוינט... זיינע אויגען זענען געלאָפען איבער די געשריבענע שורות ווילד־פאַרוואונדערט... פלוצלונג האָט ער זיך האַסטיג צוריקגעוואָרפען אויף זיין שטול, די האַנט מיט'ן קאַרטעל איז לויז אַראָפּגעפאַלען ביי זיין זייט, דער קאָפּ האָט זיך פאַרוואָרפען צוריק איבער דעם ביינקעל און פון זיין ברוסט האָט אַרויסגע־שאָסען אַ ווילדער געלעכטער. ער האָט געלאַכט הילכיג, קלינגענדיג, שטאַרק. געדרייט זיך אויף זיין שטול און געלאַכט.

— אַ, די פילאַנטראָפּען — האָט ער געלאַכט און געהאַלטען זיך ביי די זייטען — די פילאַנטראָפּען — האָט ער זיך געטרייסעלט און געצאַפּעלט און געלאַכט...

— ישראל! — האָט דוד רחל'עס אויסגערופען מיט אַ ציטער אין זיין

קול און אַ וויטאָג אין האַרצען. ישראל האָט זיך ווי אַ צעמישטער אויפ־געכאַפּט. איצט ערשט האָט ער דערפילט ווי ער האָט וויי געטאָן דעם אַלטען. ער האָט מיט אַלע כחות געפּרוּווט איינהאַלטען זיין געלעכטער. עס איז אים ניט גרינג אָנגעקומען. צווישען איינגעהאַלטענע, קאָנוואולסיווע צוקונגען פון לאַכען האָט ער אין דער הויך געלייענט דאָס פּאָסט־קאַרטעל:

„ווערטער הער, איר ווערט דערמיט העפליכסט איינגעלאַדען צו קומען מאָנטאָג, אָקטאָבער דעם 16־טען, אַכט אור אָווענט, אין דעם — — — — אינסטיטוט. וואו דער קלאַס פון טעלעגראַפיע, צו וועלכען איר ווילט געהערען און פאַר וועלכען איר האָט זיך פאַרשריבען, וועט דאָס ערשטע מאָל זיך צענויפקומען.

אכטונגספול, — — —".

און אין אַ ווינקעל פון קאַרטעל איז מיט רויטען טינט געווען אָנגע־שריבען: „רעקאָמענדירט פון דעם הער ערנסט צווייהאַרץ".

— אָרימער פעטער, — האָט ישראל טרויעריג געזאָגט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס דער „קלאַס" האָט באַטייט: אַ קלאַס צו מאַכען טעלעגראַפיסטען פון אָרימע טאַלאַנטפולע קינדער — אַט דאָס קענען די הערען פילאַנטראָפּען — האָט ער געטראַכט און פאַר־שטיקט אין זיך די ספּאַזמען פון היסטערישען געלעכטער. און דוד רחל'עס איז געזעסען, די אַרבעט אויף די קני, די דאַרע הענט אויף דער אַרבעט, און געקוקט מיט זיינע קליינע פינקעלדיגע אויגען אויף דעם לאַכענדיגען יונגענמאַן. ער האָט נאָך ניט קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך דאָ, אָבער אַן אינווענייגסטער שמערצליכער געפיל האָט שטאַרק געפּרעסט זיין ברוסט און האָט אים ניט געלאָזט אָטעמען. זיין אַלט האַרץ האָט אים גע־זאָגט, אַז עפּעס אַ מורא'דיגע, אַ שרעקלאַכע סכנה סטראַשעט דאָס גליק פון זיין קינד און טיף אין זיין אָרימער נשמה האָט עפּעס אַזוי וויי געטאָן... געקלאַפּט און וויי געטאָן.

.2

די רייכע און אַרטיסטישע קרייזען פון ניו יאָרק האָבען געקאָכט און געזאָטען מיט אויפרעגונג. דער גרויסער לייפּציגער קינסטלער, דער ווירטואָז, הער יאָהאַנעס פאָן פירסט, האָט געשפּילט זיין לעצטען, זיין „זיי־געזונט", קאָנצערט.

דער שיינער קאָנצערט־זאַל איז געווען אָנגעפילט מיט די אויסדער־ווייַלטע פון דער גלאַנצענדסטער געזעלשאַפט. פאָן פירסט איז געווען דער גרויסער איירָאָפּייאישער פידלער. אין יעדער שטאָט פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען אים באַגעגנט באַגייסטערטע פאַרערער און אומעטום

איז געוואַקסען זיין נאָמען, זיין פאַרערשאַפט און מיט זיי דער אוצר מיט גאָלד וואָס ער האָט דאָ פאַרדינט.

די בעסטע, די אמת'ע מבינים זיינען געקומען הערען די זיסע טענער פון זיין זיי־געזונט־ניגון. און וואונדערלאך האָט ער געשפּילט. מיט אַ רעגען פון בלומען און אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטען האָבען די פאַרערער דעם מייסטער באַגעגענט. ער איז געשטאַנען אויף דער בינע און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ ארום אים טאַנצט און דרייט זיך. פאַרטויבט פון דעם גרויש פון אַנטציקונג, האָט ער זיך ווי אַ מלאך מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען געטראָגען אין דער ליכטיגקייט וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל און האָט באַגאָסען די בינע. ער האָט זיך געטראָגען אין דער הויך, אין די הימלען וואו די געטער פון שיינקייט און קונסט זיצען און אים איז געווען אַזוי גוט... אַזוי ליכטיג...

ער איז שוין ניט געווען קיין יונגערמאַן, אָבער די שטריכען פון זיין ריין־ראַזירט פּנים זיינען נאָך געווען סאַמעט־ווייך און זיס. די קינסטלערישע נשמה, וואָס האָט זיך אַזוי וואונדערבאַר געהערט אין די טענער פון זיין פידעל, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט און ארויסגעשיינט פון זיינע מילדע אויגען. פאַרנייגענדיג זיך פאַר זיינע פאַרערער, האָט ער זיי פאַר'כשופ'ט מיט זיין שמייכעל און זיי האָבען גערוישט און געליאַרעמט ווי פאַר'שכור'טע אין אַ ווילדען עקסטאַז. זיי האָבען געיובעלט און געשריען, געפּאַטשט מיט די הענט און פאַרצויגען זיך הילכיג:

— בראַ...וואָ, בראַ—וואָ, בראַ—וואָ.

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיגט. דער קינסטלער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ גרויסער אַטאָמאָביל האָט אים געבראַכט צום אריינגאַנג פון זיין האָטעל. ער איז ארויסגעשפּרונגען פון וואָגען, באַצאָלט דעם פורמאַן און איז פאַרטראַכט געבליבען שטיין.

עס איז געווען אַ שיינע נאַכט. דער גרויסער קינסטלער האָט זיך ניט געאיילט ארויפצוגיין צו זיך אין די צימערען. עפּעס האָט זיך אים געוואָלט בלייבען אין דרויסען. אַזעלכע רעש'דיגע סצענעס ווי די הייַנטיגע פלעגען מאַכען אַ שווערען איינדרוק אויף זיין זעלע. פלעגען אים אָפּט פאַראורזאַכען שלאָפלאָזע נעכט... ער האָט פאַר זיי מורא געהאַט.

און דאָ, די נאַכט איז געווען אַזוי שיין, אַזוי שיין ווי די ערשטע נעכט פון פרילינג קענען נאָר זיין. און זי האָט געברייטט און גערופען צו אָטעמען די ריינע, קילע, אויפלעבענדע לופט, פאַרגעניגען צו האָבען פון דעם בלויען, דורכזיכטיגען הימעל, באַוואונדערען דעם בלאַסען בליאַסק פון דער לבנה, וואָס איז ווי אין אַ ראַם געווען איינגעפּאַסט אין קלאָרע,

בלויע וואלקענדלאך, וועלכע האבען זיך אויסגעשפרייט ארום אירע שיי־
נענדיגע ברעגעס און האבען ארום איר אפגעשפיגעלט א בלוילאך־גילדער־
נע, רויטלאכע רייף. עס איז געווען א שיינע נאכט. די לעצטע קרעפטען פון
דעם גוסס'דיגען פראסט האבען נאך געפרואווט וועבען אויף דער אויבער־
פלאך פון דאס שטייענדיגע וואסער אויף דער גאס, פון מיליאנען דינע
פארפרוירענע קריסטאל־נאדלען, וואונדער־שיינע מוסטערען.

די וואונדער־שיינע נאכט האט דעם מייסטער באצויבערט און ער
האט זיך פארטראכט געלאזט גיין אן א ציל און אן א באשטימונג. ער
האט פארקערעוועט אין א שטילער גאס, ווייטער פון דעם גערויש און גע־
פילדער. אים האט זיך געוואלט טראכטען אביסעל. זיינע מחשבות זיינען
גרינג געפלאסען איבער דער נאר וואס איבערגעלעבטער צייט אין דעם לאנד
פון גאלד און אייזעניש, איבער די שטעט און מענשען וואס ער האט באַ־
געגענט, איבער דעם גרויסען ערפאלג וואס ער האט דא געהאט.

די גרויסע פארדינסטען האבען אים א ביסעל פארדרייט דעם קאפ,
פארבלענדעט די אויגען. אין דעם גערויש פון לעבען האט ער גארניט באַ־
מערקט אז זיין געליבטער קונסט סטראשעט א געפאר. אמת, ער האט גע־
שפילט אזוי צויבעריש ווי תמיד. אבער.... דאכט זיך, אז דער גרויסער ער־
פאלג האט אים ווי פארפירט: עפעס האט ער שוין ווי צופיל געוואלט גע־
פעלען זיינע צוהערער און פארערער, און ער איז, דאכט זיך, ניט אינגאנ־
צען טריי געבליבען זיין קונסט... דאס איז געווען דער טיפער סוד פון זיין
נשמה... און אפט פלעגט ער אין אים אויפגיין, אין מאמענטען ווי דעם
אווענט, אין מיטען שפילען, ארומגערינגעלט פון פריינד און פארערער,
בלומען און אפלאדיסמענטען. און ווי פלעגט ער זיך דעמאלט פארבענקען
נאך זיינע יונגע יארען, ווען זיין גרויסע יונגע קראפט האט זיך ניט גע־
בוקט פאר טראנען, און זיינע טענער האבען זיך ניט אונטערגעגעבען דעם
קלאנג פון מעטאל.

א, דעמאלט איז ער געווען דער אמת'ער, דער גרויסער קינסטלער.

אזוי האט ער געטראכט. געגאנגען און געטראכט. ערשט פלוצלונג
האט ערגעץ־וואו, פון ווייטען, זיין אויער טענער דערהערט. אינסטינקטיוו
איז ער שטיין געבליבען.

אימיצער האט אויף א פידעל געשפילט. ער האט זיך צוגעהערט, איינ־
געהאלטען דעם אטעם, פונקט ווי ער וואלט מורא געהאט איבערצושלאגען
די פליסיגע מעלאדיע.

ער האט זיך פאמעלאך געלאזט גיין נענטער און האט באלד דערקענט
די וואונדער־שיינע מוזיק פון וויענאווסקי'ס „לעגענדע". נענטער און
נענטער זיינען געקומען די צויבער טענער. ווי פראכטפול זיינען געווען די

באַקאַנטע קלאַנגען איז דער שטילקייט פון דער נאַכט. ווי געטלאַך מעלאַ־דיש און טרויעריג די לאַנגע מוזיקאַלישע ווייען־טענער. וואָס האָבען מיט לעגענדאַרישער פּראַכט דערציילט די ליידען, די שמערצען, די דערנידע־רונג, די האָפענונגען און די פאַרצווייפלונג פון אַן אונטערדריקט פאָלק.

אין דעם איצטיגען שפּילען פון דער „לעגענדע" האָט דער מייסטער דערקענט עפּעס אַ נייעס, טיפען, מיסטישען אַקאָרד, אַזאַ איידעלען, אַזאַ כשופ׳דיגען, וואָס האָט אים — דעם וועלט־באַרימטען קינסטלער — אויס־געוויזען מיט מאַגישער קראַפט צו אַנטדעקען די אינערליכע האַרמאָניע פון דעם קאָמפּאָזיטאָר׳ס נשמה. אַן אַקאָרד, וועלכען ער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געהערט.

— וואונדערבאַר! וואונדערבאַר! — האָט ער אויסגערופען מיט אַנטציקונג און ער איז געגאַנגען צום הויז פון וואַנען דאָס שפּילען האָט זיך געהערט.

באַצויבערט פון דעם קינסטלערישען שפּילען פון דעם אומבאַקאַנטען, איז דער מייסטער געשטאַנען, דעם קאָפּ איינגעבויגען, די הענט אין די קעשענעס און דער שאָטען פון זיין פיגור האָט זיך קאָסע אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס. די גרויסע, קיילעכדיגע לבנה האָט געוואָרפען אירע בלאַסע שטראַלען אויף דעם פאַרוואונדערטען מייסטער. די ווייכע שטריכען פון זיין דערשטוינט פּנים האָבען זיך קלאָר געזען אין דאָס מאַטע ליכט.

דאָס שפּילען האָט אויפגעהערט. אַ גערויש פון אַפּלאָדיסמענטען האָט זיך געהערט אין גאַס. אַ טומעל פון ווערטער האָט זיך דערטראָגען צום מייסטער. נאָר ער האָט קיין איינס ניט פאַרשטאַנען. ער האָט באַטראַכט דאָס הויז. עס איז געווען אַן אַלטע געביידע. דער אונטערשטער עטאַזש איז געווען איבערגעבויט אין אַ גרויסער קלייט, צעטיילט מיט אַ וואַנט אויף צווייען. אויף דער רעכטער זייט פון דער גלעזערנער טיר האָבען רויטע אותיות אָנגעוויזען אַז דאָ טוט געשעפט אַ בירגער פון דער „הימלישער אימפּעריע": „לו—פונג—טשאַנג. כינעזישע וועשעריי". אויף דער אַנדע־רער זייט פון דער גלעזערנער טיר האָט דער מייסטער אויפ׳ן פענסטער איבערגעלייענט די גרויסע, ווייסע בוכשטאַבען: „דוד רחל׳עס, שניידער. קליידער גערייניגט און פאַרריכט. גוט און ציכטיג געמאַכט".

— דוד רחל׳עס, דוד רחל׳עס — האָט דער מייסטער פאַרוואונדערט איבערגע׳חזר׳ט און געקוקט אויף דעם אַלטען בלויען פאַרהאַנג וואָס האָט פאַרשטעלט דאָס פענסטער.

— דוד רחל׳עס — האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט — ווער קען עס זיין?... ער האָט משוגה׳דיג אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און איז

אוועקגעגאַנגען ווייטער. אָבער די רוישיגע קולות און דער פריילאַכער גע־פילדער, וואָס האָבען אין דער שטילער נאַכט דערגרייכט זיינע אויערען, האָבען געהילכט און אים נאָך אמאָל און ווידער אמאָל דערמאָנט, גלייך ווי אַן אומבאַוואוסטע קראַפט וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך איינ׳חזר׳ען: „דוד רחל׳עס! דוד רחל׳עס!"

3.

— קענט איר מיר פילייכט צונייען דאָס קנעפּעל פון מיין וועסט — האָט אַ קלינגענדיגע שטימע, מיט אַ שאַרפען דייטשען אַקצענט, געפרעגט אויף ענגליש, אַריינגייענדיג צו דוד רחל׳עס אין שניידער שאַפּ.

— יאָ, יאָ, געוויס, מיסטער. — האָט דוד רחל׳עס געענטפערט אין זיין צעבראָכענעם ענגליש, און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם שניידער־טיש, אויף וועלכען ער איז געזעסען צענויפגעלייגט די פיס ווי אַ טערק, און האָט פאַרריכט אַן אַלטען פראַק. ער איז געגאַנגען — ווי ביי זיך אין שאַפּ — אין אַ ראָק, אין אַ צעשפּילעטער אַלטער וועסט וואָס איז אויף איין זייט נאָך געווען אַ היבש ביסעל צעריסען; די אַרבעל פון העמד כמעט ביז די איי־לענבויגענס פאַרקאַטשעט, די קאָלטענוואַטע באָרד שטאַרק צעשויבערט. ער איז געווען שטאַרק פאַרשוויצט. ער איז אַראָפּ פון טיש און זיך גענומען באַטראַכטען דאָס לויזע קנעפּעל אויף דער וועסט פון דעם עלעגאַנטען הער. דער פרעמדער האָט זיך דערוויילע אַרומגעקוקט. דוד רחל׳עס האָט מיט גע־ניטער שנעלקייט אַראָפּגעצויגען דעם אויבער־ראָק פון דעם הער, אַראָפּגע־נומען דעם ראָק, דערביי אַ פּאָר מאָל טיף פאַרנייגענדיג זיך — און האָט ווידער באַטראַכט דאָס לויזע קנעפּעל.

— בעסער עס איינגאַנצען אַראָפּנעמען און אויף דאָס ניי אָנניי׳ען — האָט ער אַן עצה געגעבען. — עס וועט דויערען אַ מינוט, איין מינוט — האָט ער אין זיין צעקאַליעטשעטען ענגליש דערקלערט.

— גוט, גוט — האָט דער פרעמדער גיך געענטפערט — זאָל זיין אַזוי.

דוד רחל׳עס האָט אַרונטערגענומען די וועסט פון דעם הער און האָט אים אונטערגעטראָגען אַ ביינקעל.

— זעצט זיך, ביטע... — האָט ער געזאָגט און האָט זיך קאָמיש פאַר־נייגט.

— זעצט זיך, עס וועט באַלד זיין פאַרטיג... שוין — האָט ער פאַרזי־כערט. דער הער האָט געשוויגען און האָט זיך אַנידערגעזעצט. אַ פּאָר מינוט האָט ער באַטראַכט דעם שאַפּ.

עס איז געווען אַן אַלט, שמוציג פּלאַץ. די ניי־מאַשין, וואָס האָט גע־בלישצעט פאַר דעם טיש, איז געווען דאָס איינציגע צירונג אין שאַפּ. אַ

לאַנגער שניידערשער טיש איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און האָט פאַר־נומען כמעט די גאַנצע ברייט פון צימער. ביים עק טיש האָט דוד רחל׳עס פּועל געפּרעסט אַ פּאָר אַלטע הויזן. ער האָט ביי דער אַרבעט משונה׳דיג אויסגעזען. אַט האָט ער גיך געפירט דאָס שווערע הייסע אייזן איבער דעם פוס פון די הויזן און אַט האָט ער עס פּלוצלונג אַ הויב געטאָן אין דער הויך און האָט עס מיט אַזאַ אימפעט אַראָפּגעלאָזט, אַז דער טיש האָט אַזש געציטערט; דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבויגען איבער דעם אייזן, האָט אָנגעשפּאַרט זיין ברוסט אויף דער האַנט וואָס האָט געהאַלטען דאָס הענטעל מיט דער הענטשקע און האָט עס אַזוי שטאַרק צוגעדריקט, אַז זיינע באַקען האָבען זיך אָנגעבלאָזען, זיינע נאָזלעכער האָבען זיך צענומען און דאָס פּנים איז געוואָרען פּורפּור־רויט. ער האָט שווער געקרעכצט און פּאַמעלאַך געשאַקעלט זיך פון זייט צו זייט. דער טיש האָט אונטער זיינע שווערע באַוועגונגען אונטער־געסקריפּעט.

אויפ׳ן טיש איז געלעגען צעוואָרפען דוד רחל׳עס שניידער־געצייג: אַ שער, אַ קלעצעל פּאָדים, אַ קישעלע מיט איינגעשטעקטע נאָדלען און אַ „יאַרד־סטיק" *). אַ פינגערהוט האָט זיך געוואַלגערט אויפ׳ן טיש און פון אַ קליין איבערגעקערט קעסטעלע האָבען זיך אויסגעשאָטען אַלטע קנעפּ־לאַך, פּרויען־העקעלאַך און קאָלירטע שטיקלאַך קרייד.

די ווענט פון דוד רחל׳עס שניידער־שאַפּ זיינען געווען באַשלאָגען מיט אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע שפּאַניער, פון וועלכע דער שטויב און די עלטער האָבען שוין לאַנג אָפּגעריבען די בלומען און די פיגורען. איבער דער וואַנט וואָס האָט געפירט צו דער גאַס־טיר האָט געטיקטאַקט אַן אַלטער זייגער. אויף אים האָט תמיד די צייט און די אייביגקייט וועניגסטענס אויף אַ האַלבע שעה פאַרשפּעטיגט. אויף אַ הילצערנער אָנפּאַסונג־פיגור צווישען פענסטער און טיש איז, ווי אַ טלית איבער די אַקסלען פון אַ כאַר־זינגער, דוד רחל׳ס מאַס געהאַנגען. און אין פענסטער זיינען אויף אַ דראָטענער שטאַנג געהאַנגען אַ פּאָר שפּאָגעל־נייע הויזען — דאָס שיינדעל סאַי פון פענסטער און סאַי פון גאַנצען וואָרשטאַט. אין מיטען צימער, אין דער לייננג, האָט זיך געצויגען אַ דין הילצערן ווענטעל מיט אַ טיר וואָס האָט געפירט צו דוד רחל׳עס וואוינונג. פון דאָרטען האָבען זיך געטראָגען אומ־אָנגענעמע ריחות פון צוגעברענטע ציבעלעס, וואָס מען האָט, קענטיג, איצט געהאַלטען אין פּרעגלען. דאָס ווענטעל איז געווען באַהאַנגען מיט אַלטע קליי־דער: צוויי פּאָר אויסגעפּרעסטע הויזען, אַן אַלטער ראָק אָן אַרבעל און בילדער פון פּאַסאָנען און זשורנאַלען וואָס זיינען שוין לאַנג פון דער מאָדע אַרויס.

*) אַן ענגלישע מאָס, ענלאַך צום רוסישען אַרשין.

דער פּרעמדער האָט אַלץ באַטראַכט מיט גרויס אינטערעס און ווען זיינע אויגען האָבען זיך באַגעגענט מיט דער טיר האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט:

— איר וואוינט דאָ אויך?

— זיכער, זיכער — האָט דוד רחל'עס געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — מיר האָבען דאָרט צוויי צימער מיט אַ קיך — האָט ער גוטמוטיג דערקלערט.

— אַזוי? איך קום פון אייראָפּא, פון דייטשלאַנד — האָט דער פרעמדער געזאָגט. קענטיג אַז ער האָט געוואָלט דעם אַלטען אריינציען אין אַ שמועס. — און פון וואַנען קומט איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך? איך קום אויך פון אייראָפּא — האָט דוד מיט שטאָלץ אָנגעוויזען אויף זיך — איך קום פון רוסלאַנד.

— אַ, זאָ!... — האָט דער פרעמדער אויסגעשריען. ער האָט פאַרשטאַנען ווער דוד רחל'עס איז.

— דאַן שפּריכט איר דאָך דייטש — האָט ער שוין אויף דייטש צוגעזעצט.

— אָף קאָס *), געוויס. וואָס פאַר אַ פראַגע פרעגט איר, מיסטער. — האָט דוד רחל'עס ארויסגערעדט אויף אַ קול.

— אָבער... איר זייט יאַ צו לאַוט, צו שטורמיש — האָט דער פרעמדער געזאָגט אויף דייטש, אומבייטענדיג די רייד. — איך וואוין דאָ דריבען. אים האָטעל „לאָרענץ" — האָט ער דערקלערט — געסטערן, שיינט ס'מיר, וואַרען זי פראָ צו מוט; זי האַבען די נאַכבאַרען אין דער געגענד שלאַפען געשטערט... זי האָבען ווארשיינליך פיל געטרונקען. הע, הע, הע... — האָט ער זיך גוטמוטיג צעלאַכט.

— געטרונקען?! — האָט זיך דוד רחל'עס אַ ביסעל דערשראָקען. — ווער ווייסט ווער דער מאַן איז — האָט ער אַ קלער געטאָן און איז באַלד ווידער צו זיך געקומען.

— ע!... וועו!... — האָט ער משונה'דיג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— נאַדיר גאָר געטרונקען. אמת, אַביסעל זיינען מיר געווען פריילאַך — האָט ער מיט דער האַנט געפּרואווט דערקלערען. — אָבער, געטרונקען?... פאַרשטייען זי מיין הער, נעכטען ביינאַכט, געסטערען... איז ביי אונז געוועזען אַ גרויסער יום־טוב... אַ... האָלידיי... אַ פּייער־טאָג — האָט ער זיך פאַרכאַפּט.

— וואָר'ס פייערטאַג געסטערן? — האָט דער פרעמדער געפרעגט.

---

*) אודאי.

— יאָ, אַ פֿייערטאָג, עס איז געווען מיין זונ׳ס בר־מצוה... זיין געבורטס טאָג — האָט ער זיך ווידער פֿאַרכאַפּט.

— זאָ, זאָ... — האָט דער פּרעמדער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און זיינע גרויסע, מילדע אויגען האָבען זיך ווייט געעפֿענט...

— און ווער האָט וויאָלין געשפּילט? — האָט ער מיט גרויס נייגעריגקייט געפֿרעגט, צוקומענדיג ענדלאַך נאָענט צו זיין ציל.

— אויפ׳ן פֿידעל? — האָט דוד רחל׳עס איבערגעפֿרעגט און האָט געשטראַלט.

— מיין אינגעל, מיין קינד, מיסטער — האָט ער געזאָגט מיט גרויס פֿרייד און האָט עטלאָכע מאָל אָנגעוויזען אויף זיך. — מיין קינד, מיין זון.

— איר קינד, איר זאָן? — האָט דער פּרעמדער עפּעס ניט געגלויבט. — ווי אַלט איזט איר קינד? — האָט ער אַ ביסעל שפּאָטיש צוגעלייגט.

— ווי אַלט? דרייצען יאַר, מיסטער. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, ער איז נעכטען געוואָרען... בר... המ — — —

— וואס? — האָט דער פּרעמדער געפֿרעגט איבערראַשט.

— יאָ, יאָ, מיסטער, דרייצען יאַר, זאָג איך אייך, איז ער געוואָרען — האָט רחל׳ס פֿאַרזיכערט. — אָבער... מיין אינגעל האָט אַ טאַלאַנט, אַ גרויסען טאַלאַנט — האָט ער שטאָלץ צוגעלייגט און האָט אויפֿגעהויבען זיין קאָפּ הויך איבער דער אַרבעט. זיינע קליינע פֿינקעלדיגע אויגען האָבען געקוקט אויף דעם פּרעמדען, געהיט זיין פּנים. דער פּרעמדער איז אומגעדולדיג אויפֿגעשטאַנען.

— איז עס מעגלאַך? — האָט ער געטראַכט.

— זינד זי שאָן פֿערטיג? — האָט ער זיך געווענדעט צו רחל׳עס.

— יאָ, יאָ... אָט נאָר צופּרעסען אַ ביסעל — און ער האָט דערלאַנגט די וועסט דעם פּועל.

— קאָן איך פּילייכט איר זאָן זען? — האָט דער פּרעמדער ניט אויסגעהאַלטען ניט צו פֿרעגען.

— שור *), מיסטער, געוויס. — און דוד רחל׳עס האָט זיך געווענדעט צו דער טיר און האָט גערופֿען: — סעם, סעם, סעם! — אַ קול פֿון אַ פֿרוי האָט אים עפּעס אומפֿאַרשטענדליכעס געענטפֿערט.

— ער איז ניטאָ אין דערהיים, מיסטער, מיין זון. די מוטער האָט אים געשיקט אין גראָסערי **), איינקויפֿען פֿאַר איר. אָבער, איך זאָג אייך, איר מעגט מיר גלויבען, ער האָט אַ טאַלאַנט, אַ גרויסען טאַלאַנט.

---

*) געוויס.

**) שפּייז־געוועלבעל.

— ברינגען זי אים צו מיר, הייטע אָוונט. — האָט דער פּרעמדער פאַרגעשלאָגען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ווײַלע גע'עצה'ט מיט זיך אַליין. — און לאָזען זי מיך אים הערען. — האָט ער געזאָגט און געגעבען דוד רחל'עס זײַן וויזיט־קאַרטע.

— ברענגען אים צו אײַך? נאָך וואָס? — און דוד רחל'עס האָט מיט אַ נייג צום הער גענומען דאָס קאַרטעל. אַ סעקונדע האָט ער עס באַ־טראַכט.

— איך פיר אים אַהין און פיר אים אַהער, אָבער עס ווערט דערפון גאָרניט... קיינער העלפט ניט זײַן טאַלאַנט — האָט ער זיך טרויעריג גע־קלאָגט. — דער פּרעמדער האָט דעם אַלטען פאַרשטאַנען.

— יאָ, אויב ער ווירקליך טאַלאַנט האָט, קאָן איך אים העלפען.

— איר? — האָט זיך דוד רחל'עס פאַרוואונדערט. און מיט אַ ווייכען שמייכעל, עפּעס ניט גלויבענדיג, האָט ער ווידער געפרעגט:

— איר שפּילט דען?

— יאָ.

— פידעל?

— וויאָלין... יאָ... — האָט דער פּרעמדער געענטפערט אויך מיט אַ שמייכעל.

— אַזוי — האָט רחל'עס זיך פאַרוואונדערט און האָט נאָך אַמאָל באַ־טראַכט דאָס קאַרטעל — און איר וואָלט געקענט לערנען מײַן זון?

— יאָ, אויב ער טאַלאַנט האָט!

— אָ, וואָס ריידען זיי, מיסטער, איך זאָג אײַך ער האָט אַ גרויסען טאַלאַנט.

— נו, גוט... — האָט דער פּרעמדער אַנטשידען געזאָגט. ער איז געווען צופרידען וואָס ער האָט דערגרייכט דאָס ציל פון זײַן וויזיט.

— ברינגען זי אים הייטע אָוענדס. איך ווערדע אין גערן הערען. און ווען ער ווירקליך טאַלענט האָט, ווערדע איך אים העלפען קענען. — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט שוין אָנגעטאָן דעם אויבערשטען ראָק. דוד רחל'עס האָט אים געהאָלפען זיך אָנטאָן. עפּעס האָט ער זיך גיכער גערירט. ער איז אַרומגעשפּרונגען אַרום דעם הער לעבעדיג, אויפגערעגט, דאָך האָט ער זיך אײַנגעהאַלטען ניט אַרויסצואַווייזען צופיל זײַן פרייד, ווײַל טיף אין זײַן נשמה האָט געקלאַפּט און אים געשראָקען דאָס טונקעלע אומבאַוואוסטע. אָ, וויפיל מאָל האָט ער שוין געהאָפט, וויפיל מאָל האָט ער שוין געמיינט אַז אָט־אָט וועלען שוין די ליכטיגע שטראַלען פון אַ שיינענדער זון שמייכלען

צו אים פאַר זיין קינד, און אין אַ מינוט שפּעטער איז געקומען די קאַלטע, די אייז־קאַלטע אַנטוישונג.

דער פּרעמדער האָט אים נאָך אַ ווײַלע באַטראַכט און האָט אים דער־לאַנגט אַ האַלבען דאָלאַר פאַר זיין אַרבעט.

דוד רחל'עס איז געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן פּרעמדען. זיינע לאַנגע הענט זיינען אַראָפּגעהאַנגען. דער קאָפּ מיט דער קאַלטענעוואַטער, געל־גרויער באָרד אַראָפּגעבויגען. די באָרד איז געלעגען אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט און אַ ווייכער, וואָרעמער אויסדרוק, אַרויסשטראַלענדיג מיט נשמה־ליכט פון זיינע אויגען, האָט באַדעקט זיין פּנים.

— ניין, ניין הער, — האָט ער שטיל געזאָגט, — ניין. איך בין אַן אָרי־מאַן, אַן אָרימער אַלטער שניידער. אָבער... מיין הער, אויב איר וועט לערנען מיין קינד, אויב איר וועט העלפען זיין טאַלאַנט, וויל איך ניט קיין געלט פון אייך פאַר אַזאַ קליינינקייט ווי צונייען אַ קנעפּעל. ניין, איך וויל ניט... ניט אַזוי נאָך, מיין הער, וועל איך אייך באַדאַנקען אויב איר וועט לערנען מיין קינד. איך וועל אייך אַליין, מיט מיינע אַלטע הענט, מאַכען אַ שוואַר־צען פראַק, אַ טייערען פראַק, אַזאַ ווי מען מאַכט ביי אונז אין דער היים, ביי אונז אין יוראָפּ, דאָס וועל איך אייך מאַכען אַ פּרעזענט... — האָט ער געענדיגט און זיינע קליינע אויגען האָבען געבלישצעט פול מיט טרערען.

דער פּרעמדער האָט פאַרשטאַנען. ער האָט אונטערגעשמייכעלט און פאַרוואונדערט געקוקט אויף דעם אַלטען שניידער.

— איין ערדעלע זעלע — האָט ער געטראַכט און האָט אַ וואַרף געטאָן דאָס געלט אויפ'ן טיש פאַר דעם פּועל. יענער האָט פאַרשעמט אַ קוק געטאָן אויף דעם הער. האָט זיך טיף אַ נייג געטאָן און האָט אַריינגעשטעקט דאָס געלט אין קעשענע. דער פּרעמדער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט שוין דוד רחל'עס געוואוסט ווער דער פּרעמדער איז געווען.

— אַ שליח פון גאָט, אַ שליח פון גאָט — האָבען זיינע ליפּען גע־שעפּצעט ווען ישראל האָט עס אים געזאָגט.

— פּעטער, דאָס איז דאָך דער גרויסער מייסטער, דער גרויסער ליפּ־ציגער מייסטער. אַט איצט, פּעטער, אַט איצט, — האָט זיך ישראל ענטו־זיאַסטיש געהיצט, — וועט איר אפשר קענען טאָן עפּעס פאַר סעמי'ס גרוי־סען טאַלאַנט. גייט צו אים, פּעטער, גייט צו אים.

— אַ שליח פון גאָט. אַ שליח פון גאָט... — האָט דער אַלטער שניי־דער געמורמעלט, און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ זיינס האָט עפּעס אַזוי גע־קלאַפּט, אַזוי שנעל, אַזוי אומרואיג.

4.

אויף דער נאַכט איז סעמי געווען אָנגעטאָן ווי צו אַ חתונה. ער האָט גע־טראָגן די שיינע בלויע בלוזע, וועלכע די עלטערע שוועסטער האָט אים אויפגענייט, די קורצע הויזעלאַך, וואָס דער טאַטע אַליין האָט אויסגערייניגט און אויסגעפּרעסט, די שיך זיינען געווען מיט אַ גלאַנץ — דער מאַמע׳ס אייגענע אַרבעט — און איבער דער בלוזע איז געווען אַ ברייטער, ווייסער קאָלנער, מיט אַן עלעגאַנטען רויטען האַלז־טוך, וואָס די איינגסטע שוועס־טערל האָט אים מיט אַרטיסטישען געשמאַק אויסגעבונדען. סעמי האָט זיך אָבער ניט גוט געפילט. זיין לאַנג, בלייך פּנים, באַשאָטען מיט דראָבנינקע קלייענדלאַך, איז געווען עפּעס אַזוי טעמפּ, אויסגעצויגען; פון זיינע גרויסע, ברוינע אויגען, וואָס האָבען זיך באַהאַלטען אונטער לאַנגע רויטלאַכע וויעס, האָט אַרויסגעקוקט אַ מורא... אַ שרעק. אַ שרעק פאַר עפּעס וואָס האָט באַאומרואיגט זיין קינדערשע נשמה. און אינגאַנצען האָט עפּעס סעמי׳ס פּנים אויסגעדריקט אומצופרידענהייט, ניט־ווילינקייט.

סעמי פלעגט פיינט האָבען אַזעלכע אָווענטען: דאָס גרייטען זיך צו זיי, דאָס פאַרשטעלען זיך פאַר לייטען, צו וועלכע דער פאָטער פלעגט אים פירען, איז פאַר אים געווען אַ מאַטערניש. סעמי האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו שפּילען פאַר אומבאַקאַנטע מענשען, וועלכע האָבען אים גאָרניט אינטערעסירט.

ער האָט ליב געהאַט צו שפּילען. ווען ער איז געווען אַליין. דעמאָלט פלעגט זיך אים אויסווייזען, אַז מיט ווייכער, לאַשצענדיגער ליבע קען ער פון זיינע סטרונעס, פון זיין פידעל, אַרויסרופען טאַנצענדיגע טענער, וועל־כע שוועבען אין דער לופטען אַרום אים און שפּילען זיך מיט אים. זיי פלע־גען לויפען און שפּרינגען, קוליען און איבערקוליען זיך אַזוי קונציג, ווי די קינדער, זיינע חברים, וואָס שפּילען זיך מיט אים אין דרויסען. אַ מאָל פלעגט זיך אים אויסדאַכטען, אַז די טענער צושטעלען זיך, מושטירען זיך אוים אין שיינע מעלאָדישע אַקאָרדען אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אין סאָל־דאַטען געשפּילט... און גאָר אַמאָל, אַז זיי שוועבען אַרום זיינע אויערען און ווי פאַנטאַסטישע מלאָכים׳לאַך שפּילען זיי זיך מיט זיין נשמה און שטיל, בנעימות׳דיג אָדער פאַרשייט, שעפּצען זיי אים סודות וועלכע ער האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען. אָבער עס איז אים געווען אַזוי גוט דעמאָלט, אַזוי אָנ־גענעם.

סעמי האָט ליב געהאַט צו שפּילען אין די זומערדיגע פרימאָרגענס, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפען. אויפשטייענדיג גאַנץ פרי, פלעגט סעמי פאַר־שפּאַרען די טיר פון זייער איינציגען צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין, און זיך אַוועקשטעלען שפּילען אַ זיס, טרוימעריש מאָרגען־ליד

צו דער אויפגעשטאַנענער זון, וועלכע פלעגט אים אריינשיקען נאָר איינ־
איינציגען שטראַל דורך דעם שמאָלען פענסטער. דעמאָלט איז ער געווען
גליקלאַך, גליקלאַך אָן אַ שיעור. ער פלעגט שפּילען, און זיין קליינער גוף
פלעגט זיך וויגען הין און צוריק אַקעגען פענסטער, באַגריסענדיג דעם איינ־
איינציגען ליכט־שטראַל.

ער האָט געקענט שפּילען פאַר אַ פּובליקום אויך. ער האָט עס געפּרואווט,
אין יענע זעלטענע פאַלען, ווען מען האָט זיך ביים פאָטער איינגעבעטען.
ער זאָל אים לאָזען פאַרדינען געלט מיט זיין פידעל. אָבער דעמאָלט פלעגט
ער מוזען איינגאַנצען פאַרגעסען דאָס פּובליקום, כדי צו קענען שפּילען אמת
גוט. עס פלעגט אים אפילו ניט שווער אָנקומען. בלויז עטלאַכע זיפצענדיגע,
וויינענדיגע טענער פון זיינע סטרונעס, טענער, וואָס האָבען געקלונגען ווי
די זיפצען און קרעכצען פון זיין אַלטער קראַנקער מוטער. דאָס טייערע
אַלטע פנים פלעגט זיך שטעלען פאַר זיינע אויגען און סעמי פלעגט פאַר־
געסען אָן פּובליקום. ער פלעגט פאַר זיך זען בלויז די מוטער.

זיין מוטער! קיין זאַך אין דער וועלט האָט ער ניט מער ליב געהאַט
ווי זיין מוטער — אפילו ניט זיין קונסט. קיין מענש איז צו אים ניט געווען
אַזוי וויך, אַזוי וואַרים, אַזוי ליבליך־האַרציג ווי זיין מוטער. זי האָט אפילו
ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען האָט געמאַכט אַזאַ גרויסען טאַראַראַם ווע־
גען זיין שפּילען. טיף אין דער נשמה איז איר זיין שפּילען גאָר ניט געווען
צום האַרצען... עס איז איר עפּעס ניט אָנגעשטאַנען... — אמת, איר אַלטער
איז אפילו אויך ניט מער ווי אַ בעל־מלאכה — פלעגט זי טראַכטען —
אָבער... אַ כלי־זמר גאָר?... נו, און אַז איר טייער זונעלע וועט שוין שפּילען
אויף חתונות... איז וואָס? — פלעגט זי שטילערהייט זאָגען. דאָך האָט זי
ניט געוואָגט אַרויסצוריידען עס אין דער הויך. און הערענדיג ווי אַלע האָבען
אים געלויבט, האָט זי אים אין איר האַרצען מער געליבט: זעענדיג ווי
אַלע לאַשצען אים און ליובען, פלעגט זי אים נאָך ליבליכער לאַשצען און
ליובען. און אין זיין קינדערשער נשמה איז זי געווען דאָס ליבסטע און דאָס
טייערסטע.

ער האָט דעם פאָטער אויך ליב געהאַט... און אפשר טאַקע אַזוי פיל
וויפיל דער מוטער... — אָבער. — פלעגט אים אַמאָל איינפאַלען אַ גע־
דאַנק — ווען דער טאַטע וואָלט נאָר אויפגעהערט אַרומשלעפּען אים צו
די גרויסע לייט, ער זאָל שפּילען פאַר זיי; ווען ער וואָלט נאָר אויפגעהערט
צו פלאַנעווען עפּעס אַזעלכע מאָדנע זאַכען פאַר אים, וואָלט ער אים נאָך
מער ליב געהאַט. און די גוטע, אַלטע מוטער איז אין זיין קינדערשען שכל
אויסגעקומען עפּעס חשוב׳ער, ליבליכער. פאַרגעסענדיג די פיל אָפענע אויגען

פון פובליקום און דערזעענדיג פאַר זיך דאָס טייערע פּנים פון זיין מאַמען, דערמאָלט פלעגט ער גוט שפּילען... גוט!...

אָבער נאָך בעסער, וואונדער־שיין, פלעגט ער שפּילען, אין יענע זעל־טענע מאָמענטען, ווען ווייט־ווייט אין דעם גרויסען, שווארצען רוים אַקעגען אים, פלעגט זיך פּלוצלונג באַווייזען דאָס קליינע, קיילעכדיגע מלאך־פּנים'על פון זיין שטילען פריינד. דאָס איז געווען דאָס קליינע, בילד־שיינע מיידעלע, וואָס פלעגט זיצען אויף די שטיינערנע טרעפ לעבען זיין פאָטער'ס שאַפּ און צוהערען זיך צו זיין שפּילען. זי איז געווען זיין פריינד, זיין טייערסטער פריינד צווישען די קינדער. ער האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס, אָבער ער האָט געפילט, אַז דערזעענדיג איר שיין פּנים פאַר זיך, פלעגט אַ ווייכע, גרינגע ווארעמקייט אים אַרומנעמען און וויגענדיגע, פולסירענדיגע כוואַליעס האָבען געפלאָסען דורך זיין בלוט און דערגרייכט די האַנט ביים סמיטשיק און די פינגער ביי די סטרונעס. זיי פלעגען אָנצינדען זיין פּנים, זיין בלוט פלעגט רוישיגער פליסען אין זיינע אָדערען און די האַנט ביים בויגען און די פינגער ביי די סטרונעס פלעגען אַזוי קונציג אַרבעטען. און ער פלעגט שפּילען אַזוי וואונדערלאַך... ער האָט עס געפילט... אינעווייניג אין זיך געפילט... זי איז געווען אַזוי שיין, אַזוי שטיל, אַזוי שווייגענדיג — די קליינע, די ליבע, די האַרציגע... און איר פּנים'על פלעגט אים אַזוי באַגייסטערען.

אָבער פאַר פרעמדע האָט סעמי פיינט געהאַט צו שפּילען. און אויך איצט האָט ער זיך געגרייט ניט ווילענדיג.

דוד רחל'עס, פאַרקערט, איז געווען אין זיבעטען הימעל. זיין נשמה האָט געקוואָלען פאַר פרייד. ער האָט זיין פרייד ניט ארויסגעוויזען. ער האָט זי געפּרואווט איינצוימען, באַהאַלטען אונטער זיין אַלטען, שווארצען ראָק, זיין יום־טוב'דיגע הלבשה. אין דעם אַלטען ראָק, פאַרשפּילעט אינגאַנצען ביז אַרויף, האָט ער איצט אויסגעזען נאָך לייגער און דאַרער. בלויז די קאַלטע־נעוואַטע געלבלאַך־גרויע באָרד, וואָס האָט באַדעקט זיין ברוסט ווי אַ בעזים, פלעגט אָפּט אַ ציטער טאָן און די לעבעדיגע, קליינע אויגען האָבען גע־פינקעלט.

אַכט אַזייגער אין אָוונט איז ער מיט סעמי'ן געגאַנגען צום לייפּציגער מייסטער. די אַלטע האָט זיי באַגלייט ביז דער טיר. און ווען זיי זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען איז זי נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל. עפּעס מיט שרעק האָט זי זיי נאָכגעקוקט און האָט שטילערהייט נאָכגעשיקט איר ברכה, איר טייערען, איר קליינעם זונוניו...

* * *

ווען דוד רחל'עס איז מיט סעמי'ן אַריינגעקומען צום לייפּציגער מייס־

טער, האט ער גיך איבערגעלאזט זיין פריינדין, א יונגע דאמע,ביים ראיאל און האט זיך געאיילט צו באגעגענען זיינע געסט. ביי זיך אין דער היים איז דער מייסטער גאר געווען אן אנדער מענש. אויפגעלייגט פון דעם גרינגען, שפילערישען מוזיצירען ביי דער פיאנא, איז ער געווען אין דער גליקלאכער, זארגלאזער שטימונג פון דעם קינסטלער־טרוימער. דער ליבלינג פון די מוזעס. פריי פון דער בלישצענדיגער מאדע, פריי פון וועלטלאכען פוץ... זיין קורץ סאמעטען זשאקעטעל, זיין לויטער, פריש־געגאלט פנים, זיינע מילדע אויגען פול מיט'ן אויסדרוק פון גוטסקייט, זיינע לאנגע, דיקע לאקען, דא און דארט באשאטען מיט זילבער־גרויע האר, וואס זיינען פריי צוריק־געפאלען איבער זיין קאפ און געשליינגעלט זיך איבער זיין האלז־און־נאקען — דאס אלץ האט אים געגעבען דאס אויסזען פון דעם גליקלאך, זארגלאזען ארטיסט. איצט איז ער באמת געווען דער גרויסער פרייער קינסטלער. ער האט באגעגענט זיינע געסט מיט א ברייטער, איידעלער פריינדלאכקייט.

— גוטען אווענד, גוטען אווענד, מיינע הערען — האט ער מיט קינ־דערשער פרייד אויסגערופען. — איזט דאס דער מאעסטרא ?

דוד החל'עם איז געשטאנען אנגעבויגען ביי דער טיר און מורא גע־האט א טרעט צוטאן ווייטער. אין די הענט האט ער נערוועז געקנייטשט זיין ווייכע הוט. ער האט זיך אפילו דעם גאנצען וועג גע'חזר'ט ווי אזוי צו באגעגענען דעם גרויסען הער. איז אבער די באגעגעניש אויסגעקומען גאר אנדערש ווי ער האט זיך פארגעשטעלט און דאס האט אים אינגאנצען צעטומעלט. בלויז זיין לאנגע, דארע פיגור האט זיך געניי גט און געשאקעלט און זיינע ליפען האבען שטיל אויסגערעדט: גוט נאווענט, גוט נאווענט.

סעמי האט זיך באהאלטען הינטער'ן פאטער און האט געשטאמעלט:

— קום אוועק, קום אוועק...

אויף א מינוט האט זיך דער מייסטער אויך פארלוירען. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיינע שעמעוודיגע געסט.

— קאם יא, קליינער, קאם קנאבע, פירכטע ניכטס... עס ווירד דיר ניכטס געשען — האט ער סעמי'ן איינגעלאדען מיט א זים שמייכעל און דערלאנגט דעם אלטען א שטול. דוד האט זיך אבער ניט געזעצט. עס האט ניט געפאסט צו זיצען פאר אזא גרויסען מאן. ער האט געפרואווט העלפען דעם מייסטער ארויסנארען סעמי'ן פון זיין באהעלטעניש.

— גיי, נאר, גיי — האט ער שטיל גע'טענה'ט צו סעמי'ן און זיך גע־וואלט אומדרייען צו אים. סעמי האט זיך אבער א דריי געטאן אינאיינעם מיט אים און איז אלץ געבליבען באהאלטען פון הינטען. פון דארט, פון זיין באהעלטעניש, האט ער בלויז געווארפען דערשראקענע בליקען דא אויף דעם

מייסטער, דאָ אויף דער דאַמע, וועלכע האָט פריינדלאַך געקוקט אויף די געסט.

פאַן פירסט האָט געפּרוּווט אַן אַנדער וועג.

— קענסט דו שפּילן? — האָט ער געפרעגט און האָט אַנגעוויזן אויף אַ פידעל, וואָס איז געלעגן אויף דער פּיאַנאָ. — קענסט דו שפּילן ווי איך קאָן?

סעמי האָט גיך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און האָט זיך ווידער באַהאַלטן הינטער דעם פאָטער.

— דאָס זאָלטע דער יונגע זיין דען איך געסטערן געהערט האָבע — האָט דער מייסטער שטיל געזאָגט צו דער דאַמע. עפּעס האָט ער נאָך געזאָגט אין אַן אַנדער שפּראַך און זי האָט זיך אומגעדרייט צו די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ. דער מייסטער האָט גענומען די פידעל. ער האָט אַנגעצויגן זיינע סטרונעס און גענומען שפּילן די באַקאַנטע מעלאָדיע. ער האָט געשפּילט וויעניאַווסקי'ס „לעגענדע". זי האָט אַקאָמפּאַנירט.

סעמי האָט זיך צוגעהערט. ביסלאַכוויים האָט ער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ... פּאַמעלעך, מיט מורא, ווי פון הינטער אַ פאָרהאַנג, האָט ער זיך צוגעהערט און איז ביסלעכוויים פאַר'כשופ'ט געוואָרען פון דעם שפּילן. ביסלעכוויים איז ער ארויס פון זיין באַהעלטעניש, נאָכגעפאָלגט מיט זיינע טעמפּע אויגען די באַוועגונגען פון דעם ווירטואָז. אַביסעל שפּעטער האָט שוין סעמי, אומבאַמערקט פאַר זיך, שטיל צוגעקלאַפּט מיט'ן פוס צום טאַקט פון דאָס שפּילן און דער בלישצענדער פלאַקער, וואָס האָט פון צייט צו צייט אויפגעפלאַמט אין זיינע אויגען און די אַפּטע צוקונגען פון זיין שלעפעריג פּנים האָבען אַנגעוויזען, אַז אין אים וואַכט אויף אַ גרויסע, אַ מאַכטיגע קראַפט — צו גרוים און צו מאַכטיג ער זאָל זי קענען באַהערשען.

— קענסט דו שפּילן ווי איך קען? — האָבען אים דעם מייסטער'ס ווערטער געקלונגען אין די אויערען.

— אָ, ווען ער וואָלט שוין געווען אַ גרויסער, וואָלט ער שוין געקענט!
— און אים האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואָלט ווערען אַ גרויסער... אַ מאַן... אַזוי גרוים ווי דער מייסטער. און אים האָט זיך פאַרגלוסט שפּילן. דער מייסטער, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט באַאָבאַכטעט, האָט פאַרשטאַנען דעם אינערליכען באַגער פון דער קינדערשער נשמה. ער האָט פאַרשטאַנען סעמי'ס וואונש... ער האָט געענדיגט.

דעמאָלט האָט סעמי גענומען שפּילן. מען האָט געקענט דערקענען אין זיין פּנים, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זיין נשמה. זיינע אויגען זיינען שוין ניט געווען די טעמפּע, טונקעלע אויגען וואָס פריער. איצט זיינען זיי שוין געווען די לעבעדיגע, פלאַמענדיגע אויגען פון דוד רחל'עס. די מורא

אין דער קינדערשער נשמה איז איצט געווען באַזיגט פון דעם אויפגעוואַכטען קינסטלער.

וואונדערלאַך האָט ער איצט געשפּילט וויעניאַווסקי'ס „לעגענדע". ווידער האָבען די לאַנגע, וויינענדיגע אַקאָרדען געמאָלען פאַר דעם מייסטער'ס אויגען לעגענדאַרישע בילדער פון מענשלאַכע ליידען און מענשלאַכען מאַרטירערטום און ווידער, ווי נעכמען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט זיך דעם מייסטער אויסגעוויזען, אַז טיף, ערגעץ־וואו אונטער די אַקאָרדען פון ווײ־געשרייען און שמערצען, הערט זיך אַן אויפּברויזענדער רוף, אַ שוואַכינקער פון אַנהויב, אַ ציטערענדיגער, אָבער וואָס ווייטער הויבט ער זיך אַלץ העכער און העכער אויף אין קראַפט און ברייטקייט... און שוועבט ביז'ן הימעל און טראָגט אין זיך אַ גרויסע, אַ גליענדיגע האָפענונג אויף גליק און לעבען פאַר מענשען. און ווידער האָט דער מייסטער פאַרשטאַנען די אמת'ע באַטייטונג פון דער „לעגענדע". ברייטער ווי ער האָט פריער געדאַכט האָבען זיך אויסגעשפּרייט די גרויסע, טיפע האַרמאָניען אירע. ער האָט תמיד געוואוסט, אַז די וויינענדיג־האַרציגע טענער פון דער „לעגענדע" זענען די טיפע, צואוויינאָגטע נשמה־געשרייען פון איר באַשעפער — אַ קינד פון דעם גלות אַליין. אָבער איצט, ווען די ווײ־געשרייען זענען אומבאַוואוסטערהייט דורכגעגאַנגען דורך דער נשמה פון אַט דאָס קינד פון דער געטאָ, האָבען זיי ניט נאָר בלויז פאַנאַנדערגעטראָגען די אומענדלאַכע ווײ־געשרייען, וואָס די קינדערשע נשמה האָט בירושה איבערגענומען פון דור דורות, נאָר זיי האָבען אויך געשיינט צו פאַראייניגען אין זיך אומציילינע נייע טענער, וואָס האָבען זיך ווי אין אַ נעבעל געוויגט און געקלונגען מיט אַ ליכטיגער האָפענונג אויף גליק און לעבען פאַר די פאַרוואָגעלטע. און דער מייסטער האָט גאָר ניי פאַרשטאַנען די „לעגענדע".

דאָס קינד האָט ווייטער געשפּילט. דער מייסטער איז געזעסען פאַרטראַכט, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפ'ן האַנט, און געקוקט, פאַרוואונדערט געקוקט אויף די באַוועגונגען פון קינד.

— אַ וואונדער־קינד — האָט ער געטראַכט.

און סעמי האָט געשפּילט. ער האָט אַלעמען פאַרגעסען. זיין האַנט האָט ווייך און עלאַסטיש געפירט דעם בויגען איבער די טאַנצענדיגע סטרונעס. און זיי האָבען געזונגען, געזיפצט און געלאַכט. די טענער האָבען געשוועבט און צעשפּרייט זיך אין דער ציטערענדיגער לופט, און פאַרטרונקען די נשמה אין אַ ים פון געפילען. זיי האָבען פאַרקלונגען אין אירע טיפסטע ווינקעלאַך און האָבען אַ מאָל געבראַכט וואַרימע טרערען אין די אויגען און אַן אַנדערס מאָל טאַנצענדיגע פרייד אין האַרצען. סעמי האָט ניט געקוקט אויף זיין פידעל,

ער האָט ניט געזען די מענשען אין צימער. אין אַ פּונקט — ערגעץ ווייט אין רוים — האָט ער זיין מוטער געזען. די טייערע אַלטע מוטער — און לעבען איר דאָס מלאכ׳שע קליינע פּנימ׳על פון זיין שטילער פריינדין. זי איז געזעסען אויף די שטיינערנע טרעפּ און האָט זיך צוגעהערט צו זיין שפּילען. און ער האָט זיך אַנטציקט געטראָגען אין קינסטלערישער התלהבות מיט יעדער באַוועגונג פון זיינע פינגער. עס האָט זיך געדאַכט, אַזוי ווי זיינע באַוועגונגען וואָלטען צעוואָרפען כוואַליעס פון וואונדער־אַקאָרדען, וועלכע זענען דער אויסדרוק פון זיינע קינדערשע וואונשען און באַגערען. און די כוואַליעס האָבען זיך געטראָגען אין דער הויך, זענען געפלויגען און געצויגען זיך אַרויף צו אומבאַקאַנטע ספערען, וואו זיי האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ רעגען פון וואונדערקלאַנגען, וואָס האָבען אין אַ הימעלשער שפּראַך געשושקעט אים זייער הייליגע ברכה און אים צוגעזאָגט, אַז זיין באַגער וועט דערפילט ווערען.

דער מייסטער האָט אים צוגעהערט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. די דאַמע האָט פון אים אירע אַנטציקטע אויגען ניט אַראָפּגענומען. דוד רחל׳עס איז געשטאַנען ביי דער טיר, אויף דער שוועל. זיין גאַנצער קערפּער אויסגעצויגען פאָרויס, די קנייטשען פון זיין פּנים צעצויגען פון דער גרויסער פרייד, וואָס האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט. זיינע אויגען זענען געוועזען ווייט אָפען, פלאַמענדיג מיט פרייד. ער איז געשטאַנען און זיין איינגעדאַרטע ברוסט האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָפּ מיט דער קראַפט פון שטורעמדיגע געפילען און זיינע ליפּען האָבען קוים־קוים געציטערט און געמורמעלט:

— ער האָט אַ טאַלאַנט... ער האָט אַ טאַלאַנט...

דאָס קינד האָט געענדיגט. די דאַמע איז צוגעלאָפען צו אים, האָט זיך געשטעלט לעבען אים אויף די קני, האָט אָנגעכאַפּט זיינע הענט, וואָס האָבען נאָך דעם פידעל און דעם בויגען געהאַלטען און האָט אים מיט פרייד געקושט...

— וואונדערפאָל, וואונדערפאָל, — האָט זי געשריגען און אים געקוקט אין פּנים אַריין. דער מייסטער איז נאָך אַלץ געזעסען, גלייך ווי ער וואָלט געווען פאַרשטיינערט אין זיינע טיפע איינדרוקען, ענדלאַך איז אויך ער אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען צו דוד רחל׳עס.

— אַלטער — האָט ער געזאָגט מיט אַ קלאָרער שטימע און יעדעס וואָרט האָט געקלונגען הילכיג און שאַרף. — אַלטער, דו האָסט איין וואונדער־פּערעל אין דיינער קראָנע!..

דוד רחל׳עס האָט געציטערט און געוויינט פאַר פרייד.

— יאָ, — האָט דער לייפּציגער מייסטער ווייטער געזאָגט — לאָס אים

מיט מיר נאָך איראָפּאָ פּאָרען; לאָס אים דער גראָסער מייסטער זיינער קונסט ווערדען.

— קיין יוראָפּ? — האָט דוד רחל'עס אויסגערופען דערשראָקען — גאָט, ניט דאָ? ...

— ניין, ניכט דאָ — האָט דער מייסטער איראָניש געשמייכעלט — דאָ האבט איר יאָ קיינע לערער פיר אים.

דוד רחל'עס האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַן אמת, ווייל סעמי'ס גוטער, אַלטער לערער, וואָס האָט מיט אים פון קינד־ווייס אַן געלערנט און האָט אומבאַוואוסט פאַר דער וועלט בים־לאַכוויים איבערגעגעבען אים די צעפּליקטע ברעקלאַך פון זיין אייגענער נשמה, פון זיין אייגענעם פאַרלוירענעם טאַלאַנט, יענער גוטער מענש, וואָס האָט יאָרען־לאַנג, ווי פון אַ געטלאַכער ליים סעמי'ס קינסטלערישע נשמה אויסגע־קנאָטען — ער האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז דאָ זענען ניטאָ קיין לערער פאַר אים. דוד רחל'עס האָט געוואוסט, אַז עס איז אַן אמת.

— אָבער, מיין הער, קיין יוראָפּ, ווי קען איך? איך בין אַן אָרימאַן. — האָט דוד רחל'עס קוים אַרויסגערעדט, און געפילט אַ שרעקלאַכען ווייטאָג אין הארצען. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווידער ווערען שוין זיינע האָ־פענונגען צעשלאָגען אויף שטיקער.

— אָ, דאַפיר זאָרגט ניכט, אַלטער. ער ברויכט קיין געלט. לאָס אים מיט מיר גיין. איך ווערדע אים פּערזאָרגען... ער ווירד דיר נאָך געלט ברענגען... אָ, יאָ... וואַרט מאַל — האָט דער מייסטער געטרייסט דוד רחל'עס, — יאָ, יאָ... אַלטער, די וועלט פּערשטעט דאָך, מאַנכעס מאַל, די גאָבען דער געטער צו שעצען... האָט ער געשפּאָסט, האָבענדיג אין זינען זיין נאַר וואָס פאַר־ענדיגטער ערפאָלגרייכער טור אין אַמעריקאַ.

— פירכטען זי ניכט — האָט די דאַמע געזאָגט צו דוד'ן און האָט צערט־ליך געקושט דאָס קינד. — איך ווערדע פיר אים זאָרגען. ווירסט דו מיך ניכט ליבען? — האָט זי סעמי'ן קינדעריש־נאַאיוו געפרעגט. סעמי'ס אויגען האָבען שוין ווידער אויסגעזען טעמפּ... מאַט... און ווידער האָבען די שטריכען פון זיין פּנים אויסגעדריקט שרעק... עפּעס האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אָבער קיינער וואָלט ניט געקענט זאָגען, צו האָט ער געמיינט יאָ צו ניין.

— איבערלייגע דיר די זאַכע, אַלטער, און לאָס מיך ווייסען. — האָט דער מייסטער געזאָגט — אָבער געדיינקע דאָך, פאַן דעם היינגט יאָ אַלעס אָב... זיין גליק... זיין טאַלענט... — האָט דער מייסטער צוגעלייגט און זיך גע־זעגענט מיט זיינע געסט.

— פאַר זיין גליק... פאַר זיין טאַלאַנט — האָט דוד רחל'עס צעמישט געשטאַמעלט און טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — גאָט... וואָס וואָלט

איך ניט געטאָן פאַר זיין טאַלאַנט? וואָס טוט ניט אַ טאַטע פאַר זיינע קינ־דער?... און אין זיין ברוסט האָט ער געפילט עפּעס אַזוי מאָדנע שווער און אַזוי מאָדנע גרינג. עפּעס האָט זיך אין זיין נשמה געראַנגלט... עפּעס האָט אים גליקלאַך געמאַכט און עפּעס האָט זיין גליק באַטריבט...

* * *

אין דערהיים האָט די פאַמיליע געוואַרט. אַלע האָבן געוואָלט הערן די נייעס: וואָס וועט זאָגן „דער פּראָפעסאָר". דער אַלטער'ס האַרץ האָט איר עפּעס געזאָגט ניט צום גוטן. עס האָט געטיאַכקעט, אַזוי ליאַרעמדיג גע־קלאַפּט...

— דער טאַלאַנט! דער טאַלאַנט! — זי האָט עס אַזוי אָפט געהערט — אָבער קיין גוטעס וועט מסתמא ניט אַרויסקומען פון דעם טאַלאַנט — האָט זי געטראַכט.

ווען דוד איז אַריינגעקומען אין הויז האָט מען גלייך געזען, אַז ער איז גליקלאַך. ער האָט ניט געקענט באַהאַלטען זיין גרויסע פרייד.

— נו, נו, וואָס הערט זיך — האָבן אַלע געוואָלט וויסען.

— מיר זענען גליקלאַך... מיר זענען גליקלאַך... — האָט דוד רחל'עס מיט פרייד געענטפערט.

— וואָס הייסט? וואָס איז? וואָס זאָגט ער? — האָט יעדער באַזונדער געפרעגט.

— וואָס זאָל ער זאָגען? וואָס זאָל ער הייסען?... ס'הייסט אַז איך שיק אים קיין יאָראָפּ. — האָט ער פעסט געזאָגט.

— קיין יאָראָפּ גאָר? קיין יאָראָפּ גאָר? — האָבן זיך אַלע פאַרוואונ־דערט.

— ווי איז מיר געשען? אַ היים גאָר! קיין רוסלאַנד?... דוד, וואָס רעדסטו? דאָס קינד אַליין, אַ היים? — האָט די אַלטע ניט פאַרשטאַנען.

— קיין יאָראָפּ, זאָג איך, ניט אַהיים. קיין דייטשלאַנד שיק איך אים, מיט'ן פּראָפעסאָר, פאַרשטייסט? — האָט ער איר אַנטשלאָסען געענטפערט.

— גאָטעניו, גרויסער גאָט! — האָט די אַלטע אויסגעבראָכען אין אַ גע־וויין — ווי איז מיר, ווינד איז מיר... דו, דו וועסט זיין זיין מלאך־המות — האָט זי די הענט געבראָכען און געקלאָגט. און אירע אויגען, די גרויסע שטאַר־צענדיגע אויגען, טעמפּע און אויסדרוקסלאָזע ווי סעמי'ס, האָבן געפלאָסען מיט טרערען.

דוד רחל'עס האָט אויף איר גאָר אַ בייזען קוק געטאָן.

—וואָס ווייסט אַ אידענע אין אַזעלכע זאַכען? פלעגט דוד זאָגען, און אויך איצט איז באַטירלאַך סעמי'ס שיקזאַל באַשטימט געוואָרען לויט זיין ווילען.

עס איז געבליבען, אז דאס קינד פארט קיין אייראפא.

* * *

דעם פריהמארגען, ווען סעמי האט געדארפט אוועקפארען, איז א קאר־רעטע צוגעפארען צו דוד רחל׳עס שאפ און האט פארנומען דאס גאנצע גע־זינדעל צו דער שיף. אין א שעה ארום האט זיך שוין די גאנצע פאמיליע געזעגענט מיט סעמי׳ן אויף דעם דעק פון די ערשטע קלאס פאסאזשירען. דאס גאנצע הויזגעזינט האט געוויינט. דער איינציגער, וואס האט איינגע־האלטען זיינע טרערען איז געווען דוד רחל׳עס אליין. אים האט נאר פאר־קלעמט דאס הארץ... עס איז אים עפעס געווען קאלעמוטנע אויף דער נשמה, אבער... ער האט ניט נאכגעגעבען... ער האט געפרואווט צעשלאגען זיינע געדאנקען... ער האט געטראכט פון דער צוקונפט. ער האט זיך גע־פרואווט פארשטעלען די צייט, ווען זיין זון וועט זיך אומקערען דער גרויסער מייסטער, דער טייערער פערעל פון זיין קרוין.

— א, וועט עס יעמאלט זיין א ביסעל פרייד, א שמחה! — האט ער זיך געפרואווט באגייסטערען. — און וויפיל געלט ער וועט עס ברייגנגען?... אבער וואס איז געלט?...

די פריינד און באקאנטע פון די אנדערע פאסאזשירען זענען שוין לאנג אראפגעגאנגען פון ברייטען, הילצערנעם בריק, וואס איז געווען איבערגע־לייגט פון דער שיף צום האפען. נאר סעמי׳ס אלטע מוטער איז נאך אלץ געשטאנען אויפ׳ן דעק און באגאסען איר קינד מיט הייסע טרערען. זי האט זיך ניט געשעמט פאר די נייגעריגע פאסאזשירען, וועלכע האבען זיך צונויפ־געקליבען ארום זיי. זי האט אים געהאלטען אין אירע דארע ארעמס, האט געוויינט אויפ׳ן קול און אים געהאלזט און געקושט.

— קינד מיינס, טייערס — האט זי געקלאגט — ווער ווייסט צו וועל איך נאך דערלעבען דיך צו זעהען?! — ער האט זי אויך ארומגענומען און האט זי געהאלזט און געקושט.

פריער, אין די עטלאכע טעג וואס ער האט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע, האט דאס פארען ביי אים ארויסגערופען א דערהויבענעם געפיל פון נייגע־ריגקייט. פארען אויפ׳ן ים, אויף א שיף... עפעס האט זיך געדוכט, דאס עס דארף זיין אזוי גוט... אבער איצט, אין דער מוטער׳ס ארעמס... האט אים דאס פארען געשראקען... ער האט מורא געהאט און א געפיל פון חרטה האט אים געמאטערט און געפלאגט.

די שיף האט שוין צום צווייטען מאל געפייפט איר אפשיידס־סיגנאל, אבער די אלטע האט איר קינד ניט אפגעלאזט. איר הארץ האט זיך אין שטי־קער געריסען, און אינוועניג אין דער ברוסט האט עפעס ווי געטריפט בלוט;

אירע פיס האָבען זיך אונטערגעהאַקט און ווען מען האָט זי מיט געוואַלד אָפּ־געריסען פון אים און אַרונטערגעפירט איבער׳ן בריק צום האַפען, איז זי שיער צו דער ערד ניט געפאַלען. אָבער, „אַ אידינע דאַרף זיך אין אַזעלכע זאַכען ניט מישען...“ האָט געזאָגט איר מאַן דוד רחל׳עס. און זיין וואָרט איז ביי איר געווען אַ געבאָט. און זי האָט איבערגעלאָזט איר קינד, איר טייערען זון „אויף דעם חסד פון גאָט“...

דער שווערער הילצערנער בריק איז שוין געווען אויפגעהויבען. עטלאַכע שטאַרקע מאַטראָזען מיט גרויסע, פאַרהאַרטעוועטע הענט האָבען אים פון דעם האַפען געצויגען אויף זיינע אייזערנע קייטען אַרויף אויף דער שיף. מיט זייערע דיקע, הייזעריגע שטימען האָבען זיי אָנגעפילט דעם האַפען.

— הו־הו־הו־אַ — האָט געהילכט מיט יעדען ריר, — הו־הו־הו־אַ... — האָבען זיי געשריגען מיט יעדען שלעפּ אַרויף... און דער הילצערנער בריק האָט זיך אַלץ מער אָפּגעטיילט פון האַפען, איז אַלץ מער און מער פאַר־שוואונדען אויף דער שיף... רעש־דיג און טומעלדיג איז געוואָרען אויפ׳ן דעק און אויפ׳ן האַפען. די פריינד וואָס זיינען געבליבען אויף דעם האַפען האָבען זיך געזעגענט מיט די פּאַסאַזשירען אויפ׳ן דעק און יענע האָבען זיך געשטופּט און געשפּאַרט צו די אייזערנע גראַטעס פון באָרט.

— לעבט וואָל — האָבען די פּאַסאַזשירען גערופען און געמאַכט מיט די הענט, מיט די היט און טיכלאַך — לעבט וואָל.

— אַ גליקלאַכע רייזע — האָבען די פריינד זיי געוואונשען — און טיכ־לאַך האָבען געפלאַטערט ווי פאָנען און הוטען האָבען געוויינט מיט פריינד־לאַכע גערוסען.

—— לעבט וואָל, לעבט וואָל...

— אַ גליקלאַכע רייזע, אַ גליקלאַכע רייזע, — האָבען זיך פאַרשיידענע קולות אויף פאַרשיידענע שפּראַכען געהערט.

פריינד האָבען צו זייערע ליבע הילכיגע לופט־קושען געשיקט. ווען־ניט־ווען האָט זיך אַ שטילער כליפּען געהערט. פון האַפען האָבען באַגלייטער לוסטיג געזונגען צו זייערע טייערע אָפּפאָרענדע אַ מונטער זיי־געזונט־ליד.

דוד רחל׳עס האָט געקוקט פון האַפען אויף די פּאַסאַזשירען, אויף דעם לייפּציגער מייסטער און אויף זיין אייגען קינד. און ער האָט געפילט, איצט האָט ער דערפילט, אַז זיינע חלומות הייבען זיך אָן צו פאַרווירקלאַכען.

דער גרויסער דאַמפּער, דער לויתן, האָט אויף זיין משונה־ווילדען, הייזע־ריגען דאַמף־קול אויסגעשירען זיין לאַנגען לעצטען זיי־געזונט. די מענשען וואָס זיינען געשטאַנען אונטען האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צום עק פון האַפען,

וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום אָפענעם ים. דאָרט האָבען זיי נאָך געוואָלט כאַ־פּען אַ לעצטען קוק אויף זייערע ליבע, נאָכאַמאָל שיקען זיי אַ לופט־קוש און אַ גערוס פון ברעג... און זען ווי די גרויסע, שטאַרקע, טונקעל־גרינע כוואַליעס פון אָקעאַן וועלען אויף זייערע גליטשיגע פּלייצעס אַ הויב געבען די גרויסע מאַכינע און שפּילען זיך מיט איר ווי מיט אַ שפּילכעל... זיי האָבען גע־וואָלט, אַז זייער האַרץ זאָל נאָך איין ציטער געבען פאַר זייערע טייערע. און זיי זענען געלאָפען צום עק־האַפען... אַלע... אַפילו די אַלטע, סעמי'ס מו־טער אויך...

דוד רחל'עס איז געבליבען אַליין. ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דער גרויסער שיף און האָט פון עפּעס גע'חלומ'ט...

פּלוצלונג, האָט זיך די גרויסע מאַכינע אַ וויג געטאָן... אַ שאָקעל גע־טאָן... אַ ריר געטאָן... אָפּגעגאַנגען... פאַר זיינע אויגען האָט עפּעס אַ בליץ געגעבען, ביי אים אינווייניג האָט זיך עפּעס אָפּגעריסען... אַ שוואַר־צער באַרג האָט זיך פאַר די אויגען געוואָקעלט... דוד רחל'עס האָט זיך גע־שאָקעלט ווי אַ שכור... אים איז פינסטער געווען אין די אויגען און אַלץ האָט זיך פאַר זיי געדרייט... ער איז בלייך געוואָרען ווי דער טויט... אים האָט זיך געדאַכט אַט־אַט פאַלט ער אַנידער. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אַן עפּעס זיך אָנצוכאַפּען... האָט אָבער נאָר די לופט אין דער האַנט דערטאַפּט.

די מענשען, דאָרט אויף דעם ברעג פון דעם האַפען, האָבען געשריגען און געליאַרעמט, געפּאַכט מיט די טיכלאָך, געזעגענט זיך און געזונגען מונ־טערע געזאַנגען.

— אַ גליקלאַכען וועג... אַ גליקלאַכע רייזע...

— לעבט וואָל, לעבט וואָל...

דוד רחל'עס האָט ניט געוואַגט זיך אומדרייען און אַ קוק טאָן אַהין. פּאַ־מעלאַך האָט ער זיך געווענדעט צוריק און ווי אַ שכור האָט ער אין דער טונקעלהייט פון זיינע אויגען געזוכט דעם וועג אַוועקצוגיין...

6.

דריי וואָכען שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריף פון סעמי'ן. און ער האָט געשריבען:

— טאַטע, טייערער טאַטע, איך האָב אַ טאַלאַנט, אַ גרויסען טאַלאַנט, אַלע זאָגען דאָ, אַז איך האָב אַ גרויסען טאַלאַנט.

אָבער דוד רחל'עס האָט שוין דעם בריף ניט געלייענט. ער האָט ניט גע־הערט די ליבע, זיסע ווערטער... ער האָט שוין ניט גע'חלומ'ט און ניט גע־

ביינקט נאָך דער גרויסער צוקונפט פון זיין קינד... דוד רחל׳עס איז שוין ניט געווען. פון אַ האַרץ־פעלער, צו פון אַ פאַרקילונג, — דאָס האָבען די דאָק־טוירים ניט באַשטימט, אָבער זינט יענעם פרימאָרגען איז דוד רחל׳עס שוין קיינמאָל צו זיך ניט געקומען.

דוד רחל׳עס איז שוין מער ניט געווען.

אַן אַ נאָמען

זי איז געזעסען אויף דער שטיינערנער שוועל פון אַ גרויסער קלייט, אָנ־געשפּאַרט אַן דער הילצערנער ראַם פון דער טיר. עס איז געווען פאַרטאָג, אין אַ קאַלטער, פּראָסטיגער נאַכט און איר קליינער איינגעהויקערטער קערפּער האָט געפרוירען און געציטערט פאַר קעלט...

ער האָט זי באַמערקט, בשעת ער איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען אויפ׳ן טראָ־טואַר פון דער שטילער גאַס, וואו אַלץ האָט נאָך פעסט געשלאָפען. דאָס ליכט פון גאַס־לאָמפּ האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער גרויסער קאַלירטער פּלאַש פון אַן אַפּטייקער׳ס פענסטער; פון דאָרט האָט דאָס ליכט אָפּגעוואָר־פען אַ שוואַכע, בלאַסע שיין אויף איר צונויפגעדרייטען גוף. עס איז געווען אַ טרויעריג, אַ שוידערלאַך בילד!

אַ רגע האָט אים די פיגור פון אַ פרוי אַן אַ הוט און אַן אַ מאַנטעל עפּעס ווי צוגעשמידט צום אָרט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געקוקט אויף איר פאַרוואונדערט. זי האָט אויפגעהויבען אירע אויגען פון אונטער אירע ברעמען און האָט גנב׳יש געקוקט אויף אים, באַהאַלטענדיג דאָס מאָרדעלע פון איר קינדעריש פנים אין אירע אויפגעשטעלטע, צונויפגעבויגענע קני, וועלכע זי האָט אַלץ פעסטער געדריקט צו איר קערפּער און... האָט געצי־טערט פאַר קעלט!...

די גאַס, די גרויסע רעשידיגע גאַס פון הענדלער און טענדלער, אויף דער איסט סייד, האָט אויסגעזען ווי פאַרזוינגט אין דער שטילקייט, איינגעהילט אין דער פינסטערניש פון דער קאַלטער נאָוועמבער־נאַכט. די הייזער פון גאַס, אירע קלייטען, אירע באַלעבטע קאַפּע־הייזער, אַפילו די סטאַנציע פון דעם הויך־באַן אויף דער עק גאַס זענען געווען פאַרזונקען אין אַ וואונדער־באַרען מאָמענט פון רו און שטילקייט. ווען ניט ווען בלויז, האָט זיך די שטילקייט איבערגעריסען דורך דעם זודיגען און קרעכצענדיגען אָטעם פון אַ לויפענדיגער באַן אויף איר אייזערנעם בריק איבער דער גאַס, וואָס האָט זיך אין איר פייער און דאַמף־מיסיאַן איילענדיג געטראָגען צו־און פון־דער סטאַנ־ציע.

ער איז געשטאַנען ניט ווייט פון איר אין דער רואיגער שטילקייט פון באַגינען, גערירט ביז אין דאָס טיפסטע ווינקעלע פון זיין נשמה.

— אַן אומגליקלאַך, אַ פאַרלאָזען קינד. — איז דורכגעפלויגען אין זיינע געדאַנקען.

— פאַר וואָס גייסטו ניט אַהיים שלאָפֿען? — האָט ער עפּעס ניט ווי־לענדיג געפרעגט און איז צוגעגאַנגען צום קליינעם באַשעפעניש וואָס איז אַזוי איינגעשרומפּען און צונויפגעקאַרטשעט געזעסען אויף דער שוועל.

זי האָט ניט געענטפערט. אָבער איר קוק איז געווען אַזוי משונה'דיג... עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט אים אַ געבעטען אי געשטראָפט. שטי־לערהייט האָט איר קוק גערעדט צו אים עפּעס ווערטער וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

ער איז צו איר נענטער צוגעגאַנגען. ער האָט זיך איינגעבויגען איבער איר און האָט זי געפרעגט נאָכאַמאָל.

— פאַר וואָס גייסטו ניט אַהיים, קינד? פאַר וואָס גייסטו ניט אַהיים שלאָפען? — האָט ער פריינטלאַך אָנגערירט איר שוואַכינקען אַקסעל.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון אירע צונויפגעפרעסטע קני, האָט אים חוצפה'דיג פאַרבויגען אויף אַ זייט און האָט מיט אַ שאַרפען בליק אים אָנגעקוקט. זיין פיגור האָט אויף אַ רגע פאַרשטעלט דאָס ליכט וואָס איז אויף איר געפאַלען און אין דער טונקעלער שיין פון שאַריענדיגען ווינטערדיגען באַגינען האָט איר קליין קיילאַכדיג פּנים'על אויסגעזען בלוי, פאַרפרוירען... שרעקלאַך...

— איך האָב ניט קיין היים... איך האָב ניט וואו צו גיין. — האָט זי טרויעריג געמורמעלט און אַ הייזעריגע, וויינענדיגע נאָטע האָט געקלונגען אין איר קינדערשען קול.

— מיין גאָט, האָסט ניט קיין היים? קיין היים האָסטו ניט?... — האָט ער איבערגע'חזר'ט און אַ קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען זיין קערפּער און האָט אים אויף אַ מינוט אריינגעוואָרפען אין אַ שוידער. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער ציטערט אין איינקלאַנג מיט'ן שוידערען פון איר פאַרפרוירע־נעם גוף.

— אָט — האָט ער אויסגעשריען און האָט אויף גיך אריינגעלייגט זיין האַנט אין טאַש און אַרויסגעצויגען פון דאָרטען אַ זילבערנע מטבע. — נאַ, נעם... אָט דאָ באַלד קענסטו קריגען אַ וואַרעם צימער און עס וועט דיר נאָך בלייבען גענוג אויף אין דער פרי אויף איבערבייסען. נו, נעם־זשע, קינד, נעם...

זי האָט אים אָנגעקוקט. אירע אויגען זענען געוואָרען גרעסער. זיי האָבען געפלאַקערט מיט אַ ווילד פייער וואָס האָט געפינקעלט אין דעם שטראַל־ליכט וואָס האָט זיך דורכגע'גנב'עט, בשעת ער האָט איבערגעביטען זיין פּלאַץ, און האָט באַלויכטען איר פאַרפרוירענעם פּנים. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ גדלות'דיגען, ברענענדיגען קוק — און טראָץ און פאַרכאַטונג האָבען זיך אָפּ־געשפּיגעלט אין אירע אויגען.

— פססס — האט זי אויסגעשיפעט מיט די ליפען מיט א מאדנער חוצפה. — איך בין נים קיין בעטלערקע, מיין הער, ניין, דאס בין איך נים...
— האט זי געזאגט מיט א ביטערער איראניע און שטאלצער פאראכטונג אין אירע געציילטע ווערטער. און זי האט מיט איר האנט ענערגיש פון זיך אפגעשטויסען זיין האנט מיט דער מטבעה.

— ניין, קינד, — האט ער געפרואווט זי טרייסטען. — איך ווייס, אז דו ביסט נים קיין בעטלערקע, אבער דו מוזט זיך דאך ערגעץ וואו דערוואַרעמען; מוזט דאך גיין שלאפען אין אווארעם בעט, אניט וועסטו נאך חלילה ביז אין דערפרי דערפרוירען ווערען אין מיטען גאס. קינד, נא, גיי... — האט ער זי פריינדלאך און ערנסט געבעטען.

זי האט נים געענטפערט. בלויז א שטילער, כמעט אומגעהערטער הייזעריגער געלעכטערעל האט ווי א וואסערעל זיך געגארגעלט אין איר האלז... און זי האט ווידער אראפגעלאזען איר קאפ און באהאלטען איר מאַרדעלע אין די צונויפעגדריקטע קני. פונקט ווי זי וואלט זיך ווידער אומגעקערט צו אן איבערגעריסענעם כשופ׳דיגען חלום פון גליקלאכערע טעג און גלאנצענדערע יארען, וואס דאס לעבען האלט פאר איר אנגעגרייט אין דער צוקונפט, — ווי זי וואלט ווידער זיך אוועק ווארעמען ביי דער פלאם און דער ליכטיגקייט פון יענע האפענונגען...

ער איז געשטאנען נאך א פאר מינוט לעבען דער משונה׳דיגער קליינער באשעפעניש און האט איר אלץ פארגעשלאגען זיין פריינדלאכע הילף; אבער זי האט שוין מער נים געקוקט אויף אים. זי האט אים, דאכט זיך, שוין מער נים געהערט.

און ער איז פארוואונדערט, לאנגזאם אוועקגעגאנגען מיט זיין וועג.

* * *

ער איז פארטיפט אין געדאנקען לאנגזאם געגאנגען. די מערקווירדיגע פאסירונג האט אויפגעוועקט אין אים פארשיידענע מחשבות. פון צייט צו צייט האט זיך ביי אים נים ווילענדיג ארויסגעריסען אן אויסגעשריי.

— די משונה׳דיגע קליינע באשעפעניש! די מערקווירדיגע באשעפעניש! אבער ווער איז זי — האט ער געטראכט —— דאס פארלוירענע, דאס הילפלאזע קינד? האט זי עלטערען? איז זי א משוגענע, אדער אפשר איז זי גאר שכור, ווער ווייסט? קיין הילף נים — טא וואס־זשע האט געקענט באטייטען איר בעטענדיגער קוק? און וואס אזוינס האבען עס געקענט מיינען אירע חוצפה׳דיגע אויגען טאקע באלד אין דער זעלבער מינוט? וואס האט באטייט איר גאנץ באנעמען זיך וואס איז אזוי מאדנע, אזוי משונה־דיג?
— האט עס אים נים געלאזט רוען. און וואס ער האט נים איבערגעטראכט — ער האט זי דאך נים פארשטאנען. און ווי עס האט זיך אים נים געוואלט פריי

ווערען פון אַט די געדאַנקען, האָבען זיי זיך אָבער געקלעפּט, איין געדאַנק צום אַנדערען, ביי אים אין קאָפּ און האָבען אים געמאַטערט ווי אַ רעטע־ניש... פּלוצלונג האָט ער דערהערט גרינגע גיכע טריט הינטער זיך.

די גרויסע רואיגע גאַס האָט קוים־וואָס זיך אָנגעהויבען אויפכאַפּען פון איר שלאָף, בּיסלאַכווייז אומקערען זיך צו איר רעש'דיגען לעבען. דער ערש־טער סימן פון איר צוריק אויפגעוועקט לעבען, דאָס קלאַפּען און דאָס רודערען פון אַ מילך־וואָגען, וואָס איז האַסטיג געפאָרען איבער אירע שטיינער, האָט אויף אַ פּאָר מינוט די גאַס מיט ליאַרעם אָנגעפילט. אָבער, ווען דער רויש איז שטילער געוואָרען און איז ביסלאַכווייז, פּאַמעלאַך פאַרשוואונדען, האָט ער ווידער דערהערט די טריט נאָענט לעבען זיך. די טריט זענען אַלץ נעענטער און נעענטער געקומען...

ער איז שוין געווען ביים עק גאַס לעבען דעם גרויסען עלעקטרישען לאָמפּ, ערשט פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שוואַכע, הייזעריגע שטימע — די שטימע פון יענעם זאַנדערבּאַרען מיידעל. זי האָט גערופען שטילערהייט:

— מיסטער, מיסטער!... — ער האָט זיך שנעל אומגעדרייט און אין דעם גרויסען קרייז ליכט, וואָס איז געפאַלען פון עלעקטרישען לאָמפּ, איז זי געשטאַנען לעבען אים. זי איז שוין ניט געווען קיין קינד, דאָך איז זי געווען אַזוי יונג, אַזוי קינדיש יונג. זי איז ניט געווען שכור — אָ, ניין! זי איז געווען ניכטער, אָבער די טרויעריגע סימנים פון אַ ווילדער הוליאַנקע האָבען אויף די שיינע שטריכען פון איר צאַרט פּנים'על אַרויפגעלייגט דעם עקעל־האַפטען שטעמפּעל פון אַן אומגליקלאַכער... דאָרט, אין ליכט פון לאָמפּ איז זי געשטאַנען און... האָט געציטערט פאַר קעלט... צוויי בלווילאַכע פאַל־בען פון הויט האָבען אונטערשטראָכען אירע ברענענדיגע אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט די חוצפּה'דיגע, פּאַרפירערישע לוסט פון אַ ברענענ־דיגער נשמה... איר פּנים איז געווען בלאַס און בלוי, אירע צעשויבערטע בלאָנדע האָר האָבען קוים באַדעקט איר נאַקעטען האַלז. שרעקענדיג, גנב'יש האָט זי זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט אין גאַס, און צוגייענדיג צו אים האָט זי ווינקענדיג מיט אַ פייער אין אירע אויגען אָנגעוויזען אויף דעם ליכטיגען אַריינגאַנג פון אַ דערבּייאיגען האָטעל.

— קום, — האָט זי אים געשושקעט. — קום מיט מיר. ס'איז וואַרעם דאָרט און... און ס'וועט זיין אַזוי גוט... אַזוי גוט... — האָט זי געזאָגט אַלץ ווינקענדיג מיט אירע לוסטפולע, ברענענדיגע אויגען, און האָט געציטערט פאַר קעלט. ער איז געשטאַנען דערשטויגט!

זי האָט אָנגענומען זיין שטוינען אַזוי ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט אָנטשליסען און זי האָט גיך צוגעלייגט.

— קום, קום, מיין הער, עס וועט דיך ניט קאָסטען פיל מער איידער דאָס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט געבען אומזיסט — האָט זי כמעט בעטענדיג גע־זאָגט. — ער האָט זיך געפילט פאַרלוירען אין די אויסערגעוויינטלאַכע אומ־שטאַנדען. ער האָט פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און איז געשטאַנען און פאַרטראַכט געקוקט אויף דער אומגליקלאַכער. עס האָט זיך איר אויס־געוויזען, אַז זי האָט ניט גענוג געווירקט אויף אים, צו באַוועגען אים צו דעם וואָס זי בעט אים, און זי האָט ווייטער גערעדט, אפנים צו געווינען זיין מיט־לייד.

— איך האָב זיך נעכטען צעקריגט מיט מיין געליבטען און ער האָט מיך געשלאָגען און האָט מיך נאַקעט, ווי דו זעסט, און אָן אַ סענט, אַרויסגעטריבען פון מיין צימער... אָבער עס מאַכט ניט, מיסטער, עס מאַכט ניט אויס — האָט זיך שוין געהערט אַ שטאַלצקייט אין איר קול — איך קען פאַרדינגען, ווען איך בין שיין אָנגעטאָן... און זע בעסער אויס... נישקשה... דער אויסוואורף וועט נאָך קומען צו מיר... נאָך געלט וועט ער קומען... אָבער אַ מכה וועל איך אים געבען — און זי האָט זיך ווידער גנב׳יש ארומגעקוקט.

— בררר... האָט זי אַ ציטער געטאָן מיט׳ן גאַנצען קערפּער — קום־זשע, קום, מיסטער, דער פּאָליסמאַן קען נאָך קאָליע מאַכען דאָס גאַנצע געשעפט... און אַ... עס איז אַזוי קאַלט, צום טייוועל, עס איז אַזוי קאַלט.

אַ קורצע ווײַלע האָט ער זי נאָך אַלץ ניט גוט פאַרשטאַנען. אָבער די קאָקעטע באַוועגונגען פון איר קערפּער, אירע לעבצענדיגע, פייעריגע בליקען האָבען ענדלאַך קלאָר געמאַכט איר מיין... ער האָט דערזען דעם שרעקלאַכען אמת... ער האָט זי פאַרשטאַנען.

ניט קיין צדקה האָט זי געוואָלט — געשעפט האָט זי געזוכט...

ער האָט מיט שרעק אָפּגעטראָטען פון איר און האָט אנטשלאָסען גע־זאָגט:

— ניין, ניין...

— ניין? — האָט זי פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט, פּונקט ווי זי וואָלט ניט פאַרשטיין וואָס ער מיינט. — ניין? — און זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם סלופּ פון דעם עלעקטרישען לאָמפּ און האָט מיט שטאָלץ צוגעזעצט:

— ניין, איז ניין — אָבער קיין בעטלערקע בין איך ניט, מיין הער! — און איר הייזעריג געלעכטערעל האָט זיך ווידער געגאָרגעלט אין איר דורכגע־געפרוירענעם האַלז.

— בין איך ניט... בין איך ניט... — האָט זי קאָקעטיש פאַרבויגען איר קאָפּ אויף אַ זייט און איבערגעע׳חזר׳ט די ווערטער. און האָט ווידער גע־ציטערט פאַר קעלט...

* * *

אַ מינוט האָט עס אויסגעזען, איצט ווי פריער, אַז זייביידע האָבען זיך ניט פאַרשטאַנען. פריער האָט ער זי ניט פאַרשטאַנען — איצט האָט זי אים ניט פאַרשטאַנען. ביידע האָבען, דאַכט זיך, גערעדט איין שפּראַך און האָבען זיך דאָך ניט פאַרשטאַנען; ביידע האָבען געלעבט אויף איין גאַס און האָבען זיך געבוקט צו פאַרשיידענע אָפּגעטער! ... ער איז אַ מינוט געשטאַנען און געקוקט אויף איר — ווי זי האָט געקוקט אויף אים — שטיל, אָן ווערטער... דאַן איז ער זיך לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען מיט זיין וועג.

* * *

זי האָט זיך געפילט דערשלאָגען. אין איין סעקונדע זענען אַלע אירע האָפענונגען פאַרשוואונדען. זי האָט געציטערט און טרויעריג געקוקט אויף זיין לאַנגזאַם פאַרשווינדענדען שאָטען... עס האָט זי געשווינדעלט און עס האָט איר געוואָרפען אַ צאָן אָן אַ צאָן...

א ווינקעל פון אונזער לעבען

1.

— זון מיינער, מזל טוב דיר... און מזל טוב אונז, גוטע פריינד, אלע — האט דער אלטער עליע פלוצלונג צוגעוואונשען זיין זון איסאקען און דעם ארומיגען עולם אין צימער.

דער טומעלדיגער עולם איז אויגענבליקלאך שטיל געווארען. די עלטערע מענשען ארום טיש האבען פארוואונדערט אויפגעהויבען זייערע אויגען אויף דעם אלטען; די אינגערע, פארגליווערט אין פארשיידענע פאזעס, האבען איבערגעריסען זייער הויך ריידען אפילו די גרופע דארט אויף דער קושעטקע, וועלכע האט זיך אזוי פאנטאסטיש צעלייגט און האט אונטערגעברומט א כאר־לידעל, איז פלוצלונג אנטשוויגען געווארען. אלע האבען געקוקט אויף דעם נידעריגען לעבעדיגען אלטינקען מיט דער גרויער שפיציגער באָרד, וועלכע ער האט ערשט היינט, הפנים, א ביסעלע אונטערגעשוירען און צוגעפוצט לכבוד דעם גרויסען יום־טוב.

אין שטוב איז שטיל געוועז. אייניגע האבען שטארק גערויכערט. צוויי, דריי גאז־פלאמען האבען העל געפלאקערט הויך אין דער לופט. בשעת צוויי גרויסע לאמפען האבען באלויכטען דעם טיש, וואס איז געווען אנגעשטעלט מיט עסענווארג, פרוכטען און געטראנקען, מיט וועלכע דער עולם האט זיך שוין נעהאט היבש משמח געווען.

— היינט, מיין זון, — האט דער אלטער עליע געזאגט, א ביסעל דערשראקען פון דער פלוצלונגער שטילקייט, — היינט האסטו, א דאנק גאט, נעענדיגט. ביזט געווארען א שטיקעל מענש. אן אינזשעניר... נו, גיי דיר, מיין קינד, גיי אין דער גרויסער וועלט אריין, בוי דיר בריקען וויפיל דיין הארץ געלוסט... אבער זעה... ווען עס וועט דיר גוט זיין, פארגעס ניט אן אלטע טאטע־מאמע...

זיין שטימע האט א ביסעל געציטערט. דעם אלטען איז געוועז גוט אויפ'ן הארצען. ער איז געווען פריילאך. זיינע לעבעדיגע אויגען האבען געשטראלט. עפעס האט זיך געריסען פון זיין נשמה... עפעס האט ער געוואלט דערציילען, אויסריידען זיך.

היינט האט זיין זון געקראגען דעם דיפלאם. גוטע פריינד, יונגע און אלטע, זיינען זיך צענויפגעקומען פארברייניגען מיט דער פאמיליע און ווינשען זיי גליק. און דער זון האט נאך אויסגענוצט די גליקלאבע געלעגענ־

הייט און האט פארגעשטעלט פאר'ן עולם זיין פריינדין, אסתר דינענזאהן, אלס זיין כלה און אין הויז איז געווארען א צווייענדיגע שמחה.

— א קנס־מאל און תנאים — ווי דער אלטער האט זיך מאדנע געוויצעלט.

די יונגע לייט האבען געהאלטען ווארימע רעדעס און האבען באגריסט דאס גליקלאכע פארעל. און דעם אלטען איז געווארען גוט אויפ'ן הארצען. די רעדעס האבען אים אזוי באגייסטערט, אז אים האט זיך אויך פארגלוסט ריידען, אויסגיסען זיין נשמה...

— נו, קינדער, פריינד מיינע, לאמיר נעמען צו ביסעלאך — האט ער זיך געבעטען. — ווען נאך וועל איך דערלעבען אזא נחת? ווען? ווען איציק'ל וועט חתונה האבען? משטיינס געזאגט, חתונה ביים יונגען דור אין אמעריקא... אט ווי איר זעט — א קנס־מאל און תנאים און א חתונה, מסתמא, אן כלי־זמר... ניין, קינדער, היינט איז מיין יום־טוב. ניט אומזיסט האב איך מיט דער אלטער געצויגען פון זיך די זיבעטע קליי, צו דערלעבען אים זען א געענדיגטען. אמת, אסתר'קע האט געהאלפען. זי האט אירע שווערע פארהארעוועטע גראשענס אים אוועקגעגעבען. נא, זאגט זי, לערען, שטודיר... אבער ניט זי אליין האט געהארעוועט... מיר האבען אויך געהארעוועט... שווער געהארעוועט.

— אסתר'קע, טאכטער, קום נאר אהער, מיט אזא שנור ווי דו מעגען זיך אלע מאמעס בענטשען. קום־זשע, טאכטער, דער אלטער טאטע וויל דיך א קוש טאן.

— נו, וואס־זשע שווייגט איר, וואס? נעממ־זשע צו קאפעטשקעלאך... לחיים, לחיים...

— לחיים, לחיים... — האט זיך דערהערט פון אלע זייטען און גלעזער האבען געקלונגען אין דער לופטען.

— לחיים, ר' עליע — האט פארשפעטיגט די דינע, קוויטשעדיגע שטימע פון בעריל באשליק — אן איינגעהויקערטער, דארער שווארצער איד מיט איינגעפאלענע אויגען. ער האט נעבאך געפילט דעם אלטען'ס הארץ. אליין איז ער געווען א גרויסער ארימאן, באפאלען מיט קליינע קינדער, אבער שוין פון א צייט, ווי ער לייגט זיך אין דער לייגנ און אין דער ברייט צו האלטען א פיאנא־לערער פאר זיין טאכטער. זי שפילט פיאנא... קיין תכלית זעט ער אפילו ניט אין דעם, אבער מען זאגט, אז זי האט א טאלאנט... פלאגט ער זיך נעבאך... פילט ער דעם אלטען'ס הארץ...

— לחיים! — און ער דערלאנגט דעם אלטען זיין אויסגעדארטע, שווארצע האנט. — גאט זאל העלפען, מיר זאלען האבען נחת פון אונזערע קינדער.

— הלואי, בעריל — האָט דער אַלטער פאַרשטאַנען, און האָט צוגע־וואונשען — הלואי, אויף אַ שמחה ביי דיין טאָכטער. — און זיינע לעבע־דיגע אויגען האָבען זיך באַגעגענט מיט די מאַטע, איינגעפאַלענע אויגען פון בעריל באַשליק. און זייערע געשלאָסענע הענט האָבען זיך געשאָקעלט אין דער ווינשעוואַניע.

— אַ, קינדער, — האָט דער אַלטער אָפּגעזיפצט און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ניט גרינג קומט עס אָן, גאָר ניט גרינג... זיבען יאָר האָט ער זיך געפּלאָגט, זיבען לאַנגע יאָר, און געדאַרפט האָט מען נאָר פיר... פיר אינאַנצען. זיינען מיר דאָך אָבער אין דער געבענטשטער אַמעריקע בלוטיגע אָרימע לייט... מען קען דען קינדער בילדען? אַמאָל איז ניט געווען מיט וואָס איינצוצאָלען אין אוניווערסיטעט; אַן אַנדערס מאָל איז איציק'ל דורכ־געפאַלען — קיין גרויסער גבור, ווי איר זעט, איז ער ניט. און גאָר אַמאָל... חי, חי, חי... — האָט זיך דער אַלטער קינדעריש־נאַאיוו צעלאַכט, — איך דערציי'ל עס אין נחת, מיין קינד, — איז טאַקע דער קאָפּ ביי אים ניט ווי ביי בעני דעם שניידער'ס זון; יענער האָט זיך אַ נעם געטאָן, איז ער איינס־צוויי געוואָרען אַ דאָקטאָר... און אפילו פּערעלע דער אַלמנה'ס — ניט אַזאַ גוטער קאָפּ, דערפאַר אָבער אַ ממזר אַ יונג, קלוג ווי דער טאָג, איז ער געוואָרען אַן אַדוואָקאַט. און מיין זון? מיין איין אויג אין קאָפּ, צי האָט ער געזאָלט זיין אַ בעקער, אַ העמדעל־נייער, אַן אָרימאַן? לעבען ווי איך אַליין לעב דאָ אין דער פינסטערער מדינה? ניין, מיינע פריינד, איך בין דאָך פאָרט עפּעס אין דער היים געווען אַ שטיקעל סוחר, אַ איד אַ בעל־הבית, געפאָרען קיין מאָסקווע, אויף יעגאָראָווסקע יריד, עפּעס געברענגט אַ וועלט... אמת, געהאַנדעלט ניט מיט מיין געלט, אָבער געלעבט האָב איך ווי אַ מענש, מיט לייטען גלייך, און ביי קיינעם אַ קאָפּיקע חלילה ניט פאַרנומען.

— און ברייגגען אים אָהער, מיינט איר, איז מיר גרינג אָנגעקומען? אַרויסראַטעווען אים פון פאָניע'ס הענט?... ער איז דאָך שוין דאָרט געווען פאַרקראָכען... דאָ האָט ער זיך אפילו אויך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט צווישען דער חברה... אָבער דאָ, אין אַמעריקע, צווישען אידען, מעג מען באַטש... דאָרט אָבער?... און אַז איך האָב אים שוין געבראַכט קיין אַמע־ריקע, האָב איך אים געזאָלט לאָזען ווערען אַן אַפּרייטאָר? בעסער וואָלט איך עס ניט דערלעבט... איך בין טאַקע אַליין אַ איד פון דער אַלטער וועלט, אָבער... ער, האָב איך געוואָלט, זאָל לערנען, שטודירען, לעבען בעסער ווי איך לעב... האָב איך זיך טאַקע געוואָרפען אויף אַלע זייטען. ניט געשאָנע־וועט ניט זיך, ניט די אַלטע... זי האָט, ווי איך בין אַ איד. באַרדערס גע־האַלטען, וועש פון זיי געוואַשען איז איך האָב אַלטוואַרג אויפ'ן מאַרק פאַר־קויפט... אַ מעקלער געווען, פאַר באַקאַנטע דירות אָפּגעזוכט, צוליב אַ גראָ־

שען׳מיט מיינע אלטע פיס אויף פינף טרעפ געקראכען... נישקשה, קינדער. מען מעג עס אויסזאגען — איך דערצייל עס אין נחת... און אט האבען מיר דערלעבט...

— אלטע, קום נאר אהער, מיר האבען עס דערלעבט. איציק׳ל איז, א דאנק גאט, אן אינזשעניר געווארען... איציק׳ל, אונזער איציק׳ל איז מיט מזל א חתן געווארען... א, קינדער, ווען איך וואלט זיך ניט געשעמט פאר מיינע אלטע יארען — און פאר אייך, יונגווארג — וואלט איך, ווי איך בין א איד, פארקאטשעט די פאלעס און וואלט געטאנצט א קאמארינסקע...

— נו, טרינקט-זשע לחיים, קינדער. זייט מיך ניט מבייש... לחיים, איציק׳ל! לחיים, מיין קינד! זיי גליקלאך — —בוי דיר בריקען וויפיל דיין הארץ גלוסט — אבער... קינד מיינס, אז עס וועט דיר גוט זיין, פארגעס ניט אן אלטען טאטע-מאמע...

ביים אלטען זיינען טרערען פון פרייד אין די אויגען געשטאנען. א שטורעם פון אפלאדיסמענטען האבען פארהילכט דאס צימער.

2.

צוויי שטארקע איירישע שפיטאל-דינער האבען ווי צוויי מלאכי-חבלה א הויב געטאן איסאק׳ן אונטער די ארעמס און האבען אים אריינגעווארפען אין א גרויסען עלעקטרישען וואגען. באלד זיינען זיי געזעסען לעבען אים פון ביידע זייטען און האבען אים פעסט געהאלטען. ער האט זיך קיין ריר ניט געגעבען. ווי איינגעמויערט צווישען צוויי אייזערנע פיגורען איז ער געזעסען. בלויז זיינע גרויסע אויגען האבען געגליט מיט א ווילד פייער און האבען געקוקט פאראויס. דער שאפער האט זיך אויפגעכאפט ווי פון א דרעמעל און זיך ארומגעקוקט: זיינע פאסאזשירען זיינען שוין פארטיג געזעסען אין וואגען. ער האט א רוק געטאן א לאנגע אייזערנע שטאנג לעבען זיך, א דריי געטאן א האריזאנטאל רעדעל און דער וואגען האט זיך א הוידע געטאן, א שיפע געטאן, א זיד געטאן און א לאז געטאן זיך אין דער ברייטער גאס... לויפענדיג האט ער אין זודיג-שיפענדיגע קאדאנצען ארויסגעלאזט שטיקער געדיכטע פארע פון זיינע געדערים און איז פארלוירען געווארען אין דעם ים מיט עלעקטרישע ליכט, וואס האט פון אלע זייטען פארטרונקען דעם וועג.

אסתר איז געשטאנען א צעטומעלטע.

— וואס איז געשען? — זי האט נאך ניט קלאר פארשטאנען. אירע אויגען האבען ווי פארגליווערטע נאכגעקוקט דעם וואגען. אין האלז האט זי געשטיקט און געווארגען עפעס א קייטלעכדיגע זאך. זי האט איר צונויפגעדריקט די ברוסט און האט איר שווער געמאכט דעם אטעם. א סעקונדע האט זי זיך געשאקעלט, פארלירענדיג איר גלייכגעוויכט... און זי וואלט געווים

געוועזן געפאַלען פון דעם שטאַרקען טומעל אין איר קאָפּ און אָנמאַכט אין אירע גלידער, ווען איינע פון אירע חבר׳טעס וואָלט זי ניט אונטערגעכאַפּט. זי האָט איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין דער חבר׳טעס אַקסעל, האָט אָנגע־כאַפּט מיט די ציין אַ שטיק פון איר מלבוש און האָט דערשטיקט אין זיך אַ שרעקלאַכען אויסגעשריי.

אַזוי האָט זי די חבר׳טע געבראַכט אין דאָס קליינע צימער, פון וואַנען מען האָט צוגענומען איסאַק׳ן. פוסט האָט זיך אין צימער געפילט. פּונקט ווי מען וואָלט פון אים ערשט אַ מת אַרויסגעטראָגען. אַן אומעט, אַ גרויער אומעט האָט זיך איבער דאָס צימער צעשפּרייט און האָט זיך ווי שווערע שוואַרצע שאָטענס געלייגט איבער דעם גאַנצען רוים. אַ טרויער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די בלאַסע פּנים׳ער פון אַלע, די פריינד און די נאָענטע, וואָס זיינען אין צימער געווען, און ער האָט זיי אויסגעצויגען, דין, לאַנג און טונקעל געמאַכט. און אין יעדענ׳ס טרויעריגע אויגען האָבען גרויסע, בלישצענדיגע טרערען געציטערט און האָבען זיך פּאַמעלאַך געקאַטשעט איבער די דינע באַקען. יעדערער האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימער ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, מיט שטילע, שווערע טריט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און ניט געקענט געפינען. בלויז איסאַק׳ס אַלטע מאַמע איז געזעסען ביים טישעל — דאָס ברייטע, צעקנייטשטע פּנים אויסדרוקלאָז, די אויגען שטאַר, גלעזערן, — און האָט זיך מאַנאָטאָן געשאָקעלט אַהין און צוריק.

אסתר האָט זיך באַפרייט פון איר חברט׳ע און איז צוגעפאַלען צום קאָפּ פון דער סאָפע. זי האָט באַהאַלטען איר פּנים אין אירע צענויפגעלייגטע הענט און פון איר פאַרשטיקטער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען אַ ווילדער געשריי. זי האָט געוויינט... היסטעריש געוויינט... אין צימער האָט געהערשט אַ טיפער, גרויער אומעט.

— גאָט! — האָט זי זיך פּאַמעלאַך אויפגעהויבען און האָט מיט איר האַנט אַ שאַר געטאָן אירע האָר אויף איין זייט קאָפּ — איצט האָב איך שוין חתונה געהאַט... — און האָט זיך שטיל און היסטעריש צעלאַכט. זי האָט געלאַכט און געכליפּעט... און איר קול האָט זיך פאַרצויגען מיט אַ קרייען...

— יאָרען געפּלאָגט זיך... יאָרען געאַרבעט און געהאָפּט... יאָרען גע־ליבט און געליטען... געליבט? — האָט זי זיך פאַרטראַכט איבער׳ן וואָרט. איצט איז זי געזעסען גלייך. אַ דינע, אַ דאַרע, אַ בלייכע, מיט שוואַרצע רינגען, געפינזעלט פון דעם טיפען טרויער, אַרום אירע שיינע, פאַרוויינטע אויגען. אַ טרויעריגער, איראָנישער שמייכעל האָט געשפּילט אויף אירע בלוטלאָזע ליפּען.

— אַך, ווי קענען מיר דען ליבען? מיר — די אויסגעמאַטערטע, פאַר־

דאַרטע ביי דער מאַשין! — און זי האָט זיך פאַרקוקט אין דער פוסטקייט.

— אַמאָל, ווען איך האָב איסאַק'ן דערקענט, האָב איך אים ליב געהאַט ווי מיין לעבען... דעמאָלט ווען מיר וואָלטען זיך פאַרגונעו, ווען איך וואָלט אים מיין נשמה אָפּגעגעבען... וואָלט ער זי מיט זיין פייער פאַרצערט... אָבער, גאָט מיינער, — האָט זי זיך לאַנגזאַם געשאָקעלט, — האָבען מיר עס געטאָרט? מיר זיינען אַזוי אָרים געווען. האָבען מיר באַשלאָסען צו אַרבעטען. ער מיט דעם קאָפּ... און איך?... העלפען אים ביז מיר וועלען מעגען חתונה האָבען... יאָ, מעגען... און איך האָב געצייט, אַלע יאָרען געצייט, געצייט און געצייט ביז... איך האָב אין די שטעך די ליבע פאַרנייט... צוזאַמען מיט די כחות זי פאַרלוירען...

— אַך, אַך, אַך... — האָט זי מיך אָפּגעזיפצט — וואָס מיר ליבע, ווער מיר ליבע?

— יאָ... מיט יאָרען צוריק, ווען איסאַק פלעגט קומען צו מיר אין אַן אָווענט, פלעגען מירביידע גליקלאַך זיין. דעמאָלט... פלעגט זי נאָך אויפפלאַמען, די ליבע... מיט אַזאַ העליש פייער, אַז איך פלעג זיך פאַר איר דערשרעקען. מורא האָבען... ציטערען... זי זאָל אונז חלילה קיין אומגליק ניט ברייגנען... און מיר פלעגען אויסמיידען אַזעלכע גליקלאַכע מאָמענטען... און איך האָב געצייט און געצייט... ביז אין דער אויסגעדאַרטער ברוסט איז געבליבען נאָר איין געפיל — איין גרויס, שווער געפיל — מידקייט... אוי, אַזאַ מידקייט! און איך האָב געהאַט נאָר איין באַגער: רו, לעבען אים... רו. גאָט, האָב איך דען פיל געוואָלט, און איך האָב געצייט און געצייט... איצט מעג איך מיר שוין תכריכים אויפנייען!... וואָס דען איז מיר געבליבען אַ חוץ נייען, נייען ביז'ן טויט ביי דער מאַשין...

אסתר האָט ווידער באַהאַלטען איר פנים אין די הענט. זי האָט אָנגעשפּאַרט אירע איילענבויגען אָן די קני און האָט געוויינט. איר חבר'טע האָט זי צאַרט געגלעט איבער די האָר און האָט מיטגעכליפּעט.

— דריי חדשים נאָר האָט אַ שטראַל געשיינט — האָט זי זיך ווידער אַ ביסעל באַרואיגט. — איך האָב שוין געמיינט, אַז דאָס גליק שמייכעלט צו אונז. אָבער וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט?

— גאָט, האָב איך דען געקענט העלפען... חתונה האָבען? ער האָט געוואָלט מיר זאָלען חתונה האָבען... ער האָט געפּאָדערט... אָבער איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרען פּלאָגעניש, ווען דאָס גליק איז שוין אַזוי נאָענט, האָב איך דען געזאָלט איבערשניידען דעם וועג און אויף אייביג פאַרזינקען אין אָרימקייט? גאָט מיינער, אָרימקייט! ווער ווייסט נאָך אַזוי ווי איך דעם טעם פון אָרימקייט!... אוי, ווי איך האָב מורא געהאַט פאַר איר... און איך האָב ניט געזען, אַז דער גרויסער אומגליק קומט, קומט אומגעריכט. און

איך האָב זיך געבעטען ביי אים, מיר זאָלען וואַרטען ביז מיר וועלען קענען לעבען אָן נויט... איך האָב בלויז געוואָלט רו. אַ ביסעל לעבען, אַ טראָפּענדעל גליק... גאָט, האָב איך דען צופיל געוואָלט? בין איך דען שולדיג אין זיין אומגליק?...

זי האָט זיך פאַרטראַכט. די טרערען זיינען געפלאָסען איבער אירע בלייכע, דאַרע באַקען. אירע הענט האָבען זיך געשלאָסען אַרום אירע קני. די מאַטע, שיינע אויגען האָבען געקוקט אין דעם רוים. אין שטוב איז געווען שטיל, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. בלויז די אַלטע מאַמע איז געזעסען ווי אַ גולם ביים טישעל און האָט זיך פּאַמעלאַך געשאָקעלט אַהין און צוריק.

3.

דער ברייטער אַספּאַלטענער וועג ציט זיך און שליינגעלט זיך פון דעם וואַלד אַרוים אין טאָל באַרג אַרויף, מיילען און מיילען ווייט. פון איין זייט קערעווען זיך אָפּ, דאָ און דאָרט, שמאָלערע וועגען און סטעזשקעס, וואָס פיר־רען צו די גרויסאַרטיגע וואוינונגען פון רייכע מאַגנאַטען. פון דער אַנדערער זייט ציט זיך אַ ווייס־געפאַרבטער פּאַרקאַן, געפלאָכטען פון אייזערנע שטאַנגען, דורכגעצויגען דורך ברייטע שטיינערנע קאָלאָנעס. די רייכע הייזער, פון זעלטענער אַרכיטעקטור, שטייען אויף בערגיגע טעראַסען, העכער פון אַספּאַלטענעם וועג, און זיינען פאַרטרונקען אין גרינע בוימער און שיינע בלומען. זייערע שפּיציגע טורעמס, די גלעזערנע באַלקאָנען און געפאַרבטע טויערען קוקען אַריבער דעם וועג, אַריבער דעם באַרג, וואָס איז באַדעקט מיט אַלטע דערנער, הויכע גראָז און נאַקעטע פעלזען, אַראָפּ צום טיפען אָפּגרונד, וואו עס שפּרייט זיך אוים, ווי אַ וואונדער־שפּיגעל צווישען די בערגיגע ברעגעס, דאָס בלוילאַכע וואַסער פון דעם פּראַכטפולען האָדסאָן.

אַ שיינע, ליבלאַכע נאַכט. די לבנה צעגיסט אירע זילבערנע שטראַלען מיט אַ העל־ווייס צויבער־ליכט און באַלייכט די קייטען בערג, דעם טאָל, דעם טייך און דעם גלאַנציגען אַספּאַלטענעם וועג. און דער וועג ציט זיך אויף דעם רוקען פון דעם באַרג... אַרויף... העכער און העכער. און אַלץ טונקעלער און טונקעלער ווערט דער אַספּאַלטענער וועג ביים אַלטען געדיכטען וואַלד אויפ׳ן שפּיץ באַרג, וואו עס שטייט דאָס גרויסע, גרויע הויז...

דאָרט איז מורא׳דיג פינסטער. אַהין דערגרייכט ניט דאָס צויבער־ליכט פון דער לבנה. הייגגט איבער׳ן הויז אַ שוואַרצער וואָלקען און אַרום דעם דריינגט זיך צענויף די געדיכטע פינסטערניש פון דער נאַכט... שטיל איז... שאַ...

אָט האָט עפּעס אַ רעווע געטאָן איבער דעם טייך, אַ לאַנגער רעווע... אַ סעקונדע האָט זיך דער קול געדרייט אין דער לופט, געטראָגען זיך איבער

דאָס וואַסער, געגליטשט זיך און אַן די בערגיגע ברעגעס זיך אָפּגעשלאָגען. אַ ווידער־קול האָט זיך געהערט, העל און לויטער. און ערגעץ־וואו, פון ווייטען, האָבען זיס און מעלאָדיש גלעזערנע שויבען געקלונגען ווי דינע, זילבערנע גלעקלאַך... און ווידער איז שטיל געוואָרען...

ששששאַ... שטיל...

פון ווייטען האָט עפּעס אָנגעהויבען צו הוידען. נעענטער און נעענטער איז דאָס הוידען דורך דער לופט געקומען. דורך דער ערד איז אַ זשומען דורכגעגאַנגען און פון דעם וואַלד, דאָרט אונטען אין טאָל, איבער דעם אַס־פאַלטענעם וועג, האָט זיך אַ שוואַרצע מאַסע באַוויזען. צוויי גרויסע פייער־דיגע אויגען האָבען זיך פון איר אין דער ערד איינגעגראָבען און איבער זיי האָט, ווי פון דעם מיטען פון איר בלישצענדיגען מעטאַלישען שטערען, אַ דריט אויג געגליט. איבער דעם אַספאַלטענעם וועג האָט זיך אַ ברייטער קאָנוס ליכט צעגאָסען און ער האָט געציטערט און געטאַנצט אויף דער ערד און אין־דער־לופט. און די מאַסע האָט זיך געהוידעט און געשאָקעלט... נעענטער, נעענטער, נעענטער... אין רוים האָט זיך אַ ווינט געדרייט, ווי אַן אוראַגאַן זיך פאַרביי־געטראָגען. די טייוועלשע שוואַרצע מאַסע מיט די פייערדיגע אויגען איז דורכגעפלויגען... אַהין צום שפּיץ בּאַרג, צו דאָס מורא׳דיג הויז... דער אַספאַלטענער וועג האָט פון אַנגסטען געציטערט און געקרעכצט...

בערג און טאָל, ערד און וואַסער, הימעל און שטערען, אַלץ האָט אַ שטאַרקען ציטער געטאָן... אין די הימלען, פון יענער זייט טייך, האָט זיך אַהער, אויף דער זייט, אַ שטערען אַ שליידער געטאָן. ער איז געפלויגען אי־בער די הימלען, בלישצענדיג אויף זיין שליאַך, און איז אין אַ צעשמאָלצע־נער שוואַרצער מאַסע אויף דעם שפּיץ בּאַרג אַראָפּגעפאַלען, אַזוי ווי אין דאָס דאָזיגע מורא׳דיגע הויז אַריינגעפאַלען... און ווידער איז אַלץ שטיל געוואָרען... שטיל ווי דער טויט...

* * *

שטיל איז אויך געוועזן אין דאָס דאָזיגע שוואַרצע, מורא׳דיגע הויז. די דריי נאַכט־וועכטער האָבען זיך פאַרקליבען אין עק פון דעם לאַנגען, טונ־קעלען קאָרידאָר: צוויי האָבען אַזאַרטנע אין קאָרטען געשפּילט, דער דריי־טער, אַ דיקער, אַ קורצער, מיט גרויסע וואָנצעס און קליינע אויגעלאַך, האָט געהיט דעם קאָרידאָר און האָט בגנבה געפּיפּקעט זיין ליולקעלע.

— אַ פּעטער העכט, דאַכט זיך דער נייער... — האָט ער באַריכטעט אין דער שטיל.

— אַ אידעל, וואָס? — האָט איינער פון די שפּילער געפרעגט און האָט אויפגעהויבען צוויי רויטע, פאַר׳שכור׳טע אויגען.

— געווים אַ אידעל, ווי דען? חי, חי, חי... דאָ וועלען באַלד אַלע זיין אידען — האָט זיך דער וועכטער שטיל צעלאַכט, און דער רויך פון זיין ליולקעלע האָט געטאַנצט איבער זיינע וואַנצעס. — זיי פאַרנעמען באַלד די גאַנצע שטאָט, די אידען.

— נו, נו, זאָלען זיי נאַר. דאָ מאַכט ניט אויס... וואָס מער איז בעסער — האָט זיך געוויצעלט דער צווייטער שפּילער, אַ דאַרער, געגאָלטער יענקי מיט אַ גרין פּנים. — מער הכנסה... פאַרשטייסט? דו קנייפּ נאַר שטאַר־קער — און ער האָט פאַרזשמורעט אַן אויגעל און פאַרקרימט דאָס גרינע פּנים. — זיי צאָלען אַ גאָלד־שטיק פאַר אַ קניפּ, ביי גאָט... אַ גאָלד־שטיק פאַר אַ קניפּ... שטעק נאַר אויס די האַנט אַזוי — און ער האָט אויסגע־שטרעקט זיין האַנט הינטער אַרום — — זיי גיבען ניט אָפּען, די „שינים“...

אַלע האָבען זיך שטיל צעלאַכט, אַנקוועלענדיג פון נחת...

און ווידער האָבען די צוויי פאַרטיפט זיך אין זייערע קאַרטען, און דער דריטער האָט מיט פאַרגעניגען געפּיפּקעט זיין ליולקע, באַהאַלטען אין זיין פאַרמאַכטען פויסט.

* * *

עס איז שטיל געוועזן. אַלע זיינען שוין געשלאָפען. נאַר אין איין קליין חדר'על האָט נאָך דאָס איינגעמויערטע עלעקטרישע ליכט געברענט מיט אַ מאַטען שיין. אין צימער איז געווען טונקעל און אַ מרה־שחורה האָט גע־הערשט אין אַלע ווינקעלאַך. איסאַק איז מיט געמאָסטענע טריט אַרומגעגאַנ־גען הין און צוריק. דער לאַנגער, גרויער כאַלאַט אויף זיין הויכער, דאַרער פיגור האָט אים צוגעגעבען אַ משונה'דיגען אויסזען. שטונדען לאַנג איז ער שוין אַזוי אַרומגעגאַנגען, שטום, די הענט פאַרלייגט פון הינטען, דעם גע־קרויזטען קאָפּ איינגעבויגען, דאָס געגאָלטע פּנים מיט די טיפע פאַלדען אַרום מויל קרענקלאַך־געל. בלויז די אויגען האָבען ווילד געבלישצעט, ווייז־ענדיג, אַז אינווייניג אַרבעט אַ שטורמישער מוח. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אָפּשטעלען און גלייך ווי ריידענדיג צו זיין שאָטען, פלעגט ער אַ זאָג טאָן:

— רייד ניט... רייד ניט, זאָג איך... — און פלעגט זיך ווייטער אָוועק־לאָזען מיט געמאָסטענע טריט איבער'ן צימער.

— בייגעל באַקען... בייגעל באַקען — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין.

ער איז מיד געווען און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין בעטעל. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן וואַנטעל פון בעט און האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פּונקט.

— בייגעל באַקען... בייגעל!... אַ שטיק טייג אַרום און אַרום און גאַר־

ניט אין מיטען — האָט ער געוויזען מיט'ן פינגער. — ביי דעם האָב איך געזאָלט בלייבען... תמיד בלייבען. צו דעם האָב איך געטויגט... אָבער בריקען בויען ?... בריקען ? ווי קומט עס צו מיר ? א קליינינקייט בריקען בויען ? ! דאָס איז איבער מיינע קרעפטען...

— יאָ, בייגעל באַקען... אי פאַר זיך, אי פאַר זיי, אי פאַר איר... פאַר אַלע... פאַר דער גאַנצער מענשהייט... אַ, די מענשהייט ! זי מאַכט מיר אַז קאָפּ־שמערצען... — האָט ער זיך אויפגערייצט און אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ מיטביידע הענט. ער האָט זיך איינגעבויגען זיצענדיג אויפ'ן בעט און דער אויבערשטעל טייל פון זיין קערפּער האָט זיך פּאַמעלאַך געשאָקעלט.

— בריקען לייגען... איבער וועלכע מענשען דאַרפען גיין, לויפען, פליען אהין און אהער, פערד דאַרפען טופּען, צוגען דאַרפען איילען — אַ וועלט דאַרף זיך באַוועגען — דאָס דאַרף מען קענען... און איך ?...

— איך ?... — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ שטעל געטאָן און מיט שטאָלץ געפרעגט — איך ? הא, הא, הא... — האָט ער זיך צעלאַכט. — איצט ערשט בין איך — איך... פריער בין איך — אי איך, אי ניט איך — אַלע געוועזן... איצט בין איך — איך... איך אַליין. זיי קענען מיך ניט צווינגען, מיין גייסט האָט זיך באַפרייט... איצט וועל איך קענען. וואַרט... וואָס האָב איך געזאָגט, יועל איך קענען ?...

ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט און האָט זיך פאַרטראַכט, אַזוי ווי וועלענדיג זיך עפּעס דערמאָנען.

— מאָדנע מענשען זיינען זיי — האָט ער פּאַמעלאַך געצויגען די ווער־טער. — איך זאָג אים : „פּאַפּאַ, איך וויל פאַר מיין נשמה די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצען רוים וויל איך"... זאָגט ער : „וואַרט, מיין זון, וועסט ווערען אַן אינזשיניר, וועסטו בריקען לייגען...!" אַ שכל... בריקען לייגען... דעם רוים צוימען... איבערשפּאַנען. עפּעס אַ קונץ... אַ קליינינקייט אַזאַ קונץ ! און ער בויגט מיך, אין דרייען בויגט ער מיך... און איך קוק אויף מיין אַלטער מוטער, אויף דער אָרימער... און שטאָפּ מיין קאָפּ מיט ציפערען, פאָרמולעס, לאָגאַריטמען... אוי, מיין אָרימער קאָפּ !...

און איסאַק האָט מיך, ווי צום איינדרעמלען, צוגעמאַכט די אויגען.

— און זיי, מיינע חברים ? מאָדנע מענשען זיינען זיי — האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט. — אָבער... ששאַ... האָט ער מיט צענויפגעצויגענע ליפּען און ווייט־געעפענטע אויגען אויסגעשיפּעט, בשעת זיין שטערען האָט זיך שטאַרק פאַרקנייטשט — רייד ניט, זיי קענען נאָך דערהערען און פאַר־וואַרפען מיט שטיינער... איך האָב עס טויזענט מאָל געטראַכט — האָט ער שטיל געוויספּערט — טויזענט מאָל... זיי האָבען זיך אַרומגעבונדען מיט שטריק, און אין אַ טומעל, אַ רויש, אַ גערודער, אַ ליאַרם, אַז מען קען

טויב ווערען — מען הערט ניט איינער דעם צווייטען — שלעפען זיי זיך, רייסען זיי זיך, פליען זיי ווי משוגעים אין הימעל אריין און זאגען אז די מענשהייט פליט מיט זיי... — ס'איז א ליגען, זאג איך, א ליגען... איך זע אליין מיט מיינע אויגען ווי זי שטייט און לאכט און שפאט פון זיי... און איך דערציייל זיי: איך האב מיט יענעם שווארצען מאן גערעדט, גערעדט ביז די נשמה איז מיר שיער ניט ארוים, באוויזען ווי די וועלט לעבט, אנט־וויקעלט זיך, אליין — פון זיך... כסדר... גאר אן א גאט. און גערעדט האב איך מיט הארץ, רויט געווארען אין פנים... באגאסען זיך מיט שוויים... פיענע האט מיר פון מויל געזעצט... און ער חזר'ט אלץ איבער... „ס'איז דא א גאט, ס'איז דא א גאט“... „מען דארף אים אבער ניט“, האב איך בייז א געשריי געטאן... האט ער מיך מיט פארציטערטע אויגען אנגעקוקט און האט א שפיי געטאן — „טפוי“... — זאגט ער — „איר זייט משוגע“. און האט זיך אפגעקערט. און ער איז ניט איינער. מיליאנען איז ער... מיליא־נען... די גאנצע מענשהייט... און זיי גלויבען ניט, די חברים... זיי גלויבען אין דער מענשהייט... א, די מענשהייט... זי מאכט מיר אן קאפ־שמערצען.

, איסאק האט זיך האלב אנידערגעלייגט אויף דאם בעט. א האלבער קער־פער איז אראפגעהאנגען צום באדען. די הענט האט ער פארלייגט אונטער'ן קאפ און האט שטיל געקוקט אויף דער סטעליע. זיין געהירן האט אומדער־מידלאך געארבעט. די פייערדיגע, בליצענדיגע אויגען האבען עם עדות געזאגט...

— זי... זי... זי... — האט ער זיך אויפגעכאפט מיט א ווילדען גע־שריי — אסתר! איך זאג איר: „אסתר... דיינע אויגען ברענען מיר אוים לעבער אין דער נשמה... זיי פארברענען מיך... איך האב דיך ליב... פאר־שטייסט, זאג איך איר, די נאטור האט דיך אזוי באשאפען, אז איך זאל דיך באגערען... זי האט דיך פאר א פרוי געמאכט... און... איך וויל דיך... קום, קום צו מיר, לאמיר געניסען די ליבע... איך בין ניט שולדיג אין דעם וואס די נאטור האט מיך געמאכט פאר דיין קנעכט... קום־זשע, טייערע, מיר וועלען זיך ארומנעמען... שטארק... אט אזוי... מיר וועלען זיך צו־דריקען... דערווארימען איינער דעם אנדערען... מיר וועלען געניסען דאם בעסטע פון דער ליבע... אך, מיר וועלען... מיר וועלען... ווארט!... וואס וועלען מיר?... ע... ע... יא, אסתר, מיר וועלען חתונה האבען!...“ קוקט זי אויף מיר מיט אירע ליבע, צעשראקענע אויגען, ברענט דורך לעבער אין מיין נשמה... און וויינט... וויינט מיט ביטערע טרערען...

— ברויט, ברויט וויל זי — דער נאר!... זי ווייסט ניט אז איך בין גרויס, גרעסער פון אלע גרעסטע, שטארקער פון אלע מאכטיגע... זי ווייסט ניט אז איך בין א גאט און וויל מענשען שאפען... און אירע טרערען ברע־

נען מיין לייב, און איך בויג זיך און קנייטש זיך און קאַרטשע זיך צענויף אין אַ קנויל... און ליג ביי אירע פיס...

— קען מען עס אויסהאַלטען — קען מען?

— און זי איז ווי זיי — און זיי אזוי ווי זי... זיי גלויבען ניט און פאַר־שטייען ניט, און זי פאַרשטייט ניט און גלויבט ניט... זי אַליין קלאָגט זיך פאַר מיר: „איסאַק, זאָגט זי, עס איז שלעכט. דאָס, זאָגט זי, טאָר מען ניט און יענעס איז פאַרבאָטען"... פאַר וואָס? פרעגט זי. זאָג איך איר: „ווייל מענשען לאָזען ניט... מענשען הערשען איבער מענשען... לאָזען זיי ניט". זאָגט זי: „אָבער איך וויל דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן!" הערסטו? איך וויים, זאָג איך, אָבער מענשען זיינען טיראַנען און דאָס לעבען שמידט אוים קייטען... און קייטען, זאָג איך, קייטען דאַרף מען רייסען... טיראַנען דאַרף מען טויטען...

— טויטען?... דערשרעקט זי זיך און ציטערט. — איסאַק, טייערער, וואָס רעדסטו? איך האָב דאָס קיינמאָל פון דיר ניט געהערט!... און איך הער ווי זי שושקעט זיך מיט זיי... „משוגע"... כאַ, כאַ, כאַ... משוגע זיינען זיי... זי... מיינע חברים... די גאַנצע וועלט איז משוגע... ניט איך...

— די חברים!... איך זאָג זיי און זיי גלויבען ניט. בינדען זיך ארום מיט שטריק... פאַרציען זיך מיט זיי... און זיי ווילט זיך דער הימעל... די גאָלדענע זון... אַ! וואָלט איך געקענט בריקען בויען, וואָלט איך אַ בריק געלייגט... אין דער לייגג... אין דער הויך... ביז'ן הימעל... און לאָזען זיי גיין איבער אים... די הונגעריגע... מיינע חברים — אַלע... אַלע... ער אויך, אפילו ער... די מאָדנע בריאה, מיט די גרויסע, שווערע, פאַרמאַזאָלעטע הענט... אַ מאָדנע בריאה!... ער זאָגט מיר אמאָל: „ער לעבט ניט, ער מאַטערט זיך... ער האַרעוועט. זאָגט ער, שווער אויפ'ן שטיקעל ברויט, און האָט עס ניט..." דערציייל איך אים, ווי גוט עס וועט זיין אין דער צוקונפט, ווען מענשען וועלען גליקלאַך זיין... זיפצט ער, נעבאַך, און פרעגט מיך: „אָבער ווי קומט מען דערצו?" זאָג איך אים: „מען דאַרף נאָר אַ קליינינקייט... מען דאַרף אַז עס זאָלען ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע..." פאַרוואונ־דערט ער זיך, דער אָקס: „וואָס הייסט?... און טאָמער — זאָגט ער — איז מיר אַליין באַשערט רייך צו ווערען?"... צעלאַך איך זיך: „וואָס דאַרפט איר רייכקייט, פרעג איך אים, ווען איר וועט האָבען אַלץ וואָס איר דאַרפט און וועט גליקלאַך זיין?"... קוקט ער מיך אָן... אַ מאָדנער קוק... ער האָט מיר אפילו ניט געזאָגט... אָבער איך האָב געזען אין זיין קוק, אַז ער מיינט, איך בין משוגע... און ער איז דאָך ניט איינער... ער — זיינען אַלע... די גאַנצע מענשהייט...

— אַך, די מענשהייט, זי מאַכט מיר אַן קאָפּ־שמערצען... און מיינע חברים מיינען אַז זי פליט מיט זיי צום הימעל...

— ס'איז אַ ליגען, זאָג איך, אַ ליגען... זי בינדט... זי פאַרקנעכט... זי ציט צו דער דערד...

איסאַק האָט געציטערט פון אויפרעגונג און איז האַסטיג געגאַנגען איבער דאָס צימער.

— אָבער מער שוין ניט... מער ניט... איך בין פריי! — האָט ער אויסגעשריען און האָט זיך אָפּגעשטעלט. — אין דעם קאַמף מיט'ן לעבען האָב איך געוואונען... איך... איך האָב צעריסען די קייטען... איך — בין איך... איך בין אַליין... — דער שטאַרקסטער פון אַלע שטאַרקע, דער מאַכטיגסטער פון אַלע מאַכטיגסטע... אַ גאָט!...

זיין פנים, די ברייטע, דינע באַקען האָבען געפלאַמט מיט אַ העלישׁ פייער. די צוויי האַלב־קיילעכדיגע קנייטשען אַרום זיין מויל האָבען זיך טיפער איינגעשניטען אין לייב. פון זיינע אויגען האָבען פונקען געשפּריצט ווי בליצען און אויף זיין הויכען שטערען זיינען געשטאַנען גרויסע, קאַלטע טראָפּענס שוויים. די לאַנגע פיגור אין דעם גרויען מאַנטעל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בעט, אַ ביסעל איינגעבויגען. די רעכטע האַנט האָט הויך אין־דער־לופטען געפלאַטערט פון אויפרעגונג; די ליפּען האָבען געציטערט און געשעפּצעט:

— אַ גאָט... איך בין אַ גאָט... אַ גאָט... אַ גאָט...

צוויי בייזע אויגען האָבען געקוקט דורך די אייזערנע גראַטעס אין פענסטערעל פון דער טיר. איסאַק האָט זיי באַמערקט און האָט מיט אַ שטאַרקען בליק געקוקט אויף זיי.

— קוקט ניט! — האָט ער ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער אַ געשריי געטאָן ניט מיט זיין קול און איז אָנמאַכטיג געפאַלען אויפ'ן בעטעל.

אַ מורא'דיגע, משונה'דיגע שטימע האָט אָפּגעהילכט אין צימערעל... זי האָט זיך געטראָגען און געדרייט און געכוואַליעט אין־דער־לופט ווי דאָס משונה'דיגע רעווען פון אַ ווינטער־ווינט... אין קאָרידאָר האָט עפּעס אַ קנאַק געטאָן. דאָס עלעקטרישע ליכט איז פאַרלאָשען געוואָרען. בלויז דאָס אינעווייניגסטע געדרייטע פּלאַטינום־דרעטעל אינ'ם גלעזעל פון דאָס לעמפּעל האָט נאָך אַ סעקונדע געגליט ווי אַ כשוף־שלענגעל און איז מיט דעם משונה'דיגען קול אויסגעגאַנגען... ביסלאַכוויים... פּאַמעלאַך... פאַרשוואונדען...

עס איז פינסטער געוואָרען... פינסטער און שטיל...

ביים ים

די זון האָט זיך שוין געזעצט. די ברענענדיגע היץ, וואָס האָט דעם גאַנצען זונטאָגדיגען טאָג געפּלאָגט און אויסגעמאַטערט יעדע באַשעפעניש אין דעם תהום־נויאָרק, האָט שוין נאָכגעלאָזט. אַ קיל ווינטעל האָט געבלאָזען פון ים און האָט דערפרישט די מענשען און די חיות. דער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך צענויפגעקליבען אין קוני־אײלאַנד, האָט זיך איצט אין קלײנע גרופּעס פון מענער, ווײבער און קינדער געצויגען פון ברעג ים איבער די גאַסען פון דער זומער־שטאָט צו יענעם לעבעדיגען טײל וואָס אויבען איז געווען באַלויכטען מיט מיליאָנען עלעקטרישע ליכט. דאָרט האָט געזאָטען דאָס לעבען און געפינעט די לוסט. דאָרט האָט מען געקענט אַ פּאָר שעה פרײלאַך פאַרברײנגען. גראָב, ציניש, אומנאַטירלאַך, אָבער דאָך אונטערלעבען: טאַנצען און שפּרינגען אין די גרויסע באַלויכטענע טאַנץ־זאַלען, דרײען זיך אויף קאַרוסעלען אונטער דער גרילצענדער מוזיק פון שאַרמאַנקעס, לאַכען און שפּאַסען, באַזוכען צירקען און פּאַנאָראַמעס, זען ווילדע חיות און אײנהאַנדלען „לעבעדיגע סחורה“. דאָרט האָט מען געקענט אַ פּאָר שעה לעבען, לאַכען, אַיבערגעבען זיך צו אַלע תענוגים פון לוסט און ליבע, רײצען די נערוועז, טרינקען און הוליען... און דער עולם האָט זיך געצויגען איבער די גאַסען — אַהין.

ביים ברעג זײנען געבליבען די פאַרשפּעטיגטע געסט און די זומער־אײנוואוינער. דאָ איז געווען קיל און גוט. דאָ האָט מען געקענט פרײ אָטעמען די פרישע, מונטערע ים־לופט. עטלאַכע מענער און פרויען האָבען זיך נאָך געבאָדען אין ים, געשטיפט, געפּליעסקעט זיך, געשריגען און געשפּילט זיך מיט די גרויסע כוואַליעס. אונטערשפּרינגענדיג, ווען אַ כוואַליע איז אָנגעקומען, האָבען די שטיפער זיך באַלאַנסירט אויף איר רוקען ווי אויף אַ גרויסען אָנגעבלאָזענעם פּאַכיר און זענען געשוואומען, געגליטשט און געהוירעט זיך מיט איר אויף דער ברײטער אויבערפלאַך פון דאָס וואַסער — און האָבען געלאַכט און געשטיפט. אָבער אפילו זײ האָבען זיך געאײלט צו ענדיגען דעם ספּאָרט און גיכער פאַרלאָזען דעם ברעג.

אויף דער וועראַנדע פון הער גוטסקאָו'ס זומער־הויז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם אָפענעם ים, האָט אַ חברה פרײנט טײ געטרונקען. די חברה האָט לעבעדיג געשמועסט, גערעדט, דיסקוטירט; גוטמוטיג געקריגט און געווערטעלט זיך. די לעפעלאַך אין די גלעזער פון די טײ־טרינקער האָבען געקלאַפּט און געקלונגען, די שטולען אויף דער וועראַנדע האָבען זיך אַלע מאָל

אַרומגערוקט. איייניגע פון דער חברה זענען אַרומגעגאַנגען, אַנדערע זענען געזעסען אָנגעשפּאַרט אין די פּאַרענצעס. זעלטען ווען חברה האָט אייינציג־ווייס גערעדט, מערסטענטייל האָבען עטלאַכע, און אַמאָל האָבען אַלע אין איי־נעם גערעדט, געלאַכט און געשריגען.

ליליע, די איינגערע טאָכטער פון די גוטסקאַוּס, האָט עפּעס געפּלאַנעוועט. אין איר לעבעדיגען, באַגייסטערטען טאָן האָט זיך געפילט אַן עקשנות. אָבער דער אַלטער אברהם האָט ניט נאָכגעגעבען. אים, דעם עלטערען און קלוגען מענשען, מיט דעם ערלאַכען, ניכטערען בליק אויף דער וועלט, האָט די גאַנצע זאַך פאַרדראָסען.

— סעאַנסען, גייסטער — האָט ער זיך געבייזערט — אָנשטאָפּען די יונגע מוחות מיט נאַרישקייטען.

— פאַר וואָס איז דאָס נאַרישקייטען? — האָט געלאַסען געפרעגט „צדק“ בראַפמאַן, אַן אַלטער בחור פון אַ יאָר פערציג, וועמען די חברה האָט געגע־בען דעם צונאָמען „צדק“. דערפאַר וואָס ער האָט נאָך ניט חתונה געהאַט.— עס איז אַן עקספּערימענט ווי אַלע עקספּערימענטען.

— און מיר וועלען אים מאַכען, איר וועט זען — האָט ליליע איבערגע־שלאָגען — מיר וועלען אַפּרוקען דעם טיש אַהין, דעם קיילעכדיגען טיש וועלען מיר שטעלען אין מיטען; מיר וועלען אַרויפציען דעם לאָמפּ אינדערהויך, פאַרציען אים און עס וועט ווערען פינסטער, אַזוי פאַנטאַסטיש פינסטער, הער לעאָן, קוים־קוים וואָס מען וועט קענען זען. דער דאָקטאָר האָט צוגעזאָגט אַז מיר וועלען עס היינט מאַכען. — מען האָט געזען, אַז איר געפעלט דער פּלאַן.

לעאָן, צו וועמען זי האָט זיך אָקאָרשט געווענדעט, האָט געמישט זיין טיי, האָט קאָקעטיש געקוקט אויף איר און האָט שטיל און שפּאָטיש געלאַכט:

— נו, נו, מאַכט, מאַכט...

וועט איר מאַכען,
וועל איך לאַכען...

האָט זיך ביי אים אַראָפּגעגליטשט פון׳ם צונג. און ער האָט זיך צעלאַכט. — ליליטשקע, טייערע, איר זייט נאָך אַ... — קינד, האָט ער געוואָלט זאָגען, האָט זי אים אָבער מיט איהר האַנט פאַרשטעלט דאָס מויל.

— איר זענט אַן אומגלויבער... אַ שלעכטער.

לעאָן איז געוואָרען לעבעדיגער. אין זיינע אויגען האָט אַ שפּיל גע־טאָן אַ מונטערער שטראַל. ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט מיט זיינעביידע הענט און זי שטיפעריש אַ קוש געטאָן און האָט עקספּראָמפּט געגראַמט:

— װעט איר גלױבען, יענעם לױבען
װאָס װעט קונצען מאַכען;
װעל איך פֿון דערװײטענס שטײן,
קוקען װעל איך, אַלעס זען
און װעל פֿון אײך לאַכען...

— אַ—אַ—אַ—... האָט ליליע װי אַ געפּעסטעטע קינד קאָקעטיש זיך גע־ברוגז׳ט און אים מיט דער האַנט שפּילעריש געפּאַטשט איבער די ליפּען. לע־אַנ׳ען האָט עס קענטיג הנאה געטאָן. הפּנים, אַז ער האָט זי ניט פֿײנט געהאַט. חברה האָבען טאַקע באַשטימט אונטערגערעדט, אַז זײ האָבען זיך בײדע ליב און װעלען געװיס חתונה האָבען.

לעאָן איז געװען אַ מערקװירדיגער יונגערמאַן. אַ מענש פֿון אַ יאָר דרײ־סיג, איז ער מיט עטלאַכע יאָר צוריק געקומען פֿון רוסלאַנד, ברײנגענדיג מיט זיך די פּרײסטע אידעען און אַנזיכטען אויף לעבען און מענשען. צי האָט ער אין רוסלאַנד אַנטײל גענומען אין דער באַפרײאונג־באַװעגונג, צי ניט האָט מען ניט געװאוסט. זיכער אָבער, אַז זײנע איבערצײגונגען האָבען זיך בשום אופן ניט אײנגעפּאַסט אין די רעמלאַך פֿון קײנער פֿון די דאָרטיגע פּאַרטײען.

אַ הױכער, ברײטבײנערדיגער, פֿעסטגעבױטער מאַן מיט גוטע מילדע אױגען און אַן אױסדרוק פֿון שטאַרקען װילען אויף דאָס שײנע געגאָלטע פּנים, פֿלעגט ער תּמיד זיך האַלטען פֿרײ, גרינג, אומגעצװאונגען; פֿלעגט תּמיד רײדען שײן, פֿליסיג, אַזױ אָפֿען און גלאַט פֿון דער נשמה אַרױס, אַז ער פֿלעגט פֿון דער ערשטער מינוט אָן מאַכען אַ זעלטען גוטען אײנדרוק אויף יעדען מיט װעמען ער האָט זיך באַגעגענט. ער איז געװען פּונקט דער געגענ־זאַץ דערפֿון װי מען שטעלט זיך געװײנטלאַך פֿאָר דעם אידישען דיכטער. פֿון פּראָפֿעסיע איז ער געװען אַן אױסגעצײכענטער עלעקטראָטעכניקער, און האָט דאָ גיך געפֿונען אַ שטעלע בײ עדיסאָן אין פֿאַבריק. ער האָט גוט פֿאַרדינט און זײן פֿרײע צײט האָט ער פֿאַרבראַכט אין לײענען, שרײבען, דיכטען, און שטיפֿען — לעבען — װי ער האָט עס גערופֿען. לעאָן האָט אָפּגעלײקענט אַלצדינג.

— די װיסענשאַפֿט — פֿלעגט ער זאָגען, װען חברה האָט זיך געהיצט און עפּעס אױפֿגעװיזען „װיסענשאַפֿטלאַך" — די װיסענשאַפֿט געפֿינען אױס די קלוגע צו שרעקען מיט איר די נאַראָנים...

— די רעגירונג!... אַ, דאָס איז אַ פֿאַרטעל פֿון די שטאַרקע צו האַלטען אין צױם די שװאַכע!..

— די געזעלשאַפֿט... יאָ, — און ער פֿלעגט זיך אַ װײלע פֿאַרטראַכטען

— זי איז אפילו נאַטירלאַך, גוטיג, אַ גוטע זאַך... אָבער... זי קאָסט דעם מענשען צו טייער. זי וועט זיך ערשט דעמאָלט לוינען — ווען זי וועט גאָרניט קאָסטען!...

— אַך, די קונסט — כאַ... כאַ...כאַ... — פלעגט ער זיך צעלאַכען און לאַכען מונטער, לעבעדיג, פון דער גאַנצער ברוסט — די קונסט בין איך אַליין. איך בין אַ קונסטווערק געשאַפען פון דער נאַטור און דאָס לעבען... יאַ, יאַ... די נאַטור און דאָס לעבען, זאָלט איר עס וויסען. קענט איר מיך געניסען — געניסט וויפיל איר ווילט. איך — איך געניס די נאַטור און נעם פון לעבען אַלץ וואָס מיין האַרץ גלוסט.

און מען קען ניט זאָגען; לעאָן פלעגט אָפט קענען באַצוויבערען. ער פלעגט פראַכטפול דעקלאַמירען, און, ווי יעדער פּאָעט, פלעגט ער דעקלאַמירען זיינע אייגענע פערזען. אָמאָל פלעגט ער עקספּראָמט דעקלאַמירען. און אויב ניט תמיד האָט זיך אים איינגעגעבען אַזאַ דעקלאַמאַציע, האָבען דאָך זיינע פערזען מערסטענטיילס געהאַט אַ שיינעם מעלאָדישען קלאַנג און אַ לירישען ריטם, אין וועלבען עס האָט זיך געהערט אַן עכט לירישע זיסקייט.

— לעאָן, לעאָן, זייט דאָך גוט — האָט אים איצט ליליע געפּאַטשט איבער די ליפּען און האָט אים קינדערש, ליבלאַך געבעטען — דאָקטער, איאַ ביר וועלען היינט מאַכען דעם סעאַנס? — האָט זי דעם דאָקטאָר געפרעגט.

— אויב איר ווילט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אויף ענגליש און האָט אַרויסגעהויבען זיין טונקעל, דאַר פּנים מיט די שוואַרצע אויגען פון דער ציימונג וואָס ער האָט געלייענט. אין זיינע אויגען האָט געבלישצעט אַ שאַרף, קרענקלאַך פייער. נאָכדעם ווי זיין פרוי איז געשטאָרבען, האָט דער דאָקטאָר פאַרלאָזט זיין גרויסע פּראַקטיקע און האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט. ער האָט געזוכט ערגעץ אַ מקום מנוחה פאַר זיין קוואַלענדיגער נשמה — און האָט עס ניט געפונען. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין ניו יאָרק אַ גלויביגער אין ספּיריטיזם, אין גייסטער, אין מעדיומען. דאָס האָט אים, ווי עס וויזט אויס, באַפרידיגט: עס האָט אים געגעבען דעם גלויבען, אַז ער קען זיך פאַראייניגען מיט דעם גייסט פון זיין פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט. ריידענדיג פון גייסטער און מעדיומען, האָבען זיינע טיפע אויגען געפלאַקערט ווי ביי אַ האַלב־משוגענעם, די מוסקולען פון פּנים האָבען געשפּילט, געציטערט און געצוקט און דער גאַנצער גוף פון דעם נידעריגען, אויסגעדאַרטען מענשען איז אויף איין מינוט ניט רואיג געווען. געהערט האָט ער גיך, געשלונגען די ווערטער. אַ דורך־און־דורך אַסימילירטער אַמעריקאַניש־אונגאַרישער איד, האָט ער גאָר איגנאָרירט אַפגעלייקענט, אַז עס איז דאָ אַ אידיש פאָלק, אַ אידישע נאַציע, אַ אידישע שפּראַך.

— וואָס גיכער די אידען מיט אַלע זייערע מיאוסע זשאַרגאָנען וועלען

פארשוואונדען ווערען פון דער וועלט — פלעגט ער אויפגערייצטערהייט שרייען — אלץ בעסער וועט זיין פאר אלע נאציאנען און פאר זיי אליין אויך.

חברה האט ניט תמיד אויסגעהאלטען צו פארשווייגען אים און לעאן. וועלכער האט געהאלטען, אז ווען עס וואלט ניט געווען א אידיש פאלק, וואלט מען עס געמעגט באשאפען, און ווען עס וואלט ניט געווען קיין אידישע שפראך, וואלט מען זי באדארפט באשאפען; לעאן, וועלכער האט געהאלטען, אז ריידען און שרייבען און דיכטען דארפען אידען אויף אידיש, פונקט ווי די דייטשען אויף דייטש און די ענגלענדער אויף ענגליש, ווייל פעלקער און שפראכען ווערען באשאפען אויף דער וועלט פון דאס לעבען אליין — אן דעם „הער דאקטאר'ס" ווילען — לעאן פלעגט זיך פשוט אויסלאכען פון אים. אבער אריינגיין מיט'ן דאקטאר אין א ויכוח איז געווען אן אמת'ע סכנה. דיסקוטירען מיט אים האט געהייסען צעקריגען זיך מיט אים און אריינברייגגען אים אין דער העכסטער מדרגה פון כעס — און אמאל טאקע האט עס געקענט פירען צו א סקאנדאל. און אלע פון דער חברה ביי די גוטסקאווס פלעגען עס אויסמיידען. דאך פלעגט לעאן ניט תמיד אויסהאלטען. אמאל פלעגט זיך אים פארגלוסטען א רייץ טאן זיך מיט'ן דאקטאר. פאמעלאך, געלאסען זיך רייצען מיט אים...

— הער דאקטאר, היינט מעאנסירען מיר. — האט ער שפאטיש געזאגט — מיר רופען ארויס די גייסטער; מיר פאראייניגען דאס מאטעריעלע — דעם וועלט-שטאף מיט דאס גייסטיגע — דער וועלט-זעלע...

דער דאקטאר האט אויף אים א בייזען קוק געטאן. ליליע איז געווען שטארק אומצופרידען. זי האט קאפריזנע א טופע געטאן מיט'ן פוס און האט אויסגעשריען:

— סטאפט *), לעאן!

לעאן האט איבערגעביטען זיין איראנישען טאן.

— א, איר זייט אויך ערנסט — ער איז אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צו איר, האט זי ארומגענומען ארום דעם האלז-און-נאקען און האט צוגעדריקט איר קאפ צו זיין שטארקער ברוסט. א סעקונדע האט ער זיך מיט איר געוויגט און האט ווייך און זיס דעקלאמירט:

ליליע, ווייסע ליליע, שטארק ווי צויבער איז דיין דופט,
שמעקט ווי בשמים און רייצט מיך —
ליבען הארציג, קושען דיך...

*) סטאפ — אויפהערען.

* * *

אויף דעם ים, דאָרט, שלאָגט די כוואַליע
דעם ווייסען שוים מיט ווילדער מאַכט;
און מיין נשמה רעגט דער ווילען,
דיך באַזיצען אין דיין פּראַכט.

* * *

דיינע בלעטלאַך ווייסע ווינקען
מיר מיט ליבע לוסטיג צו.
אַך, מיין נשמה וויל איך טונקען
אין דיין בשמים'דיגער רו!...

ליליע האָט זיך געריסען פון אים. איר קינדעריש פּנים איז שעמעדיג רויט געוואָרען. זיינע אויגען האָבען געפלאַמט און שמייכלענדיג געקוקט אויף איר... און האָבען זי פּאַרצערט. חברה האָט לוסטיג און פריילאַך געלאַכט. דער דאָקטאָר האָט אויך געקוקט אויף לעאָנ'ען און האָט, דאַכט זיך, באַוואונדערט די פריייע, לעבעדיגע באַוועגונגען פון דעם קרעפטיגען יונגען מאַן.

מאַדאַם גוטסקאָוו האָט אריינגעבראַכט טיי.

— מאַמע, — האָט זיך ליליע, ווי אַ געבאַלעוועט קינד, געקלאָגט — ער לעאָן „בעהייווט" זיך ניט גוט...

מאַדאַם גוטסקאָוו האָט זיך איינגעבויגען אוועקצושטעלען די טיי אויפ'ן טיש. זי האָט זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעגלייכט. אין דער פּאַזע האָט זי אַ דריי געטאָן איר שיינעם קאָפּ און האָט אויף לעאָנ'ען ליבלאַך געקוקט. לעאָן איז צו איר צוגעלאָפען. ער האָט זי מיט די הענט אָנגענומען פון הינטען ביי די אַקסלען און האָט איר שמייכלענדיג געקוקט אין די אויגען.

— און איר גלויבט דאָס, מאַדאַם גוטסקאָוו? — האָט ער זי זיס אַזוי ווייך געפרעגט. זי האָט געשמייכעלט און אים אָנגעקוקט אָן ווערטער.

זי איז געווען אַ ליבלאַכע, אינטעליגענטע, מיטעליאָריגע פרוי. אין דער יוגענט איז זי געווען זייער אַ שיינע. פון אַ רייכער אידישער פאַמיליע אין רוסלאַנד, האָט זי זיך דערצויגען אויף דער ליטעראַטור און אויפ'ן לעבען פון די אַכציגער יאָרען. איצט האָט זי שוין אַ צייט געלעבט אין אַמעריקע און די פריינדלאַכע באַזוכען פון דער אינטעליגענטער יוגענט אין איר הויז זיינען איר זייער טייער געווען. עפּעס פלעגען זיי איר דערמאָנען אין יענעם חלום'דיגען לעבען פון אַמאָל.. און אפשר האָט זי נאָך דערביי אַן אַנדער מיין געהאַט. זי האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע כלה־מיידלאַך. און ליליע, איר טייערע ליליע, ווער ווייסט צו וועמען אין די הענט זי

װעט אַרײַנפֿאַלן?... װי אַלע פֿון איר דור, עמיגראַנטען, האָט מאַדאַם גוטסקאָװ װײניג געהאַלטען פֿון דעם יונגען, אידיש־אַמעריקאַניזירטען דור. אַט, לעאָן... דאָס װאָלט געװען גאָר אַן אַנדער זאַך!...

צוזאַמען מיט דער מאַדאַם גוטסקאָװ איז אױף דער װעראַנדע אױך געקומען מאַריע, ברײנגענדיג „װאַרעניע“, ביסקװיטען און אַנגעשניטענע שטיקלאַך לימענע.

קײנער האָט ניט געװאוסט װער מאַריע איז געװען. עפּעס האָט זיך אַרומגעטראָגען אַ פּזמון, אַז אין אַנהױב זומער האָט זי אַ מוהמע איהרע, אַ נאָרװעגישע פֿרױ, געבראַכט אַהער און האָט זי פֿאַרדונגען אין דעם בשכנות׳דיגען האָטעל צוצודינען די געסט בײם טיש, װאַשען געפֿעס און טאָן אַנדערע קלענערע דינסט־אַרבײט. אָבער באַלד האָבען אַלע באַמערקט אַז ניט איר אױסזען, ניט איר באַנעמען זיך, ניט מאַריע׳ס גאַנץ װעזען איז געװען װי פֿון אַ דינסט־מײדעל. דאָס האָבען אױך באַמערקט די גוטסקאָװס קינדער און האָבען זיך מיט איהר באַפֿרײנדעט. פֿון דעמאָלט אָן האָט מאַריע פֿאַרבראַכט איר פֿרײע צײט — עטלאַכע אָװענטען אין װאָך און די האַלבע זונטאָגען צװײ מאָל אין חודש — בײ אירע פֿרײנד.

זי פֿלעגט העלפֿען דער מאַדאַם גוטסקאָװ, העלפֿען די קינדער, דער־לאַנגען טײ די געסט, שטיפֿען מיט זײ און שפּאַסען מיט זײ װי אַ קינד. און זי איז ביסלעכװײס געװאָרען באַפֿרײנדעט מיט אַלע. יאָ, זי איז געװאָרען דאָס ליבלינג פֿון דער חברה. און עס איז קײן חדוש ניט. אַ חברה יונגע לײט װאָס פֿאָרט אַרױס זומער, אין די הײסע טעג, צום ברעג ים, איז געװײנטלאַך אין אַ דערװאַרימטער שטימונג, לײכט און הײמיש. עס װילט זיך מיט דער פֿולער ברוסט אָטעמען די שטאַרקע ים לופֿט; עס װילט זיך פֿרײ װערען פֿון אַלע צװאַנגען פֿון שטאָטיגען, ציװיליזירטען לעבען: עס װילט זיך באָדען זיך, פּליעסקען זיך אין װאַסער, שטיפֿען מיט די װעלען פֿון ים און שטיפֿען מיט די כװאַליעס פֿון לעבען. און מאַריע איז געװען זײער אַ שײן מײדעל, אַ יונג, אומשולדיג קינד. איהר שפּראַך האָבען אפֿילו די יונגע לײט ניט פֿאַרשטאַנען. זי האָט קױם קױם ענגליש גערעדט און נאָר עטלאַ־כע װערטער דײטש. פֿונדעסטװעגען האָט מען זיך מיט איר תמיד אײנ־פֿאַרשטאַנען. דאָס װאָס מען האָט איהר ניט געקענט געבען צו פֿאַרשטײען מיט װערטער, האָט דערקלערט די װאַרימקײט פֿון זײער באַציאונג.

פֿון דער הײם איז מאַריע זיכער ניט געװען קײן דינסט. גיכער האָט זי געמאַכט דעם אײנדרוק, אַז זי איז ערגעץ געצױגען געװאָרען אין אַ מײ־דעלשען פּאַנסיאָן. זי האָט פּאַרטעפּיאַנאָ געשפּילט, גאַנצע שטיקער נאָר־װעגישע פּאָעזיע אױסװײניג געקענט און האָט אױסגעצײכענט שײן געזונ־גען. איר קול׳כעל איז געװען אַ קלײנס, אָבער אַ זיס און געזונגען האָט זי

מיט אַזוי פיל האַרץ, מיט אַזוי פיל נשמה„ אַז—מען דאַרף זיך גאָר ניט נאַרען—זי האָט די חברה בחורים אָפּטמאָל פאַר׳כשופ׳ט. איר קלאָר־ווייס, איידעל־קינדעריש פנים׳ל מיט די רויטע בעקעלאַך, וועלכע זי האָט נאָך אין אַמעריקאַ ניט פאַרלאָרען, האָט תמיד געלעבט, געשטראַלט. אירע טיפע, בלויע אויגען האָבען עפּעס תמיד גערעדט—אַט דאָס, וואָס זי האָט מיט דעם לשון ניט געקענט דעררעדען. און דאָס איז תמיד געווען עפּעס לעבעדיגס, סודות׳דיגס, זיס... גלייך זי וואָלט זיך געבעטען, „נעם מיך, פלי מיט מיר... איך וויל אַזוי לעבען...“

אַמאָל פלעגט זיך אויך זען אַן ערנסטע, טרויעריגע שיין אין דעם הינ־טערגרונט פון אירע אויגען. און ווען זי פלעגט זיך צוזינגען, איז מ׳טען פון איר שטורמיש נאַרוועגיש ליד, פלעגט זיך הערען אַ ציטער אין איר קול, אַזוי ווי ערגעץ טיף אין דער נשמה וואָלט זיך אַ קרעכץ, אַ דערשטיקטער קרעכץ אַרומגעטראָגען און וואָלט זיך צעברעקעלט אין די טענער פון איר געזאַנג. דעמאָלט האָבען אַלע געפילט אַ טיפען מענשלאַכען מיטלייד מיט דאָס אָרימע קינד.

ביי די גוטסקאָווס זיינען אַלע געווען מאַריע׳ס פריינד. אָבער ניט אַלע האָבען זיך גלייך פאַרהאַלטען צו איר. מאַדאַם גוטסקאָוו האָט זי ליב געהאַט ווי אַן אייגען קינד און פלעגט אויף איר מוטערלאַך אַכטונג געבען. הער גוטסקאָוו האָט געקוקט אויף מאַריען גלאַט אַזוי... אַזוי ווי אויף אַ שיין מיידעל. די קינדער האָבען זי אמת ליב געהאַט. פון די יונגע לייט, האָט זיך לעאָן פאַרהאַלטען צו איר ווי צו אַלעמען — לעבעדיג, פריי, אומגע־שטערט.

— אַ שיין מיידעל — פלעגט ער זאָגען — גאָט׳ס ברכה, אָבער קינ־דעריש, נאַאיוו...

מאָמענטען־ווייז פלעגט זי אים, מיט איר זינגען אָדער מיט איר קינדער־שער שטיפעריי, באַגייסטערען, און עס פלעגט זיך אים דעמאָלט אויסווייזען, אַז ער וואָלט זי געקענט מיט זיינע שטאַרקע הענט אויפהויבען, אַ וואַרף טאָן אין־דער־הויך, אַזוי, דאָס זי וואָלט געפלויגען אין־דער־לופט ווי אַ ווייסער, אומשולדיגער מלאך און זיין גייסט וואָלט געפלויגען מיט איר און געטרוימט און געזונגען פון איר... — אַך, — פלעגט ער אויסשרייען, — ווי שיין עס וואָלט געווען !...

פאַרשטאַנען און געשעצט אָבער האָט זי נאָר דער שוועד — דער זינ־גער, אַרטיסט און מוזיקער. דאָס איז געווען אַ מאָדנער מין מענש, אַ דאַרער, מיט אַ לאַנג פאַרמעט פנים, איינגעפאַלענע אויגען און בלאָנדע, לענגלאַכע האָר, פאַר וועלכע ער פלעגט אַזוי פיל אויסשטיין פון די ניו יאָרקער גאַסען־יונגען. ער איז געווען זייער אַ געבילדעטער, טאַלאַנטפולער אַרטיסט און

מוזיקער. תמיד פלעגט ער זיך גריבלען אין די סודות פון זאכען. אין דער מוזיק ווי אין דער קונסט בכלל; אין לעבען, ווי אין דעם מענשלאכען דענקען, האט ער אלץ געוואלט געפינען דעם גרונט, דעם תוך... אמאל פלעגט ער ווי א ים־חיה'לע ארײנציען זיך אין זיין אייגענער שאלאכץ, אין זיין איי־גענעם איך. דעמאלט פלעגט ער ארומגיין שטום, כמורנע, גרוי, אזוי ווי א לאנגער אויסגעצויגענער שאטען פון א מענשען. אנאנדערסמאל פלעגט זיין נשמה זיך צעגיסען, ברייט ווערען, ארומנעמען די גאנצע וועלט און דעמאלט פלעגט ער ארומגיין ווי א שכור, כאטש ער האט קיינמאל קיין טראפען צו די ליפען ניט גענומען. אויך ער האט זיך ניט געקענט צוזאמענלעבען מיט זיינע אמעריקאנישע שכנים, ניט האט ער זיך א פאסענדע סביבה געפונען צווישען די אידישע עמיגראנטען. ביי די גוטסקאוו'ס האט נאר ער איינער געקענט מאריע'ס לשון און פארשטאנען איר נשמה.

— א גאלדענע נשמה — פלעגט ער אפט אויסשרייען — א גאלדענע. א ריינע.

אבער ערנסטער און מיט א שטילער, טיפער ליבע האט זיך פארהאל־טען צו איר „צדק" בראפמאן. ער האט געוואוינט אין דעם האטעל וואו זי האט געדינט און האט געזען וויפיל זי האט געליטען און איז אויסגעשטא־נען פון די געסט. די געסט האבען זי פיינט געהאט. די אויפגעקומענע גביר'־טעס, וואס וואוינען געווײנטלאד אין אזעלכע האטעלען, פלעגען פשוט מורא האבען פאר איר — טאמער וועלען זיך חלילה זייערע מענער פארקוקען אויף איר ווען זיי וועלען קומען אויף זונטאג צו זיי צו גאסט. און זיי פלעגען זיך נוקם זיין אין איר, און שילטען די פאמיליע גוטסקאוו דערפאר וואס זיי האבען זיך באפריינדעט מיט איר — מיט'ן דינסט־מיידעל.

און זיי פלעגען אויסגיסען זייער כעס אויף דער ארימער מאריע. ניט איין מאל פלעגט זי אראפשלינגען א שטילע טרער. „צדק" פלעגט עס זען. זיין הארץ פלעגט צעגיין פון ווייטאג און רחמנות... און ער האט מאריע'ן ליב געהאט. ער איז אבער געווען א רואיגער, שטילער איינגעהאלטענער מענש. א סך יארען אין אמעריקא, ניט קיין יונגער מאן שוין, האט דאס לע־בען אויסגעארבייט ביי אים א געלאסענעם כאראקטער און אן אמת אלט־בחור'שען קוק. יעדע זאך האט ער לאנגזאם, פאמעלאך באטראכט, איבער־געלייגט, געוואויגען. אין קיין זאך האט ער זיך ניט געאיילט, ניט געהיצט זיך. אפט טאקע, זייער אפט פלעגט ער זיין רואיג און געלאסען ווענען זאכען, ווייל ער האט זיך ניט באשלאסען צו מען דארף זיי טאן. חברה פלעגט זיך דערפאר איבער אים לוסטיג מאכען. זיי פלעגען זאגען, אז ער האט ביז איצט ניט חתונה געהאט, טאקע נאר דערפאר, ווייל ער האט ביי זיך נאך אלץ ניט באשלאסען צו דארף מען חתונה האבען... אבער צו מאַ־

ריע׳ן, האבען אלע געוואוסט, איז ער ניט גלייכגילטיג. מען פלעגט אים אפט זען זיצען מיט מאריע׳ן שפעט ביינאכט אויף די טרעפ פון האטעל. אין זיין האנט פלעגט ער האלטען איר שיינע, ווייסע האנט, און מיט דער אנדערער האנט האט ער זי צארט און פאמעלאך געגלעט און זיין רואיגע, געלאסענע נשמה האט זיך געפרייט און געקוואלען שטילערהייט. מער האט ער זיך ניט דערלויבט... זי איז פאר אים צו הייליג געווען, ער — צו אנשטענדיג. און ער פלעגט ריידען מיט איר, פרואווען איר געבען צו פארשטיין וואס פאר א סכנה עס איז צו לעבען דא, אין דעם זומער פלאץ, אליין... ווי גוט עס איז וואס זי האט זיך באפריינדעט מיט די גוטסקאווס. דארט זיינען אלע די אנ־שטאנדיגסטע מענשען, אבער דא, אין האטעל!... ער פלעגט פרואווען דער־ציילען איר ווי גליקלאך ער איז וואס ער וואוינט דא אין האטעל. ער פלעגט איר ממש זאגען, אז... אבער זי פלעגט אים ניט פארשטיין.

* * *

ווען מאריע איז אריינגעקומען מיט מאדאם גוטסקאוו, איז ליליע׳ן איינ־געפאלען א נייער געדאנק — און זי האט א ביסעל איבערגעאנדערשט איר פלאן.

— פריער וועט מען עסען. יא, — האט ליליע אויף דאס ניי געפלא־נעוועט — נאכדעם וועט מאריע זינגען. אפשר וועט איר איר העלפען — האט זי זיך פלוצלונג א דריי געטאן צום שוועד, וואס האט פאראינטערע־כירט גערעדט מיט דעם דאקטאר וועגען גייסטער.

— געוויס — האט דער שוועד געענטפערט צעטראגען, ניט וויסענדיג וואס און ווען.

— אך, וועט זיין גוט — האט זי זיך געפרייט — דערנאך ערשט ווע־לען מיר מאכען דעם סעאנס. — פראכטפול!... האט זי ענטוזיאסטיש צו־געפאטשט מיט די הענט. — הער לעאן, איר וועט זיך ניט אויסדרייען. אייך אויף צו להכעיס וועט איר מיט אונז „סעאנסירען" — האט זי זיך מיט לעאנ׳ען גערייצט.

— נו, מאלט אייך, דאס ניט... — האט לעאן גוטמוטיג געלאכט.

— איר וועט, אויף צו להכעיס... איר וועט... — האט זי זיך גערייצט מיט אים און איז אנטלאפען. לעאן האט זיך א לאז געטאן כאפען זי. מאדאם גוטסקאוו האט מסכים געווען צום פראגראם און „צדק" האט געהאלטען מאריע׳סביידע הענט און האט איר שטיל דערקלערט וועגען וואס עס האנ־דעלט זיך.

* * *

מאריע האט שוין אפגעזונגען. איר שיין, לויטער פנים האט געפלאמט, איער אויגען האבען געלויכטען ווי די פאספאר פונקען פון דעם שוים אויפ׳ן

ים. די געסט זענען געווען אנטציקט פון איר זינגען און האבען איר הילכיג אפלאדירט. „צדק" איז געזעסען שטיל, מיט א געמאכטער רואיקייט און האט פארדרייט און אפגעדרייט דאס קיטעלע פון זיין זייגער ארום זיין פינ־גער. אבער אין זיין נשמה איז גאר ניט רואיג געווען. פון צייט צו צייט האט ער זיך נערוועז א הויב געטאן; שטיל, גנב'יש אויפגעהויבען די אוי־גען און א קוק געטאן אויף מאריע'ן. א מאדנער קוק איז דאס געווען. זיינע אויגען — תמיד קלארע, געלאסענע, אין וועלכע עס האט זיך אפגעשפיגעלט דער רואיגער שכל פון א קאלטען מענשען — האבען איצט געקוקט אויף מאריע'ן מיט א שטיל פייערל.

— מאריע, זע... — האבען זיי דאכט זיך געזאגט — אבער זיי האבען ניט דערערדט...

אויך לעאן איז געווען אין א דערהויבענער שטימונג. זיינע פרייע אומגעצוימטע באוועגונגען, זענען דאכט זיך נאך פרייער געווארען. ער איז צוגעגאנגען צו מאריע'ן, האט זי פעסט אנגענומען ביי די הענט און האט זיי געדריקט.

— גוט, גוט... — האט ער זיך געקוויקט ניט אנטציקונג. און, מיט זיין געוויינטלאכער גרינגקייט, האט ער זיך איינגעבויגען, גלייך ווי ער וואלט מיט זיין רעכטער באפרייטער האנט זי געוואלט ארומנעמען ארום דער טאַ־ליע. ניט אנרירענדיג זי האט ער איבערגעבויגען זיין גרויסען שטארקען גוף איבער איר קליינער פיגור, האט ליבלאך געקוקט איר אין די אויגען און האט דעקלאמירט „די ליליע". אבער שוין ניט יענעם טעקסט וואס ער האט פריער דעקלאמירט. יענע פערזען האט ער שוין פארגעסען.

— ליליע, ווייסע ליליע מיינע — קום צו מיר, נו קום... — האט ער דעקלאמירט.

איך וועל דיך האלזען, קושען וועל איך, שמעקען דיין פארפיום...
דו — די בלום ביסט, איך — די ביז, קום זשע, ליליע, קום,
ליבען וועל איך, שעצען וועל איך, דיך — מיין היילינטום!...

מאריע האט ניט פארשטאנען די ווערטער. נאר עפעס האט זי דער־פילט א מאכטיגע קראפט איבער זיך — א ברענענדיגען אטעם. איר האט זיך געדאכט, אז זי פילט די בארירונג פון א גרויסען שטארקען מענשען פול מיט לעבען, און זיין קראפט האט זי פאר'שכור'ט... זי האט זיך איינגעבוי־גען, צונויפגעקארטשעט און האט געפילט, אז עפעס האט זי געצויגען צו אים. „צדק" האט פון זיי קיין אויג ניט אראפגעלאזט. דאכט זיך, יעדעס ווארט האט אים ווי א גליהענדיגע קויל געבריט און ער האט נערוועז גע־דרייט און אפגעדרייט דאס קיטעל פון זייגער אויף זיין פינגער. קיינער האט דאס ניט באמערקט. אלע זענען געווען פארטאן אין דאס צוגרייטען זיך צום סעאנס.

ליליע האָט ווייטער געפּלאַנעוועט. אַלע האָבען געפּאָלגט און געטאָן. זיי האָבען צוגערוקט די טישען. צעשטעלט די בענקלאַך.

— לעאָן, נו? מאַריע — דעם לאָמפּ — אַזוי, העכער... גוט. — האָט זי גע'בעל־הבית'טעוועט. — מאַמאַ, קומט שוין אַריין — האָט זי געשריגען — דאָקטאָר, נו, וואָס הערט זיך?

— ווערט פּאַרטיג — האָט ער טרוקען געענטפערט. ער האָט זיך גראָד דעמאָלט שטאַרק געווערטעלט מיט דעם אַלטען אברהם'ען. דער ערנסטער, ערלאַכער אַלטער איז שרעקלאַך בייז געווען, און עס איז צווישען זיי ביידע באַלד צו אַ קריג געקומען. לעאָן האָט זיך אַריינגעמישט.

— לאָזט אים צורו — האָט ער צום אַלטען גע'טענה'עט... — איך האַלט מיט אייך, אָבער יעדער האָט אַ רעכט צו זיין משוגע אויף זיין שטייגער. ווער רעדט נאָך אין דער פרייער אַמעריקע!

— אָבער, הער לעאָן, די ווירקונג — די ווירקונג אויף יונגע קינדער, אויף דעם יונגען פאַרשטאַנד, מיט דעם שפּילט מען זיך ניט. — האָט זיך דער אַלטער ניט בארויגט.

— פאַרשטאַנד, פאַרשטאַנד... פּלאַפּעלט ער — וואָס ווייסט איר פון פאַרשטאַנד? — האָט דער דאָקטאָר בייז, אויפגערייצט גערעדט.

— מילא, ער ווי ער — האָט זיך דער אַלטער געפּרואווט טרייסטען — וואָלט מען באַטש איר, דער מוטער געקענט דערקלערען. אָבער, גיה רייד מיט איר, אַז זי אַליין, דאַכט זיך, האָפט צו זען איר מאַמען פון קבר...

— הערט איר, אָט דאָ טאַקע ליגט דאָך דער הונט באַגראָבען — האָט לעאָן געלאַכט — טאָ לאָזט זיי — און ער האָט מיט אַן אייגענעם נגון צוגע־זונגען — „דוראַקאָוו ניע אָובאָוויש וו'ראָסיאי, אַ נאַ אומניך טאַסקו נאַ־ווערדיאָש!...“

אָבער דעם אַלטען האָט דאָס ניט בארויגט.

אין צימער איז כמעט אַלץ גרייט געווען צום סעאַנס. דער אַלטער אברהם האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרבלייבען און איז בייז אַוועקגעגאַנגען. אין דרויסען איז די לופט געווען קיל און שטאַרק. עס האָט געוועיט מיט דער פרישקייט פון גרינגס פון דעם ים. אַ פּאָר מינוט איז ער געבליבען שטיין און האָט מיט פאַרגעניגען איינגעאָטעמט די לופט.

פון ווייטען ביים ברעג איז געזעסען אַ שניי־ווייסע פיגור אויף אַן איבערגעקערט שיפעל. ער האָט די פיגור דערקענט. דאָס איז געווען דער אַלמער גרייז, אַ זקן פון אַ יאָר אַכציג, אַ געוועזענער שיף־קאַפּיטאַן, וואָס האָט דאָ אין זיין אייגען הייזעל דערלעבט זיינע יאָרען אין רו און פרידען. אַלע האָבען דעם אַלטען קאַפּיטאַן געקענט און אַלע האָבען אים ליב געהאַט. דאָס איז געווען אַ טיפּישער אַמעריקאַנער אַלטעטשקער מיט אַ ברייט, גוט האַרץ

און קלוגע קליינינקע אויגעלאך אונטער גרויסע ווייסע ברעמען. א וויצלינג פון דער נאטור, תמיד האבענדיג גרייט א מעשה'לע פאר קינדער און דער־וואקסענע פון זיין גרויסער ערפארונג אין לעבען, איז ער נאך געווען גאנץ רירעוודיג און לעבעדיג וועדליג זיינע יארען. ביים ברעג האבען אים אלע גערופען „זיידע“. צו אלעמען איז ער פריינדלאך געווען. מיט די קינדער פלעגט ער זיך שפילען ווי א קינד, צו די דאמען איז ער געווען אן איידעלער קאוואליער און מיט די מענער פלעגט ער זיך וויצלען, פילאזאפירען אדער דערציילען זיי א מעשה. דער אלטער אברהם האט זיך געלאזט גיין צו אים. ער האט געטראכט: ער וועט אביסעל פארברייגגען מיט'ן אלטען קאפיטאן.

* * *

אין צימער איז געווען פינסטער. לעאן איז געשטאנען פון דערווייטענס אנגעשפארט אן דער טיר וואס איז ארויסגעגאנגען אויף דער וועראנדע. אלע זענען געזעסען ארום טיש און האבען געהאלטען די הענט אויף אים. איז דער פינסטערניש האט מען קיין איינציגען מענשען ניט געזען; נאר אזוי ווי א קיילאכדיגע צונויפגעגאסענע מאסע פון א געדיכטערען פינסטערען פלעק האט זיך געפילט אין מיטען צימער. ביי לעאנ'ען אין דער פארשטעלונג האבען זיך אויסגעמאלט די באזונדערע סילועטען פון יעדען פערזאן ארום טיש. אים האט זיך אויסגעוויזען, אז ער זעט זיי — איינגעהויקערטע, אנגע־שטריינגטע. דאס גאנצע צימער איז געווען אנגעפילט מיט א שווארצער מורא, וואס האט יעדען דורכגענומען. בלויז איין־איינציגער בלייכער שטראל ליכט האט זיך דורכגע'גנב'עט דורך דער אויבערשטער שפארינע פון דער קיך־טיר, הינטער וועלכער עס איז ליכטיג געווען.

דער דאקטאר האט פארזאגט, אז יעדער ביים טיש זאל טראכטען נאר פון דעם וואס מען האט געפרעגט ביי דעם גייסט. אלע האבען צוגעזאגט צו פאלגען. אבער שוין אין א פאר סעקונדען ארום האט שוין יעדערער דערפילט ווי שווער עס איז — יעדערער האט דערפילט די פינסטערניש און עס איז כמעט אומעגלאך געווען צו טראכטען פון עפעס אנדערס. ליליען האט זיך פארגלוסט צו וויסען: „ווי אזוי זעט אויס די מאמע אין דער פינסטער?“ „וואו שטייט לעאן?“, און ווי א פארשייט קינד האט זי זיך אליין אויסגע־שטראפט. „מען טאר ניט“ — האט זי אין די געדאנקען געטראכט. — „מען דארף טראכטען פון דעם גייסט“. און זי האט אויף א ווײלע זיך געצוואונגען צו טראכטען פון דער בקשה וואס דער דאקטאר האט מיט א גראב, געמאכט קול געבעטען ביים גייסט. אבער דאס טאקע האט איר דערמאנט די דיקע, געקינצעלטע שטימע פון דעם דאקטאר, וואס האט איצט משונה'דיג אפגע־קלונגען אין אירע אויערען. און זי האט זיך קוים איינגעהאלטען פון צעלאכען זיך אויף א קול.

מאַדאַם גוטסקאָוו האָט געפּרוּאווט צו טראַכטען ווי מען האָט געהייסען. זי האָט זיך אָבער בשום אופן ניט געקענט אָפּטשעפּען פון דעם געדאַנק, אַז „עפּעס איז די גאַנצע מעשה צו קינדעריש".

„צדק" האָט מיט אַן ערנסטער כונה געטראַכט וועגען דער פראַגע וואָס מען האָט געשטעלט דעם גייסט. ביי אים איז עס געווען אַן עקספּערימענט און ער האָט איצט געוואָלט זיין אַזוי געטריי די באַדינגונגען פון דעם עקס־פּערימענט ווי נאָר מעגלאַך. אים איז נאָר אויסגעקומען קאָמיש און נאַרע־שעוואַטע צו זיצען און איבער'חזר'ען: „זאָג מיר גייסט", „זאָג מיר גייסט", „זאָג מיר גייסט" — הונדערט, טויזענט מאָל, אָבער ער האָט עס געוויסענ־האַפט געטאָן. — לאָז ניט זיין זיין שולד אויב די פראַגע וועט זיך ניט איינגעבען — האָט ער געטראַכט.

דער שוועד — דער אַרטיסט, זינגער און מוזיקער — דער נערוועזער מענש מיט דער מאָדנער נשמה, איז געזעסען איינגעבויגען און האָט מיט די הענט שטאַרק געדריקט דעם טיש. מיט די גרויסע אָפענע אויגען האָט ער געקוקט אין דער ווערלט אריין, פּונקט ווי ער וואָלט די גייסטער אין דער פינ־סטעניש געזען. ער האָט געגלויבט אין גייסטער. — די גאַנצע וועלט איז נאָר גייסט — פלעגט ער פילאָזאָפיש דערקלערען. — און מען קען זיי ארויס־רופען — ווען מען ווייסט נאָר ווי אַזוי... ער האָט געגלויבט, אַז דער דאָקטאָר ווייסט ווי אַזוי זיי ארויסצורופען — און היינט אויף דער נאַכט וועלען זיי קומען. און ער וועט זיי — אויב ניט זען — איז לכל הפּחות געוויס פילען. און די נערוועז פון זיין פּנים האָבען געצוקט אין דער ערוואַרטונג. די מוס־קולען האָבען געטאַנצט דעם נערוועזען טאַנץ פון דעם הייליגען וויטוס. זיינע געדאַנקען האָבען זיך בליץ־שנעל געטראָגען אין מאָדנע פאַנטאַסטישע ביל־דער. העלע שטראַלען ליכט האָבען זיך געקאַטשעט פאַר זיינע אויגען אויף עטער וועלען און פון זיי אַזוי ווי זיילען ווייסע רויך, זיינען גייסטער אויפ־געשטאַנען. לאַנגע, אויסגעצויגענע האָבען זיי זיך געדרייט און געטראָגען ארויף צום הימעל, מיט שטראַלענדע פּנים'ער און צוגעמאַכטע אויגען, און זייערע ליפען האָבען עפּעס געמורמעלט...

— איינס—צוויי—דריי... איינס—צוויי—דריי—פיר—פינף... — האָט זיך קלאָר געהערט אַ קלאַפּען אין צימער. דער שוועד האָט זיך נאָך מער אָנגע־שטריינגט, שטאַרקער האָט ער געדריקט דעם טיש. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס האָבען די גייסטער געענטפערט. דער טיש האָט זיך פאַר זיינע אויגען באַוואויגען, געוויגט. ער האָט געפילט ווי דער טיש האָט זיך אויפגעהויבען, געשאָקעלט זיך... אין רוים האָבען גייסטער געוועלטיגט...

לעאָ איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט זיך צוגעקוקט. זיין אויג איז ביסלאַכווייז צוגעוואוינט געוואָרען צו דער פינסטערניש און אים האָט זיך

אויסגעדראכט. אז ער האט געזען וועד ס'האט געקלאפט. ער האט באשלאסען אכטונג צו געבען אויף הער גוטסקאוו אליין. אבער מאריע האט אים איבער־געשלאגען.

זי איז געזעסען צווישען צדק'ן און דעם שוועד און האט די גאנצע צייט געציטערט. זי האט נאר האלב פארשטאנען וואס דא קומט פאר. און ווי נאר עס איז פינסטער געווארען אין צימער איז געפאלען אויף איר א שרעקלאכע מורא. א טיפער אבערגלויבען האט זיך געוועקט אין איר נשמה. איר האבען זיך אין דער פינסטער פארגעשטעלט הויכע שנייענע בערג און אזוי ווי פון א בית־עולם מיט קברים און קברים־שטיינער זענען פון די הויכע בערג, איבער דעם שניי, ארונטערגעקומען לאנגע, דארע מתים אין ווייסען אנגעטאן. זיי האבען דאס צימער אנגעפילט און ווען זי האט דערהערט דאס קלאפען און דערפילט דאס שאקלען זיך פון טיש, איז זי א פארציטערטע געווארען און האט פון טויט־שרעק אטעמען ניט געקענט. זי האט צוגעמאכט די אויגען אויף א סעקונדע און האט צוגענומען די הענט פון טיש. ציטערענדיג איז זי שטיל אויפגעשטאנען און איז אומבאמערקט אוועקגעגאנגען און אפגעשטעלט זיך אין ווינקעל, אנטקעגען דער קיך־טיר. זי האט זיך ניט דערוואגט זי צו עפענען. זי האט איבערגעקרייצט אירע הענט אויף דער ברוסט און האט אין שרעק און פחד געבעטען — צו גאט געבעטען!... דער דינער שטראל וואס האט זיך דורכגע'גנב'עט דורך דער קיך־טיר האט זי באלויכטען. איר פנים איז געווען טויט־בלייך, אירע אויגען פארמאכט, דער גאנצער שיינער קאפ האט זיך ארויף צום הימעל געצויגען אין דעם הייליגען עקסטאז פון איר נשמה...

לעאן האט זי געזען. שטיל איז ער צוגעגאנגען. ער האט זי אנגענומען מיטביידע הענט און האט איר שטיל געזאגט.

— מאריע, קום אוועק פון דאנען.

זי האט געוואלט א געשריי טאן. האט זי איר קול ניט געפונען. זי האט געעפענט די אויגען און האט אים דערקענט. אין איין סעקונדע האט ער זי דורך דער טיר ארויסגעשטופט, און באלד זענען זיי שוין ביידע אויף דער וועראנדע געשטאנען.

די פרייע שארפע לופט האט זיי ביידען אויפגעמונטערט. לעאן איז גיך צו זיך געקומען. מאריע האט טיף און שווער איינגעאטעמט די לופט. לעאן האט זי ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיין ברוסט, ווי א גרויסער שטארקער מענש נעמט ארום א קינד — און זי — א צוגויפגעקארטשעטע פון שרעק — האט זיך אין זיינע שטארקע ארעמס זיכערער געפילט.

און ער האט איר שטיל און וויך געשעפצעט. כמעט אויף דעם אויער האט ער איר מעלאדיש דעקלאמירט: —

פריי איז די לופט היינט... אטעם זי קינד,
האב פאר די גייסטער קיין מורא.
זיי זענען נאר פוסטקייט, לופט נאר און ווינט
און טראגען נאר אן מרה־שחורה...

פריי איז די לופט היינט, ברויזענד דער ים:
זינגט דער וואל זיין אייביג ליד,
זינגט און זינגט און ווערט ניט מיד,
עס פינקלען די שטערען צום גראם.

מאריע האט זיך צו אים געטוליעט, גלייך ווי ער וואלט זי מיט זיינע שטארקע ארעמס באשיצט פון אל־דאס־בייז און שטיל זיינען זיי פון דער וועראנדע צום ים אוועק.

* * *

דער ים האט זיך אויסגעשפרייט ווי אן אומענדלאך גרויסע שווארצע מאסע. אין דער לייננ ברעג האבען די כוואליעס מיט ווייסע פינענדיגע רוד־קענס זיך געקאטשעט, לויפענדיג איינע פאר דער אנדערער און מיט א האלב קיילאכדיגען זוים פון פינענדיגען שוים האבען זיי מורמעלענדיג צעשלאגען זיך אן ברעג. ווייטער האט מען נאר געזען גרויסע שוימענדיגע קעפ, וואס האבען זיך ווי ריזען שלאנגען געוויגט אויף דער וואסערפלאך. נאך ווייטער, כמעט אויף דעם האריזאנט, וואו עס האט זיך אויסגעשפרייט די פארגלי־ווערטע פינסטערניש, האבען זיך אויפגעהויבען הויכע בערג וואס האבען פון דערווייטענס אויסגעזען ווי שטיקער געדיכטע וואלקענס. דארט האט זיך דאס וואסער צונויפגעגאסען מיט׳ן הימעל און פון דארט אן האט זיך צע־שפרייט א דיקער, שווארצער טוך, אין וועלכען עס זענען געוועזן איינגעפאסט מיליארדען פינקעלדיגע שטערען, צעשפרייט זיך ווייט ארום, איבער דעם ים, איבער דער ערד, איבער דער גאנצער וועלט. און די שטערען האבען גע־בלישצעט און די כוואליעס האבען צעשלאגענדיג זיך אן ברעג געזאטען, גע־פינעט און געמורמעלט זייער אייביגע ליד. — עפעס האבען זיי גערעדט.

אויף איין זייט ברעג, לינקס, האט זיך אויסגעשפרייט די פריילאכע זומער־שטאט. באגאסען מיט מיליאנען עלעקטרישע ליכט, פון וועלכע ס׳האט זיך צום הימעל געצויגען א העלער ליכטיגער נעבעל, ראשיג, הייס, פול מיט לוסט און לעבען, שכרות און ליבע. קאכענדיג און פארצערענדיג דאס לעבען מיט פיבערישער גיכקייט — איז געלעגען די זומער־שטאט אין ליכט איינגע־הילט. רעכטס, האט זיך דער ברעג געצויגען צו דעם „צויבער ווינקעל“. ער האט זיך אויפגעהויבען, בערגיג הויך איז ער געווארען, און ווידער נידעריג, אין ווידער בערגיג. און צווישען צוויי בערג, ווי א נאטירלאך וויגעלע ביי דעם

שטאַרקען פעלזען־ברעג, איז דאָס „צויבער ווינקעל" געלעגען. אונטען האָבען די כוואַליעס ווי אונטער אַ הייל זיך געקאַטשעט. שטורמיש, רוישענדיג און מיט כעס האָבען זיי זיך צעשלאָגען אָן דער שטיינערנער וואַנט, און זידענדיג און פינענדיג האָבען זיי מיט אַ מבול ווייסע טראָפּענס שוים באַשפּריצט און באַשפּיגען דעם ברעג.

ביי נאַכט איז דאָ וואונדער־שיין געווען. דער טונקעל בלוילאַכער געוועב פון די הימלען, געפּאַסט מיט שטערען ווי בריליאַנטען, די דיקע, שוואַרצע, וויגענדיגע מאַסע פון דעם ים, דער מורמעלדיגער רויש פון די כוואַליעס, די באַרג־הויכע פאַנטאַנען פון ווייסען שוים, און דער מאַנאָטאָנער קלאַנג פון גלאָק אונטער דער ווייסער שיין פון ליכט־טורעם, האָט באַצויבערט יעדע זעלע.

לעאָן מיט מאַריען האָבען געשפּאַצירט ביים ברעג. דאָס מורמלען און פּליעסקען פון די כוואַליעס האָט זיי מונטערער געמאַכט. לעאָן האָט געדריקט מאַריע'ן צו זיך. די גרויסע מאַכט פון דעם ים האָט אים גערייצט. ביי מאַריע'ן איז דער חלום פון די מתים ביסלאַכווייז צערונען. די ים לופט האָט זי לעבעדיגער געמאַכט. די פינקעלדיגע שטערען האָבען איר ווי היימישע פייערלאַך אויסגעוויזען און איר איז ליכטיגער אויף דער נשמה געוואָרען. אויך זי האָט די פּראַכטפולע און מעכטיגע נאַטור גערייצט, און זי האָט געפילט איבער זיך עפּעס אַן אומפאַרשטענדלאַכע קראַפט, וואָס האָט זי באַהערשט. ביידע זענען שטיל געגאַנגען איבער'ן ברעג און זענען געענטער געקומען צום רעדעל פון מענשען וואָס האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם אַלטען קאַפּיטאַן. דער אַלטער האָט אַ מעשה דערציילט.

ריידענדיג וועגען דער נאַטור, איר גרויסקייט, איר פּראַכט, איר סדר און דעם פּחד וואָס אירע מעכטיגע ערשיינונגען וואַרפען אַרויף אויף דעם מענשען — דאָס קליינע ווערימעל וואָס וויל זי באַהערשען — איז מען אַרויפגעקומען אויף די טיפסטע פּראָבלעמען פון דער וועלט און דער אַלטער אברהם, דער גריבלער, האָט ניט אָפּגעלאָזט דעם גלויביגען און אַבערגלויבישען אַלטען קאַפּיטאַן.

— אָבער וואָס איז די מאַכט? ווער איז זי, וואָס רעגירט די וועלט, וואָס פירט איר סדר? — האָט ער אַלץ געפרעגט און צוגעדריקט דעם אַלטען יענקי.

— איך ווייס ניט... — האָט דער אַלטער גוטמוטיג געלאַכט און געשאָקעלט זיין ווייסע קאָפּ — ווי קען איך וויסען?... — איך ווייס ניט... מיין מוח קען עס ניט אַרומכאַפּען... ער קען ניט... אָבער איך פיל די מאַכט... די גרויסע, אַי, קינדער, זי איז דאָ... — און ער האָט ווידער געלאַכט און קינדעריש געכיכיקעט.

פּלוצלונג איז ער ערנסט געוואָרען. דאָס רויטלאַכע פּנים איז געוואָרען

שטייף, די קליינע אויגעלאך האָבען זיך ווייט געעפענט. — אַט... פונקט ווי פאַר א שטורעם אויפ'ן ים — האָט ער געזאָגט — פלעגען מיר זי פילען, די מאַכט... א גרויסע, א גרויע וואָס פלעגט זיך, דאַכט זיך, ארומקלייבען ארום אונזער שיף אויף מיילען און מיילען ווייט. זי פלעגט דיקער ווערען, שווארצער ווערען און נעענטער צוקומען צו אונז — און מיר פלעגען פילען, אז אונזער שטאַרקע אייזערנע היים — אונזער געליבטע — איז אין די הענט פון דעם שליח פון דער מאַכט — דעם ווינט — א שפענדעל מיט וועלכען ער פלעגט טאַנצען זיין קדחת־טאַנץ... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט... — האָט ער איבערגע'חזר'ט און האָט קינדעריש נאַאיוו געלאַכט.

— ווי אזוי זי פירט די וועלט? איך ווייס ניט! און ווער ווייסט.... ווער?... כי־כי־כי — אַקלאַציאַסטאַנאַ האָט געוואוסט... אַקלאַציאַסטאַנאַ קינדער, דער זקן, דער נביא — דער הייליגער פון זיין שבט, פלעגט עס אין א יום־טוב דערציילען זיין פאָלק. א שיינע מעשה... כי־כי־כי... — האָט ער זיך צעלאַכט — און אַקלאַציאַסטאַנאַ איז געווען א גרויסער מענש... א חכם... א נביא...

די גרופע ארום דעם אַלטען קאַפּיטאַן איז געלעגען צעלייגט אויף דעם ווייסען ים־זאַמד אין פאַרשיידענע פּאָזעס. זי האָט זיך צוגעגרייט צו הערען — מען האָט געוואוסט, אז דער אַלטער וועט דערציילען א שיינע מעשה.

— עס איז שוין... ע... לאַנג, לאַנג, לאַנג. איך בין נאָך דעמאָלט א קינד געווען. איר פאַרשטייט א קימאַ־לן... כי־כי־כי... — האָט דער אַלטער אָנגע־הויבען. — דאָס איז נאָך אַלץ ווילד געווען... ווילד. — ער האָט פאַמעלאַך א פיר געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופט — אַלץ באַוואַקסען מיט וואַלד. אונזערע האָבען זיך דאָ עטלאַכע פאַמיליעס באַזעצט, אין קליינע הייזלאַך. דאָרט — האָט ער אָנגעוויזען — וואו דער טייך פאַלט אין ים אריין, האָט אן אַלטער אינדיאַנער שבט געוואוינט. א מאָל אין פרידען און א מאָל אין קריג מיט אונז.

— איך געדיינק — איך בין נאָך גאָר א קינד געווען — אונזערע טאַטעס פלעגען עס איבערדערציילען; זיי פלעגען אונזערע מאַמעס דערציילען. דער אינדיאַנישער שבט פלעגט א יום־טוב האָבען, ארום א גרויס פייער זיך ארומ־קלייבען, אונזערע פלעגען אויך זיצען דערביי, רויכערען זייערע ליולקעס און צוקוקען... אין דער שטיל. מיר קינדער פלעגען זיך באַהאַלטען הינטער די עלטערע. כי—כי—כי... מיר האָבען פאַר די אינדיאַנער מורא געהאַט. אָבער מער פאַר אַלע פאַר אַקלאַציאַסטאַנאַ'ען. אַ, מיר פלעגען ציטערען פאַר אים. פאַר זיין ברייט, קופערנע, געפאַרבט פּנים מיט די שטאַרצענדיגע באַקען־ביינער און די שוואַרצע גליהענדיגע אויגען מיט דער קרוין פון פעדערען אויף זיין קאָפּ און אויף זיין רוקען. אָבער אונזערע זענען אויף אַלץ גרייט געווען —

האָט ער מיט אַ וואונק פון אַן אויג באַמערקט — זייערע פּיסטאָלען זענען שטענדיק גרייט געווען אין זייערע טאַשען און גאַרטלען.

— און נאָכדעם ווי דער שבט פלעגט אַרום דעם פייער אַ מאָלצייט עסען און אַ משונה טאַנץ טאַנצען מיט דער באַגייסטערונג און התפּעלות פון ווילדע פאַר זייער גרויסען גייסט, פלעגט אַקלאַציאַסטאַנאַ, אין דער ווילדער התלהבות פון אַ הייליגען, פון יענעם וועלדעל אַרויסקומען. נידעריק אויף דער ערד, כמעט אויף אַלע פיר, פלעגט ער קריכען און טאַנצען. ווי אַ פלאַם פייער האָט זיין פּנים געברענט, ווי גליהענדע קוילען האָבען זיינע אויגען געבלישצעט. די שטריכען פון זיין פּנים זענען משונה ווילד געווען און די קרוין פון פעדערען אויף זיין קאָפּ און רוקען האָבען זיך געוואָרפען מיט אים און געטאַנצט. און טאַנצענדיק פלעגט ער מיט אַ קליין שטיינערען העקעל צוקלאַפּען צום טאַקט אויף דער ערד, און מיט אַ ווילד משונה קול פלעגט ער שרייען און זינגען און דערציילען זיין פאָלק, ווי די וועלט ווערט רעגירט און באַשאַפען... טאָג־טעג־לאַך רעגירט... און טאָג־טעגלאַך באַשאַפען...

— ער האָט געזונגען און דערציילט, און זיין פאָלק איז געזעסען איינגע־קאַרטשעט אויף די שפּיץ פיס־פינגער, און שטיל, אין פּחד און מורא האָט עס געהערט. בלויז דאָס האַלץ אויפ'ן פייער האָט צוגעקנאַקט און די כוואַ־ליעס האָבען גערוישט און געמורמעלט...

און ער האָט דערציילט:

— און איינגעשלאָפען איז די וועלט. איינגעשלאָפען זענען אַלע: הימעל, ערד און חיות, מענשען און בוימער. און פון אונטער די בערג דאָרט — איבער דעם רוישיגען ים — אַלע נאַכט, קומט ער, דער גייסט, דער גרויסער גייסט. ווי אַ ריזען שלאַנג, אַ מעכטיגע, ראָלט ער און קאַטשעט זיך — גרויס... גרויס, ווי די ערד וואָס קושט זיך מיט דעם הימעל אויף די בערג און ווערט פון אים באַפרוכפּערט... גרויס ווי די וועלט... ניט געזען פון קיינעם — אומבאַמערקט — ראָלט ער, דער שלאַנג דער גרויסער, דער גייסט דער מאַכטיגער — אַהער איבער דעם ברייטען וואַסער־ים. ער קאַטשעט זיך און הויבט זיך, מאַכטיגער און מאַכטיגער, אין דער הויך, אין דער לייננג און אין דער ברייט און פילט אַן דעם רוים אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום.

— און עס גיסט זיך צונויף דער שלאַנג דער מאַכטיגער מיט דעם נאַכט־הימעל דעם שוואַרצען און די שטערען ווערען זיינע אויגען — מיליאַרדען אויגען זיינע. און זיי קוקען אין אַלע ווינקעלאַך פון דער וועלט. און זעען דאָס וואָס איז געשען און ווייסען וואָס ער דאַרף געשען אין דער וועלט.

— און דער שלאַנג, דער מאַכטיגער, דער גייסט דער גרויסער, וואָס האָט אָנגעפילט דעם רוים אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום — שרייט אויס מיט אַ קול אַן איבערמאַכטיגען, וואָס פילט אָן די גאַנצע וועלט:

— אזוי זאל עס געשעו!...

— שטארקער פון אלע געטער איז דער שלאנג, דער מאכטיגער — דער גייסט דער גרויסער —

— אלץ איז אין זיין רשות — און אזוי מוז געשעו...

— און ער פילט אז די וועלט אין דער נאכט — אין דער נאכט דער שווארצער — אין יעדער נאכט! און דער קול דער גרויסער, דער באפעלענדיגער פילט אז די וועלט די גאנצע. אבער גרויס איז דער קול, צו גרויס פאר יעדען חלק פון דער וועלט באזונדער, ער ברעקעלט זיך און קרישעלט זיך דער קול — דער גרויסער, דער מאכטיגער. אין מיליארדען חלקים־לאך פון דעם גייסט דעם גרויסען, וואס מען זעט ניט מיט'ן אויג און מען פילט ניט אין שלאף... און יעדער שטיקעלע און ברעקעלע פון דעם גייסט דעם גרויסען באזעצט זיך אין דער נשמה פון דעם הימעל און פון דער ערד, פון חיות און מענשען און בוימער...

— און ווען דער טאג קערט זיך אום, מיט דעם קוש פון דעם מארגענ־שטערען אויף זיין קרוין, און ווען די זון קומט צוריק פון אונטער די בערג אין מזרח זייט, און הימעל, ערד און חיות, מענשען און בוימער, כאפען זיך אויף פון שלאף — דעם ברודער פון טויט — ווילען זיי דאס וואס מוז געשעו... און עס געשעט דאס וואס זיי ווילען...

— אזוי פירט זיך דער שלאנג דער מאכטיגער — דער גייסט דער גרוי־סער, וואס קומט פון אונטער די בערג יעדע נאכט, ווען די וועלט ווערט אנ־שלאפען און שאפט יעדע נאכט דאס לעבען... און רעגירט עס... דאס לעבען פון הימעל און ערד, חיות, מענשען און בוימער — דאס לעבען פון דער גאנ־צער וועלט.

— אזוי פלעגט דערציילען דער חכם, דער נביא, דער הייליגער אקלא־ציאסטאנא.

דער אלטער קאפיטאן איז אנשוויגען געווארען. ער האט אנגעשפארט זיין גרוי־וייסען קאפ אויף זיין האנט, האט טיף אפגעזיפצט און שטיל גע־קוקט אויף דער שווארצער פליסיגער מאסע פון דעם ים. אלע ארום זענען אויך שטיל געזעסען. יעדערער האט זיך איינגעטראכט אין דער אלטער לע־גענדע און האט זי אויף זיין אייגענעם שטייגער פארשטאנען. מאריע האט זיך אין שרעק שטארקער געדריקט צו לעאנ׳ען. זי האט נאר א ביסעל פון דער מעשה פארשטאנען.

— איך האב אזוי מורא — האט זי זיך שטיל געקלאגט — איך האב אזוי מורא פאר א שלאנג! — לעאן האט זי פעסטער ארומגענומען ארום דער טאליע און האט שטיל געלאכט.

— שלענג, מאריע, זענען נאר פאראן אין די וועלדער... ניט צווישען מענ־

שעה... האָב ניט קײן מורא — און זײ זײנען בײדע געגאַנגען צום שטײנערנעם ברעג, דאָרט װאו די װאַסערען רױשען — צום „צױבער װינקעל“.

לעאָן איז געװען אױסערגעװײנטלאַך אױפגעלײגט. די קראַפט װאָס האָט אים פריער אָנגעהױבען צו באַהערשען האָט אים איצט נאָך מונטערער, נאָך לעבעדיגער געמאַכט. די מעשה׳לע פון דעם אַלטען קאַפּיטאַן האָט אים בולט געמאָלען דאָס בילד פון באַגײסטערטע, טאַנצענדיגע אינדיאַנער אַרום אַ פײער, לעבען אַ װעלדעל. די װערטער פון אַקלאַציאַסטאַנאַ האָבען אים געקלונ־גען אין דער לופט װי אַן אַלטע פאַר׳כשופ׳טע ליד.

ער האָט זײ איבערגעלײגט אױף זײן אײגענער שפּראַך און זײנע אײגענע געפילען. ער האָט געדריקט צו זיך מאַריען און האָט מיט היץ דעקלאַמירט:

זי קוקט מיט די שטערען װי אױגען אַרונטער,
די שלאַנג װאָס פילט אָן דעם רױם
און שרײט מיט אַ שטימע מאַכטיג און מונטער —
לעב אָן אַ ברעג, אָן אַ צױם...

* * *

נעם פון דאָס לעבען דעם פרײהײט־גענוס
שטיל נאָר דײן זעלע׳ס פאַרלאַנגען...
זים אױף די ליפּען — פּראָװו — איז דער קוס,
זים איז די ליבע אָן צװאַנגען.

און ער האָט זיך אַלץ מער און מער באַגײסטערט און האָט זיך געטוליעט צו מאַריען מיט זײן גרױסען קערפּער. זי האָט געפילט דעם שטאַרקען גוף זײנעם. פון זײן ליד האָט זי נאָר געפילט די קראַפט מיט װעלכער ער האָט עס דעקלאַמירט, די התלהבות, דאָס װאַרימע געפיל װאָס ער האָט אין די װער־טער אַרײנגעלײגט. אָבער נאָך עפּעס האָט זי געפילט. אַ קראַפט, אַ גרױסע, אַן אומבאַקאַנטע, װאָס האָט זי געצױגען צו אים און האָט זי אַלץ מער און מער באַהערשט. זײ זײנען בײדע געגאַנגען איבער׳ן ברעג. לעאָן האָט געזונגען, דעקלאַמירט זײן ליד — דאָס אײביגע ליד פון דער מענשלאַכער נשמה... די כװאַליעס האָבען זיך געקאַטשעט, געפּינעט און געמורמעלט זײער ליד — דאָס אײביגע ריטמישע ליד פון מאַכט און באַװעגונג...

דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט זיך אױפגעהױבען. ער האָט דערזען אַ גרױ־סען, בלישצענדיגען שטערען אין מזרח זײט.

— קינדער, — האָט ער געװיזען מיט׳ן פינגער אױף דעם שטערען — עס איז שױן צען דער זײגער; צײט זיך שלאָפען לײגען... קינדער, מען דאַרף פירען אַ רעגעלמעסיג לעבען — לעבט מען לאַנג... — און ער איז זיך פּאַמע־לאַך אװעקגעגאַנגען.

אָבער װעמען איז געלעגען אין זינען שלאָפען צו גײן? ערשט איצט

האָט זיך טיפער און ברייטער אויסגעשפּרייט די וועלט־רעטעניש פאַר אַלע־מען. דאָס בילד אָרום און אָרום האָט געהאָלפן דערצו.

דאָס גרויסע, מאַכטיגע און מיסטעריעזע בילד פון דעם שוואַרצען אויסגע־שפּרייטען ים מיט די ווייסע פינענדיגע קעפּ אויף די כוואַליעס, די גרויסע בערג וואָס האָבען זיך איצט אויפגעהויבען ווייט־ווייט אויף דעם האָריזאָנט ווי אַ טאַבון צונויפגעדריקטע קאָמלען מיט בערגיגע הויקערס אויף די רוקענס, לאַנגע אויסגעצויגענע העלזער און שמאָלע אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער בלויאַר באַשטערענטער הימעל און די רויטע, פאַרבלוטיגטע לבנה, וואָס איז אַקאָרשט אַרויסגעקומען פון אונטער די בערג און האָט געוואָרפען אַ רויז־רויטען גאָל־דענעם בליאַסק אויף דאָס וואַסער. דער קאָך־קעסעל פון לעבען און ליכט אויף איין זייט, און די רוישענדע כוואַליעס ביים שטיינערנעם באָרג, — דאָס וואונדערבאַרע בילד האָט אומבאַוואוסט פאַר יעדען געהאָלפען און גערייצט דערצו, אַז אַלע זאָלען זיך היצען, קאָכען, רעדען מיט האַרץ און באַשטיין יע־דער נאָר אויף זיינעם. און וועמען איז איצט געלעגען אין זינען צו גיין שלאָ־פען ?...

לעאָן און מאַריע, איינג צוגעטוליעט איינס צום צווייטען, האָבען שפּאַצירט ביים ברעג, לעבען שטיינערנעם באָרג. זייערע סילועטען האָבען זיך שאַרף אָפּגעצייכענט אין שטערען־שיין.

פון דער וועראַנדע פון דער פאַמיליע גוטסקאָוו האָט זיך ווי אַ שאָטען אוועקגעשאַרט די לאַנגע, דאַרע פיגור פון דעם שוועד. ער האָט זיך שפּאַצירט הין און צוריק איבער׳ן זאַמד אריינגעטאָן אין זיך אַליין. די חברה איז נאָך אַלץ געלעגען לעבען דאָס איבערגעקערטע שיפעל און האָט זיך געאַמפּערט.

ביז איינעם איז איינגעפאַלען אַ גליקלאַכער געדאַנק.

— זינגט עפּעס — האָט ער אויסגערופען צום שוועד — זינגט עפּעס, געטוג זיך אַמפּערען. דער שוועד האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט.

— זינגט עפּעס — האָבען עטלאַכע קולות געפּאָדערט. דער שוועד האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיין דאַרע פיגור מיט דאָס אויסגעצויגענע ערדענע פּנים און די איינגעפאַלענע אויגען האָבען מורא׳דיג אויסגעזען און האָבען אויף יעדען אַ פּחד געוואָרפען. עפּעס ווי ניט קיין לעבעדיגס, נאָר ווי אַ מאַסקע, ווי אַ טונקעל־געלע וואַקסענע מאַסקע האָט זיין פּנים אין דאָס גרויע נאַכט־ליכט אויסגעזען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ ביסעל פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און האָט געזונגען. ער האָט געזונגען דאָס ליד פון טויט... ווי דאָס לעבען איז נאָר אַ ווייליע — אַ מינוט נאָר אין דער אייביגקייט... דער טויט איז דער סוף — דער טויט איז די אייביקייט... און זיין שטימע האָט טיף, מיט רמז און מיט סוד געקלונגען. דער זינגער האָט זיין נשמה אין דאָס ליד אויסגע־גאָסען און האָט איבער אַלעמען אַ מורא פאַרשפּרייט. עס האָט זיך אויסגעווי־

זען, אז יעדערער האָט געפילט די אייז־קאַלטע באַרירונג פון יענער אייביקייט — דעם טויט... אַלע זענען שטיל געווען. דעם זינגער האָבען נאָר בלויז טרויע־ריג אַקאָמפּאַנירט די וועלען פון ים און דער מאָנאָטאָנער גלאָק פון'ם לייכט־טורעם.

מאַריע מיט לעאָנ'ען זענען פּאַמעלאַך פאַרשוואונדען פון יענער זייט באַרג. „צדק" איז ערשט אַרויסגעקומען פון הער גוטסקאָוו'ס הויז און איז נעגאַנגען צו דער חברה. ער האָט מיט די אויגען געזוכט מאַריע'ן. ער האָט זי ניט געפונען. און לעאָן? וואו איז לעאָן געווען? ער האָט באַמערקט, אַז דאָרט פון יענער זייט באַרג, פאַרשווינדען צוויי סילועטען... אים האָט עפּעס געצויגען אַהין. אָבער ער האָט זיך ניט באַשלאָסען צו גיין.

— וואָס איז זיין געשעפט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אפשר זענען עס נאָר ווילד פרעמדע!...

לעאָן מיט מאַריע'ן זענען אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג אין טאָל אַראָפּ, אין „צויבער־ווינקעל". דאָ האָבען זיי זיך ביידע אַנידערגעזעצט ביים סאַמע ברעג. לעאָן האָט שטאַרק געהאַלטען מאַריע'ן און האָט זיך מיט איר איבערגעבוי־גען איבער דעם ברעג. די ווייסע, זידענדיגע טראָפּענס שוים פון די שטורעמ־דיגע כוואַליעס האָבען זיי באַשפּריצט און פייכט געמאַכט זייי די פּנים'ער, פון וואָס מאַריע האָט יעדעם מאָל לעבעדיג און שפּילעריש אויסגעשריגען און געלאַכט. לעאָן האָט געשפּאַסט און געשטיפט... שטיפעריש האָבען זיי זיך יעדעם מאָל צוגערוקט צום ברעג און יעדעם מאָל, ווען די פינע האָט זיי אין איר פּליעסק און רויש באַשפּריצט, האָבען זיי זיך ווידער אָפּגערוקט מיט ליאַ־רעמדיגע אויסגעשרייען און הילכיגע געלעכטער... און זיי האָבען זיך אַלץ מער געדריקט איינער צו דעם אַנדערען, אַלץ מער און מער זיך איינס אין דעם אַנדערען איינגעקלעפּט. לעאָן האָט געלאַכט און האָט שטיפעריש געטריקענט מאַריע'ס פּנים מיט זיינע גליהענדע באַקען און האָט לעבעדיג געזונגען:

טראָפּענדלאַך ווייסינקע,
שוים פון די וועלען,
זאָגט אונז דעם סוד אוים —
פון ליבעס־קוועלען . . .

און האָט זיך אַליין געענטפערט:

דאָרט אונטען ווי הויפענס
פון ים'ס ווילדען שוים
זידען די קוועלען
פון ליבע אין תהום . . .

מאַריע האָט געפילט, אַז זי געהערט זיך ניט מער. פאַר'שכור'ט פון דער קראַפט וואָס האָט זי באַהערשט. לעאָן האָט זי געהאַלטען אין זיינע אָרעמס

און זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געדריקט צו זיך. ער האָט אויך דערפילט, אַז אים באַהערט אַ געוואַלטיגע קראַפט... אַ ליידענשאַפטלאַכע... ערשט איצט האָט ער זי דערפילט אין איר פולער מאַכט... עפּעס האָבען זיך ביי אים איצט פּערזען געפּלאָנטערט: זיי האָבען זיך שוין מער ניט געגאָסען פון זיין נשמה... אויף אַ מאָמענט איז ער שטיל געבליבען, פונקט ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך... וויט-וויט האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון דעם שווער — אַ טיפער אָפּקלאַנג וואָס איז ווי פון יענער וועלט, פון אונטער דער ערד געקומען... איבער'ן באַרג האָבען די כוואַליעס געדרוישט, צעשלאָגענדיג זיך אָן די אויסגעוואַקסטע שטיינער פון פעלז און מיט אַ מאַכטיגער, זודיגער קראַפט אַרויפשליידערענדיג אויף זיי זייערע ווייסע פינענדיגע טראָ־פּענס. און דאָרט — איבער דעם שטח פון דאָס פינסטערע וואַסער האָט געקלונגען און פאַרהיט פון סכנה דעם נאַכט-שווימער — דער לייכט-טורעם גלאָק. לעאָן האָט געדריקט מאַריע'ן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און האָט זי געקוסט און געביסען. מאַריע האָט זיך געטוליעט צו אים, איינגעוויקעלט און פאַרלוירען אין זיין קראַפט וואָס האָט זי באַהערשט. און די מיליאָנען שטערען האָבען געפינקעלט און אַראָפּגעקוקט, אַראָפּגעקוקט אויף זיי שטום פון די הימלען...

* * *

מאַריע איז פאַרשוואונדען געוואָרען. וואו זי איז אַהינגעקומען האָט קיי־נער ניט געוואוסט. די בעל־הבית'טע פון האָטעל, וואו זי האָט געדינט, האָט דערציילט אַ קורצע, אַ טרויעריגע מעשה.

— זונטאָג — האָט זי געזאָגט — איז מאַריע געקומען אַ היים זייער שפּעט און ווי די דינסט-מיידלאַך פון הויז דערציילען, איז זי כמעט ניט גע־שלאָפען די גאַנצע נאַכט. זי האָט געוויינט, געוויינט און געוויינט. קיינעם פון די דינסט-מיידלאַך האָט זי ניט געוואָלט זאָגען פאַר וואָס זי וויינט. נאָר עפּעס איז זי געווען אַזוי אומעטיג, אַזוי דערשלאָגען... זי איז געלעגען אין די קליידער אויף איר בעטעל — איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין איר קי־שען און האָט היסטעריש געוויינט און געכליפּעט. און ווי נאָר זי, די בעל־הבית'טע, איז אויפגעשטאַנען, האָט מאַריע צונויפגעלייגט איר אָרעם קלומע־קעל און האָט געבעטען רעכענונג. זי האָט איר ניט געזאָגט פאַר וואָס. מען האָט איבערהויפּט פיל ניט געקענט ריידען מיט איר, ווייל באַלד האָבען זי טרערען דערשטיקט, און זי האָט אין אַ יאָמער באַהאַלטען איר פּנים אין אירע הענט. זי האָט קיינעם גלייך אין די אויגען ניט געקוקט. זי איז געווען בלייך ווי דער טויט, אויסגעמאַטערט, מיט רויטע פאַרשוואָלענע אויגען. אַזוי האָט די בעל־הבית'טע דערציילט. — זי איז אַוועק — האָט זי צוגעלייגט — אַ היים, צו דער מומע מסתמא. ווער ווייסט וואו די מומע אירע איז און ווער

זי איז? ערגעץ אין שטאָט וואוינט זי. מער האָט זי אַליין ניט געוואוסט. לעאָנ'ען האָט אויך קיינער שוין פון עטלאַכע טעג ניט געזען. „צדק" האָט אים געזוכט מיט ליכט אומעטום; אָבער ער האָט אים אין ערגעץ ניט געפונען. אויף דער קוואַרטיר, וואו לעאָן איז געשטאַנען, האָט מען צדק'ן געזאָגט, אַז לעאָן קומט זייער שפּעט ביינאַכט און גייט אַוועק זייער פרי. — אפנים אויסצומיידען צו באַגעגענען זיך מיט פריינד און באַקאַנטע — האָט „צדק" ביי זיך געטראַכט. ביי עדיסאָנ'ען אין פאַבריק האָט ער זיך נאָכגעפרעגט, האָט מען אים געזאָגט, אַז לעאָן איז גאָר צו דער אַרבעט ניט געקומען.

— ווי? וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך געפרעגט. עס איז געווען אַ רעטעניש...

— אַ, מיט מאַריע'ן... — איז אים איינגעפאַלען.

— אומעגלאַך, ניט לעאָן — האָט ער זיך געטרייסט — לעאָן איז נאָך געווען אין האָטעל מאַנטאַג אין דער פרי, ווען מאַריע איז שוין דאָרט ניט געווען — האָט ער לאָגיש צונויפגעשטעלט די פאַקטען.

„צדק" האָט אָבער דאָך ניט געקענט רוען...

ביי די גוטסקאָווס איז געווען אַ שטילער חורבן אין שטוב. אַלע האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ סוד און, באַהאַלטענדיג זיך פון ליליען, געשושקעט כסדר. ליליע האָט ניט געדאַרפט וויסען וואָס איז געשען. די עלטערע האָבען פאַרשטאַנען. זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען. ליליע האָט געקוקט אויף זיי מיט אירע שאַרפע, לעבעדיגע אויגען און געפאַרשט... איר וואַכעדיגע נשמה פלעגט אונטערזאָגען, עפּעס אַזוינס, אויף וועלכען זי פלעגט זיך מורא האָבען אָפּצושטעלען... און זי פלעגט זיך פאַרשעמען. זי האָט געקוקט אויף דאָס הויזגעזינט, אויף די פריינט און האָט געזוכט... מאַריע'ן... לעאָנ'ען... געזוכט. מאַדאַם גוטסקאָוו איז אַרומגעגאַנגען אַ באַליידיגטע. איר פנים האָט געפלאַמט, געהרויטעלט זיך מיט בושה־פאַרב. אירע אויגען האָבען אויסגעזען אַזוי ווי דעמאָלט זונטאָג, ווען זי האָט געקוקט אויף לעאָנ'ען. און זיי האָבען אים, דאַכט זיך, שטיל, בנעימות'דיג גע'מוסר'ט: — „ניט שיין, לעאָן, ניט שיין... איך האָב עס פון אייך ניט ערוואַרטעט..."

שפּעט פרייטאָג פאַרנאַכט האָט „צדק" פלוצלונג געטראָפען לעאָנ'ען זיצען אויף אַ שטיין אין יענעם „צוויבער ווינקעל", צווישען די בערג, וואו די וועלען רוישען און שפּריצען מיט ווייסער פינע. איבערראַשט, איז „צדק" שטיין געבליבען אַ ווײַלע אומבאַוועגט.

לעאָן איז געזעסען איבער זיין בוך מיט פערזען. ער האָט אַקאָרשט איבערגעלייענט די שורות:

זי קוקט מיט די שטערען ווי אויגען אַרונטער,
די שלאַנג וואָס פּילט אַז דעם רוים;

און שרייט מיט אַ שטימע מאַכטיג און מונטער —
לעב אַז אַ ברעג, אַז אַ צוים...
* * *

נעם פון דאָס לעבען דעם פרייהייט־געַנוס,
שטיל נאָר דיין זעלע׳ס פאַרלאַנגען;
זים אויף די ליפּען — פּרואוו — איז דער קוס,
זים איז די ליבע אַן צוואַנגען...

— זים איז די ליבע אַן צוואַנגען!... האָט ער אין דער הויך און פּאַמעלאַך איבערגע׳חזר׳ט און פאַרקוקט זיך אויף דעם ברייטען, מאַכטיגען גרוי־גרינעם וואַסער־שטח און האָט זיך פאַרטראַכט. פון יענער צייט וואָס ער איז דאָ מיט מאַריע׳ן געווען, האָט ער פיל איבערגעלעבט און פיל איבערגעליטען.

און פון דעם מאָמענט, וואָס ער האָט מאַריע׳ן אהיים געבראַכט, יענעם זונטאָג ביינאַכט, ווען ער האָט זי אין הויז אריינגעלאָזט און אליין איז ער גע־בליבען שטיין אין דרויסען, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט ווי איינזאַם, ווי אַליין, ווי דערשלאָגען און געפאַלען דאַרף זי זיך איצט פילען אין איר קליין חדר׳ל, איצט — ווען איר שטאָלץ, איר אומשולד איז פאַרשוואונדען אין איין מאָמענט פון ערלאַכען, ברענענדיגען, באַגערענדען גענוס... — זי איז דאָך ניט איך — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און אים האָט זיך פאַרגלוסט אריינגיין צו איר, איינרוימען איר שטילערהייט אין אויער, אַז זי איז ניט אַליין, ניט קיין דערשלאָגענע, ניט קיין געפאַלענע... עס איז אָבער איצט שוין צו שפּעט געווען און מונטער. רואיג איז דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער וועט נאָך מאָרגען אין דער פרי, איידער ער וועט גיין צו דער ארבייט, איר זאָגען דאָס אַליז, לאַשצען זי און קוסען זי — איז ער אַוועק אהיים.

ער איז אָבער ניט גיך איינגעשלאָפען. גרויס, שטאַרק, מונטער און פריי ווי לעאַן איז תמיד געווען, האָבען אָבער אויף זיין נשמה די היינטיגע בילדער פון דער נאַטור און די געשעענישען פון לעבען און גענוס צו אַ שטאַרקע וויר־קונג געהאַט און ער איז ניט גיך איינגעשלאָפען. ער האָט זיך געדרייט אויפ׳ן געלעגער. ניט געבעטענע געדאַנקען האָבען זיך געקניפּט און געפּלאָנטערט אין קאָפּ. שווערע קשיות האָבען זיך געשטעלט און זענען ניט פאַרענטפערט געוואָרען. אַ פּאָר מאָל איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעשריבען די פּערזען „זי קוקט מיט די שטערען ווי אויגען אַרונטער" — און האָט זיך ווידער גע־לייגט.

— פאַר וואָס עפּעס היינט, מער ווי פריער, ווי אַמאָל, ווי אַלע אַמאָל? — האָט ער זיך געפרעגט. — אַביסעל עלטער געוואָרען!... ניט מער? — האָט ער ווי מיט זיך אַליין געפירט אַ וכוח — ניין... מער געלעבט — מער געאַר־בעט... אין אַמעריקע... דאָס פּראַקטישע לעבען פאַרזוכט... זיך און מענשען

טיפער פארשטאנען... אָט דאָס איז עס... האָט ער געטראַכט און איז ביס־לאַכוויַיז, אין פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען, איינגעשלאָפן.

אין דער פרי איז ער ווידער געווען מונטער. לעבעדיג. מיט אן אימפּראָ־וויזירט לידעל איז ער געגאַנגען איינרוימען מאַריע'ן זיין סוד.

און ער האָט זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט.

א שרעקלאַכע איבערקערעניש האָט זיין נשמה אויפגעטרייסעלט. אויף א מינוט איז ער טויב געוואָרען. דאָס שטיקעל צייט, זייט ער האָט מאַריע'ן געבראַכט אהיים ביז איצט, איז ארויסגעפאַלען פון זיין זכרון. ער האָט ווי־דער דערפילט ווי פאַרטאָג די שרעקען, דאָס פּלאָגען זיך פון מאַריע'ס זעלע. ווידער האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, ווי זי פילט זיך איינזאַם, דערשלאָגען, געפאַלען און אליין — אליין אין דער וועלט. ווי א בליץ האָט אים אָנגעצונדען א באַגער צו זען זי — שוין, באַלד... געפינען זי. יעדע מינוט אין וועלכער די בעל־הבית'טע פון האָטעל האָט אויסגעצויגען דאָס בילד פון מאַריע'ס טרערען און יסורים, דעם פרימאָרגען, איז פאַר אים די אייביקייט געווען. ער האָט זיך געריסען — און זיינע געדאַנקען און געפילען האָבען זיך פאַרוים געטראָ־גען — צו זוכען זי, געפינען זי... אָבער וואו זוכט מען זי? וואו געפינט מען זי? און געפינען זי מוז ער... ער מוז!... דאָס וויל זיין נשמה, דאָס פאַרלאַנגט זיין ווילען, זיין שטאָלץ, זיין מענשען־ווערדע. ער קען ערשט ווידער ווערען דער לעבעדיגער, מונטערער, פרייער מענש — פריי פון די צוואַנגען פון זיין אייגענעם איך — ווען זי וועט ניט מער ליידען דורך אים.

ליידען דורך אים... עס שווידערט אים. און אים שטעלט זיך פאַר איר שיין, איר אומשולדיג פּנים, אירע בלוילאַך ליכטיגע אויגען, ווי זיי האָבען געלויכ־טען אין „צויבער ווינקעל", ווען זיי האָבען זיך ביידע געשפּילט מיט די זודיגע טראָפּענס שוים. ער פילט איר ווייכען, בויגיגען גוף אין זיינע אָרעמס, ווען זיי האָבען זיך איבערגעבויגען איבער דעם ברעג און די טראָפּענס שוים האָ־בען באַשפּריצט זייערע פּנים'ער... ער הערט איר זיס, קינדעריש לאַכען, דאָס לאַכען, וואָס האָט אים אַזוי געררייצט... ער פילט די דערהויבענע התלהבות פון איר זעלע אין איר שטאַרקען ליבעס־קוס... און עס שווידערט אים... ערשט אַזוי פיל גליק, אַזוי פיל געגנום — און אָט שוין אַזוי פיל ליידען, אַזוי פיל טרערען... ניין, אַזוי האָט ניט געקענט אויסשרייען אין יענער נאַכט אַלקאָ־ציאַסטאַנאָ'ס גרויסער גייסט... ער פילט אַן אַנדער געשריי אין זיין נשמה...

ער מוז זי געפינען. און ער וואַנדערט ארום א גאַנצען טאָג פון אַדרעס צו אַדרעס און געפינט זי ניט. און ער ווערט שיער משוגע. ער ווייסט, אַז זי ליידט ערגעץ. און ער שלאָפט ניט ביינאַכט. עס שטעלען זיך אים פאַר און מאַטערען אים יענע בילדער, וועלכע ער ווייסט, אַז אומגליקלאַכע ווי זי לעבען איבער, און קורץ און שאַרף מאָלען זיי זיך פאַר זיינע אויגען. אָט זיצט

זי, א פארוויינטע, איר קאפ באהאלטען אין אירע הענט, מיט רויטע געשוואָ־לענע אויגען און א בלייך אויסגעדארט פנים... די מומע האט זי ארויסגע־טריבען, זיצט זי אין גאס און קוקט... דאכט זיך, אויף אים... און ער ווייסט, פאר וואס גראד אויף אים... זי זיצט דארט ביז דער פאליסמאן נעמט זי צו... און... דאס תפיסה־קעמערעל... דער אינזעל איבער'ן וואסער פאר הוימלאזע מיידלאך... ניין, ניין ער מוז זי געפינען.. און ער לויפט ארום א גאנצען טאג אן אפרו. ער פילט ניט קיין מידקייט.

יעדען פרימארגען שטייט ער אויף מיט דעם שטארקען באשלוס — ער מוז... זיין ווילען רייצט אים אונטער — „איך וויל", „איך וויל"... זאגט ער זיך. זיין נשמה פאדערט — „איך מוז", — „איך מוז", חזר'ט ער איבער — און ער זוכט זי און דאכט זיך, ער איז שוין אויף א וועג.

און איר בילד פארשווינדט ניט פון זיינע אויגען. א מאל קומט פאר א מאדנע פארענדערונג. גארניט זי איז עס — ניט מאריע — נאר ליליטשקע... אבער ליליטשקע קוקט ניט אויף אים... זי זיצט ווי מאריע, דעם קאפ באגראַ־בען אין אירע הענט, מיט רויטע געשוואלענע, פארוויינטע אויגען און א בלייך, אויסגעדארט פנים... אבער דעמאלט קוקט אויף אים מאדאם גוטס־קאוו. א פארוויינטע, מיט בלישצענדיגע טרערען אין די אויגען פרעגט זי אים שטיל, גלייך ווי זי וואלט אים מורא געהאט איצט צו פארלירען...

— לעאן, וואס האט איר געטאן?... און ער לאכט, פריילאך און פריי, ווי זיין שטייגער איז, און ענטפערט איר:

— מאדאם, איך וועל מיט איר חתונה האבען!...

פרייטאג בייטאג האט זיך שוין לעאן אנגעשטויסען אויף א שפור פון מאריע'ן. מארגען וועט איר זי זען. זיין באשלוס איז געפאסט. און ער זיצט איצט אויף דעם שטיין אין „צוויבער ווינקעל" און טראכט וועגען דעם אלטען פזמון פון דעם הייליגען אקלאציאסטאנא... ער ווייסט שוין וואס דער גרוי־סער גייסט האט אין יענער נאכט אויסגעשריגען.

— לעאן — האט אים „צדק" פלוצלונג א רוף געטאן. לעאן האט זיך אומגעדרייט — איר זייט גאר דא?... איר זייט ניט אוועקגעפארען?...

— אוועקגעפארען, וואוהין? — האט לעאן פארוואונדערט געפרעגט.

— איך מיין, עס טראגען זיך ארום אזעלכע... האט „צדק" ניט געענדיגט.

— נו, איז וואס? איך האב ניט די טבע צו אנטלויפען.

— לעאן — האט „צדק" געשטאמעלט — איז עס אמת... קען עס זיין, אז איר האט אומגליקלאך געמאכט אן אומשולדיג, אן עלענד קינד... — און טרע־רען האבען זיך געהערט אין זיין קול.

— ניין, בראפמאן, אומגליקלאך געמאכט... ניין. איך וועל פאר די גליק־לאכע מינוטען פון מיין לעבען גוט באצאלען.

— באצאָלען ?... האָט „צדק" געציטערט. — אוממענש. דער פּרייז פון מאַריע׳ס ליבע איז חתונה האָבען מיט איר.

— און איך וועל מיט איר חתונה האָבען — האָט לעאָן רואיג געענטפערט.

— ווי ? — האָט „צדק" אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען אויף לעאָנ׳ען און האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— איך וועל מיט איר חתונה האָבען... איך וויל אַזוי, אַזוי וויל מיין נשמה...

— ליבט איר זי דען ?

— ליב איך זי ? הם... — און לעאָן האָט ווי פאַר׳חלומ׳ט צוגעמאַכט אויף אַ ווייל די אויגען. אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף, ווידער לעבעדיג, פריילאַך, פריי אין זיינע באַוועגונגען.

— „צדק". — האָט ער שוין לייכט, פריי און שטיפעריש געשפּאַסט — פאַרשטייסט, ווען אַ יונגערמאַן ווערט צייטיג אין וואַרשאַ — געפינט ער זיין זווג אין וואַרשאַ, און... ער פאַרליבט זיך דאָרט. ווען ניט, ווען די צייט און די אומשטאַנדען פאַרוואָרפען אים קיין מאָסקווע — געפינט ער זיין זווג אין מאָסקווע און... ער פאַרליבט זיך דאָרט. און טאָמער דאָרט אויך ניט, פאַרט ער אַוועק קיין אַמעריקע, טרעפט אין ניו יאָרק זיין קאָוונער זווג און... פאַרליבט זיך אין ניו יאָרק. אַ, בראַפמאַן, בראַפמאַן, ליבע שאַפט דעם מענשען׳ס זעלע : זי פאַלט ניט אַראָפּ פון הימעל... איך האָב מאַריע׳ן בּאַ געפונען... ליב איך זי ? איך וועל זי פּרואווען ליבען... איך וועל די ליבע באַשאַפען...

— וועט איר אָבער גליקלאַך זיין ? וועט איר קענען אַזוי לעבען ?

— דאָס וועט די צייט ווייזען, בראַפמאַן, פּונקט ווי נאָר זי אַליין ווייזט עס ביי אַלע די וואָס גלויבען, אַז זיי האָבען זיך ליב...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי אייך... — האָט „צדק" שוין מיט גיפט געזאָגט, — איר האָט געהאַנדעלט ווי אייך האָט זיך געגלוסט — ווי איר האָט געוואָלט — דעמאָלט, ווען איך האָב ניט געוואָגט צו האַנדלען. איצט אָבער, ווען מיין נשמה צערייסט זיך אויף שטיקער, ווען איך וואָלט שוין אפשר געהאַנדעלט ווי מיר ווילט זיך — קענט איר ניט האַנדלען ווי אייך ווילט זיך ; איר קענט ניט אָפּלאָזען דאָס לעבען... עס וואָלט אייער געוויסען פאַרגיפטעט... איך פאַרשטיי אייך, איך פאַרשטיי אייך...

— ניין, בראַפמאַן, איר פאַרשטייט ניט. איך האַנדעל איצט, ווי פריער, נאָך דעם באַגער פון מיין נשמה. אַזוי האָב איך פריער געוואָלט און אַזוי וויל איך איצט. איך לעב אַזוי ווייט ווי מעגלאַך נאָך מיין אייגענעם ווילען. איך וויל אָבער ניט געניסען דאָס לעבען דורך די טרערען פון אַנדערע...

— איר ווילט ניט געניסען דאס לעבען דורך די טרערען פון אנדערע — האט „צדק" געשאקעלט מיט'ן קאפּ...

ביידע פריינד האבען זיך לאנג, לאנג אנגעקוקט. „צדק" האט געקוקט אויף לעאָנ'ען דורך די פארזאטענע טרערען אין זיינע קלארע געלאסענע אויגען...

ז י

מיר זיינען געזעסן א פערזאן אכט־ניין אין דער קאפע „אלנאכט“ און האבן זיך מעשות דערציילט — „עפיזאדען פון לעבען“.

עס איז שוין געווען שפעט. דער בעל־הבית פון דער קאפע האט נאך מיט א האלבער שעה פריער אויסגעלאשען צוויי דריטעל פון דער באלייכטונג און איז אוועקגעגאנגען שלאפען. ליכטיג איז נאך געווען ביי דער גרויסער גלעזערנער טיר פון דעם אריינגאנג. דאס עלעקטרישע ליכט דארט האט באלויכטען דעם בופעט מיט די געבעקסען, די געשניצטע פאליצעס מיט די גלעזער און שאלען, די קאלירטע שאכטלאך מיט דעליקאטעסען און דעם גרויסען גלען מעטאלענעם געלט־„זייגער“. אביסעל ווייטער האט זיך נאך אפגעשפיגעלט דער זילבערנער גלאנץ פון צוויי גרויסע סאמאווארען, אונטער וועלכע עס האבען געברענט קליינע בלויע גאז־פלעמלאך און ווייטער — איז אלץ טונקעל געווען. לינקס, ביים עקסטען טישעל, האבען צוויי שפילער זיך נאך פארטיפט אין א שאך ביי א קליין עלעקטריש לעמפעל, אבער אויף די איבעריגע טישען זיינען די בענקלאך שוין געלעגען איבערגעקערט — גרייט פאר דעם פרימארגענדיגען אויפראמען. ביי איינעם פון די טישען האט זיך דער נאכט־קעלנער, אין א קורץ, שווארץ רעקעל, מיט א ווייס האנטיכעל איבער'ן אקסעל, ברייט צעלייגט אויף א ביינקעל — די פיס צעשפרייט — און איז געשמאק געשלאפען.

רעכטס, איז אין דער קאפע אביסעל ליכטיג געווען. דא זיינען אין דער האלב־טונקעלער שיין געשטאנען עטלאכע רייען ליידיגע טישען און ביי איינעם פון זיי — ווייט פון דעם אריינגאנג — זיינען מיר, חברה, געזעסען. אין ווינקעל האט א באיארטער איד פארלייגט א האנט אין א האנט אין די ארבעל און האט אונטערגעכראפעט... און ביים בופעט האט זיך דער במקום בעל־הבית — א דאר אידעל מיט א גרוי שפיציג בערדעל און קאליע אויגען — איינגעמאשצעט אויף א ביינקעל און אויך געדרעמעלט.

חברה האט זיך געפילט באקוועם און פריי. קיין נייע געסט זיינען שוין לאנג אין דער קאפע ניט געקומען און ארום טיש האבען זיך אלע איינער דעם צווייטען גוט געקענט. היימישע מענשען: דיכטער, זינגער, ליטעראטען, און גלאט אינטעליגענטען — איז זיי שוין ניט איינמאל אויסגעקומען צו פארברענגען אינאיינעם.

היינט האט מען זיך פיקאנטע מעשות דערציילט און קיינעם איז אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען פארצולייגען אז מען זאל מעסיגען די שפראך

פון די „עפּיזאָדען"... געהאַנדעלט האָט זיך װעגען דעם, װאָסער אַ מאַכט די מענער האָבען איבער די פרויען; װי גרינג די פרוי לאָזט זיך באַהערשען. און פון יעדען איינעם האָט זיין אינערלאַכע שטימע געװעדט מיט מענלאַכען עזות, מיט מענלאַכער העלדישקייט און שטאָלץ... דערצו האָט נאָך דר. ט... — אַן אַלטער ציניקער, מיט טיפע שעלמישע אויגען, אַ פול רויט פּנים. האַלב פּליכעװאַטען קאָפּ און אַ שיינער גרויליכער „שפּאַנקע" — פון יעדען שאַרפען עפּיזאָד שטאַרק הנאה געהאַט און האָט אונטערגעטריבען דעם איינגערען עולם צו דערציילען אַלץ שאַרפערע מעשות מיט אַ גוט־מוטיגען: „קאַטאַי, בראַט, קאַטאַי!..." (אידיש האָט ער ניט גערען גערעדט).

חברה איז אַלץ מער אַריינגעקומען אין אַ דערהויבענער, העלדישער שטימונג.

משה זינגער, אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ זיסער טענאָר שטימע, אַ ברייטער ברוסט און אימפּאָזאַנטער פיגור, האָט גאָר אַן באַפּוצונג זיך באַרימט דאָס ער האָט געזען ביי זיינע פּיס יעדע פרוי װאָס איז אים נאָר געפעלען געװאָרען. ער האָט געהאַט ליבעס פאַרהעלטעניסען מיט דער־און־דער און האָט גענאָסען פרייד מיט יענער־און־יענער... ליבע צום מאַן, אָדער צו די קינדער, װאָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס אַלץ געהאַט, װען די פרוי האָט אים דערזען? ! זי האָט פאַרגעסען אַלץ װאָס איר איז געװען ליב און טייער, װען ער האָט עס נאָר געװאָלט. אַזאַ װאונדערבאַרע קראַפט האָט ער געהאַט איבער די זינדערינס!

און „פּאַרנאַס" — אַזוי פלעגען מיר אים רופען — אפילו „פּאַרנאַס" — דוקא ניט קיין שיינער, אַביסעל אַ געשטופּעלטער, אַ נערװעזער, מיט אויגעלאַך פון אַ דערשראָקען מייזעל, מיט אַ קליין שיטער בערדעל און אַ הויקער'ל אויף אַ זייט, — אפילו ער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל איבערגעלעזען זיינ'ס אַ ליבע־ליד פאַר אַ יונגער, שעמעװדיגער װייבעל, האָט זי זיך אים פּלוצלונג אַרויפגעװאָרפען אויפ'ן האַלז און זי האָט געװיינט און געבעטען:

— איך קען אָן אייך ניט לעבען!...

ער האָט מיט איר קיין לאַנגע שהיות ניט געמאַכט... ער האָט פיינט צו מאַכען לאַנגע שהיות... — האָט ער מיט שטאָלץ דערקלערט!

איך בין זיך מודה — הפּנים, אַז אויך אין מיר האָט זיך דער מענליכער שטאָלץ אויפגעװעקט, װאָס בין איך דען ערגער פאַר אַלע? — און מיר האָט זיך אויך פאַרגלוסט צו דערציילען עפּעס אַ פּיקאַנטע מעשה. אָבער איך האָב בשום אופן ניט געקענט צוטראַכטען עפּעס רעכטס, װאָס זאָל זיך פּאַסען צו די אומשטענדען. עפּעס האָב איך ניט געקענט אַריינפּאַלען אין טאָן פון מיינע קאַמעראַדען. האָב איך זיך שטיל צוגעהערט צו זייערע

מעשות... זיי ווידער האבען כמעט פארגעסען אז מיר. זיי האבען זיך אויף מיר דערמאנט ערשט דעמאלט, ווען איך האב אויפגעוועקט דעם קעלנער און ביי אים געבעטען א פרישע, הייסע גלאז טיי.

— א! קרוינעלאך! זעט נאר! און דו?... — האט מען זיך צו מיר געווענדעט. — דו ביזט גאר קיין זכר ניט? ! — האט „פארנאס“ מיט א ציניזשען שמייכעל א זאג געטאן.

— ש־ש־א־ט!... קיין צדיק בין איך ניט. מ׳שטיינס געזאגט, צדיקים אין ניו יארק... אבער דערציילען קען איך אייך נאר אן אמת׳ע מעשה... איר הערט, אן אמת׳ע, אן עפיזאד פון מיין אייגען לעבען!... קיין דאמען זיינען דאך ניטא; הייסט עס, ניטא קיין צענזור... וואלט איר אפשר געוואלט הערען אן אמת׳ע מעשה?

— א נייס!... וואס פאר א פראגע? געווים, געווים!... — האט זיך געהערט פון אלע זייטען.

— כי־כי־כי... — האט דר. ט.. גע׳כיכיקעט — „א פע־טינקע“ — האט ער מיך א טארע געטאן — טאק קאטאי, בראט, קאטאי!...

דער קעלנער האט מיר טיי געבראכט און איך האב אנגעהויבען:

— מיט עטלאכע יאר צוריק האב איך זיך באקענט מיט א שיין מיידעל. זי איז דעמאלט ערשט געווען געקומען פון רוסלאנד און האט נאך געהאט די היימישע שיינע, רויטע באקען, א הויכע ברוסט, א שארפען, שטאלצען קוק און פרייע, ניט־געצוואונגענע מאנירען. זי איז געווען א גע־שייט, אנטוויקעלט מיידעל, מיט א גראדען קלוגען פארשטאנד און א פעס־טען כאראקטער. עס האט ביי מיר ניט לאנג געדויערט צו פארליבען זיך אין איר. איך בין דעמאלט געווען אזוי עלענד!... איך האב זיך, אמת, אפילו געוועזן אנגעהויבען צו־צופאסען צום היגען לעבען, אבער עס איז מיר נאך אלץ אויסגעקומען צו פירען א שרעקלאך שווערען קאמף פאר די נויטיגסטע לעבענסמיטלען. אין די רעדאקציעס פלעגט מען ניט תמיד צונעמען וואס איך האב אנגעשריבען — איך האב נאך דעמאלט געהייסען פון די „יונגע“ — און עס פלעגט מיר אפט אויסקומען אונטערצוהונגערען. ווי עס זאל ניט זיין, איך האב זיך געפילט עלענד, איינזאם און האב געגארט נאך א פריינד. נאך אן אייגענעם... נאך ליבע!

זי האב איך באגעגענט ביי א באקאנטען אויף א שטיקעל שמחה און האב צו איר דערשפירט אווארים־פריינדלאך געפיל פון דעם ערשטען אויגענבליק אן. אזוי ווי איך וואלט געפונען אן אלטען פריינד און שוין יענעם אוועקט האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז זי פארהאלט זיך צו מיר עטוואס אנדערש איידער זי האט זיך פארהאלטען צו די איבעריגע יונגעלייט. אונזער באקאנטשאפט איז געוואקסען; עס האט מיך געצויגען צו איר איר

פרייע ניט־געצוואונגענע באַנעמונג, איר טיפער גליענדער בליק, איר זעל־טענער אבער האַרציגער געלעכטער און אירע קלוגע, ערלאַכע רייד... און איך האָב זיך פאַרליבט אין איר. וואָכען־לאַנג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. איך האָב זיך צו קיין זאַך ניט געקענט נעמען. תמיד איז זי מיר געשטאַנען פאַר די אויגען — די שיינע, מיט דעם שטאָלצען, גליענדען בליק. ענדליך האָב איך איר געזאָגט אַז איך האָב זי ליב און... און... מיר זיינען גליקליך געווען!...

איר ווייסט, אַמאָל פאַל איך אַריין אין אַ סענטימענטאַלער שטי־מונג — האָב איך פאַרטגעזעצט און אַ זופּ געטאָן מיין טיי — איז יענעם ווינטער, ווי נאָר איך פלעג אריינקריגען עפּעס אַ פּאָר סענט, פלעג איך קויפען אַ נאַשעריי אַ מתנה... שאָקאָלאַדקעס... אָדער אַ האַלב פונט עכט קאַליפאָרניער וויינטרויבען וואָס ווינטער קאָסטען זיי אַ מטמון מיט גאָלד. אבער וואָס האָט עס אויסגעמאַכט וויפיל די נאַשעריי האָט געקאָסט? איך בין געווען גליקליך, ווען זי פלעגט מיט ליבע אויפהויבען אויף מיר אירע גליענדע שטאָלצע אויגען און אַ זאָג טאָן מיט אַ שמייכעל:

— דוריען! —

— דוריען?! זאָל זיין דוריען, אבי איך פלעג אַ וואָרף געבען מיינע אָרעמס אַרום איר האַלז, צודריקען מיינע ליפען צו איר פּנים און קושען זי — קושען אירע ליפען, אירע באַקען, אירע אויגען — הייס, ליידענשאַפטלאַך. און איך פלעג פילען, אַז נאָר אין דער ליבע ליגט דעם מענשען'ס העכסטע גליק.

מיר האָט זיך פאַרגלוסט מיר זאָלען חתונה האָבען. איך בין אפילו יענעם ווינטער געווען אַ גרויסער אָרימאַן — אבער וואָס האָט איינס צום אַנדערען? — האָב איך געטראַכט. חתונה האָבען?! וואָס האָט דען ביי אונז געהייסען חתונה האָבען? מיר זיינען ביידע געווען „פרייע מענשען“: מיר האָבען שוין לאַנג ניט געגלויבט אין דעם אַלטען „הרי את“ און האָבען זיך אויסגעלאַכט פון דער אמעריקאַנער קאָמעדיע חתונה צו האָבען ביי אַ ריכטער אָדער ביים מעיר.. חתונה האָבען האָט ביי אונז פשוט געהייסען דינגען אַ צוויי־דריי צימערלאַך, נעמען אַ בעט, אַ טיש, אַ פּאָר ביינקלאַך און אַן אויוועז אויף אויסצאָלען. נאָך איינקויפען די איבעריגע קלייניגקייטען פון אַן אָרים בעל־הבתי'שקייט פאַר די עטלאַכע סענט וואָס איך קען צונויפשאַרען און אַריינקלייבען זיך אין דער דירה און לעבען ווי אַ מאַן און ווייב אין טיפסטען גליק פון צוויי ליבענדע זעלען. איז אַ געוויסען פאַרנאַכט, ווען מיר זיינען ביידע געזעסען לעבן פענסטער, אין דאָס טונקלע ליכט פון איר צימער און האָבען אַרויסגעקוקט אויף די פרישע שטערענדלאַך שניי וואָס זיינען געפאַלען אויף די דעכער פון די נידעריגע הייזער, האָב איך

מיין פארשלאג געמאכט — מיר זאלען חתונה האבען... זי האט אויף מיר א לאנגען קוק געטאן. אין אירע אויגען האבען זיך, דאכט זיך, אפגעשפיגעלט אלע פארבען פון דער ליבע, און דאך האט זי שארף און אנטשלאסען געזאגט:

— ניין, דאס קענען מיר נאך איצט ניט טאן.

— פאר וואס? — האב איך פארוואונדערט געפרעגט — וואס שטערט אונז דען?

זי האט ניט געענטפערט. אבער איך האב פלוצלונג דערזען א טיפען סוד אין דעם אפגלאנץ פון אירע אויגען, א שרעקלאכען אפהאלט אין איר נשמה... וואס איז געווען דער סוד? דאס האב איך ניט פארשטאנען.

דערווייליגע איז מיין ליבע צו איר אלץ גרעסער געווארען, אלץ שטארקער מיין באגער זי צו באזיצען... מיינע ליידען זיינען געווארען אומדערטרעגלאך. אפט האב איך זיך אליין געפרעגט:

ליבט זיך מיך נאר? אפשר נאר איך זיך אפ!... אבער די פילע גליקלאכע מאמענטען וואס די פלאמענדע ליבע האט מיר פארשאפט, איר טיפע ערנסטקייט און גרונטלאכע ערלאכקייט האבען מיך ניט געלאזט צווייפלען אין איר, אדער חושד זיין זי, אז זי שפילט זיך מיט מיינע געפילען... און דאך... יעדעס מאל וואס איך האב זי געבעטען, מיר זאלען מאכען א סוף צו אונזערע ליידען, פלעגט זי שווייגען... קוקען אויף מיר און שווייגען... און איך האב דערזען אין אירע אויגען יענעם פארבארגענעם סוד, וואס פלעגט מיך אליין אויך שטום מאכען... און איך האב ווייטער געליטען!...

* * *

אין ניו יארק איז דעמאלט געווען א לעבעדיגע צייט. די רעוואלוציאנערע באוועגונג פון רוסלאנד האט אנגעצונדען יעדעס ווינקעלע פון אונזער קווארטאל מיט גרויס באגייסטערונג. יעדער אינטעליגענטער מענש האט געלעבט צוויי לעבענס: דאס וואכעדיגע היגע לעבען און דאס יום־טוב׳דיגע באגייסטערטע לעבען פון דעם קאמף אין רוסלאנד. אמאל פלעגען אהער אריבערקומען פון דארטען גרויסע פירער, ליטעראטען, קינסטלער און אויפברויזען דא דעם ים פון מענשלאכע געפילען און די שטראמען פון התלהבות פלעגען אפפרישען טויזענטער זעלען. אין יענער באגייסטערונג האב איך אויך געפונען א ביסעל רו; איך האב א ביסעל פארגעסען מיינע אייגענע ליידען. זי האט אין דער אויפוועקונג פון אונזער היגען בינשטאק נאך א נייע לעבען געפונען, א גרויסע שטילע טעטיגקייט. אן רעש האט זי פיל ארבעט אויפגעטאן און איך האב איר מיטגעהאלפען.

אזוי האט עס אנגעהאלטען עטלאכע חדשים. איך האב באמערקט אין איר א וואונדערבארע ענדערונג. זי איז עפעס לעבעדיגער געווארען — ניט

אזוי שטיל און ניט פארשלאָסען אין זיך ווי זי איז פריער געווען. עפּעס האָט זי א ליכטיגע האפנונג באזעלט... און דאָך... איז זי, דאכט זיך, שעמעוודיגער געוואָרען, ניט אזוי פריי און ניט אזוי שטאָלץ ווי פריער. אירע אויגען האָבען געגליט מיט פייער און ליבע. איר פּנים האָט געשטראַלט מיט גליק, ווען זי פלעגט מיך ארומנעמען; אירע באקען, וואָס האָבען שוין א ביסעל זייער נאטירלאכע רויטקייט פארלוירען, פלעגען אפט אויפפלאַמען ביי אַן אומגערן וואָרט, ביי א זייטיגער באמערקונג. שטונדען לאנג פלעגט זי מיך האַלטען אין אירע אָרעמס און באדעקען מיט קושען... מינוטען לאנג פלעגט זי מיר קוקען אין די אויגען און דערציילען מיר פון איר אומענדלאכע ליבע צו מיר... און מיר האָט זיך געדאכט אז איך האָב פארשטאַנען דאָס פאַרבאָרגענע אין איר זעלע.

— פריער האָט איר דאָס גרויסע באַגייסטערטע לעבען געפעלט!... — האָב איך געטראַכט. און איך האָב מיר אנגעהויבען וועבען נייע האָפנונגען: נייע בילדלאך האָב איך מיר געמאָלען; און איך האָב געזען פאר זיך קליינע זויבערע צימערלאך; א ווייס אייזערען בעט מיט מעשענע גאַלקעס; א נייעם אויוון מיט א פרייליך פייער אין אים און מיין שרייב־טיש אין א ווינקעל פארפּוצט מיט ווייבערשען געשמאַק; איך האָב געזען א היים פאר זיך מיט איר — מיין בעל־הבית'טע!...

איך בין ווידער גליקלאך געווען, אָבער ניט אויף לאַנג...

* * *

איין מאָל, אז איך בין אין אָווענט געקומען צו איר, האָב איך זי געטראָפען אין טרערען. איך בין ערשטוינט געוואָרען. קיינמאָל פריער האָב איך זי ניט געזען וויינענדיג. זי האָט ניט געפּרואווט באהאַלטען פון מיר אירע טרערען. זי האָט נאָר אויסגעווישט די אויגען מיט'ן טיכעל און האָט מיך שטיל באגעגענט.

— טרערען? — האָב איך געפרעגט — וואָס איז דאָס?

— גאָר ניט! — האָט זי קורץ געענטפערט.

— אָבער דאָך?! — בין איך צוגעשטאַנען.

און זי האָט מיר אַלץ דערציילט. רואיג... ווי זי וואָלט זיך מתודה געווען. די טרערען זיינען איר געשטאַנען אין די אויגען. זי האָט זיי ניט געקענט קאָנטראָלירען.

זי האָט אים דערזען אין א מאָמענט פון גרויסער באַגייסטערונג, ווען טויזענטער נשמות האָבען געפילט אין איינקלאַנג מיט דער התלהבות פון זיין נשמה. און זי האָט אים דערקענט. ער איז געווען ד ע ר, וועמען איר זעלע האָט יאָרען לאַנג געזוכט, נאָך וועמען זי האָט געבייַנקט, אויף וועמען זי האָט געהאָפט און געוואַרט. און זי האָט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּגעשטעלט...

ביי א געלעגענהייט האט זי אים אָן מורא און אָן פאַלשער צניעות דערציילט דעם באַגער פון איר נשמה.

— די נאַטור — האָט זי אים געזאָגט — האָט אויף איר אַרויפגעלייגט אַן אומפאַרמיידליכען חוב און זי וואָלט דעם חוב געוואָלט באַצאָלען מיט דאָס בעסטע און טייערסטע. זי פאַרלאַנגט פון אים גאָר ניט!... זי וויל אָבער פאַראייניגען אין אַ מענשלאַך לעבען זיין גרויסען גייסט מיט איר האָפענונג צו ברייגגען אויף דער וועלט די בעסטע פרוכט פון איר ווזען... ער האָט אויף איר אַ מילדען קוק געטאָן. ער האָט זי ניט קלאָר פאַרשטאַנען: —

— ער ליבט זי דאָך ניט!

אָבער צו וואָס האָט זי געדאַרפט זיין ליבע: מ י ד האָט זי ליב געהאַט מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר זעלע.

— זיין גייסט, זיין נשמה האָט זי געדאַרפט!

איצט האָט ער זי בעסער פאַרשטאַנען. אָבער... ער קען ניט איבערלאָזען זיין לעבענס־אַרבעט און זאָרגען פאַר איר און איר קינד.

אָבער צו וואָס האָט זי דען געדאַרפט זיין מי און זיינע זאָרגען? אַליין וועט זי טראָגען דעם יאָך פון לעבען!...

און ער האָט ווידער אויף איר אַ קוק געטאָן — אַנדערש ווי פריער, מיט אַ ביסעל תאווה אין די אויגען. ער האָט מיט איר אַ שטיף געטאָן... צערייצט... און אין זיינע אויגען האָט זיך אַ פייער אָנגעצונדען...

און זי האָט זיך אים אָפּגעגעבען... ביז... ביז זי האָט דערשפּירט די פרוכט פון לעבען אונטער איר האַרצען...

און זי איז גליקלאַך געווען. די גליקלאַכסטע אין איר אומענדלאַכער ליבע צו מיר... און ער?... ער איז מלא כעס געווען. וואָס הייסט?! און ער האָט זיך פון איר אָפּגעקערט; ער האָט זי מער ניט דערקענט... ווי אַ פרעמדע באַהאַנדעלט! עס האָט איר וויי געטאָן, אָבער זי איז צו גליקלאַך געווען מיט איר גליק.

היינט איז ער ווידער געקומען... ווידער פריינדלאַך געווען... ווידער מיט דעם פייער פון דער תאווה אין די אויגען... ווידער צערייצט!... און זי האָט דערשפּירט אין זיין פאַרלאַנג אַ שרעקלאַכע דערנידערונג... און זי האָט שרעקלאַך געליטען!...

און איך?!

איך האָב אין דער שטילער טונקעלהייט פונ׳ם צימער געזען ווי אַ האַלבנאַכט איז פון הימעל צו דער ערד געפאַלען און האָב אין מיין אָנמאַכט געשטיקט זיך און געביסען די ליפּען ביז בלוט...

שטונדען לאַנג פלעגט זי נאָך דעם זיך אָנקלעפּען מיט אירע הענט אין

מיין קערפער. באגראבען איר פנים אויף מיין אקסעל, צודריקען מיך צו איר ברוסט און שווייגען... שווייגען... שווייגען!.. אמאל פלעגט זי מיך ארומכאפען מיט אזא פייער, קושען מיך און בייסען מיך מיט אזא ליידענשאפט, אז מיר פלעגט זיך דאכטען: איך וועל ניט אויסהאלטען... ווי א צערייצטע חיה וועל איך זי פארצערען און שטילען דעם דורשט פון דאס בלוט... אבער א גוואלטיגע ניט־געזעענע מאכט פלעגט מיך צוריקהאלטען...

— איך וויים, איר וועט זאגען, א לעמעל... אבער ווי האב איך געקענט צורירען זיך צו איר און פארשוועכען אירע הייליגסטע האפענונגען? און איך האב זי ניט אנגערירט!...

* * *

איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען דעם טאג ווען זי האט געבוירען דאס קינד אין שפיטאל. מיך האט מען צו איר ניט צוגעלאזט. איז מיר קיין אנדער ברירה ניט געבליבען ווי ארומצוגייען היין און צוריק פאר דער גרויסער גרויער געביידע. עס איז געווען אין הערבסט. אין דרויסען איז געווען קאלט און עס האט געמראקעט א דריבנע־ קאלטער רעגען. דא, ווי אויף צו להכעיס, האב איך קיין אויבער־ראק ניט געהאט. איך האב אנגערוקט דעם הוט, האב ניט־ווילענדיג זיך איינגעהויקערט, באהאלטען די הענט אין די הויזענקעשענעס און בין ארומגעגאנגען איבער'ן טראטואר פאר דעם שפיטאל ווי א האלב־משוגענער. אמאל פלעג איך זיך אפשטעלען אויף א מינוט, ארייננקוקען אין דעם ברייטען, באלויכטענעם אריינגאנג, אדער קוקען אויף די לאנגע שמאלע פענסטער אין דער גרויער וואנט. די טראפענדלאך רעגען זיינען קאסע געפאלען אויף די שויבען און האבען זיך איבער זיי געקאטשעט ווי טרערען און די פארוויינטע פענסטער אין דער גרויער וואנט האבען אימה'דיג געקוקט אויף מיר. אן אנדערש מאל האב איך געקוקט אויף דעם פארק אנטקעגען. די טונקעל־גרויע וואלקענס האבען ווי א בלייענע דעק דעם הימעל פארשטעלט און האבען פון א העלען מיט־טאג א בין־השמשות געמאכט. די נאקעטע בוימער און בוימעלאך אין פארק האבען אויסגעשטרעקט זייערע נאסע, דארע צווייגען ווי טויטע גלידער און האבען זיך מרה־שחורה'דיג געשאקעלט אין דעם ווינט און רעגען...

און די צייט האט זיך געצויגען און געצויגען... איך האב געפילט. אז די נשמה גייט מיר אויס פון בייגקעניש צו איר אין דאס קראנקען־צימער. מיר פלעגט זיך אויסדאכטען, אז זי וועט עס ניט איבערלעבען: זי וועט ניט אריבערטראגען אירע שמערצען נאך די ליידען פון די לעצטע עטלאכע חדשים... זי וועט שטארבען...

אבער זי איז מיט מזל איבערגעקומען. זי האט א מיידעל געהאט. וואסער אן אנטוישונג!... א איינגעל האט זי געוואלט. זי איז כמעט געווען זיכער.

אז זי וועט האָבען אַ אינגעל און אין מאָמענטען פון ליכטיגער שטימונג, פון גליקלאַכער האָפענונג פלעגט זי חלומ'ען:

— זי וועט דאָס בעסטע פון זיין טאַטען ערציען און פלעגען און אים און דאָס ערגסטע וועט זי אויסוואַרצלען... און ע'ר וועט גרויס זיין!...

איך פלעג הערען איר חלום און פלעג פאַרשטיין צוליב וואָס זי האָט איר גרויסען קרבן געבראַכט.

אַ היבש ביסעל צייט איז זי קראַנק געווען. צו ביסלאַכווייס איז זי אָבער געקומען צו זיך און איז געזונט געוואָרען. ביים אויסשרייבען זיך פון שפּיטאָל האָט מען מיך צו איר צוגעלאָזט. איך האָב זי געדאַרפט אַהיים נעמען. איך האָב זי כמעט ניט דערקענט. אַ ווײ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיין ברוסט, ווען איך האָב זי דערזען. איך בין איר אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און האָב זי געקושט און געהאַלזט און געוויינט ווי אַ קינד. אויף איר פּנים האָט זיך בלויז אַ קרומער קאָנוואולסיווער שמייכעל אויסגעשפּרייט און טרערען זיינען איר אין די אויגען געשטאַנען. זי האָט מיך שטיל און האַרציג געדריקט צו איר ברוסט.

אומגערן האָב איך דערזען דאָס קינד... אין מיין איבעררראַשונג האָב איך עס פריער גאַרניט באַמערקט. קוקענדיג אויף דאָס עופ'על'ע האָב איך פּלוצלונג דערשפּירט אַ שרעקלאַך געפיל. איך האָב זיך אָפּגעווענדעט און האָב עפּעס געשטאַמעלט צו פאַרגלעטען דעם איינדרוק.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ געפיל?... איך האָב זיך אויף דער פראַגע ניט געענטפערט.

איך האָב זיי געבראַכט אַהיים — אַ צימער און די נויטיגע מיטלען צום לעבען האָב איך נאָך פריער פאַר זיי אָנגעגרייט — און יענעם אָוונט בין איך מיט איר געזעסען כמעט ביז טאָג. איך האָב פיל גערעדט. איך האָב איר דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אונזער קוואַרטאַל פאַר דער גאַנצער צייט. זי האָט געהערט און געשוויגען. זי האָט זיך איינגעגנורעט אין מיין קערפּער, האָט אַרומגעלייגט אירע הענט אַרום מיין האַלז, האָט זיך צוגעקלעפּט מיט איר ברוסט צו מיין זייט און אָנשפּאַרענדיג איר קאָפּ אַז מיין אַקסעל, האָט זי געהערט וואָס איך דערצייל. פון צייט צו צייט האָט זיך מיך לאַנג און ליידענשאַפטלאַך געקושט.

ביים אוועקגיין, ווען איך בין שוין כמעט געווען ביי דער טיר, האָט זי שטיל באַמערקט:

— ליבער, דו האָסט פאַרגעסען זעגענען זיך מיט'ן קינד...

מיך האָט אַ שוידער געטאָן ביי די ווערטער. אַ מינוט בין איך אין אַ פאַרלעגענהייט געשטאַנען. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט

עס באַמערקט און האָט מיך טרויעריג אָנגעקוקט. איך האָב אַן אָנשטעל געמאַכט — זי האָט עס פאַרשטאַנען און האָט געשוויגען...

* * *

אַ קורצע צייט האָט זי געלעבט מיט'ן קינד אין דעם צימער וואָס איך האָב געהאַלטען פאַר זיי. איך פלעג קומען צו איר יעדען טאָג און ברייגנען איר אַלץ וואָס איך האָב פאַרדינט, כדי זי זאָל קיין נויט ניט ליידען; און איר לעבען האָט זיך ביסלאַכוויים אָנגעהויבען איינצואָרדענען. וועגען קינד האָט זי מיר קיינמאָל ניט דערמאָנט. אָבער דאָס שווידערלאַכע גע־פיל, וואָס איך האָב דערשפירט דעם ערשטען טאָג ווען איך האָב דאָס קינד דערזען, איז אין מיר געוואַקסען פון טאָג צו טאָג און איך האָב געפילט אַז איך וועל דאָס קינד קיינמאָל ניט ליב האָבען...

זי איז מיט איר לעבען ניט צופרידען געווען.

— אַזוי טויג ניט, פלעגט זי מיר אָפט זאָגען. נעמען ביי מיר געלט, לעבען אויף מיין רעכענונג, ליבען און ליידען און בלייבען פרעמדע?... ניין, אַזוי טויג ניט. לאָמיר נעמען אַ פּאָר צימערלאַך, איינאָרדענען אַ ביסעל בעל־הבית'ישקייט. אויף דאָס ביסעל פאַרדינסטען קענען מיר דאָך אַלע לעבען אין איינעם און לעבען גליקלאַך!...

אין יענע מינוטען פלעג איך פילען אַז זי איז גערעכט און איך פלעג זיך אַוועקלאָזען זוכען אַ דירה, קלעטערען אויף די טרעפּ, אַנקוקען צימער־לאַך... און פלעג זיי דאָך ניט דינגען...

— ווי אַזוי וועלען מיר לעבען אין איינעם? — פלעגט זיך מיר שטעל־לען די פראַגע. — ווי אַזוי וועל איך באַהערשען דאָס אומפאַרשטענדלאַכע געפיל צום קינד וואָס וואַקסט אין מיין נשמה און שטויסט מיך אָפּ פון דעם? און איך האָב אַלץ קיין דירה ניט געדונגען... אָבער זי איז ניט אָפּגעשטאַנען און איך האָב זיך געמוזט אַנטשליסען. בין איך ווידער אַרומגעגאַנגען און האָב געזוכט אַ דירה. איינמאָל, מיד ווערענדיג אַרומקלעטערען אויף די שטיגען, ביז איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ באַקאַנטען קאַפע־הויז אָפּרוען זיך און אויסטרינקען אַ גלאָז טיי. איך האָב זיך געזעצט ביי אַ טישעל און דער קעלנער האָט מיר טיי געבראַכט. ביי אַן אַנדער טישעל, אין עק פון קאַפע־הויז, איז געזעסען ער, — דער געפאַלענער האַלב־גאָט, — אַרומגערינגעלט מיט אַ חברה באַקאַנטע. ער האָט זיי עפּעס שטיל דערציילט מיט אַ שמייכ־לענדיגער צופרידענער מינע. אָפט האָט דער אָדער יענער פון דער חברה אַ שטילע באַמערקונג געמאַכט און אַלע האָבען הארציג געלאַכט און גשמיות'דיג געפרייט זיך. זייערע פּנים'ער, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, האָבען אויס־געדריקט אַ ברייטע, פליישיגע הנאה. איך האָב ניט געקענט אָפּרייסען די אויגען פון זיי. מער פון אַלץ האָט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט דאָס

קוועלענדיגע, צופרידענע פנים פון אים אליין — דעם דערציילער. דאס שפיציגע, פולע, רויטע געזיכט, די דיקלאכע פליישיגע ליפּען, די רויטלאכע, פארפלאמטע באקען, די שווארצע צעווארפענע האר אויף דעם עטוואס פאר־שוויצטען שטערען און די ברענענדיגע שווארצע אויגען — שטריכען, וועל־כע איך האב אזוי גוט געקענט און וועלכע האבען פאר מיר איצט גאר אנאנ־דער מענשען פארגעשטעלט, ווי דעם וואס איך פלעג פארערען און פארגעטער־רען... און אן עקעל האט מיך דורכגענומען.

— און אים, אים האט זי זיך אפּגעגעבען?... ווילענדיג, אליין... אן ליבע?!... — האב איך פלוצלונג א טראכט געטאן און עס האט מיך גע־ווארפען ווי אין פיבער!...

איך בין אוועקגעגאנגען. אבער דער געדאנק האט מיך ניט אפּגע־לאזט. איך האב געטראכט:

— ווער ווייסט וואס ער דערציילט עס איצט דער חברה מיט אזא טיפער הנאה?...

איך האב אויך דאס מאל קיין דירה ניט געדונגען און צו איר בין איך אויך דעם טאג ניט געגאנגען. איך האב ניט געקענט. ער איז מיר תמיד פאר די אויגען געשטאנען... אויף מארגען האב איך דעם עסק פאר־געלעט. איך האב עפּעס א תירוץ געפונען פאר וואס איך בין נעכטען ניט גע־קומען. אבער עס האט ניט געהאלפען. זי האט זיך אפּגעזאגט צו נעמען ביי מיר געלט.

— אט האט מען איר צוגעזאגט צו געבען ארבעט אהיים — האלזטוכען מאכען — וועט זי פארדינען אליין וואס זי דארף. מיך האט עס געקרענקט. אבער עס האט ניט געהאלפען.

— נאר ווען זי וועט קענען זארגען פאר מיר און אפּהיטען מיך, פירען אונזער קליין בעל־הבית׳ישקייט און לעבען גליקלאך מיט מיר, נאר דעמאלט וועט זי באשטיין צו טיילען מיינע פארדינסטען מיט מיר... ניט אנדערש — און ווידער פלעגט זי מיר אוועקגעבען איר צארטסטע ליבע, אירע ברענענ־דיגע קושען און טרערען!... איך האב געוואוסט, אז דאס זיינען אירע טיפס־טע און ריינסטע געפילען. אבער יעדעס מאל וואס איך האב זיך געמאטערט צו מאכען א סוף צו אונזערע ליידען, פלעג איך דערזען דאס טישעל אין קאפע־הויז און דעם געפאלענעם האלב־גאט דערציילענדיג עפּעס דער חברה מיט א מעפיסטאפעלשער הנאה, און מיר האט זיך געדאכט, אז איך הער ווי ער דערציילט ווי די שטאלצע, די קלוגע, די אנטוויקעלטע, די פרייע — זי איז געלעגען ביי זיינע פיס און האט זיך אים אפּגעגעבען אן דער מינדס־טער באמיאונג פון זיין זייט...

און ביי מיר איז הארצען איז געבוירען געווארען א פארדרוס אויף

איר. ווי אַ שלאַנג וואָלט געביסען מיין קערפּער, אַזוי האָט מיך דער געדאַנק געטאַטשעט.

— און זי האָט שוין צו אַן אַנדערען געהערט!

און טעג זיינען פאַראיבערגעגאַנגען ביז איך האָב זיך באַהערשט און האָב ווידער געקענט צו איר גיין. זי האָט שוין האַלזטיכער גענייט. ביי אַ מאַשין איז זי געזעסען און גענייט. מיר האָבען איבערגעלעבט אַ שרעקלאַכען טאָג. שעה'ענווייס בין איך אויף איר בעטעל געלעגען און האָב געכליפּעט היסטעריש. זי האָט שטיל גענייט. און ווען איך פלעג זיך אויפכאַפּען און קו־שען זי, האַלזען זי און דריקען זי צו זיך ווי אַ משוגע'נער, פלעגט זי נאָר אויפהויבען אויף מיר אירע טיפע, ליכטיגע אויגען פול מיט טרערען, קוקען אויף מיר און שווייגען...

איין מאָל, קוקענדיג אַזוי, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך האָט מיך מער ניט ליב!... — און דער אַלטער שטאָלצער טאָן האָט זיך ווידער אין איר שטימע געהערט.

— וואָלט ער געשטאָרבען, — האָב איך געטראַכט,— וואָלט זיך מיין נשמה אפשר בארואיגט. לעבט ער אָבער... און זי האָט צו אים געהערט... — און איך האָב זיך אויף קיין זאַך ניט געקענט באַשליסען...

* * *

ווען איך בין צו איר נאָכאַמאָל געקומען, איז זי שוין ניט געווען אויף דער וואוינונג. זי איז ערגעץ אוועקגעפאָרען, האָט מען מיר געזאָגט. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט דערגיין וואוהין זי איז געפאָרען.

— וואו איז זי איצט — די פרייע, די שטאָלצע? — ווער ווייסט?!...

— האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסען פון האַרצען.

איך בין שטיל געבליבען.

חברה איז אויך שטיל געווען: קיינער האָט אַ וואָרט ניט גערעדט. די טיי מיינע איז שוין לאַנג, לאַנג פאַרקילט געוואָרען.

ניו יאָרק, 1909.

לידער

געפאנגען *)

(א מעשה׳לע)

אין א וואלד האב איך געבלאנדזשעט, אין א געדיכטען וואלד.
און בלאנדזשענדיג האט מיך אהין געצויגען
פון וואנען ס׳האט דער עכא׳ס קלאנג
דעם רויש פון שווערע וועסלעס איבער א וואסער־פלאד.
מיט ווייכען, שטילען פליעסק מיר צוגעטראגען.
מיך האט אהין געצויגען.
איך בין געגאנגען. א שמאלע סטעזשקע האט דעם וועג געוויזען מיר.
די זון האט הויך געברענט אין הימעל און דורך די געדיכטע בוימער־צווייגען.
האט זי געקוקט אויף מיר מיט טויזענט שטראלען־אויגען.
געקוקט, געווארימט מיך, געבריט, און איר ווי אויף להכעיס,
האבען די גרויסע שאטענס פון די בוימער געלאשצעט מיך, געקילט.
די בוימער האבען שטיל געשאקעלט זיך אין ווינט,
געפליסטערט און גע׳סוד׳עט זיך — גערעדט א בלעטער־שפראך,
וואס נאר די פויגלען האבען פארשטאנען און געענטפערט מיט געזאנג...
געזונגען האבען זיי, געשפרונגען
פון צווייג אויף צווייג, פון בלום אויף בלום צום טאקט און חן
פון יענע קלאנגען אין דעם וואלד, וואס גיסען זיך צענויף
מיט יעדען זשומזשען פון א פליג, א שפערלינג און א שמעטערלינג,
מיט יעדען פישטש און קוויטש און גרילץ פון וועווערקע און קראט און גריל,
מיט יעדען ברום און רעווע און געשריי
פון ווילדע חיות אלערליי...
איך בין געגאנגען. די גרעזעלאך, די יונגינקע, האבען געקוקט צו מיר
מיט חנ׳עוודיגע אויגעלאך פון זילבער קלארען טוי.
געוואונקען האבען בשמים׳דיגע בלומען מיט א זיסען שמייכעל:
צו דער זון — צום לעבען — האבען זיי די פיל־קאלירטע קעפעלאך
מיט שטאלצען מוט געהויבען.
איך בין געגאנגען. און אונטער מיינע פיס האבען געקרעכצט מיט יעדען טריט
די צווייגען טרוקענע, די בלעטער געל־פארוועלקטע.

*) געווען געדרוקט אין „אין שטראם פון לעבען“.

געקנאַקט מיט טאַקט
צו יעדען קראַך און קלאַנג און טראַך — דעם אוי־געשריי
פון גוסס׳דיג פּאַרטריקענטע, פון אַלטע, טויטע בוימער.
באַצויבערט האָט דער וואַלד מיך אויף מיין וועג.
באַרוישט האָט מיך די גרויסע, גרויע מאַכט.
פאַר׳כשופ׳ט האָט מיך די סימפאָניע פון קלאַנגען און געזאַנגען !...
און איך בין אַלץ געגאַנגען...

— — — — — — — — — — — — — — —

געפירט האָט מיך דער וועג צו א גרויסען וואַסער־שפּיגעל.
אַן אַזערע וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט
מיט בלויל־גאָלדענעם גלאַנץ צווישען בערג און וועלדער.
און האָט אין טאָל — אין גרויסען, ברייטען —
געלעבט מיליאָנען יאָרען שוין.
ביי טאָג — געשפּילט זיך מיט די שטראַלען פון דער זון :
ביי נאַכט — שטיל און טרוימעריש גערדעמעלט און געשלאָפען.
באַדעקט מיט שוואַרצע שטערענדיגע הימלען.
און א מאָל גאָר —
אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט
געקריגט זיך מיט די ווינטען...

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף דעם קלאָרען, קריסטאַל־קלאָרען, גאָלד־געפאַרבטען וואַסער־שפּיגעל
האָט זיך גרינג געהוידעט און געוויגט א שיפעלע א קליינס.
א שיפער איז אין דעם געזעסען. יונג און שטאַרק איז ער געווען.
מוסקולען פעסטע, ברייטע ביינער, ווי פון שטאָל געשמידט די ברוסט
און די שטריכען פון דעם פּנים, פון דער זון פאַרברענט,
האָבען דורך זיין זעלע׳ס כשוף מיט א צויבער־מאַכט געגליט.
אין די אויגען גרויסע האָט געפלאַמט א פייער,
און די יונגע לוסט צום לעבען האָט אין זיי געפינעט און געשלאָגען
ווי א קוואַל פון בארג...
נעגען אים איז זי געזעסען. אירע ווענלעס, אין די רינגען פעסט געהאַלטען,
האָבען אויף איר שוים גערוט.
זי איז יונג — נאָך בלוט און מילך — שיין ווי גאָלד געווען,
רויטע, ווי די עפּעל — באַקען, ברוינע האָר — א קרוין.
רונדע ברוסט, ווי אייטערס פולע, האָבען אין דעם רונד־געקאַרבטען בוזעם,
האַלב אין דרויסען — ווי אַלבאַסטער־ווייסע לעבענס־פּאָמפּעס —
זיך געהויבען און געפלאַטערט מיט דעם לייוועגטענעם העמד.

און אויף זיי פּאַרשייט געשפּילט זיך האָט אַ יונגער זון־שטראַל,
וועלכער האָט זיך טויזענט מאָל צעבראָכן
אויף דעם פּערעלמוטער קנאָפּ פון איר אָפענער קאַמיזאָלקע...
שיין ווי גאָלד!
נאָר די אויגען טיפע, בלויע, האָבען עפּעס ווי דערציילט
סודות פון דער זעלע...
ביידע זייגען שטיל געזעסען.
ער מיט האָפענונג־פולע אויגען האָט געקוקט איר אין דער זעלע
און געוואַרט, געהאָפט...
זי האָט שטיל געקוקט אַרונטער און געוואַרט, געשוויגען...
דורך דעם פישער'ס שיפעל, טיף אין מוטנעם וואַסער־גרונט
האָט זי עפּעס זען געוואָלט...

— — — — — — — — — — — — — — —

און ער האָט זיין נעץ פאַרוואָרפען ווייט און שטאַרק,
מיט יונגער מאַכט, אַ פישעלע צו כאַפּען.
און ער האָט די עקען שטריק צום שיפעל צוגעבונדען
און האָט ווידער שטיל געוואַרט... געוואַרט...
זי איז געגען אים געזעסען און האָט אַלץ געטראַכט... געטראַכט...
נאָר די זון האָט אָנגעפילט דעם גאַנצען רוים מיט ליכט
און די שטראַלען האָבען שטיל, ווי שפּיזען גאָלדענע געשטיפּט,
געשפּילט זיך מיט דעם בלויען וואַסער,
טאַנצענדיג און בלישצענדיג מיט דעם זיבעטען חן.
גאָר דאָס וואַסער האָט געלעבט, געהוידעט זיך און שעמערירט
און דאָס שיפעל האָט געוויגט זיך אויף דער וואַסער־פלאַך.
נאָר די בוימער מיט די שאָטענס — אָפּגעשפּיגעלט קאָפּ־אַראָפּ —
האָבען זיך געשאָקעלט שטיל אין דעם קילען ווינטעל.
און די קולות פון דעם וואַלד האָבען אין דעם פוסטען רוים
ערגעץ־וואו גע'עכאָ'ט!...

— — — — — — — — — — — — — — —

פּלוצלונג האָט דאָס שיפעלע געטאָן אַ שטאַרקען ציטער.
אין אָפּגרונט, טיף דאָרט, האָט געציטערט דעם פישער'ס נעץ...
און דאָס וואַסער האָט געציטערט. און די שפּילענדיגע שטראַלען
האָבען אויף דעם וואַסער־שפּיגעל אויך געציטערט און געטאַנצט.
און אין איר האָט די נשמה אויפגעוואַכט...

און געציטערט האָט זי —

פול מיט ליבע...

און די בלויזע אָרעמס אירע האָבען אים אַרומגעכאַפּט.
און די ליפּען קאַרשען־רויטע האָט זי אויף די ליפּען זיינע
מיט דעם אימפּעט פון איר זעלע פּעסט געשלאָסען —
און אַ קוש האָט זיך געהערט.
אַ זילבער־קלאַנג האָט זיך פון די זיסע ליפּען אָפּגעטיילט
און איינגעהילט אין דער ליבע׳ס פייער האָט ער זיך געטראָגען אין דער לופט
פעדער־גרינג — העכער, העכער... ביז ער איז פארשוואונדען
אין דעם אייביגען עפיר.
איך האָב דעם קוש געהערט, כ׳האָב אים אין דער לופט געזען שוועבען.
ווי אַ רינג — אַ נעבעל־רינג — האָט ער ריינע זעלען צוויי ארומגעקייט...
און איך האָב מיר שטיל געטראַכט, אַז אין דעם נעץ האָט דאָרט מסתמא
דער שטאַרקער, יונגער פישער — אַ פישעלע געפאַנגען.
אָבער... ווען דער פישער האָט זיין נעץ אין שיפעלע געבראַכט,
זיינען דאָרט צוויי געווען — צוויי פישעלאך געפאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

גליקלאך איז געווען דער פישער, גליקלאך איז זי אויך געווען.
פעסט געשלאָסען איינס אין צווייטען האָט ער איר געקושט דאָס פּנים
און איינאיינעם מיט די שטראַלען האָט ער זיין געזיכט געבאָדען
אין איר ווייסער ברוסט.
זי איז אויף זיין האַלז געהאַנגען, טרוימעריש פאַרמאַכט די אויגען,
שכור פון איר גליק...
און דאָס שיפעל האָט געוויגט זיך און האָט זיי פאַרוויגט...

— — — — — — — — — — — — — — —

ווידער האָט ער זיינע וועסלעס אין די שטאַרקע הענט גענומען —
און איך האָב געזען פון ווייטענ׳ס, ווי זיי זיינען אָפּגעשוואומען,
ווייט אהין... צו די ברעגעס, וואו די בערג און וואו דער וואַלד
וואַרפען שאָטענס גרויסע...
לאַנג נאָך האָב איך זיי געזען צווישען העלען ליכט און שאָטען.
ווייט־ווייט אויף דעם וואַסער־שפּיגעל
האָט זיך שטיל געגלישט דאָס שיפעל.
נאָר ניט צוויי האָב איך געזען —ביידע זיינען איינס געווען —
און איך האָב געטרוימט, אַז איינער איז שוין דאָרט פאַרשוואונדען —
אין דעם נעבעל־רינג געפאַנגען — אין דעם ליבע־רינג פאַרשקלאַפּט!...

אין די עולמות עליונים

(פראַגמענט)

א שטילע רו און א בין־השמשות־ליכט
האָט אַלע זיבן הימלען איינגעהילט.
א טויטע שטילקייט, געוועבט פון עטער־טראָפּענס
און אויסגעשטיקט פון פאַרבענלאָזע פעדים,
האָט זיך פאַרשפּרייט.
און די אייביגקייט,
וואו דיקער, אַלטער שימעל ז׳געווען איינגעפלאָכטען,
ווי אין די אויגעלאַד פון א נעץ,
איז איבער אלע הימלען אין בלוי קאָליר געהאַנגען.
און אַלעס גערוט און שטיל געדרעמעלט
זייט דעמאָלט אָן,
ווען ער
דער הער
דער גאָט, דער בורא עולם
האָט אָפּגערוט פון זיין באַשאַפונג־אַקט —
דער שבת פון זיין גרויסער ארבעט־וואָך.
און גרוים און אַלט,
ווי פון א לאַנג געדעמפּטעם פייער
האָט זיין געשטאַלט, — דער צלם אלהים —
בלוילאַד־פייערדיג, פון בערג פון רויכיג־גרויע וואָלקענס
און הויפענס שנייענע,
ווי שטיקער טול קיסייענע —
ארויסגעקוקט.
(דאָס האָט אלהים זיך אין זיין הייליגען שטול
זינט דעם ערשטען שבת זיך געוויגט).
און אומעטום ארום איז שטיל און גרוי
און אומעטיג און מאָנאָטאָן געווען.
און איינטאָניג זיך האָט געצויגען,
אין האַלבע טענער — נידעריגע קלאַנגען —
דאָס אַלטע, אַלטע ליד,
וואָס זייט מיליאָנען יאָרען

זינגען צופוסענס פון כסא־הכבוד,
פרימאָרגען און אין אָווענט און אַלע מאָל,
מלאָכים און כרובים — לויב־געזאַנגען,
ווידער, נאָך און נאָך אַמאָל,
אין מאָנאָטאָנע קלאַנגען.
און ער — דער אַלטער הער —
אין אייביג מאָנאָטאָנע ריטמען
וויגט זיך אויף זיין שטול אין וואָלקענס רויך
און דרעמעלט שטיל — דאָרטען אויבען אין דער הויך.

* * *

ווייט ביים גרעניץ פון די הימלען,
אין דער שאול תחתיה,
איז ווי אַן אַמאָזאָנע רייטענדיג געזעסען
מקטרג דער שטן.
האַלב אין דער עטער־פינסטערניש
און האַלב אין דאָס דעמערענדע ליכט,
וואָס האָט די וועלט באַלויכטען
נאָך איידער גאָט האָט אין די הימלען ליכטער אָנגעצונדען.
און מיט טייוועלשען שמייכעל אויף די זינד־געקרימטע ליפּען
מיט דעם שלאַנגען־קוק וואָס האָט זיין להבעים אויסגעדריקט
האָט ער די טויטע שטילקייט,
דעם אומעט און דעם שימעל
און גאָט, דעם אַלטען האַר, אין זיסען דרימעל
אָנגעקוקט.
און האָט שטנ'יש־בייז, פאַרטראַכט
דעם אַלטען האַר צו פּרואָווען,
אַן אַלטען חשבון רעווידירען
און וואָגען איינמאָל, וואָגען נאָך
פון זיין נאַקען גאָט'ס אייביגען יאָך
אַראָפּצואוואַרפען.
האָט אַ מאָדנעם וועג געפונען
די הערשאַפט איבער גאָט צו געווינען —
דעם מלאך דומה האָט ער אָנגערייצט,
ער זאָל פאַר גאָט דעם חשבון פון דער וועלט,
דעם מענשענ'ס לעבען, זיין טאָן און זיין שטרעבען,
אין בילדער אמת'ע, אין ספר זכרונות,

פון טוך און לייוועגט וועבען.
דומה האָט דעם גרויסען ספר אויפגעעפענט
און האָט געלייענט די זכרונות,
וואָס פון יאָרען געוועזען זיינען פאַרהילט
פון דעם כביכול.
און פון דרימעל אייביג'ן געוועקט,
אַלץ מער אין געטליכן צאָרן גערעגט.
האָט ער געהערט:

— — — — — — — — — — — — — —

— עס דרייען זיך די וועלטען
אין אייביג'ר האַרמאָניע
נאָך שטענדיג הערשענדע געזעצען
און דער קלענסטער מי.
זיי הערען ניט און דאַרפען ניט,
אָ, האַר, דיין וואָרט, געבאָט:
וואָס טויג זיי — אָן שאַפען, טאָן —
אַ מאַכט וואָס רופט זיך גאָט?
און אויך די לעבעדיגע ברואים אויף דער ערד,
די פויגלען און פלאַנצען, די פיש אין וואַסער,
די חיות אין דעם וואַלד —
זיי לעבען ניט אין דיין געגאָד,
אָ, האַר!
און שטאַרבען ניט אין דיין גרימצאָרן.
אָבער מער ווי אַלע, גאָט,
קוק דעם מענשען אָן —
אָט דעם וואָס דאַרף דיך לויבען און אַכפּערען,
אָט דעם וואָס דו האָסט, ווי דער קרוין פון דיין באַשאַפונג,
ווילען צו וועלען,
שכל צו שאַפען און קרעפטען צו טאָן
געגעבען —
קוק, אָ, האַר, דעם מענשען אָן —
דיך דאַרף ער ניט — ער האָט דיך גאָר פאַרגעסען.
וואָס איז ביי אים,
דער בורא, אלהים,
פון אַלע געטער יהוה דער גרויסער גאָט,
ווען ניט בלויז אַן אַלט, פאַרשימעלט וואָרט?

א וואָרט בלויז, אַ, גרויסער האַר, דער וואָס האָט,
אין פייער־מאַכט,
מיט בלויזען וואָרט אַן טאָט,
אין אייביגער באַוועגונג די גאַנצע וועלט געבראַכט!
ער דאַרף דיך ניט, ער שאַפט אליין זיך געטער
און אין אַן אויגענבליק צעברעכט ער זיי
און שאַפט זיך נייע אויף־דאָס־ניי.
און ס'הערשט זיין מאַכט איבער דער גאַנצער ערד
און וויל, צוימט ער די נאַטור
פאַר זיין געניס.
און ערשט הערשט:
ער צינדט די תאוה אָן און דעקט דעם קערפּער אויף,
דאָס שיינע ווענוס־לייב, וואָס ציט צו זיך דעם
נאַקעטען אַפּאָלאָ.
און ביי דאָס ליכט פון פאַקעלען, אין ווילדען טאַנץ־גאַלאָפּ.
געפינען זיך די זינדיגע אין אַלע עקען וועלט —
דאַן טרינקען זיי ביז שיכור ווערען,
דאַן טאַנצען זיי ביז לוסט פילט אָן די ברוסט,
דאַן הוליען זיי, געניסענדיג די ליבע ביז צום זעטיגען
דעם ווילדען דאָרשט פאַרפאַל —
דאַן פילט די וועלט זיך אָן מיט ניי־געבוירענע,
פילט אוים די לוסט דעם בלאַנק פון די פאַרלוירענע
און ווידער לעבט און ווידער וואַקסט די וועלט —
די וועלט, וואָס, אַ, בורא, נאָר איין מאָל באַשאַפען האָסט
און פון דענסמאָל אָן ווערט פון דיין בריאה אַלע ניי־געשאַפען...

די טויטע שטאָט

(פראַגמענט)

איך בין געפֿאָרען. דער צוג איז שנעל געלאָפֿען
איבער גלאַטע, ווייסע רעלסען, וואָס האָבען אין דעם בלאַסען
שיין פֿון דער לבנה געבליִשצעט ווי דער שאַרף פֿון אַ געשלייפֿטען שווערד.
איך האָב געקוקט אַהין,
אין דעם ווייטען, פֿינסטער'ען רוים,
צו דער טויטער שטאָט דאָרט. דער צוג איז אויף אַ באַרג געלאָפֿען,
איבער דעם טאָל וואו עס האָט געפֿלאַסען
שטורמיש־ברויזענד דאָס גרויסע מענשען־לעבען.
אין נאָענטער שכנות איז געווען אויסגעלייגט
ווי מיט אַ קינסטלער־האַנט, אין נאָך אַ טיפֿערען טאָל,
די שטאָט פֿון טויט — איך קען זי אַלע.
ביי די ברעגעס פֿון דאָס זודיג־קאָכעדיגע לעבען
ליגט זי שטיל, ווי איז אַ נעבעל, אין שיינער, שווייגענדיגער פּראַכט.
אַרום־אַרום פֿאַרצאָמט מיט ביימער,
צעוואָרפֿען אויף גרינע בערגעלאַך;
סטעזשקעס ברייטע, אויסגעשניטענע פֿון אַ האַרעפֿאַשנער האַנט,
אויסגעשאָטען מיט געלע, דינע, האַרטע זעמדעלאַך.
ביימער גרויסע, קוסטעס קליינע, גרעזלאַך גרינע, פֿיל־קאָלירטע בלומעלאַך,
באַהייגגען, צירענדיג, מיט אַ צויבער שטיל־פֿאַרטראַכט
די מצבות הויכע, גרויסע פֿון אַלבאַסטער און
פֿון מאַרמאָר אויסגעהאַקט. און מלאָכים מיט די ווייסע פֿליגעל
אויסגעשפּרייט צום פֿליען איבער
די אַלטע קברים — היטען זעלעס
לאַנג געפּענטעט, וואָס האָבען דורות־דורות לאַנג
מיט זייער זאַפֿטיג בלוט אַנגעטרונקען
דעם לעבענ׳ס־גאָרטען...
פּיראַמידען הויכע, גרויע, אויף די ברעגלאַך גרינע גראָז,
שטייען שטאַרק פֿאַרטראַכט און קוקען אויף דער וועלט
מיט זייערע גלימצערנדע אויגען אינ׳ם טאָוועל,
וואָס דערציילט, ווער און וואָס איז
דער געוועזען וואָס רוט דאָ אונטער זיי.

און זיילען קיילעכדיגע שטייען שטאָלץ צעוואָרפען —
רויטע, שווארצע, שווארץ ווי קויל —
און אין באגולטער קריצונג
דערציילען זיי פון ליבע פיל,
פון טרערען קינדערשע און פיינען פאַטערשע,
פון לעבען און טויט און רו און אייביגקייט...

און דאָ צעווישען ליגען לאַנקעס גרינע, פון בלומען־בייטען דורכגעשפרייט. דאָ זענען רויזען־קוסטען רויט־געפארבט ווי בלוט, דאָ זענען פיאָלקעס בלוי — בלוי ווי די טיף־געפארבטע בלויע פאַסען הימעל און מארגעריטקעס געלע, טיפע, ווי דער גאָלדענער נוס געפורעמט, פון וועלכען די גליקלאַכע טרינקען פון דעם זאַפט פון לעבען און ליליען, ווייסע, ריינע ווי די מעדעל־זעלע ביים ערשטען קוש פון ליבע.

(עס איז די טויטע שטאָט, „דאָס הויז פון אייביגקייט“, דאָס „אייביגע הויז.)

און לאַנקעס גרינע, מיט נידעריג געשניטען גראָז,
ציען זיך אין טאָל, שפרייטען זיך בארג־אַרויף,
אזוי ווי גרינער סאמעט.
און צווישען פרישע און אַפט אויך צווישען אייניגע שורות אַלטע קברים וואקסט דער אַלטער טשערעט, גרוי און טרוקען.
דאָרט ליגט א וואַסער אויסגעשפרייט — א שטיל און קלאָר וואַסער —
אויף דעם שווימען ווייסע שוואַנען שטאָלץ די העלזער אויפגעבלאָזען.
קוקען זיי מיט וואונדער
אויף דער גלאַטער אויבערפלאַך, אויף די שיינע
בייטען בלומען, אויף מצבות הייליגע.
קוקען זיי און וואונדערען זיך, ווי דער מענש דער לעבעדיגער
זאָרגט זיך פאַר די טויטע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטילער, שטילער פאָרט דער צוג... די רעדער ראָלען שטילער.
נאָר בולט הערט זיך נאָר דער סקריפּ —
גריג־גראַג... גריג־גראַג... גרגררג — — — —
ווי א זעג וואָלט ערגעץ־וואו איבער האַלץ געזעגט.

בין השמשות. ליכט און שאָטען פאַלען אויף דער טויטער שטאָט...
טיפער, טיפער דריקט זיך אַלץ די פינסטערניש, ווי א טיפער שווארצער וואָלקען לאָזט זיך אַלץ מער און מער אראָפּ אויף דער גרויסער ערד און דעקט זי ווי א שווארצער צודעק איין...

עס פינקלען נאָר די שטערענדלאַך, עס וויגט זיך דער עפיר,
ווינקט און לאַכט מיך מורא'דיג, לאַכט און ווינקט צו מיר...
און ס'מאָלט זיך מיר אַ שרעקענדעס, אַ וואונדער שרעקענס־בילד!...
אויף די בערגלאַך, קברים'לאַך פון דורות־דורות פיל,
הויבט זיך אויף אַ פייערל און פלאַקערט, פלאַקערט שטיל,
בלאַס ארום די ברעגעס, זיכטבאַר קוים, אין דער מיט
פינקעלט'ס ווי אַ קנויט, — אַ רויט־גליענד פייערל — און ציט זיך,
פלאַקערט... אויף צום הימעל...
און הונדערטער און טויזענטער צינדען זיי זיך אָן אויף די קברים אַלטע
אין דער טויטער שמאַט...
פון די קברים שטייען אויף אין די טויזענטער
דור נאָך דור, מתים פיל — (יעדער ביי זיין פייערל) — סקעלעטען,
אַלץ וואָס איז פון זיי געבליבען, ביינער שרעקלאַכע און דאָס בלאַסע פייערל...
און זיי שליסען הענט צענויף, מענער, פרויען, אין אַ קאַראַהאָד אַ גרויסען,
זינגען מיט אַ קברים־שטימע, טאַנצען. און עס צאַנקען און עס טונקען זיך
אין דעם טאַנץ דעם שרעקלאַכען די פייערלאַך... און עס טאַנצען דאָרט,
אויף קברים קינדערשע, קינדער־מתים.
און ס'ווערט פול די לופט און די שטילע פינסטערע נאַכט מיט די
קלאַנגען ערדענע,
מיט'ן ליד פון די טויטע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין-דער-הויך און אין-דער-נידער

עס שטרעבט דער גייסט, דער מענשען-גייסט
ארויף צו די הויכע בערג.
ער וויל די סודות פון דער וועלט
אראפּבריינגען פון הויכען עטער-געזעץ
צו זיך אין־דער־נידער.
זיי באַלייכטען מיט זיין פלאַם, מיט זיין נשמה־ליכט.
זיי זאָלען ווי צעשמאָלצענע ראַקעטען
פלאַקערען אין ברייטען וועלט־רוים, אים אויסצירען
ליכטיג־העל אין אַלערליי קאָלירען:
רויט — זיי זאָלען ווי דאָס בלוט אין זיינע אָדערען
גלוטיג רויטען, צונדיג צונטערען;
בלוי — זיי זאָלען ווי דער לויט'רער הימעל
דורכזיכטיג שיינען, שימערען:
גרין — ווי דער יונגער בלאַט פון בוים
זאָלען זיי אייביג בליען —
געל — זיי זאָלען ווי דער זונ'ס גאָלדענע שטראַלען
פינקלען, בליצען, גליען.
און פאַר דער פלאַקערדיגער שיין
דער מענש זאָל שוועבען אין די כוואַליעס פון דעם רוים,
פריי פון יעדען באַנד און יעדען צוים,
פון טיפער התלהבות הויך געהויבען
אין יחוד מיט'ן וועלט־אַל אין גייסט און גלויבען.

* * *

עס שפרייט דער גייסט, דער מענשען-גייסט
זיך אויס אין טיפען טאַל,
דעם טויט, דער צווילינג־סוד פון לעבען
פון תמיד, פון תמיד זיך מאַטערנדיג צו דערגיין.
נו, שטייט דער גייסט, דער מענשען-גייסט
פאַר אים פון דור צו דור
אין שווערען טעות נאַר פאַרגרייזט,
אין טונק'לער אַנמאַכט נאַר.

עס קלינגט דער טויטען־גלאָק אין טאָל,
ווי אַמאָל נאָך אין שוואַרצען געהילט,
ווי אַמאָל נאָך מיט יאוש אָנגעפילט.

אַ בין־השמשות אין די בערג

עס זינגט די וועלט אין שטילען בין־השמשות
אַ ליד אַז קלאַנגען, מיט צויבער פיל
און ס׳שליסען זיך ניט־ווילענדיג די אויגען
און ס׳טרוימט זיך, טרוימט זיך אין דער שטיל.

* * *

עס מורמעלט נאָר דאָס קליינע ליפענדיגע וואַסער
מיט זיסע גורגעל־טענער אין דער שטיל:
ס׳פליעסקען זיך אין דעם לבנה־שטראַלען בלאַסע
און ס׳טווימשערט צו אין שטילען כאָר די גריל.

* * *

עס קוקען שטיל אַראָפּ אין טאָל
די בערג אַרום, די מאַכטיגע טיטאַנען;
אַז ווערטער שטיל דערציילען זיי,
עס איז אויף דער וועלט אַ גאָט—נאַטור פאַראַנען.

* * *

און אין דעם טרוים פון גאָט־נאַטור,
פאַרגעס איך אַלע צוואַנגען.
עס גלוט אין מיר די פרייע זעל אַליין
און ס׳וועבט זיך און עס זינגט זיך,
אין בילדער און אין קלאַנגען.
די האָפענונג, די צוקונפט, אַזוי שיין!...

אויג., 1911.

קוקט זיך צו, אָ, קוקט זיך צו!

קוקט זיך צו, אָ, קוקט זיך צו,
וועט איר עס באַלד פאַרשטיין —
אַז אַן אונז, דעם אַלטען דור,
קענט איר פון פלעק ניט גיין.

איר קענט ניט לעבען אָן אַל־דעם
וואָס מיר האָבען פאַרפלאַנצט —
און נאָך איצט, ווי פון אייביג אָן,
נאָך אונזער שפּילען טאַנצט.

צוויבער-נפשות, טרוימען פון יוגענט

צוויבער־נפשות, טרוימען פון יוגענט,
אָ, ווער קען אייך פילען אַזוי נאָך ווי איך....
שטיל איז אַרום, עס וויגט זיך די שיף נאָר
און שטיל זי פאַרוויגט מיך אין טרוים.
עס שיינט די לבנה, בלאַס און צאַרט
אין דעם בלוילאַך־קלאַרען, טיפען הימעל —
זי חלומ׳ט אינאיינעם מיט מיר.
שטיל ליגט דאָס בריקעל, דאָס ווייסע, אין שאָטענס פאַרנעפּעלט,
וואָס פירט צו דעם באַרג און דעם וואַלד.
און דאָרט אין דעם שאָטען פון בוימער געדיכטע
פלאַמט העל אויף אַ געל־רויט ליכט
און טענער פאַר׳כישופ׳טע זיך טראָגען
איבער דעם טייך אין דער שטיל־האַלבער נאַכט.
אַ וואָלקענדעל נאָר, ווי אַן אַדלער אַ ווייסער
צעשפּרייט זיינע פליגעל און קרייזט דער לבנה אַרום.
און שטיל און פאַרטראַכט ליגט דער באַרג דאָ,
דער אַלטער, באַבערדט מיט בוימער און גרינס...
דאָס איז דאָס לעבען אין דער טויטער נאַטור!
פאַרגעסען די ליידען, שמערצען און וויי.
קוועלט אויף דאָס האַרץ אין יוגענט־געשריי...

עס שפּאַלט זיך דער בליץ

עס שפּאַלט זיך דער בליץ אויפ׳ן הימעל
אין זיג־זאַג געדריידעלטער פלאַם
און שפּאַלט ער די דיק־גרויע וואָלקענס,
באַפרייט ער דעם רעגנען פון צאַם.

עס פּלאַצט אויס דער דונער געוואַלטיג
און זאָגט אַן מיט הילכיגען שאַל,
אַז באַלד וועט ר׳הימעל אָנטרינקען
די ערד פון זיין אייגענעם קוואַל.

טראָפּענס גלייך ווי מלאַכ׳שע טרערען —
טרערען פון פרייד וועט דאָס זיין —
טראָפּענס פון רעגנען וואָס בלישצען
אונטער דער זונען־שיין.

פון דער וועלט-ליטעראַטור

טאָלסטאָי.

ביערנסטערנע ביערענסאָן.

מאַקסים גאָרקי.

טאָלסטאָי *)

דאָנערשטאָג, דעם 10טען סעפּטעמבער, האָבען טויזענטער אינטעליגענטע מענשען איבער דער גאַנצער וועלט, שטיל אָבער מיט טיפען ערגעפיל, גע־פייערט דעם 80־יאָריגען יובילײ פון דעם ריז פון יאסנאיא פאָליאַנא — פון דעם גרויסען רוסישען שרייבער און דיינקער — ליעוו טאָלסטאָי.

טײלוויים דערפאַר, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט פאַרבאָטען דעם יום־טוב אין רוסלאַנד און טײלוויים אויך דערפאַר, וואָס טאָלסטאָי אַליין האָט אין א בריף צו זיינע פריינט און פאַרערער געבעטען, אז מען זאָל ניט מאַכען קיין גרויסען פּאַראַד איבער דעם יום־טוב, כדי ניט אויפצואוועקען קיין קנאה־שנאה צווישען מענשען, איז דער גרויסער יום טוב דורכגעגאַנגען גאַנץ שטיל, אַביסעל צו שטיל.

אָבער אין דער שטילקייט האָט זיך געפילט א הייליקייט.

עס האָט זיך געפילט גלייך ווי אויף דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט האָבען די אינטעליגענטע מענשען, וואָס האָבען פאַרשטאַנען דעם גרויסען קינסטלער און זיין גרויסען גייסט, אַראָפּגענומען די היטלען פאַר דעם גרייז, און, אַנבויגענדיג די קעפּ שטיל און נידעריג ווי די דאָרפ'ס־פּויערים, דאָרט אויפ'ן פעלד, אונטער דעם גלאָקען־קלאַנג פון דעם אָוונט־געבעט, אין מילע'ס וואונדערלאַך בילד — האָבען זיי געלאָזט דעם גרויסען זקן אַריבערטרעטען דעם גרעניץ פון די אַכציגער און אַריינטרעטען אין די ניינציגער יאָרען פון זיין גרויס לעבען, אין דער שטילער הייליגער סביבה פון זייער פאַרשטיקטער התלהבות. און עס איז געווען א גרויסער מאָמענט... א גרויסער יום טוב.

ניט פיל אזעלכע גרויסע גייסטער ווי טאָלסטאָי האָט די מענשהייט. ניט פיל וואָס האָבען פון דער נאַטור אוים פאַראייניגט אין זיך דעם גרויסען קינסטלער — דעם מאָלער פון בילדער און געשעענישען, — דעם טיפען דורכ־זעער פון דער מענשלאַכער נשמה און דעם אומרואיגען גריבלער אין דער וועלט־נשמה... ניט פיל וואָס האָבען דעם גרויסען כח צו האַלטען דעם אמת ווי א שאַרפע צווייזייטיגע שווערד איבער'ן קאָפּ און ניט שוינען, ניט זיך, און ניט די וועלט אַרום זיך.

ניט פיל אזעלכע גרויסע גייסטער האָבען די מענשען.

---

*) „די צוקונפט", נאָוועמבער, 1908, צו טאָלסטאָי'ס 80־יאָריגען יובילײ.

אָבער גראָד דערפאַר טאַקע שיינט מיר, אַז דער גרעסטער כבוד וואָס מיר קענען אים אָפּגעבען — איז צו לערנען אים, פילען און פאַרשטיין אים. קענען דאָס גוטע אין אים און דאָס איבערנעמען; ניט שוינען דאָס שלעכטע אין אים און פאַרוואַרפען עס... אָבער ניט צומאַכען די אויגען אויף דאָס גאַנצע און אין ווילדער באַגייסטערונג איבער דאָס אמת גרויסע, ווי געצענ־דינער, פאַרגעטערען דאָס שלעכטע ווי דאָס גוטע, דאָס פאַלשע ווי דאָס אמת'ע, דאָס טונקעלע און קינדערש־נאַאיווע ווי דאָס קלאָרע און דאָס טיפע.

אזוי, שיינט מיר, דאַרף געערט ווערען אַן אמת גרויסער גייסט.

* * *

טאָלסטאָי איז געבוירען און דערצויגען געוואָרען צווישען די הערשער פון דער וועלט. געבוירען פון דעם העכסטען רוסישען אַדעל, האָט ער אין די יונגע יאָהרען איינגעזאַפּט אין זיין נשמה די געוואוינהייטען פון יענעם לע־בען און יענער סביבה. פרי איז ער געבליבען אַ יתום. דאָך איז דאָס קינדער־שע נשמה'לע ניט פאַרוואָגעלט געוואָרען; עס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט דער צאַרטעסטער ליבע פון דער פאַמיליע, מיט רייכקייט און מיט וואויל־טאָג. און דאָס קינד האָט ליב געהאַט די אייגענע — דאָס שטילע, זיסע לע־בען פון אַל־דאָס גוטס. שוין דעמאָלט, אין יענע קינדער־יאָרען, הויבען זיך אָן אַנטוויקלען אין דער קינדערשער נשמה די גרויסע שטריכען וועלכע מאַלען פאַר דער וועלט די גרויסקייט פון טאָלסטאָי'ען. ווי אַ ווייכע זיידענע שוואָם זאַפּט דאָס קינדערשע נשמה'לע איין די אַרומיגע איינדרוקען פון לעבען און אין די שטילע שטונדען פאַר'ן שלאָף, נאָך דעם אָווענט־געבעט, איינגעדעקט אין דער ווייכער קאָלדרע אויפ'ן פוכאָווע בעט חלומ'ט די קינסטלערישע נשמה, אין קינדערשער אומשולד, זיסע בילדער פון גליק און לעבען. דעמאָלט שוין אַנטוויקעלט זיך ביים קינד אַ שטאַרק געפיל פון אייגענליבע, אַ שטיל פאַרטיפען זיך אין דעם אייגענעם איך, אַ גריבלען זיך אין דער אייגענער נשמה. דאָ אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, וואו טאָלסטאָי איז געבוירען געוואָרען, זיינען אויך דאָ אַנדערע מענשען ווי ער און זיינע אייגענע; דאָ לעבט אויך דאָס פאָלק — די פויערים, אין דער שרעקלאָכסטער קנעכטשאַפט און ביטע־רער אָרימקייט, אָבער דאָס קינד וואָס גיט זיך אין גאַנצען אָפּ מיט זיך אַליין באַמערקט זיי גאָר ניט; זיי עקזיסטירען ניט פאַר אים. ערשט שפּעטער, ווען די פאַמיליע פאָרט איבער פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ קיין קאַזאַן, צו אַ מומע פון דעם העכסטען אַריסטאָקראַטישען קרייז, באַמערקט דער גאונ'ישער בחור'ל אַז עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע מענשען אויף דער וועלט און אין זיינע שטי־לע מינוטען, ווען די נשמה פאַרטיפט זיך אין זיך, הויבט זי אָן אַרויסקריכען פון אירע דלת־אַמות, זי הויבט אָן גריבלען זיך איבער דער אַרומיגער וועלט און זי פרעגט זיך: ווער זיינען זיי, די מענשען, ווי אַזוי לעבען זיי?

אָבער דאָס אַריסטאָקראַטישע לעבען, צו וועלכע טאָלסטאָי האָט געהערט, איז צו שטאַרק געווען. די עצות פון זיין גוטער מומע — ווי טאָלסטאָי זאָגט אין זיין ודוי: — „פאַרבינדונגען זאָלסטו מאַכען ניט אַנדערש ווי מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי; שטרעבען זאָלסטו צו ווערען אַן אַדיוטאַנט און דוקא ביים קיסר אַליין; חתונה זאָלסטו האָבען פאַר אַ רייכער מיידעל, כדי דו זאָלסט האָבען אַ סך קנעכט" — אַט די יסודות פון דעם אַריסטאָ־קראַטישען לעבען פון די הערשער פון דער וועלט, זיינען צו גוט און צו פאַרפירעריש אַז פון זיי זאָל זיך קענען מיט אַמאָל אַרויסרייסען אַ יונגע נשמה. און די נשמה פון דעם יונגען טאָלסטאָי ווערט אָוועקגעריסען מיט דעם שטראָם פון לעבען און זי פוצט און זי צאַצקעט און פאָלירט דעם יונגען קערפער, זי זוכט מיט פאַרדרוס אַלערליי מיטלען צו מאַכען דאָס ניט־שיינע, ברייטע פנים מיט דער גרויסער פלאַטשיגער נאָז און די טיפע אָפילו אָבער דאָך גרויע אויגען — שענער און אָנגענעמער, ווייל דאָס ווערימעל פון אייגענליבע אינעווייניג נאָגט און מאַטערט דעם יונגען מענשען צו ווערען דער שענסטער, דער בעסטער, דער גאַלאַנטסטער קאַוואַליער. עס ווילט זיך געפעלען בעסער ווי אַנדערע. לעבען ווילט זיך — טאַנצען און טרינקען און הוליען אַזאַרטנער ווי אַנדערע; פלעכטען ליבע־שפּילכעלאַך קונציגער ווי אַנ־דערע. עס איז אַזוי גוט צו לעבען אין דעם רויש און דער באַטויבונג פון וויין, ווייב און געזאַנג... און עס לעבט זיך אַזוי...

עס לערענט זיך ניט מיט חשק אין דעם קאַזאַנער אוניווערזיטעט. דער גרויסער אומרואיגער גייסט לאָזט זיך ניט צוימען. דערזעלבער מענש וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער מייסטער פון גרויסע קענטעניסע, האָט זיך ניט אונטערגעגעבען דער אוניווערזיטעטישער דיסציפּלין, פּונקט ווי זיין גרויסער גייסט האָט זיך שפּעטער קיינמאָל אין לעבען ניט אונטערגעגעבען דער דיסציפּלין און דעם סדר, דער מאַכט און דעם געזעץ פון דעם גאַנצען אַרומיגען לעבען.

טאָלסטאָי, צייטענוויים אָנגעזאָפּט מיט דעם עקעל פון יענעם אַריס־טאָקראַטישען לעבען, האָט זיך שוין דעמאָלט געריסען פון דער סביבה וואָס האָט אים אַרומגערינגעלט; שוין בעמאָלט, אין ניכטערע, גריבלערישע מאָ־מענטען, האָט ער אָן מורא זיך געפרעגט גרויסע הארבע קשיות און פלעגט זיך טיף פאַרטראַכטען איבער דעם מענשען, זיין לעבען און זיין טויט און זיין אומשטערבלאַכקייט.

אָבער שוין אין יענע יוגענט־יאָרען איז טאָלסטאָי געווען דער קינסטלער צו אַלעם ערשטען. אַזוי לאַנג ווי זיינע געדאַנקען פאַרטיפען זיך איבער די פראַגעס פון לעבען און טויט; אַזוי לאַנג ווי זיין פאַרשטאַנד נאָר באַווייזט אים, אַז די סביבה פון דעם לעבען וואָס ער לעבט אין אַ פאַרדאָרבענע, אַז

דער מענש דאַרף ווערען בעסער — באַהערשט אים דאָס לעבען דאָך ווידער און רייסט אים ווייטער מיט. קוים אָבער האָט זיין נשמה ד ע ר פ י ל ט דעם עקעל פון לעבען און האָט גענודרשט צו ווערען און צו לעבען אַנדערש און בעסער, האָט זיך שוין קיין זאַך ניט געקענט שטעלען איין וועג פון זיין מאַכטיגען ווילען. און ער באַהערשט דאָס לעבען. און אין דראַנג צו ווערען בעסער און לעבען בעסער, ווייל די אומרואיגע נשמה איז ניט באַפרידיגט מיט דעם ראַשיגען און אויסגעלאַסענעם לעבען פון די הויכע קרייזען, בליט אויף די קינסטלערישע קראַפט פון זיין שאַפערישער זעלע.

ער קערט זיך אום אַהיים צו פאַרפאָלקאָמען זיך און שאַפט זיינע ערשטע ריכטונגען. דאָ ערשט ווערט פאַר דעם יונגען מענשען גרעסער דער גאַנצער וועלט־קרייז. דאָ ערשט באַזעלט אים דער געדאַנק, אז ער דאַרף זאָרגען ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר די 700 נפשות, זיינע פויערים, פאַר וועלכע ער דאַרף ענטפערען פאַר גאָט.

און אַזוי אַנטוויקעלט זיך דער מענש און דער קינסטלער אין דער היים, אויף קאַווקאַז און אין סעוואַסטאָפּאָלער קריג.

אין דער היים — איז דעם שטילען, רואיגען לעבען פון א רייכען גוטבאַזיצער און אין דער נאָענטער באַרירונג מיט דעם רוסישען פויער: אויף קאַווקאַז — אין מיטען פון די הויכע, מיט שניי־באַדעקטע בערג צווישען וועלכע דער מאַיעסטעטישער קאַזבעק „ווי א שטאָלצער טיטאַן מיט א שניי־ווייסע היטעל", איז א שטילער עדות פון דער וואונדערבאַרער מאַכט און פראַכט פון דער נאַטור אין מיטען דעם ניט־געקינצעלטען לעבען פון די האַלב־ווילדע שטאַמען פון קאַווקאַז, וועמעס לעבען זינגט דער נשמה א וואונדערלאַך ליד פון דער גרויסקייט און פרייהייט פון דעם אור־אַלטען מענשען; און אינ'ם סעוואַסטאָפּאָלער קריג — אין מיטען דעם קנאַל פון קאַנאָנען און קלאַנג פון געווער, טייכען פון בלוט און הרוגים פון אומשולדיגע מענשען, וועלכע גלויבען, דאַכט זיך, אין די געבאָטען פון קריסטוס'ען און וואַלטען אין זייער פּראַקטיק געלעבט ווי ברידער, ווען ניט די קליינע, אייגענצוציגע צילען פון די הערשער וואָס באַהערשען זיי און מאַכען זיי פאַר בלינדע כלי־זין אין זייערע הערשענדע הענט.

און אין דעם יונגען טאָלסטאָי גיסט זיך צונויף דער מענש, דער אומרואיגער גריבלער און דער פרעגער פון גרויסע קשיות, מיט דעם קינסטלער, דעם וואונדערבאַרען מאָלער און שאַפער פון מענשלאַכע נשמות, און ער שאַפט זיינע ערשטע אָבער שוין גרויסע ווערק: „די קינדהייט", „די יוגענט", „דער פרימאָרגען פון א גוט־באַזיצער", „די קאַווקאַזישע דערציילונגען", „די קאַזאַקען" און די „סעוואַסטאָפּאָלער דערציילונגען". דער העלד, דער גרויסער העלד אין די אַלע דערציילונגען איז ניט דער אָדער יענער מענש — מענשען

און בילדער, גרויסע און בולט'ע, זיינען, פארשטייט זיך, פאראן און זיינען געמאלען מיט דער האנט פון א גרויסען קינסטלער, — אבער דער העלד פון אלע דערציילונגען איז דער אמת.

דער קינסטלער מאלט דאס לעבען און די נשמה פון זיינע העלדען — זיך אליין. אין דער „קינדהייט" און „יוגענט", די פויערים — אין „דעם פרימארגען פון א גוט־באזיצער", טיפען פון קאווקאז, קאזאקען און האלב־ווילדע שטאמען — אין די „דערציילונגען פון קאווקאז", און פון סאלדאטען און אפיצירען אין דער „דערציילונגען פון סעוואסטאפאל". ער מאלט זיי, די העלדען און די געשעענישען אזוי ווי זיי און זייער רעאל לעבען האבען זיך אפגעשפיגעלט אין זיין אייגענע נשמה. אבער ער זוכט אויך אין זייער עקזיסטענץ דעם אמת פון זייער לעבען ניט נאר אלס קינסטלער: אים ווילט זיך אליין וויסען, און עס ווילט זיך אים דערציילען דער וועלט, ווי אזוי זיי לעבען, ווי אזוי זיי פארשטייען דאס לעבען און אין וואס זיי געפינען די באפרידיגונג פון זייער לעבען. און דערפאר שוין איצט אידעאליזירט דער יונגער קינסטלער די פראסטקייט און די גאנצקייט פון דער פאלקס־נשמה. שוין דעמאלט שיינט צו זיין דאס ניט־געקינצעלטע, אייגפאכע לעבען פון דעם פאלקס־מענשען דער וועג־ווייזער, דער ליכטיגער שטערען פאר דער בלאנדזשענדיגער נשמה פון קינסטלער אליין. אבער זיין קונסט איז שוין איצט, אין די יונגע יארען גרויס און מאכטיג און זי שאפט אים בארימטקייט איבער גאנץ רוסלאנד. און ווען נאך דער סעוואסטאפאלער קריג קומט טאלסטאי — דער העלדישער אפיציר פון סעוואסטאפאלער קריג, צוריק אהיים — באגעגענען אים די טיטאנען פון דער רוסישער ליטעראטור ווי אן אייגענעם. זיין שווערד האט אים בארימט געמאכט צווישען די שווערד־העלדען; זיין פעדער — צווישען די קינסטלער און לערער פון מענשען.

אין דעם צענטער פון דעם רוסישען לעבען גייט אן א גוואלדיגע ארבעט. די טיטאנען פון דער רוסישער קונסט און דעם רוסישען געדאנק — די עלטערע פון די 40ער יארען, די אינגערע פון יענער צייט, קינסטלער, דיינקער און קריטיקער, קעמפער פון רוסישען פאלק — גראבען אונטער די מאכטיגע זיילען פון דעם אלטען פעאדאלען רוסישען לעבען וואס דריקט און שטיקט א הונדערט מיליאניגע מאסע פון פאלק — די זיילען ברעכען זיך שוין, דער באפרייאונגס קאמף פון די פויערים זידט און קאכט, אבער טאלסטאי דער קינסטלער און דער מענש, ווארפט זיך אין אים ניט אריין. ער פארטראכט זיך אין זיך אליין און נעמט כמעט קיין אנטייל ניט אין דער גרויסער ארבעט. די גרויסע נשמה איז אומרואיג, עס באפרידיגט זי ניט, ניט דאס לעבען, ניט די קונסט, ניט דער קאמף... זי שטעלט זיך די

גרויסע פראגע: ווי אזוי קענען מיר לערנען אנדערע צו לעבען בעסער און זיטלאכער, ווען מיר אליין לעבען שלעכט און פארדארבען... עס טליעט אויף אין איר דאס גרויסע שטרעבען צו פולקאמענהייט און עס הויבט אין איר אן געבוירען ווערען דאס באוואוסטזיין, אז דער פארטשריט פון מענשען מוז קומען ניט פון אויסען, נאר פון אינעווייניג — פון דער אייגענער נשמה. דאס פאלק אין דער רעעלער אפשפיגלונג פון דעם גרויסען קינסטלער׳ס נשמה איז ניט דאס גרויסע פאלק אין אלע עקען פון רוסלאנד, נאר דאס פאלק מיט וועלכען ער קומט אין נאענטער בארירונג — דאס פאלק אין יאסנאיא פאליאנא. דער גייסט פון דעם רעעלען קינסטלער באגרעניצט דעם גייסט פון דעם שטרעבדיגען מענשען, פונקט ווי שפעטער אין טאלסטאי׳ס לעבען, ווען דער גרויסער גייסט פון דעם עטישען מענשען אין טאלסטאי׳ן פרואווען צוימען דעם גייסט פון דעם קינסטלער...

און די אומרואיגע נשמה פארלאזט דעם קאמף, בויט פרייע שולעס אין יאסנאיא פאליאנא פאר די קינדער פון די פויערים, באפרידיגט זיך ניט, פארט קיין אויסלאנד לערנען דאס לעבען און דעם פארטשריט פון אייראפע, קומט צוריק און פאהרט ווידער קיין אויסלאנד און באפרידיגט זיך ווידער ניט... און ווי האט דען געקענט די גרויסע נשמה, וואס האט גע־זוכט דעם אמת אין לעבען, באפרידיגען זיך מיט דער ליגנערישער, פאלשער, פארפוילטער ציוויליזאציע אין אייראפע? ווי האבען געקענט אין אייראפע פארענטפערט ווערען יענע גרויסע פראגעס פון לעבען, וועלכע זיינען ניט פארענטפערט געווארען אין רוסלאנד? אין אייראפע זיינען די גרויסע קשיות נאך גרעסער געווארען און די אומרואיגע נשמה נאך אומרואיגער. דא, אין פאריז, האט טאלסטאי בייגעוואוינט דעם פסק פון א פאר׳משפט׳ן צום טויט און אין זשענעווע איז געשטארבען דער געליבטסטער ברודער זיי־נער פון שווינדזוכט.ביידע פאסירונגען האבען געמאכט א טיפען איינדרוק אויף זיין נשמה.

ווער האט געגעבען דעם מענשען דאס רעכט, צוצונעמען ביי א מענשען דאס לעבען וואס זיי האבען אים ניט געגעבען? — ווער?

אט האט ער געלעבט — ער... און אט איז ער געשטארבען... וואס איז דער טויט?... יא, וואס איז דער טויט?... האט זיך די זעלע געפרעגט.

וואס איז דער קאמף פאר מענשען־באפרייאונג? וואס איז דער שטרע־בען צו ווערען פולקאמען? וואס איז דער ווילען צו לעבען בעסער? וואס איז דאס לעבען? וואס איז דער טויט?

אפשר איז די ליבע, דאס שטילע, דאס זיסע, דאס העריכע פאמיליען־לעבען דאס וואס באפרידיגט די זעלע?

טאלסטאי האט זיך אומגעקערט קיין יאסנאיא פאליאנא און האט אין

1862 חתונה געהאַט. דאָ האָט ער פופצען יאָר נאָכאַנאַנד אין ליבע און אין וואוילטאָג געלעבט און געשאַפען זיינע מייסטער־ווערק — „קריג און פרידען“ און „אַנאַ קאַרעני‍נאַ“.

מיט אמת׳ער ליבע אָבער האָט ער נאָר געשאַפען „קריג און פרידען“ — די געשיכטע און די עפּאָכע פון דעם קריג אין 1812. געוואָלט האָט ער באַשאַפען די עפּאָכע פון די דעקאַבריסטען. אָבער דער גרויסער קינסטלער, דער אייביגער זוכער פון אמת האָט ניט געקענט זיין פאַלש צו זיין נשמה. דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פון דער מענשהייט האָט ער קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען — און ער האָט דאָס שאַפען פון דער עפּאָכע פון די דעקאַב־ריסטען געוואָרפען. אָבער ווען ער וואָלט באַשאַפען בלויז דאָס ווערק „קריג און פרידען“ אַליין וואָלט ער אויך געבליבען דער גרויסער אומשטאַרבליכער קינסטלער פון רוסלאַנד. — „דער גרויסער שרייבער פון דער ערד — דער רוסישער“, ווי טורגעניעוו האָט אים גערופען. ניט נאָר דערפאַר, ווייל אין דעם ווערק האָט ער געמאָלען די וואונדערבאַרע בילדער פון דער שלאַכט ביי באָראָדינאָ, אָדער די שרפה פון מאָסקווע מיט׳ן פּינזעל פון אַ גוואַלטיג גרויסען מייסטער, ניט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט דאָרט געמאָלען הונדער־טער פּערזאָנען מיט אַזאַ טיפער מענשען־קענטעניש, וועלכע עס איז צו באַ־וואונדערען — נאָר מער פון אַלץ דערפאַר, ווייל אין דעם ווערק האָט ער געמאָלען, מיט גוואַלטיג גרויסע און טיפע שטריכען, דריי דורות גאַנצע פון רוסישען לעבען און האָט אַזוי וואונדערבאַר אויפגעפאַסט די נשמה פון דעם גאַנצען פאָלק, ווי נאָך קיינער פאַר אים. מעג זיך די פילאָזאָפישע זייט פון ווערק און די מיינונג, אַז דאָס לעבען און די געשיכטע שאַפט דאָס פאָלק און די גרויסע גייסטער פון דעם פאָלק, זיין פאַלש. אַז די גרויסע גייסטער ווערען אריינגעצויגען אין לעבען און ווערען די כלי־זין פון די מאַסען, איז פונקט אַזוי פאַלש ווי די מיינונג, אַז דאָס לעבען און די געשיכטע באַשאַ־פען די העלדען, די גרויסע גייסטער פון מענשען. פאַלש זיינען ביידע מיי־נונגען, ווייל דער אמת איז אַז דאָס לעבען און די געשיכטע פון מענשען איז אַזאַ וואונדערבאַרע קונסט־ווערק, אַזאַ נעץ וואָס ווערט געפלאָכטען פון אַלע וואָס לעבען, סאַי מאַסען, סאַי העלדען, איינצעלנע און אַלע. נאָר די פילאָזאָפיע פון „קריג און פרידען“ — ווי די פילאָזאָפיע. אָבער גרויס, אייביג גרויס, וועט בלייבען דאָס ווערק אַלס אַ ליטעראַרישע קונסט־שאַפונג. און ווי כמעט אַלע גרויסע ווערק פון דעם גרויסען קינסטלער ווייזט עס אָן אויף זיין נשמה־צושטאַנד אין יענער צייט.

ניט דער אמת אַליין — נאָר מיט אים דאָס פאָלק איז שוין דעמאָלט גע־ווען דער העלד פון טאָלסטאָי׳ס לעבען.

„אַנאַ קאַרעני‍נאַ“ איז טאָלסטאָי׳ס ריינסטע ווערק אַלס קונסט־ווערק.

דא מאלט דער גרויסער קינסטלער דאס לעבען פון די הויכע רוסישע קרייזען. די גרויסע, שיינע בילדער, דער טיפער פסיכישער אנאליז פון די העלדען און אנטיילנעמער, די סאציאל־עטישע פראבלעמען וועלכע בויען זיך אויף פון די געשעענישען אליין און לייזען זיך אויף אן דעם קינסטלער'ס אריינמישען זיך, שטעלען מיט זיך פאר די העכסטע שטופע פון רעאליסטישער שאפונג. איןביידע גרויסע ווערק, ווי כמעט אין אלע זיינע ווערק, זיינען דא מענשען וואס לעבען איבער דאס וואס דער קינסטלער אליין האט איבערגעלעבט. אין „קריג און פרידען" האט פיער בעזואכאוו ענדלאך פארשטאנען אז דאס בעסטע לעבען, דאס לעבען וואס האט א ציל און פארענטפערט אלע הארבע קשיות, איז דאס איינפאכע פאלקס־לעבען. אין „אנא קארענינא" ציט זיך טאקע לעווין אריבער צו זיך אויף די גיטער צו לעבען א שטיל און גליקלאך לעבען אין דעם פרידען פון א ליבער פאמיליע... יא, דאס איז אזוי געווען מיט די העלדען פון די ווערק... אבער מיט'ן דיכטער? דער גרויסער דיכטער האט אויך אזוי פארשטאנען, און האט אויך אזוי געטאן... אבער...

פון די פופצען יאר גליקלאך לעבען אין א ליבער פאמיליע, שאפענדיג גרויסע קונסטווערק, האט ער נאר א צייט געלעבט רואיג. זיין נשמה האט זיך אויך דא ניט באפרידיגט...

וואס איז לעבען? וואס איז טויט? ווי אזוי לעבט מען? ווי אזוי דארף מען לעבען? וואס וועט ש'ין זיין, אז איך וועל אנזאמלען רייכטימער און גיטער? אז איך וועל אנשרייבען ביכער? אז איך וועל האבען א גרויסע פאמיליע? און דער טויט?...

אט איז געשטארבען א קינד. אן אומשולדיג קינד. צו וואס איז עס געבוירען געווארען, נאך וואס האט עס געלעבט און פאר וואס איז עס געשטארבען?

שוין די לעצטע טיילען פון „אנא קארענינא" זיינען געשריבען מיט צוואנג און פארדרוס... צו וואס? צו וואס אט די גאנצע ארבעט — ווער דארף זי? עטלאכע פוסטע־פאסניקעס, ניט מער...

און די גרויסע מורא'דיגע קשיות, וואס זיינען די גאנצע פופצען יאר פון גרויסער שאפונג געלעגען ווי אין א הינער־פלעט הויבען זיך אויף, ציען זיך אוים אין זייער מורא'דיגער גרוים און ווי געשפענסטער פלאנטערען זיי זיך פאר די אויגען און שרעקען די נשמה פון דעם קינסטלער. און דער קינסטלער איז שוין ניט מער קיין יונגערמאן; ער איז שוין אין די פופציגער...

ווי אזוי לעבט מען? — איז די געוואלדיגע פראגע. ווי אזוי לעבט מען, אז איך זאל פילען אז איך לעב אזוי ווי מיין באשעפער וויל איך זאל לעבען?

ווער איז דער באַשעפער פון דער וועלט, און מיין באַשעפער, און וואָס זיי־נען זיינע צילען פאַר מיין לעבען? ווי אַזוי דערגרענטערט מען זיך צו אים צו דערפילען זיינען צילען? — האָט זיך געפרעגט די גרויסע נשמה.

און ער האָט געלערענט די וויסענשאַפטען — אָבער זיי ענטפערען ניט אויף די פראַגעס... זיי זיינען זיך נאָר מודה, אַז זיי קענען די קשיות ניט פאַרענטפערען, און זיי ווילען נאָר אַז מען זאָל די קשיות ניט פרעגען. אָבער ווער הערט זיי דען, ווען די נשמה גאַרט נאָך אַן ענטפער אויף די פראַגעס...

און ער האָט געלערענט די פילאָזאָפען — און זיי ענטפערען ניט אויף די קשיות. זיי אויך לעבען אין מורא און פאַרצווייפלונג איבער דעם רעטע־ניש פון לעבען און טויט.

און ווי לעבט מען פאַרט? — האָט געפרעגט די נשמה און האָט ניט אָפּגעלאָזט.

און ער האָט געזען ווי עס לעבען די רייכע און מאַכטיגע אין דעם בלוט און דעם שווייס פון די פעלקער, און ער האָט ניט געקענט אַזוי לעבען...

און ער האָט געזען ווי עס לעבען די וואָס ווייסען און קענען, אין דער אילוזיע פון זייערע קענטעניש — און ער האָט ניט געקענט אַזוי לעבען.

און ער האָט געזען ווי עס לעבט דאָס פאָלק אין טיפען גלויבען און ער האָט אויך געפּרואווט אַזוי לעבען.

אָבער ווי גלויבט מען, אַז עס גלויבט זיך ניט?... און דער גרויסער מענש האָט שטונדען־לאַנג ווי אַ קינד געבעטען צו גאָט. ער איז געגאַנגען אין קלויסטער, געלערענט די היילינע, אָפּגעהיט די מנהגים... אָבער זיין גרויסע אמת׳ע נשמה האָט ניט איבערגעטראָגען די פאַלשקייט און דעם ליגען פון די היילינע, און שטיל און לאַנג האָט דער גרויסער גייסט געפּלאָגט זיך און ווייטער געבעטען.

— גאָט, גאָט! — האָט ער געשריען. און ווי אַמאָל אין גן־עדן, ווען די שטימע האָט גערופען דעם פאַרברעכער וואָס האָט געגעסען פון עץ־הדעת. אַזוי האָט אויך איצט דער גרויסער זוכער, דער פאַרברעכער, וואָס האָט געגעסען פון עץ־הדעת, אויף דער גרעניץ פון משוגעת און זעלבסטמאָרד, געבלאָנדזעט איבער די וועלדער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און אין דעם רויש פון די בוימער האָט ער געשריען און גערופען:

— יהוה, אדני, וואו ביזטו? וואָס ביזטו? אַנטפּלעק זיך צו מיר, — און קיינער האָט ניט געענטפערט, נאָר דער רויש פון די בוימער האָט פאַר־שלונגען דעם עכאָ.

אָבער אין יענעם רעליגיעזען עקסטאַז האָט דאָך פּאַסירט אַ נס. דער נס וואָס האָט זיך שוין פון דרייסיג יאָר געגרייט אין דער נשמה. ער האָט

דערזען דעם אמת אין דער ריינער לערע פון קריסטוס'ן, אין דער דרשה אויף דעם באַרג...

לעבען — איז גלויבען, לערענט טאָלסטאָי. ליבע צו מענשען, צום נעענטסטען. ווידערשטיי ניט דאָס שלעכטס, אנדערקען ניט קיין הערשער, אנדערקען ניט קיין אייגענטום און געדיינק, אז גאָט'ס קיניגרייך איז אין דיר אליין.

ווי אזוי די אלטע, טיילוויים פאַלשע און טיילוויים נייע וויזשענשאַפטע לערעס האָבען געקענט פאַרענטפערען די הארבע קשיות פון לעבען, פון טויט, וואָס טאָלסטאָי האָט זיך דאָס גאַנצע גריבלערישע לעבען געשטעלט, מוז מען זיך אָנטאָן אַ כח צו פאַרשטיין. אָבער אויך דאָ איז טאָלסטאָי פריער פאַר אלעמען דער גרויסער קינסטלער. ער פילט דאָס וואָס ער פּרעדיגט און לערנט און לעבט ווי ער פילט. ער פּראָקלאַמירט זיינע לערעס איבער דער גאַנצער וועלט און שווינט ניט די מענשען פאַר דעם לעבען וואָס זיי לעבען. און די וועלט הערט זיך צו צו זיין מאַכטיג וואָרט. זי פילט אין דעם גרויסען גייסט דעם גרויסען ערנסט וואָס פליסט אין זיין נשמה. אָבער דערפאַר טאַקע, צוליב דער גרויסער עטישער קראַפט וואָס ער האָט איבער מענשען, וועלען די קינפטיגע דורות אים רופען צום בית־דין פון דער געשיכטע און פאָדערען דין־וחשבון פאַר זיין פּופּציגיאָריגער גלייכגילטיגקייט צום פריי־הייטס־קאַמף אין רוסלאַנד און ער, וואָס איז אומשטאַרבלאַך, וועט דאַרפען ענטפערען.

זיינען דען ניט פאַר זיינע אויגען געפלאָסען טייכען בלוט? זיינען דען ניט פאַר זיינע אויגען די בעסטע זין און טעכטער פון רוסלאַנד געשטאָרבען אויפ'ן עשאַפאָט?

און איצט, שוין „מיט אַ פוס אין קבר", זעט דער גרויסער מענש נאָך אלץ ניט יענעם אמת, וואָס ער האָט געזוכט דעם גאַנצען לעבען. ער זעט ניט, אז אין דער פאַלשער לערע פון „ווידערשטיי ניט דאָס שלעכטס", ליגט די הערשאַפט און די קייטען פון מענשען. ער זעט ניט, אז לעבען איז ניט גלויבען, נאָר טאָן און באַשאַפען. ער זעט ניט ביז היינטיגען טאָג דעם טיפען זינען פון יענעם אָריענטאַלישען מעשה'לע וואָס ער אליין דערציילט און וואָס מיר האָבען געלערענט אין די קינדער־יאָרען.

...און עס איז געגאַנגען אַ וואַנדערער אין דער מדבר, און אַ בייזע,ווילדע חיה האָט אים נאָכגעיאָגט און האָט אים געוואָלט אויפפרעסען. און ער איז אריינגעקראָכען איין אַן אויסגעטריקענטען ברונען צו באַהאַלטען זיך פון איר. האָט ער אויפ'ן דנאָ דערזען אַ שערקלאַכען דראַקאָן, מיט אַן אָפען מויל און ער האָט אים געוואָלט איינשלינגען. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ דין צווייגעל און איז געבליבען הייגנען אין מיטען צווישען דער בייזער חיה

און דעם שרעקלאַכען דראַקאָן... קוים, קוים, וואָס ער האַלט זיך אויפ'ן צווייגעל... פּלוצלונג דערזעט ער, אַז דעם וואָרצעל פון צווייגעל גריזען צוויי ראַטען — איינע אַ ווייסע און איינע אַ שוואַרצע... אַט, אַט וועלען זיי דורכגריזען דאָס צווייגעל און ער וועט אַרונטערפאַלען דעם דראַקאָן אין מויל אַריין... און דער אָרימער וואַנדערער האָט זיך דערוויל פאַרקוקט און דערזען צוויי טראָפּען האָניג אויף אַ בלעטעל פון צווייגעל און ער האָט זיך צוגעבויגען צום האָניג און האָט אים דורשטיג געלעקט מיט דער צונג...

יאָ, יענע צוויי טראָפּען זיינען מסתמא נאָר מאַטעריעלע טראָפּען האָניג געווען... דער גרויסער קינסטלער און דער גרויסער גייסט טאָלסטאָי, דער גרויסער וואַנדערער אין דעם לעבען, האָט אויף אַ בלעטעל פון דעם צוויי־געל דערזען אַ דריטען טראָפּען — אַ גייסטיגען... און ער האָט אויסגע־שטרעקט זיין גרויסע, זיין גאַנצע ריזען־פיגור און לעקט דעם טראָפּען האָניג מיט אַזאַ וואונדערלאַכען גענוס... צוליב אים האָט ער געאָפּפערט זיין קונסט... דעם פריי־הייטס־קאַמף פון זיין פאָלק...

ביערסטערנע ביערענסאָן *)

1.

פאַרוואונדערט איז אייראָפּע געשטאַנען אין לעצטען יאָרהונדערט און זיך צוגעקוקט צו דער מערקווירדיגער אַנטוויקלונג פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור. אַ קוואַל, און איינער פון די רייכסטע און פרישסטע, האָט געשפריצט און געשלאָגען פון דער קליינער נאָרוועגיע. יאָרהונדערטער נאָכאַנאַנד איז דאָס נאָרוועגישע פאָלק געווען באַהערשט פון איר שוועסטערשטאַט — פון דענמאַרק. נאָרוועגיע האָט זיך נאָר גערעכענט פאַר אַ דענישער פּראָווינץ: דאָס דענישע געזעלשאַפטלאַכע לעבען. דער דענישער געדאַנק און די דענישע ליטעראַטור האָבען דאָס עפּענטלאַכע נאָרוועגישע לעבען און די נאָרוועגישע ליטעראַטור אינגאַנצען פאַרשלונגען. די נאָרוועגישע דיכטער און זינגער האָבען געדיכטעט און געזונגען אין דער דענישער שפּראַך!

אָבער אָט האָט דער פרייהייט-גייסט, וואָס האָט באַלעבט אייראָפּאַ נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָט דעם גאַנצען 19-טען יאָרהונדערט געוועקט דאָס באַוואוסטזיין פון אונטערדריקטע און פאַרשלונגענע פעלקער־שאַפטען צו אַ זעלבסטשטענדיג נאַציאָנאַל לעבען — די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַזוי שטאַרק די סאָציאַל-פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון 19-טען יאָרהונדערט — אויך אויפגעוועקט דאָס נאָרוועגישע פאָלק צום באַוואוסטזיין פון אַ זעלבסטשטענדיג נאַציאָנאַל לעבען. און פּונקט. ווי ווען עס וואַכען אויף די גייסטיגע קרעפטען און דאָס באַוואוסטזיין פון דעם איינצעלנעם מענשען. פון שטאַרקען יחיד, דריקען זיי זיך אויס אין עפּעס האַנקרעטעס און ווערטפולעס, אַזוי אויך, ווען עס וואַכען אויף די אינדיווידועל-נאַציאָנאַלע גייסטיגע כחות פון אַ גאַנץ פאָלק, געפינען זיי אַ וועג זיך אויסצודריקען אין שאַפערישע ווערטען, וואָס באַציִרען די געשיכטע פון פאָלק און פילען אָן די פאָלקסנשמה מיט ערע און שטאָלץ.

און אַזוי איז עס געשען. קוים איין יאָרהונדערט נאָר זינט דאָס קליינע נאָרוועגישע פאָלק האָט אין יאָר 1814 זיך אַרויסגעריסען פון דענישער ווירּ

---

*) געדרוקט צו דער געלעגענהייט פון ביערענסאָנ׳ס טויט, אין דער „פרייער געזעלשאַפט”, יוני, 1910.

קונג און הערשאַפט צו אַ זעלבסטשטענדיג נאַציאָנאַל לעבען, און די נאָרוועגישע ליטעראַטור האָט אין דער צייט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע גרויסע און וויכטיגע גייסטער, אַזעלכע גרויסע דיכטער און זינגער, דראַמאַטיקער און קריטיקער, וועלכע האָבען מיט רעכט פאַרנומען דעם אויבען־אָן פון דער מאָדערנער אייראָפּייאישער ליטעראַטור און האָבען אָפט געהאַט ניט אַן ערך אַ גרעסערען איינפלוס אויפ׳ן לעבען און שאַפערישען גייסט פון עלטערע און מאַכטיגערע פעלקער, ווי אפילו זייערע אייגענע דיכטער און זינגער האָבען געהאַט. אַז אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון דעם נאָרוועגישען פאָלק ליגט דער סוד פון דער מאַכטיגער אַנטוויקלונג פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור, קען גאָר קיין רייד ניט זיין: דאָס באַווייזט די געשיכטע פון דער ליטעראַטור, דאָס באַשטעטיגט אויך דאָס לעבען, ווירקען און דיכטען פון דעם נאַציאָנאַלסטען פון נאָרוועגישע דיכטער — דעם ערשט־פאַרשטאַרבענעם קעמפער און זינגער — ביערנסטערנע ביערענסאָן. מיט הענריק איבסען — דעם גרעסטען פון נאָרוועגיע׳ס גייסטער — געהערט ביערענסטערנע ביערענסאָן צום עלטסטען דור פון נאָרוועגישע דיכטער, צו די קלאַסיקער. ויאָס האָבען געלייגט די ערשטע פונדאַמענט־שטיינער פון אַן אומאָפּהענגיגער נאַציאָנאַלער דיכטונג אין דער לירישער פּאָעזיע, אין דער דראַמע און נאָוועלע. אָבער ווי גרויס און ווי מאַכטיג עס זאָל ניט זיין דער איינפלוס פון איבסענישען גייסט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור און וואָס פאַר אַ דויערענדען, און אפשר גאָר אייביגען, פּלאַץ איבסען זאָל ניט פאַרנעמען אין דער גרויסער וועלט־ליטעראַטור, בלייבט אָבער ביערענסטערנע ביערענסאָן דער גרויסער, הארציגער נאָרוועגישער דיכטער, וועלכער האָט אין דער ערשטער צייט פון זיין דיכטערישער טעטיגקייט אפילו איבסענ׳ען געפירט אויף דעם וועג פון נאַציאָנאַלער דיכטונג.

ביערענסאָן איז דער שאַפער, דער גרינדער פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור, אין דער נאָרוועגישער שפּראַך: ער איז, אין דער ערשטער פעריאָדע פון זיין דיכטונג, דער נאַציאָנאַל־דיכטער פאַר עקסעלאַנץ.

און עס שיינט אונז, אַז זיין גרויסער גייסט איז פון דער נאַטור אַליין געווען געקנאַטען פאַר דעם ציל.

.2

געבוירען געוואָרען איז ביערענסטערנע ביערענסאָן אין יאָר 1832 אין דער פאַמיליע פון אַ דאָרף־גלח, וואָס האָט געשטאַמט פון איינפאַכע פויערים. דער אָרט, וואו ער איז געבוירען געוואָרען, איז אין אַן אָרימער, אַ פאַרוואָרפענער, פון פראָסט און קעלט פאַרווייעטער באַרגיגער געגענט. אָבער זי איז ניט לאַנג געווען דאָס וויגעלע פון זיין גייסט. פאַרפרי — שוין אויף

זיין זעקסטען יאָר — איז די פאַמיליע ביערענסאָן אריבערגעפאָרען און האָט זיך באַזעצט אין דער וואונדערלאַכער געגענט ראַמסזאַל. דאָ איז די נאַטור שיין און פּראַכטיג, מאַיעסטעטיש גרויס; דאָ זיינען די פּויערים רייך, זאַט און צופרידען, און פרי האָט דער שטאַרקער קאָנטראַסט פון זיין געבורט־ווינקעל צו דער געגענט, אין וועלכער ער האָט איצט געלעבט, געוועקט דעם דיכטער'ס זעלע: די וואונדערלאַכע נאַטור האָט געוועקט זיינע דיכטערישע כחות; די גאַנצע סביבה האָט אים באַלעבט און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס דאָס פּויערשע לעבען, פון וועלכען דער דיכטער האָט אלס קינד און יונגלינג געשעפּט זיינע ערשטע איינדרוקען — דאָס דער פּויער, פון וועלכען זיין פאַמיליע האָט זיך דורך דורות געצויגען, האָט איבערגעלאָזט גרויסע שפּורען אויף זיין זעלע, און האָט תמיד געוועקט דאָס פאָלקסטימלאַכע אין זיין גרויסען גייסט.

און זיין גייסט האָט שוין אין יונגלינג־יאָרען געעפענט די קוואַלען פון דיכטונג; פאָלקס־לידלאַך האָט ער דעמאָלט געדיכטעט — שיינע, זיסע לידלאַך, לידלאַך מיט ליבע צו דער היים און צום לאַנד:—

יאָ, מיר ליבען — הארציג ליבען,
נאָרוועגיע, דיין באַרג און טאָל!
איבער'ן ים, פון שטראָם געשלאָגען,
גיבען דיינע בערג און טאָלען —
א היים פאַר טויזענטער אין צאָל.

און דער פּויער האָט ליב געהאַט די לידלאַך און האָט זיי מיט דעם דיכטער געזונגען. אָבער דעם דיכטער אליין האָט געצויגען אין דער גרויסער וועלט — אין דער וועלט פון לעבען און טעטיקייט, און שוין צו 17 יאָר האָט ער פאַרלאָזט זיין פאַמיליע און איז געפאָרען קיין קריסטיאַניאַ לערנען.

3.

די נאַטור האָט א גוואַלדיגע ווירקונג אויף'ן קינסטלער. וואָס רייכער די נאַטור, וואָס פאַרשיידענאַרטיגער אין פאַרבען, קלאַנגען און בילדער זי איז — אַלץ רייכער איז די פאַרשטעלונגס־קראַפט פון דעם דיכטער: וואָס ווייכער, ווארימער און זאַנפטער עס איז זיין אומגעבונג, אַלץ זיסער און האַרציגער איז די נשמה, אַלץ בויגיגער און עלאַסטישער דער טאָן און דער סטיל פון דעם מייסטער. און, מערקווירדיג, די נאַטור פון נאָרוועגיע האָט אַזוי ווי אומישנע צעטיילט איר ווירקונג אויף אירע צוויי גרויסע — ווי טאָג און נאַכט פאַרשיידענע — דיכטער און זינגער: ביערענסאָן און איבסען.

די נאָרוועגישע נאַטור איז האַרט, פּראַסטיג, קאַלט, באַרגיג, בייז, אוי־מעטיג און ברוגז־אָנגעבלאָזען. אָבער זי האָט איר וואונדערבאַרע מיט־נאַכט זון; אירע וואונדערלאַכע קאָלירען און פאַרבען פון די שפּילענדיגע זון־

שטראַלען איבער די שניי־בערג; זי האָט אירע שטילע שפּיגעלדיגע וואַסע־רען אין די פיאָרדס, די גוואַלדיגע שטורם־ווינטען אויפ׳ן ברעג און די שניי־אַוואַלאַנשען אין די בערג. האָט זי מיט איר מאַכטיגער האַנט צעטיילט איר ווירקונג אויף אירע דיכטער. דאָס נאָרוועגישע פאָלק און די נאָרוועגישע ליטעראַטור האָט איר בייזען, פראָסטיג־קאַלטען, בייסענדען, אָבער באַרג גרויסען דיכטער־שופט איבער מענשען און לעבען, איר טיפען, איינזאַמען גריבלער אין מענש־און־וועלט־פּראָבלעמען — זי האָט איר העגריק איבסען. אָבער זי האָט איר וואַרימען, האַרציגען, ווי די מיט־נאַכט זון גרויס און שיינענדיג, פּראַכטיג ווי די שטראַלען־שפּיל פון פאַרבען אויפ׳ן שניי — האָט זי איר דיכטער און קעמפער, דיכטענדיג קאַמף און לעבען פאַר זיין פאָלק און פאַר אַלע מענשען פון דער וועלט, איר גרויסע, ליכטיגע זינגער־פיגור — ביערענסטערנע ביערענסאָן.

און ביערענסאָן האָט די נאַטור געקענט און ליב געהאַט. ווייניג דיכ־טער האָבען אַזוי מייסטערהאַפט אירע בילדער געמאַלען, די בילדער פון ים, פון די בערג, פון די זון־שטראַלען פאַרגעשטעלט, ווי ער. דער דענישער יאַקאָבסען, דער פלאַם־פייערדיגער ד׳אַנונציאַ, אָדער גאָר אָסקאַר ווייל̈ד האָבען זיך אפשר מיט קאָלירען, מיט פאַרבען און מיט ווערטער ווי מכשפים געשפּילט, אָבער די נאַטור — אירע בילדער — זיינען ביי קיינעם פון זיי ניט אַרויסגעקומען אַזוי גרויס, אַזוי מאַיעסטעטיש איינפאַך און מאַכטיג ווי ביי ביערענסאָנ׳ען — אין ז י י ן נשמה האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט די נאָרוועגישע נאַטור — די מאַכטיגע, די ווילדע, די מאַיעסטעטישע!

— דאָ האָט די נאַטור אַליין די אייגענשאַפט אַרויסצורופען ביים מענ־שען דאָס אומגעווייינטלאַכע — דערציילט קלאַראַ איר שוועסטער. אין „איבער אונזער קראַפט״ — זי אַליין איז אויסער אַלע נאַטירלאַכע גרעניצען. ביי אונז איז כמעט נאַכט אַ גאַנצען ווינטער און טאָג כמעט אַ גאַנצען זומער — און די זון שטייט אויפ׳ן האָריזאָנט ביי טאָג און ביינאַכט. דו ווייסט, אין דעם ים־נעבעל זעט זי אויס דריי און אַמאָל פיר מאָל אַזוי די גרויס, ווי זי איז. און דאָס שפּיל פון אירע קאָלירען און פאַרבען אויפ׳ן הי־מעל, אויפ׳ן ים און אויף די בערג! ? פון צעגליטער העל־רויטקייט ביז די איידעלסטע געל־ווייסקייט שיינט זי און פינקעלט און מינעט אירע פאַרבען. און די קאָלירען פון דעם נאָרד־ליכט אויף דעם ווינטערדיגען הימעל!... בלאַסער פון דער זון־שיין בייטען זיי זיך אומרואיג כסדר און פאַרוואַנדלען זיך אין שרעקעדיגע פאַנטאַסטישע פאָרמען. און אַזוי איז אַלץ ביי אונז אין דער נאַטור — אומגעווייינטלאַך. פייגלען אין אומציילעגע, מיליאָנענדיגע חברותא׳ס ציען זיך אין דער לופט: פיש „אין מחנות פון פאַריז ביז שטראַסבורג״, ווי אימיצער האָט געשריבען, שווימען אום ביים ברעג: און

די בערג, וואָס וואַקסען פון ברעג אַרויס, זיינען ניט גלייך צו אַנדערע בערג: דער גאַנצער אַטלאַנטישער אָקעאַן שלאָגט אָפּ זיינע כוואַליעס אַן זיי...

„און ווי די נאַטור, אַזוי זיינען די פאַרשטעלונגען פון דעם פאָלק — גרעניצלאָז! זיינע סאַגאַס — זאָגעס און מעשה'לאַך — זיינען אַזוי ווי גאַנצע וועלט־טיילען, איינע אויף די אַנדערע אָנגעוואָרפען אונטער די אייזבערג פון דעם נאָרדלאַכען פּאָל!... אַ, דו לאַכסט, אָבער הער זיך נאָר צו צום פאָלק..."

דער דיכטער האָט זיך צוגעהערט צום פאָלק. ער האָט די סאַגאַס פון זיין פאָלק געקענט און האָט דאָס לעבען פון זיין פאָלק פאַרשטאַנען. אונטער דער אומבאַגרעניצטער גרויסקייט פון דער נאָרוועגישער נאַטור, פון די אַלטע נאָרזישע סאַגאַס און דעם מיטעלאַלטערלאַכען עפּאָס פון זיין פאָלק איז אויסגעוואַקסען און האָט זיך אַנטוויקעלט די יונגע גייסטיגע פערזענלאַכקייט פון דעם דיכטער. און טאַקע פון די סאַגאַס און דעם פאָלק'ס עפּאָס — די קוואַלען פון פעלקערלאַכער טראַדיציע — און פון דעם אַלטעגלאַכען לעבען פון דער שטילער, אומגעהובעלטער און אין זיך פאַרשלאָסענער פאָלקסמאַסע, האָט ער, אין דער ערשטער פעריאָדע פון זיין דיכטערישער טעטיקייט, מייסטערהאַפט געהאָלפען באַשאַפען די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור פון זיין פאָלק. אָבער ער האָט אויך איבערגענומען בירושה פון זיינע אור־עלטערן אַנאַנדער גייסטיגען שטריך. ער איז געבוירען געוואָרען מיט דער אומרואיגער נשמה פון אַ קעמפער — פון אַ פירער פון מענשלאַכע באַוועגונגען. „האַלב־זינגער, האַלב־פירער", — זאָגט בראַנדעס. און ווען אין 1856 — זייענדיג 25 יאָר אַלט — איז אין דעם צוג וואָס די סטודענטען האָבען געמאַכט קיין אופּסאַלאַ צו פאַראייניגען אַלע סקאַנדינאַווישע שטאַמען אין איין נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד, צו אים פּלוצלונג צוגעטראָטען אַ יונג באַגייסטערט מיידעל און, אין דער התלהבות און באַגייסטערונג פון דער גאַנצער מאַסע, אים דערלאַנגט אַ לאָרבער־קראַנץ, האָט ער, דערשטוינט און פאַרגאַפט אויף איין מינוט, זי אָנגעקוקט, און באַלד דערפילט, — ווי ער אַליין האָט עס אין יאָרען אַרום דערציילט דער וועלט, — אַז ער דאַרף ווידמען זיין לעבען צו זינגען און דיכטען פאַר זיין פאָלק און קעמפען און פירען עס אויפ'ן וועג פון מענשלאַכען פאָרטשריט.

און דעמאָלט — אַ פירער איז ער געווען — אַ דיכטער איז ער געוואָרען!...

4.

צוויי ערנסטע פּאַסירונגען האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער יוגענטלאַכער טעטיקייט פון ביערענסטערנע ביערענסאָן. זיין אומדערמידלאַכער קאַמף אין קריסטיאַניאַ פאַר אַ נאָרוועגישען טעאַטער און אַ

נאָרוועגישער דראַמע און דער באַגייסטערטער צוג פון די סטודענטען נאָך אופּסאַלאַ, פון וועלכען מיר האָבען ערשט געהערט. ביידע האָבען אויף יאָרען לאַנג באַשטימט און באַגייסטערט זיין טעטיקייט. די ערשטע — דער קאַמף, אַלס טעאַטער קריטיקער, דער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלען טעאַטער און נאַציאָנאַלער דראַמע — האָט אים ארויסגעפירט אין דער עפענטלאַכקייט פאַר'ן גרויסען פובליקום, און האָט אים געבראַכט אין צוזאַמענשטויס מיט די הערשענדע גייסטער פון יענער צייט, וועמען די נייע שטרעבונגען האָבען ניט געקענט אויסזען אַנדערש ווי משונה ווילד; דערפאַר אָבער האָט אים דערזעלבער קאַמף אַרומגערינגעלט מיט די פייאיגסטע און טאַלאַנטפולסטע יונגעלייט פון יענער צייט, וועלכע האָבען אים מיט באַגייסטערונג געהאָלפען אין קאַמף. צו יענער צייט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט איבסען'ען און האָט אים פיל געהאָלפען מיט דער אָנדערקענונג פון זיינע ערשטע דראַמאַטישע ווערק. די צווייטע פאַסירונג—דער סטודענטען־צוג—האָט אויף ביערענסאָנ'ען אַזאַ גרויסען איינדרוק געמאַכט, אים אַזוי באַגייסטערט, דאָס ער האָט אין אים אָנגעצונדען דעם דיכטערישען פלאַם פון שאַפונג. די ערשטע פון זיינע דראַמען — דעם איינאַקטער „צווישען די שלאַכטען" — האָט ער אין 14 טעג אָנגעשריבען און אין דעמזעלבען יאָר שוין זיינען דערשינען זיין ערשטע גרויסע דערציילונג פון פויערים־לעבען „סינאָווע סאָלבאַקען" און די דראַמע „האָלטע הולדאַ". דעמאָלט — דיכטער און קעמפער — מיט'ן באַשטימטען ציל פאַר זיינע גייסטיגע אויגען צו דינען זיין פאָלק אויפ'ן בעסטען אופן, איז ער אין די ברייטערע קרייזען פון קונסט און דיכטונג נעגאַנגען. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט. וואו מען האָט געקענט אָפּשאַצען זיין דיכטערישע טעטיקייט — אין קאָפּענהאַגען.

.5

געוויינטלאַך צעטיילט מען ביערענסאָנ'ס דיכטערישע טעטיקייט אין צוויי באַזונדערע פּעריאָדען, צווישען וועלכע ער האָט אַ היבשע צייט גאָר ניט געשריבען און אין וועלכער שונאים האָבען זיך שוין געהאַט פאַרגעשטעלט, אַז זיינע דיכטערישע כחות האָבען זיך אויסגעשעפּט. איצט אָבער וואָלט עס געהייסען בלינד נאָכפאָלגען אַ ניט־ריכטיגע מיינונג, ווען מיר זאָלען אָננעמען אָט די צעטיילונג פון ביערענסאָנ'ס ליטעראַרישער טעטיקייט; ווייל דידאָזיגע צעטיילונג איז דאָך ניט מער ווי אַ קינסטלאַכע, טראָץ דעם וואָס ביערענסאָנ'ס אַרבעטען אין דער ערשטער צייט פון זיין דיכטונג זיינען כאַראַקטעריסטיש מיט דער פאָלקסטימלאַכקייט פון זיינע פויערשע דערציילונגען און מיט'ן עפּישען כאַראַקטער פון זיינע ערשטע דראַמעס, בשעת די אַרבעטען פון דער צווייטער צייט באַשטייען פון פּסיכישע און סאָציאַלע

פּראָבלעם־דראַמעס און נאָוועלען. איצט, ווען מען קען טיפער אריינדרינגען אין דער גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט פון ביערענסאָן׳ען, קען מען שוין געפינען די אָנהויב פעדים פון דער פּראָבלעם־דיכטונג פון דער שפּעטערדיגער צייט שוין אין זיינע ערשטע ארבעטען און, פאַרקערט, די כאַראַקטער־ציגען פון דער פריערשער פאָלקסטימלאַכקייט, דעם אַלטען סאַגאַ־סטיל פון דער ערשטער צייט אויך אין די שפּעטערדיגע דיכטונגען. דאָס „ניי־פּאַרהייראַט פּאָרעל״ און „אַ לעבענס־רעטעניש״ רעכענען זיך פּאַר ארבעטען פון דער ערשטער צייט און דאָך זיינען זיי פּסיכישע און פּראָבלעם־שטורדיעם. אין דאָס „ניי־פּאַרהייראַט פּאָרעל״ ברייננגט ער ארויס דעם קאַמף, וואָס אַ יונגע פרוי לעבט איבער באַלד נאָך דער חתונה, ווען זי ווערט אָפּגעריסען פון דעם לעבען, פון דער ליבע און דער אומגעבונג פון אירע עלטערען און איר היים, וואו אַלצדינג איז איר טייער און ליב, און איז געצוואונגען צו גיין לעבען מיט אַ מענשען, וועלכען זי מעג זיך אפילו רעכענען, אַז זי ליבט, אָבער וועלכער איז איר דאָך אַ פרעמדער... וואָס פאַר אַ קאַמף עס קומט פאָר אין דער נשמה פון אַזאַ יונגער פרוי, ביז זי געפינט טרייסט אין דעם נייעם איינגעאָרדענטען לעבען, און וואָס פאַר אַ פאַמיליען־קאָנפליקטען עס קענען זיין באַהאַלטען אונטער דעמדאָזיגען קאַמף איז כמעט אַן אַלגעמיין פּראָבלעם פון אונזער לעבען. אין „אַ לעבענס־רעטעניש״ באַהאַנדעלט ער אַ נאָך פיל טיפער פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם. דאָ טרייבט אַ מאַן זיין ליבעס־קרבן צום טויט, נאָר דערפאַר, ווייל ער אַליין קען ניט אַנטפּלעקען און זי קען אים ניט דערציילען, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר אין לעבען איידער זי האָט אים איר נשמה און איר ליבע אוועקגעגעבען. און זי איז דאָך זיינע געוואָרען נאָר בתנאי, אַז ער זאָל זיך קיינמאָל ניט קימערען וועגען דעם!... דאָ איז ניט די פראַגע ווי אַזוי דער דיכטער האָט די פּסיכישי זייט פון די באַטרעפענדע פּערזאָנען באַהאַנדעלט, פּונקט ווי מיר שטעלען זיך איצט ניט אָפּ אויף דער דראַמאַטישער טעכניק פון דעם „ניי־פּאַרהייראַט פּאָרעל״. מיר זעען נאָר דעם פאַקט, אַז שוין אין ביערענסאָנ׳ס פריסטער צייט רעגען פּראָבלעמען אויף זיין דיכטערשע נשמה, פּונקט ווי אין זיין שפּעטסטער צייט, אויף דער קרוין פון זיין דיכטערישער טעטיקייט, — די ערשטע טייל פון „איבער אונזער קראַפט״ — ליגט אויסגעגאָסען דער שטילער, אין זיך איינגעשלאָסענער חן פון דאָרף און דער פריערשער סביבה. און אין דער צווייטער טייל פון דעמזעלבען ווערק, געשריבען מיט יאָרען און יאָרען שפּעטער, רעגט און באַוועגט זיך אין קאַמף מיט די הערשער פון קאַפּיטאַל דער מאַכטיגער אומדערמידלאַכער קעמפּענדער טיפּ פון קעניג סווערווע פון „צווישען די שלאַכטען״ — דער טיפּ פון דעם מאַכטיגען נאָרוועגישען וויקינג און שטאַם־פירער.

ביערנסאָן אין זיין לאַנגער דיכטערישער טעטיגקייט לעבט איבער איין גרויסע מאַכטיגע אַנטוויקלונג, וועלכע פירט אים דורך דעם פאָלקסטימלאַכען פון זיין פאָלק צום אַלגעמיין־מענשלאַכען, — ווי ער אַליין זאָגט דאָס אין אַ שיינעם בריף צו בראַנדעס'ען, לאַנג שוין נאָך דעם, ווי דאָס, וואָס מען רופט אָן די צווייטע פּעריאָדע פון זיין דיכטונג, האָט איינגעטראָטען: „...דאָך, קיין זאַך אין דער וועלט קען מיך ניט אינטערקויפּען. כאָטש מען קען מיך גרינג אַראָפּפירען פון וועג. דערפאַר בין איך פריי געוואָרען פון יענע קרייזען אַזוי גיך ווי מיינע אויגען האָבען זיך געעפענט. מיין ערגסטער פיינד אפילו זאָל ער נאָר אויסדריקען די וואַרהייט — איך בין אפילו שטאַרק און איינגעשפּאַרט — אָבער אין דעם מאָמענט ווען איך דערקען דעם אמת, ציט ער מיך צו זיך אַן אַ אָפּהאַלט. זאָגט מיר, איז דען ניט גרינג צו פאַרשטיין אַזאַ נאַטור... דיינקט איר ניט, אַז דער נאָרוועגער זאָל אַזאַ נאַטור פאַרשטיין — איך בין אַ נאָרוועגער — איך בין מענשלאַך — יאָ, איך מעג איצט זאָגען:—איך בין מענש, ווייל עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס וואָרט רופט אַרויס ביי אונז גאָר נייע געדאַנקען".

6.

ביערנסאָן האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדער מזל מיט זיינע ערשטע שריפ־טען. זיינע פויערישע דערציילונגען, די גרעסערע, ווי „סינאָווע סאָלבאַקען" און „ארן", און די קלענערע — „דער פאָטער", „דאָס אָדלער־נעסט" און זיין איין־אַקטער „צווישען די שלאַכטען", וועלכען מען קען מיט רעכט אָנרופען די ערשטע נאָרוועגישע דראַמע, האָבען געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג און האָבען דעם דיכטער געבראַכט באַרימטקייט און מיטלען. עס שיינט, אַז אין זיי אַלע האָט דעם דיכטער'ס נשמה אָפּגעשפּיגעלט דעם גייסט פון זיין פאָלק, אַז ער האָט אין זיי מיט אַזאַ טיפער פאַרשטענדעניש אַרויסגעבראַכט דאָס אינערלאַכע שטרעבען פון יענער צייט, אַז זיי האָבען ניט געקענט פאַר־בייגיין אומבאַמערקט און אומגעשטיצט, און זיי האָבען גלייך געפונען חן אין די אויגען פון גאַנצען פאָלק. די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון ביע־רנסאָנ'ס גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט פון יענער צייט דריקען זיך אויס אין דעם, וואָס דער דיכטער פאַסט אויף דאָס היינטיגע לעבען פון זיין פאָלק ווי די ירושה פון דעם פאָלק'ס אבות, ניט נאָר אין לעבען און שטרעבען פון דעם קעמפּפער פאַר העכערע אידעאַלען, נאָר אויך אין לעבען און שטרעבען פון די פאָלקס־מאַסען — פון דעם איינפאַכען פויער. אין „צווישען די שלאַכטען", וואו דער סוזשעט איז גענומען פון דער מיטעל־אַלטערלאַכער געשיכטע פון נאָרוועגישען פאָלק, ברייינגט דער דיכטער אַרויס יענעם מאַכטיגען נאָרוועגישען טיפּ — דעם טיפּ פון קעמפּער, שטאָם־פירער.

דער קעניג סווערווע באַגערט נאָר גוטס צו טאָן. אָבער יעדער שריט, וואָס דער גוטער מענש וויל מאַכען, פאָדערט אָפּפער און אָפּפער און די אָפּפער מוזען פאַלען אַפילו דעמאָלט, ווען דער קעמפּער אַליין איז ניט ביכולת צו טויטען מיט זיין אייגענער האַנט אַפילו אַ פליג אויף דער וואַנט. דאָ האָט הפנים ביערענסאָן געמאָלט זיינע אייגענע ערשטע שריט פאַר'ן פאָרשריט פון זיין פאָלק און די אָפּפער וואָס יעדע גוטע זאַך פאָדערט — עס הערט זיך דאָ דער טיפער וויי־געשריי פון דיכטער'ס זעלע. אָבער דער קאַמף מוז אָנגעפירט ווערען — און כאָטש דער קעניג לאָזט זינגען מעסען פאַר און נאָך יעדער שלאַכט, גיט ער אָבער די שלאַכט ניט אויף... ניין, דער קאַמף מוז געדייען. דאָס גוטע מוז געוואונען ווערען — דער פאָרשריט מוז אָנגיין. ביערענסאָן קערט זיך ווידער און ווידער אום צום מאַכטיגען טיפּ פון קעמפּער אין אַלע צייטען פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. ער מאָלט אים בלויז פון פאַרשיידענע זייטען. פונקט אַזוי מאָלט ער אויך פון פאַרשיידענע זייטען דעם פויערים־טיפּ אין זיינע פויערשע דערציילונגען. די פויערשע דערציילונגען ביי ביערענסאָנ'ען זיינען אַ טייל פון זיין אייגענעם לעבען. אין זיינע האַלב ראָמאַנטישע, האַלב רעאַליסטישע עפּאָס־דראַמען האָבען היסטאָרישע אינצידענטען און היסטאָרישע פערזאָנען אָפּט אויסגעדריקט די אידייען און שטרעבונגען, וואָס האָבען אים אַליין באַזעלט. אָבער אין די פויערים־דערציילונגען לעבט ער זיין אייגענעם לעבען. ער דערציילט און מאָלט ניט נאָר דאָס, וואָס ער האָט אַלס גוטער אָביעקטיווער באָאָבאַכטער באַמערקט און געזען, נאָר אויך דאָס וואָס ער האָט אין דער פויערים־סביבה אַליין איבערגעלעבט. אָט אין דעם ליגט דער אונטערשייד פון זיינע פויערים־דערציילונגען און די דאָרף־דערציילונגען פון אויערבאַכ'ען, צום ביישפּיל, וועלכע זיינען געשאַפען דורך דער טיפער קינסטלערישער באָאָבאַכטונג פון קינסטלער און ניט דורך זיין אייגענעם ערלעבטען לעבען, — ווי בראַנדעס האָט דאָס ריכטיג באַמערקט. אַפילו ניט די בילדער פון טורגעניעוו'ס „זאַפּיסקי אָכאָטניקאַ“, אָדער „אוטראָ פּאָמיעסטשיקאַ“ פון דער נאָך גרעסערער קינסטלערישער פעדער פון טאָלסטאָי, האָבען געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפ'ן פאָלק פון דיזאָזיגע גרויסע שרייבער, ווי די פויערים־דערציילונגען פון ביערענסאָנ'ען האָבען געהאַט אויף זיין פאָלק. ניט דער קינסטלערישער דראַנג אַליין האָט זיי אַרויסגערופען, ניט די גרויסע טאַלאַנטפולע באָאָבאַכטונג־קראַפט פון אַ רייכען פריץ מיט דעם „קראַנקען געוויסען“ פון אַ רוסישען פּאָמיעסטשיק אונטער'ן העמד האָט זיי געשאַפען, נאָר דאָס לעבען אַליין.

און אויך די פויערים אין ביערענסאָנ'ס דערציילונגען שטאַמען אָפּ פון זייערע אבות פון דער סאַגאַ און מאָלען זיך אָפּ אין דעם אַלגעמיין גרויסען טיפּ פון אַ טיף־פאַרשלאָסענעם, מאַכטיגען נאַטור־רויען מענשען. אין די

צוויי גרויסע פויערים־נאָוועלען, וועלכע האָבען ביערנסאָנ׳ען באַרימטקייט און ליבע פון זיין פאָלק געבראַכט — אין „סינאָווע סאָלבאַקען“ און אין „אַרנע“, איז איינגענטלאך אָט דער טיפּ מיט זיינע ביידע הויפּט־זייטען פאַר־נעשטעלט. „סינאָווע סאָלבאַקען“ — זאָגט בראַנדעס — „איז די פּלאַסטישע האַרמאָניע אין די גרעניצען פון דעם נאָרוועגישען לעבען און דער העלד טהאָרביאָרען איז דער טיפּ פון יענעם שטאַרקען, איינגעקשנ׳טען יונג, וועלכער קען נאָר רייף ווערען און קומען צו זיין פולער אַנטוויקלונג אַלס מענש אונטער באַרואיגענדער און זאַנפטער ווירקונג. פאַרקערט „אַרנע“ שטעלט פאַר די לירישע, לעכצענדע שטרעבונג פון פאָלק, יענעם אימפּולס אינ׳ם בלוט פון די וויקינגען, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדעלט (אין דעם היינ־טיגען נאָרוועגער) אין דעם וואונש אַרומצווייזען. און דער העלד איז דאַ דער טיפּ פון איידעלען, פאַר׳חלומ׳טען יונג, וועלכער מוז זיך פרייער באַ־זעצען אויף אַן אָרט איידער ער קען ווערען אַ פולער אַנטוויקעלטער מענש“. אָט דאָס איז דער נאָרוועגישער פויער וואָס לעבט אונטער דער גרויסער סביבה פון דער נאָרוועגישער נאַטור און דעם טיפען רעליגיעזען אָבערגלויבען פון זיין פאָלקסטימלאַכען קריסטענטום.

7.

ביערנסאָן איז צוויי מאָל אין זיין לעבען געווען אַ טעאַטער־דירעקטאָר. איין מאָל אין בערגען אין די יאָרען 1857-9, דאָס צווייטע מאָל אין קריסט־יאַניאַ אין 1865-7. אין דער צייט האָט ער מיט אַלע קרעפטען געאַרבעט פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען נאָרוועגישען טעאַטער און האָט ניט נאָר איב־רעג׳ען געהאָלפען אין זיין דראַמאַטישער טעטיגקייט, נאָר ער האָט דער דראַמע אויך זיינע איינענע דיקטערישע כחות געווידמעט. ביערנסאָן איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער דראַמאַטורג. דערצו איז ער צופיל לירישער דיכטער געווען און צופיל האָט ער ליב געהאַט צו מאָלען די נאַטור מיט אירע פראַכט־בילדער און פאַרבען. די דראַמעס, וועלכע ער האָט אין דער צייט געשריבען, זיינען מערסטענטיילס פון דער אַלטער און מיטעלאַלטער־לאַכער נאָרוועגישער געשיכטע, אָבער אויך אַלס עפּישע דיכטונג זיינען זיי ניט פון זייער גרויסען ווערט, ווייל ביערנסאָן איז אויך ניט קיין עפּיקער. זיין קראַפט ליגט, ווי בראַנדעס האָט זיך זייער טרעפלאַך אויסגעדריקט, אין דעם וואָס ער קען „פּראָדוצירען דראַמאַטישע עפעקטען און עפּישע גרע־ניצען“. אָבער דער אמת׳ער ווערט פון די דראַמעס פון יענער צייט ליגט אין דעם וואָס זיי זיינען נאַציאָנאַל־נאָרוועגישע דראַמעס, גענומען פון נאָר־וועגישען עפּאָס, אָפטמאָל געגרינדעט אויף אַ נאָרזישער סאַגאַ און אָפטער נעדיכטעט אין דעם עכט סאַגאַאישען סטיל. „האַלטע־הולדאַ“ — די „היינ־

קענדיגע הולדא" — מעג זיך זיין ניט מער ווי א דעמאנישע פרויען־געשטאלט, וועלכע פארברענט זיך אליין און איר מאן, ווען זי קען אים ליידענשאפטלאך ניט באהערשען און באזיצען: איר טאן מעג זיך שטיין אין קאמף צווישען צוויי קעגענגעזעצטע פרויען־טיפען — די דעמאנישע הולדא און די צארטע און אידעלע שוואנילדא — און אינגאנצען מעג די דראמע איצט האבען פארלארען איר דראמאטיש־ליטעראַרישען ווערט. זי איז אבער פון די אלטע זאגעס פון פאלק און אין סאגא סטיל געדיכטעט — עס איז דעם פאלק'ס אלטע נשמה. אין דעם איז איר ווערט. און אזוי אויך „דער קעניג סווערוווע". ווידער דער אלטער קעמפענדער שטאם־פירער; אזוי אויך די טרילאגיע „סיגורד סלעמבע" און אפילו „מאריע סטוארט פון שאטלאנד" — אלע אל־טע נארוועגישע גייסטער ווידער צום לעבען גערופען — ווייל אפילו די שאטלענדער און „מאריע סטוארט פון שאטלאנד" זיינען „אויך פון נארוי־שען אורשפרונג". איבער די אלע דראמעס שוועבט דער טיף־קריסטלאכער גלויבען, וועלכער איז ניט נאר כאראקטעריסטיש אין דעם עפאס פון פאלק, נאר אין וועלכען אויך דער דיכטער אליין האט זיך דערצויגען און וועלכע ער האט מיט קינסטלערישען חן צעגאסען איבער זיינע מענשען.

8.

אויף א היבשער צייט איז ביערענסאן אינגאנצען אנשוויגען געווארען. ניט דערפאר ווייל עס האבען אויסגעטריקענט די קוואלען פון זיין דיכטונג, — ווי עס באווייזט זיין גרויסע דיכטערישע טעטיגקייט שפעטער, — — נאר ווייל עפעס האט זיך אין זיין טיפסטען אינערלאכסטען א י ד אומגעביטען. די פריערדיגע וועלט־אנשויאונג פון דעם דיכטער איז אים הפנים מיט אמאל איינג געווארען; זיין נשמה האט זיך אין דער ברייטער וועלט געריסען. און פיל האט ער אין דער צייט געלערענט און געלייענט. די פראגרעסיווע געדאנקען, דער פארטשריט פון דער וויסענשאפט, די סאציאלע און עטישע פראבלעמען וואס האבען אויפגערעגט די גייסטער אין די 60־ער און 70־ער יארען פון דעם לעצטען יארהונדערט, האבען אויך אונזער דיכטער אין אנדע־רע וועלטען געפירט: זיי האבען אפגעפרישט די קוואלען פון דיכטונג אין אים און מיט פרישע, נייע כחות איז ביערענסאן ווידער ארויסגעטראטען אין דער ליטעראטור צו ווירקען, שאפען און אנטוויקלען זיין פאלק. די אויפ־גאבעס פון זיין דיכטערישער טעטיקייט זיינען אויך איצט, ווי אמאל, גאנץ קלאר געשטאנען פאר אים. אויף די געביטען פון רעליגיעזער פרייהייט, פון סאציאל־פאליטישען פארטשריט און ריינער זיטלאכקייט אין לעבען וועט ער ווייטער דיכטען און ווירקען — און ווי פריער האט ביערענסאן ערפאלג און ליבע און אנדערקענונג געפונען ביי זיין פאלק.

.9

זיינע אָנשויאונגען, זיינע רייפערע באַגריפען איבער דעם מאָדערנעם לעבען נעמען ביערנסאָנ׳ען אַוועק פון דער אַלטער סאַגא און דער אַלטער נאָרוועגישער געשיכטע און פירען אים אריין אין דעם היינטיגען לעבען, צו ווידמען זיינע גייסטיגע כחות די נייערע פּראָבלעמען פון לעבען. באַלד ווי ביערנסאָן האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז ער ארויסגעטראָטען מיט אַ דראַמע נאָך אַ דראַמע, וועלכע האָבען מיט דער גרויסער אויפריכטיקייט פון אַ גרויסען דיכטער באַהאַנדעלט אפילו די טענדענציעזסטע סוזשעטען — די פּראָבלעמען און פראַגען — וואָס דאָס מאכטיגע סאָציאַלע לעבען פון אונזער צייט רופט ארויס.

אין זיין ערשטער „בירגערלאכער“ דראַמע — „דער באַנקראָט“, — מיט וועלכער איז דעמאָלט ארויסגעטראָטען און געהאַט אַזא גרויסען ערפאָלג סאַי אין דייטשלאַנד, סאַי אין נאָרוועגיע, ווערט צום ערשטען מאָל באַהאַנדעלט אויף דער בינע אַ סאָציאַלער סוזשעט. דאַ האַנדעלט זיך ניט נאָר יוענען דער ליבע און דעם קאַמף פון אַ יונגען בוכהאַלטער — אַ טרייער דינער פון זיין פּרינציפּאַל — צו קריגען די האַנט פון זיין בעל־הבית׳ס טאָכטער, דערפאַר ווייל יענער ווערט זיין רעטונגס־איינגעל — נאָר עס האַנדעלט זיך אום די וועגען און מיטלען פאַר וועלכע דער היינטיגער שפּעקולאַנט וועט זיך ניט אָפּשטעלען — מעגען די אָפּפער זיין ווי גרויס — כדי רייך צו ווערען. אין ביערנסאָן שאַנעוועט ניט די היינטיגע געזעלשאַפטלאכע אָרדנונג, פּונקט ווי ער שאַנעוועט ניט די מאָדערנע פּרעסע אין אַנאַנדער דראַמע, „דער רעדאַקטאָר“.

אין דעם „קיניג“, די דראַמע, וועלכע באַהאַנדעלט דעם מערקווירדיגען סוזשעט אַז דאָס קיניגטום האָט שוין אין דער היינטיגער וועלט אָפּגעלעבט — באַגרייפט דער קיניג דעם געדאַנק, און איז באַרייט צו האַנדלען אין איינקלאַנג מיט אים. ער וויל זיך אָפּזאָגען פון זיין הערשאַפט, חתונה האָבען פאַר אַ געוויינטלאַך פּראָסט מיידעל, וועלכע ער ליבט — ער רופט אַ רעפּובליקאנער צום רודער פון קיניגרייך — און פאַלט אַן אָפּפער פון ווילדען קאַמף קעגען אים פון דעם אַדעל און דער קירכע און אפילו פון פאָלק, וואָס הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין די גרויסע אָפּער, וואָס דער פרייהייט־ליבענדער איידעלער מענש האָט געבראַכט פאַר אים.

פון די אכציגער יאָרען אָן — דורך דער גאַנצער צייט פון זיין צוקונפטיגער ליטעראַרישער טעטיקייט, — שטעלט זיך ביערנסאָן אָפּ אָט אויף דער, אָט אויף יענער סאָציאַלער, פּאָליטישער אָדער עטישער פראַגע און באַהאַנדעלט זיי מיט דער ברייטקייט צו וועלכער זיין נאָרזישע נשמה איז געוואוינט, ניט קוקענדיג אויף די פאָלגען — און עס האָט טאָקע געהאַלטען

ניט ווייט, אז דער באליבטער דיכטער זאל פאר זיין „קיניג" דארפען גיין אין געפענגעניש. אבער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט באגרעניצט זיך ניט מיט דראמעס אליין — ער שרייבט אויך נאוועלען, גרויסע און קליינע, אין וועלכע עטישע פראבלעמען, — די ערבשאפט און קינדער־דערציאונג ווערען באהאנדעלט.

אין זיין גרויסער דערציילונג „מאגנהולד" באהאנדעלט ער די עטישע באציאונגען צווישען דעם מאן און דער פרוי, ווען די פרוי ליבט ניט איר מאן, נאר אן אנדערען — יענע עטישע באציאונגען, וועלכע „שטייען ניט געשריבען אין דער ביבעל", ווי דער מאן זאגט, אבער וועלכע „שטייען אט דא" — אין הארצען — ווי די פרוי ווייזט אן, ווען זי דערקלערט דעם מאן די גאנצע סיטואציע. פיל שפעטער באהאנדעלט ביערנסאן די דערציאונגס־פראגע אין דעם גרויסען ווערק „פלאגען איבער שטאט און האפען" און טיילט צו דער מוטער די גרויסע ראלע צו דערציען און אנטוויקלען די צו־קונפטיגע מענשהייט. ווידער און ווידער קערט ער זיך אום צו דער טעמע. ווי אין „די מוטער'ס הענט" און אין קלענערע און גרעסערע דערציילונגען. אבער די גרעסערע ווי די קלענערע ארבעטען זיינען ניט בלויז עקספערימענ־טען אין מאדערנע קינדער־גארטענס פאר קינדער און דערוואקסענע, נאר דאס קינסטלעריש געמאלטע לעבען, וואס רעגט און באוועגט א קינסטלערי־שע האנט צו קינסטלערישע שילדערונגען.

אבער, ווען ביערנסאן וואלט אין דער גאנצער שפעטערדיגער עפאכע פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט גאר ניט מער געשאפען ווי דאס וואס איך דערלויב מיר צו רופען די קרוין פון זיין דיכטונג — די ערשטע טייל פון „איבער אונזער קראפט", וואלט ער אויך געווען דער גרויסער שריפט־שטעלער און דיכטער, וואס האט א רעכט צו פאדערען א ווינקעלע פאר זיך אין דער וועלט־ליטעראַטור.

„איבער אונזער קראפט" באהאנדעלט א וועלט־פראבלעם. אין אונזער גלויבען, אין אונזער שטרעבען צום העכסטען — צום אידעאל פון אונזער נשמה — אין דעם ברענענדיגען באגער צו דערגרייכען אט דעם אידעאל — איז דא עפעס אזוינס וואס מיר קענען ניט דערגרייכען — ע פ ע ס א ז ו י נ ס, ו ו א ס א י ז „א י ב ע ר א ו נ ז ע ר ק ר א פ ט". דאס איז דער טיפער פילאזאפישער טעזיס — און באאבאכטענדיג דעם טע־זיס אין דעם רעאלען לעבען, מערקט מען ווי עס שפילען זיך אפ א רייע דראמאטישע קאנפליקטען, וואס נעמען ארום דאס טיפסטע אין דעם פסיכי־שען און סאציאלען לעבען פון מענשען. ביערנסאן האט דעם דראמאטישען קאנפליקט פארגעשטעלט נאר אין צוויי ווינקעלאך פון לעבען — נאר אין צוויי דראמעס.

די ערשטע איז אויף דער טעזיס: דאָס קריסטענטום האָט אוועקגע־שטעלט דעם נס אַלס דעם בעסטען באַווייז פון דער קראַפט פון גלויבען; און סאַנג — דער דאָרף־גלח, דער ריינסטער און בעסטער קריסט אין דער גאַנצער געגענט — דער הייליגער, וואָס האָט זיין גאַנץ פאַרמעגען צעטיילט און האָט דורך דער קראַפט פון זיין ריין, התלהבות׳דיג געבעט וואונדער געטאָן — ער דאַרף דעם נס באַווייזען. זיין פרוי איז שוין יאָרען־לאַנג קראַנק, פאַראַליזירט... פרעמדע האָט ער דורך זיין געבעט געזונט געמאַכט, טויטע צו תחית־המתים געבראַכט, און דאָך קען ער זיין פרוי ניט העלפען. זי גלויבט ניט, ווי ער — און ער קען נאָר בעטען מיט די גלויביגע... ער האָפט, דאָס ווען זיינע קינדער — אַ זון מיט אַ טאָכטער — וועלען קומען, וועט ער די מוטער אַרומרינגלען מיט אַ נעץ פון געבעט און דער נס וועט דאָך געשען... זי וועט געזונט ווערען — ווי אַנדערע זיינען פון זיין תפלה גע־זונט געוואָרען... אָבער אויך די קינדער האָבען דורך בילדונג און וויסען פאַרלוירען דעם פאָטער׳ס גלויבען — זיי קענען ניט בעטען מיט אים... טוט ער עס אַליין!... און וואונדער איבער וואונדער — די קראַנקע שלאָפט איין — זי איז שוין חדשים ניט געשלאָפען. איר מאַן — דער גלח סאַנג — בעט פאַר איר געזונט אין דער קירכע. עס קלינגען די גלאָקען. אַ צעוויקטער באַרג האָט זיך פאַרביי דער קירכע אַראָפּגעוואַלגערט און האָט זי ניט אָנ־געריררט. נסים געשעען... סאַנג טוט תפלה, מענשען קלייבען זיך אַרום מאַסענ־ווייס. פיל גלחים מיט׳ן בישאָף זיינען דערביי. אַלע וואַרטען אויף דעם גרוי־סען נס! דאָס גלויבען וועט געדעטעט ווערען!... און דער נס פאַסירט. די קראַנקע שטייט אויף פון שלאָף. זי דערוואַכט! זי גייט... איר מאַן גייט איר אַנטקעגען. עס קלינגען די גלעקער — דער נס איז געשען... און אַלע, אַלע האָבען עס געזען! אָבער... אָט זינקט די קראַנקע... זי פאַלט! טויט... און דער הייליגער, וואָס פאַרשטייט ניט קלאָר ווי אַזוי דאָס האָט פאַסירט, כאַפּט זיך אָן ביים האַרצען און מיט די ווערטער „וואָס איז דאָס?״ „אָדער... אָדער״ — פאַלט ער טויט...

דער נס... איז „איבער אונזער קראַפט״. וואָס פאַר אַ גראַנדיעזע בילד, דורכגעזאָפּט מיט יענער גרויסקייט און שיינקייט, וואָס באַצויבערט פשוט. וואונדערלאַכע געדאַנקען און וואונדערלאַכע בילדער! דער מייסטער האָט די הויך פון זיין טורעם דערגרייכט...

ניט אַזוי גליקלאַך איז דעם דיכטער געלונגען די צווייטע טייל פון דער דראַמע — פיל, פיל יאָרען שפּעטער. דאָ זיינען די טיילנעמער די קינ־דער פון דעם פאַסטאָר סאַנג. אויך עליאַס — דער זון — האָט זיין טיפען, גרויסען גלויבען, אָבער ניט אין דעם גאָט פון די הימלען, נאָר אין דעם גליק פון דער מענשהייט — און ער זעט דאָס גרויסע אומגליק, אין וועלכען די

מענשהייט לעבט. ער זעט די אָרימקייט און די אומוויסענהייט פון די מאַ־סען, וואָס האָרעווען שווער און ליידען געדולדיג דאָרט אונטען, אין טאָל, און ער זעט די רייכטימער און דעם לוקסוס פון די, וואָס לעבען הויך, אויבען, איבער'ן טאָל — און ער וויל העלפען דער מענשהייט — ניט דעם מענשען וויל ער רעטען — און געווינען אים צום גלויבען, ווי זיין פאָטער, דער גלח סאַנג, האָט געוואָלט, נאָר די מענשהייט וויל ער רעטען און געוויי־נען פאַר איר גליק... און ער וויל העלפען דער מענשהייט. ער טרוימט, אז נאָר דעמאָלט וועט די מענשהייט געהאָלפען ווערען, ווען מען וועט אָפּראַמען פון דער וועלט די אַלע הערשער און באַזיגער פון לעבען. און ער רייסט אויף דורך אַ געפערלאַכער דינאַמיט־עקספּלאָזיע די פאַרזאַמלונג פון די רייכע, — די בעלי־בתים, — וואָס האָבען געהאַלטען די „מזלות" פון זייערע אַרבעטער אין זייערע הענט און האָבען זיי פאַרהונגערט... ער שטאַרבט אינאיינעם מיט זיינע קרבנות — דער גרויסער, וואונדערבאַרער העלד!... אָבער זיין ציל?... זיין ציל איז ניט דערגרייכט... דער נס איז ניט געשעען... עס איז „איבער אונזער קראַפט"...

אָבער, ווי גרויסאַרטיג עס זאָלען ניט זיין איינִיגע בילדער — ווי ליר־ריש ווייך און צאַרט עס זאָל ניט זיין די שיינע פרויען־געשטאַלט פון דעם העלד'ס שוועסטער רחל, וואָס גיט אָפּ איר לעבען דערוויילע צו פלעגען די קראַנקע און דערציִען די צוויי קינדער „קרעדאַ" און „ספּעראַ" פאַר צו־קונפט־מענשען, געלינגט דאָך דעם דיכטער ניט איבערצולאָזען אין דער נשמה דעם איינדרוק, אַז אויך דער נס איז ניט געשעען... עס שיינט אזוי ווי אין דער אַטמאָספערע פון דעם שטיק אליין — אין דער דראַמע, — טראַגט זיך אַרום דער ריכטיגער איינדרוק ניט פון „איבער אונזער קראַפט", נאָר פון אונזער צייט!... דאָך, ווער קען לייקענען דעם גרויסען איינדרוק פון די בילדער אין דער דראַמע — ווען קען לייקענען, אַז ניט נאָר ע ל י א ס — דער העלד פון דער דראַמע — נאָר דער דיכטער אליין, ביערענסטערנע ביערענסאָן, איז אַ זון פון יענע נאָרװישע סאַגאַ־העלדען, וועלכע האָבען ניט אויפגעגעבען דעם קאַמף פאַר פרייהייט ביז דעם לעצטען אָטעם־צוג.

10.

ווען ביערענסאָן וואָלט נאָר אָנגעשריבען די פּויערים־נאָוועלען, די עטלאַכע ביכלאַך לירישע און נאַציאָנאַלע פּאָעזי און „איבער אונזער קראַפט", וואָלט ער אויך מיט רעכט געווען דער גרויסער דיכטער פון זיין פאָלק. אָבער ביערענסאָן האָט נאָך אחוץ זיין דיכטונג, אויך גענומען אָנ־טייל אין יעדער פּראָגרעסיווער פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער באַוועגונג פון זיין פאָלק און האָט תמיד און אומעטום, אַלס רעדנער און דיכטער, געבראַכט

ליכט און לעבען און זון־שיין צווישען די מאַסען פון פאָלק. דאָס גאַנצע לעבען לאַנג האָט ער צעשאָטען הויפענסוויים קערענדלאַך — „ער איז דער גרויסער פּאַרזייער אין נאָרוועגיע״ !...

ביערענסאָן און איבסען — די צוויי גרויסע קלאַסיקער פון דער נאָר־וועגישער ליטעראַטור — איבסען — דער שטרייגער שופט, ביערענסאָן — די מילדע, וואַרימע, קעמפּפענדע, אָבער פרידען־זוכענדע מאַכט! איבסען — דער ליבהאָבער פון געדאַנק: ביערענסאָן — דער ליבהאָבער פון דער מענש־הייט! — אין דעמדאָזיגען ליכט זעט זיי ביידע געאָרג בראַנדעס.

צוויי גרויסע גייסטער האָבען באַלויכטען די וועלט און האָבען אויף לאַנג נאָך איבערגעלאָזט זייער שיין אויף זייער פאָלק און דער מענשהייט!

מאַקסים גאָרקי, דער דיכטער פונ׳ם סאָציאַלען געוויסען *)

ביז ניקאָלאי מיכאַלאָווסקי — דער גרויסער רוסישער דיינקער און קריטי־קער — האָט מיט אַ פינף־און־צוואַנציג יאָר צוריק ניט דערקענט אין דער דערציילונג „טשעלקאַש“ די מייסטערשע קראַפט פון אַ גרויסען שריפט־שטעלער, איז מאַקסים גאָרקי געווען אַן אומבאַקאַנטער נאָמען אין דער רוסי־שער ליטעראַטור. פון דעמאָלט אָן אָבער, בלויז אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען גאָרקי׳ס דערציילונגען זיינען אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט, האָט שוין גאַנץ רוסלאַנד געקלונגען מיט זיין נאָמען און האָט אין אים פאַר־ערט איינעם פון אירע גרעסטע דיכטער און שרייבער. און ניט אומזיסט.

שוין אין דער דערציילונג „טשעלקאַש“ איז געלעגען די פרישקייט און די גרויסקייט פון אַ נייער שריפטשטעלערישער קראַפט. „טשעלקאַש“ איז אַ דערציילונג פון אַ געוואַגטער שמוגלעריי אין האַפען פון אַ גרויסער שטאָט, אונטער די סאַמע אויגען פון די וועכטער פון טאַמאָזשנע (אָפּצאָלהויז). אויס־געפירט ווערט די שמוגלעריי פון דעם אַלטען גנב און שיכור — פון דעם „באָסיאַק“ טשעלקאַש, וואָס פאַרברייננגט זיין לעבען אָדער אין שיכרות און גנבה אָדער אין תפיסה — און פון זיין געהילף — אַן אומשולדיג יונג פויערל פון דאָרף וואָס האָט זיך פאַרדונגען צו העלפען אים אין דער אַרבעט, ניט וויסענדיג וואָס די אַרבעט איז. אָבער ניט אין עצם פון דער דערציילונג איז געלעגען דאָס גרויסע און פרישע פון גאָרקי׳ס טאַלאַנט. אפילו ניט אין דער מאַכטיגער מאָלעריי פון די בילדער פון דעם רוישענדען ים ביי נאַכט, מיט די טיטאַנישע שיפען, ווי שפּיציגע שטיינערנע בערג, און זייערע שרעקענ־דיגע שאָטענס אַרום דעם האַפען; אפילו ניט אין דער גרויסער שילדערונג פון יענעם מאָמענט פון פאַרצווייפלונג און טויט־שרעק וואָס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם, ווען דאָס ליכט פון די וועכטער פאַלט אויף דעם שיפעל פון די שמוגלער און מיידט זיי דאַך אויס... די פרישקייט און נייקייט פון דעם גרויסען שריפטשטעלער איז געלעגען אינ׳ם אַרויספירען אויף דער סצענע

*) דער אַרטיקעל, געדרוקט אין דער „וואַרהייט“, 4טען אויגוסט, 1918, איז געקומען נאָך דער אויגענשיינלאָך זיכערער מעלדונג, אַז גאָרקי איז געשטאָרבען. אַ קליינער שלוס־פּאַראַגראַף אין אַרטיקעל, וואָס האָט זיך דירעקט באַצויגען אויף גאָרקי׳ס געמיינטען טויט, ווערט דאָ אויסגעלאָזט.

דעם פאַרשטוניסענעם פון לעבען — דעם באָסיאַק — דעם טרעמפּ אין דער אמת'ער גרויסקייט פון זיין גאַנצער נאַטור.

די שמוגלעריי איז דורכגעפירט געוואָרען. דאָס לעבען איז געווען איינגעשטעלט, אָבער אַלץ איז אַריבער בשלום און טשעלקאַש האָט זיין ערלאַך פאַרדינסט באַקומען — אַ היבשע סומע — און גייענדיג מיט זיין געהילף איבער דעם ווייסען זאַמדיגען ברעג פון ים, באַצאָלט ער אים דעם פּרייז פאַר וועלכען ער האָט זיך באַדונגען מיט אים. אָבער ביים פויער צעלויפען זיך די אויגען פון געלטגיר... ווען ער וואָלט דאָס גאַנצע געלט געהאַט! וואָלט ער דאָך פאַרשפּאָרט זיך ווידער צו פאַרדינגען און אפשר ווידער איינשטעלען דאָס לעבען... ער וואָלט געקענט באַלד אָפּפאָרען אין דאָרף, פאַרבעסערען זיין ווירטשאַפט און לעבען גליקלאַך. דער — ווערט עס דאָך סאַי ווי סאַי פאַר־שיכור'ן... און אָרום און אָרום, אויף מיילען און מיילען איז ניטאָ קיינער — נאָר דאָס ווייסע זאַמד אונטער די פיס, די העלע לויכטענדיגע זון איבער'ן קאָפּ און דער פּלעסקענדיגער ים ביי דער זייט.

און דאָס אומשולדיגע פויערעל אַנטשליסט זיך צו דערמאָרדען זיין בעל הבית און קריגען דאָס גאַנצע געלט. ער פירט האַלב אויס זיין פּלאַן און ווען טשעלקאַש, אַ פאַרוואונדעטער, אַ פאַרבלוטיגטער, באַגרייפט די כונה פון דעם קליינעם מענשעלע, ווארפט ער אים צו דאָס גאַנצע געלט מיט אַ שפּיי אין פּנים:

— נאַ, הינטישע נשמה, צוליב געלט האָסטו געוואָלט אַ מענשען אומ־ברייגנען.

און עס איז ניט קיין סענטימענטאַליטעט. עס איז די גרויסקייט און ברייטקייט פון דער נשמה וואָס כאַראַקטעריזירט דעם באָרוועסען, דעם אָפּגעריסענעם און אָפּגעשליסענעם מענשען — דעם טרעמפּ — דעם אַרויסגע־געוואָרפענעם פון דער מענשלאַכער געזעלשאַפט, וואָס פילט ניט מער אויף זיך אירע צוואַנגען און פאַרבאָטען, לעבט ניט מער מיט אירע געזעצען און מאָראַלען און האָט, ווי דער פרייער פויגעל, אין דעם אומענדלאַכען אויר, געשאַפען זיך אַ נייע, אַ פרייע — אַן אייגענע וועלט. און לגבי דער קליינ־ניקער נשמה פון דעם איינגעזעסענעם, וועגען ווייב און קינדער און אייגע־נער נחלה'טשקע באַזאָרגטען פויער פון דעם דאָרף אָדער קליינבירגער פון דער שטאָט, איז ער באמת אַ גיגאַנטישע פיגור.

אָט דאָס איז געווען דאָס נייע, דאָס פרישע, דאָס גרויסע, קינסטלערישע אין דער ערשטער עפּאָכע פון גאָרקי'ס שאַפען. אַ גרויסע, אַ וואונדערלאַכע גאַלעריע פון טיפּען, מייסטערהאַפט אויסגעהאַקט ווי פון שטיין, מיט דעם פרייען אָטעם פון דעם לעבען אויסער דער געזעלשאַפט, אריינגעבלאָזען אין זייערע נאָזלעכער פון אַ הפקר וועלט.

דאָס זיינען געווען מאַלווא — דאָס וואונדערלאכע אָרימע פישער־מיי־דעל, וואָס גיט ניט אַוועק איר ליבע דעם צויבער פון גאָלד און ניט דער צוואַנג פון מאכט, אפילו ניט דער ליבע וואָס וואַלגערט זיך ביי אירע פיס און אודאי ניט ד ע ר פון דעם רינגעל פון גאָט און שטאָט... נאָר זי טיילט זי אוים די און דעם צו וועמען עס ציט איר איר פרייע נשמה אפילו ווען זיי זיינען טאטעס פון קינדער און מענער פון ווייבער און וועלען סוף כל סוף אוועקגיין פון איר. דאָס זיינען געווען יענע גרויסע, ברייטע נשמות פון אַ קאַנאַוואַלאָוו — אַ שיכור ביז קאַנוואולסיעס, אַ טרעמפּ, אָן אַ העמד אופ׳ן לייב, אָבער אַ וואונדערלאכער מענש וואָס לעבט זיין פריי און אומגעצוואונגען לעבען זינ־גענדיג, פאַרברידערט מיט אַלע מענשען אַרום אים; קאַנאַוואַלאָוו — און אין יעדען רום לעבט אַ קאַנאַוואַלאָוו — דער „אויסוואורף״ פון דעם געזעלשאַפט וואָס שטייט אין גייסט און באַגריף פון לעבען ווייט איבער איר. דאָס איז געווען די אַלטע איזערגיל — די פאַרקערפּערונג פון זנות אוןליידען — דער גוואַלדיגער אָפּער פון דעם געזעלשאַפטלאכען לעבען, אַרויסגעוואָרפען פון איר מיט האַס און רציחה... דאָס איז געווען דער אַלטער לוקאַ פון „אויפ׳ן דעק״ — מענשלאכער און דערפאַר אויך קריסטלאכער פון קריסטוס׳ן אַליין... דאָס זיינען געווען די אַלע הונדערטער „געוועזענע מענשען״ — גלחים און יוריסטען, מעדיקער און שטאַטסלייט, אַרויסגעוואָרפען פון דער געזעלשאַפט, אָפט ניט צוליב זייער שולד, וואָס לעבען אין די גראָבענס און היילען און נאַכט־לעגער פון די אָרימסטע און פאַרשטויסענסטע; טיפען פון דער אונטערוועלט, וואָס האָבען פאַרזוכט דאָס ברייטערע, פרייערע און טיף מענשלאכערע לע־בען אויסער די צוואַנגען פון דער געזעלשאַפט און ווילען זיך גאָר ניט אומקע־רען צו איר, ווייל דאָס לעבען אין איר איז פאַר זיי צוואַנג און שקלאַפעריי, פאַלשקייט און צבועקעריי.

אָט דאָס איז געווען דאָס גרויסע אין גאָרקי׳ן, וואָס האָט אים אַזוי קונה שם געווען אין רוסישען לעבען און רוסישער ליטעראַטור און האָט אים שפּע־טער גרויסען וועלט־באַרימטקייט געגעבען.

נאָך פאַר אים האָט שוין אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור ברעטהאַרט מייסטעריש געמאָלען דעם טרעמפּ, דעם אָפּגעריסענעם שיכור און אַוואַנטיור־ניק — דעם גאָלדזוכער. מיט יאָרען שפּעטער האָט אויך דזשעק לאָנדאָן מיט מייסטערישער פרישקייט און עכטער קונסט געמאָלען זיינע טיפען פון דער אונטערוועלט. אָבער ניט דער און ניט יענער האָבען ווי טאַלאַנטפולע באַ־אָבאַכטער און שילדערער פונ׳ם לעבען פון די אַרויסגעשטויסענע „געוועזענע מענשען״, גאָרקי׳ס גרויסע קונסט און גאָרקי׳ס גרויסען ערנסט דערגרייכט. גאָרקי איז ניט געווען קיין פשוט׳ער באַאָבאַכטער פון לעבען און קיין אָביעק־טיווער קינסטלערישער שילדערער פון „געוועזענע מענשען״. גאָרקי האָט ניט

געשריבען צוליב „אַרט פור אַרט". אין דער מייסטערהאַפטער שילדערונג פון זיינע טיפּען און זייערע אומשטאַנדען, אפילו אין זיין טיילווייזער אידעאַליזי־רונג פון זייערע טאַטען און האַנדלונגען, הערט זיך דער מאַכטיגער קרעכץ פון דעם סאָציאַלען געוויסען — דער רעוואָלוציאָנערער פּראָטעסט — אַז ניט אַלץ וואָס איז אַזוי צירליך־מאַנירליך אין אונזער געזעלשאַפטלאַכען לעבען איז בּאַרעס גאָלד.

און גאָרקי טראָגט די דערוואַכונג פון דעם סאָציאַלען געוויסען קעגען דער אומגערעכטיקייט פון לעבען אין זיינע דיכטונגען און שילדערונגען.

ער פילט, אַז דער יונגער דור פון דעם בירגערלאַכען איינגעזעסענעם לע־בען איז אויף קיין גרויסע טאַטען ניט פייאיג; ער פילט, אַז אין בעסטען פאַל וועט דער זון אין „מעשטשיאַנע" נאָר „איבערשטעלען דאָס מעבעל" אין טאַטענ'ס הויז און מיט דעם וועט זיך עס אויסלאָזען. ער פילט אָבער אויך, אַז אַנאַנדער יונגער דור, אַ שטאַרקער, אַ פרייער, אין עצם די נשמה פון דעם בּאַרוועסען, אַרויסגעשטויסענעם מענשען פון דער געזעל־שאַפט, אַ פאָמאַ גאָרדייעוו, רייסט זיך פון די אייזערנע קייטען מיט וועלכע ער איז צוגעשמידט צום אַלטען, פאַרפוילטען לעבען, רייסט זיך אין דער בריי־טער וועלט אַרויס, אין דער פרייער וועלט און וועט זיך נאָר אָפּרייסען דע־מאָלט, ווען ער וועט דאָס אַלטע לעבען צעשמעטערען...

און גאָרקי זינגט זיין „בורעוועסטניק" — דאָס מאַכטיגע „ליד פון דעם שטורעם־פויגעל". אין טענער הילכיגע ווי דאָס פאַלען פון שטיינבערג אויף שטיינבערג, אין רוישונגען מאַכטיגע ווי דאָס פאַלען פון ימים איבער אָפּגרונ־טען. פיענענדיג אין דעם כעס פון יאָרהונדערטער קומט עס — דאָס צור־זאַמענגעבּרעכען פון דעם איצטיגען לעבען...

און גאָרקי זאָגט אַז זיין אָנקומען... ער טראָגט איבער זיין קינסטלערישע טעטיקייט אויף די מאַסען פון דעם פאָלק, אויף די גרויסע אַרבעטער און רע־וואָלוציאָנערע מאַסען; שילדערט ווידער דאָס לעבען, אָבער איצט שוין דאָס לעבען פון יענע מאַסען. זיין גרויסע קונסט פאַרלירט דערביי. עס איז שוין ניט יענער גרויסער מייסטער וואָס האָט זיינע פיגורען און גרופּעס פון מיר־מעלשטיין געהאַקט, וואָס האָט זייערע נשמות מיט טיפע פאַרבען אַזוי בולט געמאָלען, אָבער אויך דאָ פילט זיך ווי דאָס געזעלשאַפטלאַכע געוויסען קלאַפּט אין די טויערען פון גערעכטיקייט.

און אַביסעל שפּעטער האָט זיך דער גרויסער קינסטלער אויך דאָ געפונען אין זיין וואונדערלאַכען ווערק „די מוטער". דאָ שוין אין די רייען פון די קעמ־פענדע — אין די רעוואָלוציאָנערע רייען פון פאָלק. און ווידער איז גאָרקי דער גרויסער דיכטער פון געזעלשאַפטלאַכען געוויסען, ווידער דער קעמפער פאַר גערעכטיקייט... ביז די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט דאָס לעבען פאַרכאַפּט.

ווען ניט קיין מענשען און טיפען שאפט גארקי פאר דער ליטעראטור — נאר מענשען און אומשטאנדען פאר דעם לעבען אליין... און אויך דא — אזוי זאגט מען — איז ער געווען אין דער באלשעוויסטישער רעגירונג, די פארקער־פערונג פון דעם סאציאלען געוויסען — די בייטש פון גערעכטיקייט...

וועגן אידישער ליטעראַטור

ליטעראַרישע געצען

א. טראַדיציע.

ב. פאָלקסטימלאכקייט.

ג. דאָס פאָלקסטימלאכקייט און דאָס פערזענלאך גרויסע.

מאיר בלינקין

קונסט, ליטעראַטור און לעבען

.1

טראַדיציע *)

ביי קיין פאָלק און קיין ליטעראַטור פאַרנעמט ניט די קלינגענדיגע פּראָזע אַזאַ וויכטיגען און אויבען־אָנ׳עדיגען אָרט ווי ביי אונז, אין אונזער יונגער אידישער ליטעראַטור. ניט וועגען דער קלינגענדיגער פּראָזע אין דער פּובליציסטיק אָדער אין דער טעגלאָכער פּרעסע איז דאָ די רייד. אויף יענע געביטען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור שטייען אונזערע אידישע שרייבער אודאי ניט אָפּ פון זייערע קאָלעגען פון אַנדערע אומות און לערנען זיך גאַנץ גוט אויס אָנשרייבען 3—2 „קאָלומס“ מיט ווערטער וועלכע קלינגען אפילו גאַנץ גלאַט; לעזען זיך אפילו גאַנץ פליסיג און דריקען דאָך ניט אויס קיין איינציגען געדאַנק. אָבער אין דער פּובליציסטיק און אין דער טעגלאָכער פּרעסע האָט די פּראָזע אירע בירגער־רעכט. געבוירען אין דעם שוים פון דער נויטווענדיגקייט אָנצופילען אויף גיך גאַנצע בלעטער מיט לעזע־שטאָף, דאַרף זי פאַראינטערעסירען דאָס לעזענדע פּובליקום, דאַרף זי באַשאַפען סענסאַציע, דאַרף זי אָפט פאַרבלענדען די אויגען מיט דעם שיין פון פּראָגרעסיווע באַשטרעבונגען — פון אַן אידעאַל — אַן „אישו“, ווי מען רופט עס ביי אונז. און עס פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם פעלד האָט זיך די פּראָגע געקענט גרינג דערווערבען איר בירגער־רעכט.

אָבער אין דעם וואָס מען רופט די שיינע ליטעראַטור: אין דער פּאָעזיע און דער דראַמע, אין דער בעלעטריסטיק און אין דער קריטיק — איבערהויפּט אין דער קריטיק — ווי קומט די פּראָזע אַהער?

אין דער פּאָעזיע און בעלעטריסטיק קען מען נאָך ווי עס איז פאַרמישען די קלינגענדיגע פּראָזע מיט דעם סטיל פון דעם ווערק, נאַטירלאַך, נאָר על־פּי טעות, אָדער דורך פּשוט׳ער אומדערפאַרענקייט אָפּצוטיילען פּראָזע פון סטיל! אָבער אין דער שאַפערישער קריטיק — ביים קונסט־טעאָרעטיקער, וועמעס ציל עס וואָלט געדאַרפט זיין, ניט אַליין די אַנאַליטישע אונטערזוכונג און אָפּשאַצונג פון אַ פאַרליגענדער אַרבעט, נאָר אויך — און איבער אַלעם — דאָס סינטעטישע אויפבויען פון יענע גרויסע עלעמענטען וואָס בילדען אויס און אַנטוויקלען די ליטעראַטור און די קונסט פון אַ פאָלק און גיבען זיי זייערע עסטעטישע און קולטורעלע ווערטען, ביים קונסט־טעאָרע־

---

*) „אידישער קעמפער“, אויגוסט 12, 1910.

טיקער, וועלכער דאַרף אין די שטרעמונגען פון לעבען און אין די שאַפערישע קראַפטען פון אַ פאָלק, אַנטדעקען די באַנען וואָס פירען צו נייע קונסט־פאָר־מען, אין וועלכע די נשמה פון דעם דיכטער, אָדער קינסטלער, אפשר אומבאַוואוסט פאַר אים אַליין, וועט זיך פריער אָדער שפּעטער אויסגיסען — ווי קומט די פּראָזע צו אים?...

און דאָך, גראַד אויף דעם געביט אין אונזער יונגינקער ליטעראַטור געוועלטיגט שוין די פּראָזע אַזוי שטאַרק, און מאַכט פון דעם וואָס וואָלט געדאַרפט זיין אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַזאַ פאַרווירונג פון געדאַנקען און באַרופען, אַז עס שיינט אָפט, אַז אונזערע קונסט־טעאָרעטיקער אַליין ווייסען ניט אויף וואָסער אַ וועלט זיי זיינען.

אינאיינעם מיט אַנאַנדער כאַראַקטעריסטישען שטריך פון אונזער פאָלק — דאָס אייביג התלהבות'דיגע פאַרגעטערען פון יעדער מער אָדער ווייניגער ממשות'דיגער זאַך, פלייסען זיך אונזערע ליטעראַטור־קריטיקער און קונסט־טעאָרעטיקער צו דערהויבען געוויסע, אָפט זייער וויכטיגע, עסטעטישע און קולטורעלע עלעמענטען פון דער ליטעראַטור צו דער מדרגה פון אַ גאָלדע־נער קאַלב און עס קומט אַרויס ביי זיי אַ מיאוסע געפאַרבטע געצקע פון דעם וואָס וואָלט געדאַרפט זיין — ווען אין דער מאָס אָפּגעשאַצט — אַ שיינער אַפּאָלאָן אין אונזער קונסט־טעמפּעל.

און דער שאָדען דערפון, פאַר אונזער יונגער ליטעראַטור, איז גאָר ניט אָפּצומעסטען.

* * *

איינע פון אָט די געצען, אַרומגערינגעלט מיט דעם אָרעאָל פון דער פּראָזע, איז די טראַדיציע!

ווי אָפט הערט מען דעם געשריי פון אונזערע קריטיקער און קונסט־טעאָרעטיקער, אַז די אידישע ליטעראַטור קען קיין קיום ניט האָבען דערפאַר, ווייל „זי האָט ניט קיין טראַדיציע", אַז דער אָדער יענער שריפטשטעלער איז אפילו קיין באַדייטענדער טאַלאַנט ניט, דערפאַר ווייל ער איז ניט פאַרבונדען מיט דער טראַדיציע פון זיין פאָלק, אַז דער געניאַלער דיכטער און קינסטלער בּוז מיט טויזענטער פעדים זיין פאַרבונדען מיט דער טראַדיציע פון זיין פאָלק.

אין די אַלע געשרייען איז נאַטירלאַך ניט אַזוי וויכטיג דאָס וואָס מען זאָגט אָפּ דאָס לעבען דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער, אפילו ניט וואָס מען פסק'נט אָפּ דעם קיום פון דער אידישער ליטעראַטור; פיל וויכטיגער איז דאָס וואָס די געשרייען באַשאַפען אַ מאָדנעם טומעל אין די באַגריפען פון אונזערע דיכטער און שריפטשטעלער. און נאָך וויכטיגער איז דאָס, וואָס אַ גוט אויג קען שוין איצט דערזען אַ מין קינסטלאַך געמאַכטע אַנשטרענגונג

ביי אלע — פון גרויס ביז קליין — צו פאַרבינדען די גרעסערע אָדער קלע־נערע שאַפונגס־קראַפטען וואָס איינער האָט — דאָס ביסעלע טאַלאַנט — מיט ע פּ ע ס וואָס זאָל הייסען „טראַדיציע". וואָרים ווען וויל מען זיך עס אויסענבלייבען פון דעם וואָס איז דער קען־צייכען פון טאַלאַנט און געניאַליטעט?

וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס דאָס גרויסע און דאָס שרעקלאַכע אַן וועלכען א ליטעראַטור קען קיין קיום ניט האָבען און א דיכטער אָדער א קינסטלער קען אפילו קיין טאַלאַנט ניט זיין, א פּשוטא שוין א זשעניע, ווען ער איז ניט פאַרבונדען מיט דעם? אין דער ליטעראַטור, ווי איבערהויפּט אין דער קונסט, קען די רייד זיין נאָר פון צוויי אַרטען טראַדיציע: די היסטאָרישע טראַדיציע, דאָס הייסט דעם פאָלק'ס עפּאָס, און די טראַדיציע פון אויסגע־אַרבעטע און אַנדערקענטע ליטעראַרישע פאָרמעס. ביידע זיינען געוויס זייער וויכטיגע עסטעטישע און קולטורעלע עלעמענטען אין דעם בנין פון א ליטעראַטור. אָבער אפילו ניט די היסטאָרישע טראַדיציע פון א פאָלק, וועלכע איז די פּיל וויכטיגערע פון די צוויי פאַר דעם קיום פון א ליטע־ראַטור, איז ניט קיין אומבאַדינגטע נויטיקייט אין דער שאַפונג פון א ליטעראַטור.

א ליטעראַטור שאַפט זיך, פריער פאַר אַלץ, אויף די לעת־עתה'דיגע עמפּינדונגען פון דיכטערישע גייסטער און שפּיגעלט אָפּ אין זיך דעם געגענ־וואַרטיגען לעבען אין שענע עסטעטישע פאָרמעס. ביסלאַכוויים שפּרייט זי זיך אויס און עס ווערען אריינגעפלאָכטען אין איר בנין — פון איין זייט די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דעם פאָלק'ס עבר — זיין עפּאָס, און פון דער אַנדערער זייט, יענע ראָמאַנטישע שטרעבונגען וואָס וואַרפען פאַרויס דאָס ליכט און דעם שאָטען פון דער צוקונפט און רעגען און באַוועגען ניט נאָר די נשמה פון דעם פאָלק, נאָר אויך, און מער נאָך אפשר, די אומרואיגע געמיטער פון זיינע גרויסע גייסטער.

וואָס־זשע הייסט עס, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט ניט קיין טראַ־דיציע?

געוויס, די היסטאָרישע טראַדיציע, דער עפּאָס פון א פאָלק, וואָס ברייגגט מיט זיך אַן עסטעטישען גענוס, דורך דער ווידער־איבערלעבונג פון דעם פאָלק'ס פאַרגאַנגענהייט, דורך דער פּסיכישער בולט'קייט און פאַרטי־פונג פון דעם פאָלק'ס טיפּ, קען ניט קינסטלאַך אריינגעאַרבעט ווערען אין דעם בלוט און פלייש פון א גאַנץ יונגער ליטעראַטור. אָבער לייקענען אַז די יונגע אידישע ליטעראַטור האָט הינטער זיך, אלס מאַטעריאַל פאַר איר גרעסערען, ברייטערען און שענערען געבוי, די גוואַלדיגע היסטאָרישע טראַ־דיציע פון דעם אידישען פאָלק, דעם עפּאָס פון א גלענצענדען, זעלבסט־

שטענדיגען לעבען אין דער גרויער פאַרגאַנגענהייט און דעם וואונדערלאַכען עפּאָס פון צוויי טויזענט וואנדער־יאָרען הייסט ניט קלאָר צו באַגרייפען וואָסער א טראַדיציע אַ ליטעראַטור דאַרף אין זיך איינפלעכטען. פאַרשטייט זיך, עס דאַרפען נאָר קומען די פּאַסענדע טאַלאַנטען וואָס זאָלען קענען דעם גרויען עפּאָס אויסקנעטען אין עסטעטישע פאָרמעס.

אָבער אפילו פאַר דעם קיום, פאַר דער ווירקונג און דעם איינפלוס פון א ליטעראַטור אויף א פאָלק מוזען ניט די גרויסע גייסטער וואָס באַשאַפען די ליטעראַטור זיין אומבאַדינגט פאַרבונדען מיט דעם עפּאָס פון דעם פאָלק.

פון די צוויי גרויסע גייסטער — ביאָרנסאָן און איבסען — וואָס האָבען פאַקטיש געליגט די ערשטע בוי־שטיינער פון דער נאָרוועגישער ליטעראַטור, איז איבסען קוים־קוים מיט „פּער גינט" פאַרבונדען מיט דער היסטאָרישער טראַדיציע פון דעם נאָרוועגישען פאָלק *). און דאָך, ווער וועט זיך אונטערשטעלען אָפּצוּלייקענען דעם גרויסען ווערט און די גרויסע ווירקונג וואָס איבסען'ס ווערק האָבען געהאַט אויף זיין אייגען פאָלק און אויף דער גאַנצער מענשהייט. וואָס־זשע איז דאָס אין איבסען'ס ווערק וואָס האָט געהאַט אזא גרויסע ווירקונג טראָץ דעם וואָס זיי זיינען אזוי ווייניג פאַרבונדען מיט דער טראַדיציע פון זיין פאָלק.

עס איז דאָס גרויסע לעבעדיגע, דאָס גרויסע ראָמאַנטישע: עס איז דאָס לעבען און שטרעבען פון דער מענשלאַכער נשמה וואָס האָט געפונען אזא אָפּקלאַנג אין דער מענשלאַכער נשמה!...

סערוואַנטעס האָט געשריבען זיין גרויסען דאָן קיכאָט פּשוט ווי א סאַטירע איבער דעם מיטעלאַלטערלאַכען ריטערטום; ער האָט אָפּגעלאַכט און פאַרשפּאָט די טראַדיציע פון יענער צייט, אָבער ווער געדענקט דאָס נאָך היינט, ווען מען גייט עס אָן?

דאָס וואָס איז געבליבען פון דעם אָפּגעשפּאָטען ריטער איז דאָס גרויסע, דאָס אייביג־שטרעבענדע — דאָס ראָמאַנטישע פון דער מענשלאַכער נשמה.

האַמלעט איז א דענישער פּרינץ... וועלכע פאַרבינדונגען קען מען געפינען אין האַמלעט מיט דער אַלטער דענישער טראַדיציע, מיט דעם דענישען עפּאָס? און וואָסער א נאַר זוכט זי גאָר דאָרט? און דאָך איז האַמלעט און וועט זיין דער גרויסער, טיפער סימבאָל פון דעם אייביג שוואַנקענדען מענשלאַכען גייסט צווישען דעם זיין און דעם ניט זיין!... אט דאָס

*) איך האָב באַגעגענט אַ יונגען נאָרוועגישען דיכטער, וועלכער האָט זייער ערנסט באַהויפּטעט, אַז איבסענ'ס טיפען זיינען, מערסטענטיילס, אפילו קיין נאָרוועגיער ניט... ה. ז.

גרויסע לעבעדיגע, דאָס גרויסע ראָמאַנטישע, דאָס טיפע אַלמענשלאַכע פון דער מענשלאַכער זעלע, אָפּגעשפּיגעלט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אין דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק גיט איר איר קיום. דער עפּאָס פון אַ פאָלק קען זי שענער מאַכען; ער קען בולט'ער ארויסברייינגען די נשמה פון דעם פאָלק און אויפוועקען נייע ראָמאַנטישע שטרעבונגען. מען דאַרף אים לערנען, מען דאַרף אים קענען און אויסגיסען אים אין פּאַסיגע עסטעטישע פאָרמעס. מען דאַרף אים אָבער ניט פארגעטערען, ווייל אין דער יוגענטלאַכער אומדערפאַרענקייט פון אַ יונגער ליטעראַטור, קענען נאָך ביי זיין מזבח דינען די וואָס זיינען גאָר קיין כהנים ניט!...

נאָך ווייניגער קען די רייד זיין וועגען דעם אַז די יונגע אידישע ליטעראַטור האָט ניט קיין ליטעראַרישע טראַדיציעס — דאָס הייסט, אַז זי האָט ניט קיין אָנגענומענע ליטעראַרישע און עסטעטישע פאָרמעס אין וועלכע דאָס שאַפען פון דעם דיכטער מוז זיך אויסגיסען. ליטעראַרישע און עסטעטישע פאָרמעס זיינען אין קיין ליטעראַטור ניט קיין אייביגע עלעמענטען. ליטעראַרישע און עסטעטישע פאָרמעס באַהערשען דעם שאַפערישען גייסט פון דעם מענשען נאָר אויף אַ ווייל'ע און גרויסע שאַפערישע גייסטער זיינען בכח צו צערייסען די טראַדיציע פון די אַלטע פאָרמעס און באַשאַפען זיך נייע פאָרמעס. אין דעם ליגט דער גרויסער פאָרשריט פון דעם שאַפערישען גייסט פון דעם מענשען, ווי עס ווייזט זיין געשיכטע און זיין אַנטוויקלונג:

שוין אין דעם גרויען אַלטערטום ביי די גריכען האָט סאָפאָקל צעריסען די ליטעראַרישע טראַדיציע פון זיין גרויסען פאָרגייער עסקילעס און האָט געשריבען זיינע טראַגעדיעס ניט אין דעם וואולקאַניש־פייערדיגען אויסגוס פון אַ פּראָפעט, נאָר אין דער געשליפענער שפּראַך פון אַן עסטעטיקער. און שפּעטער האָט אייראָפּיד זיך צעריסען מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע פון ביידע און איז געוואָרען דער מאָדערנער, דער רעאַליסט פון זיין צייט און פאַר זיין נאַוואַטאָרישען אויפטו האָט ער ניט ווייניג געליטען.

שפּעטער, אין אייראָפּע, ווען די רענעסאַנס צייט וואָלט ניט מיט געוואַלד צעריסען די ליטעראַרישע טראַדיציע פון די קירכען־פאַטערס, וואָלטען מיר נאָך אפשר ביז היינטיגען טאָג געשריבען טראַקטאַטען אויף טראַקטאַטען איבער דעם קערפּער פון גאָט דעם זון, ישוע, אין דער פאָרמע און דעם סטיל פון דעם הייליגען אויגוסט'ן.

יאָ, די ליטעראַרישע טראַדיציעס אפילו פון דער שפּראַך שוינט ניט דער מענשלאַכער גייסט, אָבער די טראַדיציעס פון דעם סטיל און עסטעטישע פאָרמעס צערייסט ער און צעברעכט און שאַפט זיך אַלע מאָל נייע.

ווען די ראָמאַנטיקער אין פראַנקרייך אין דעם האַלב 18־טען און האַלב 19־טען יאָרהונדערט וואָלטען ניט צעריסען מיט די ליטעראַרישע טראַדיציעס

פון דעם פראַנצויזישען פסעוודאָ־קלאַסיציזם, וואָלטען מיר נאָך איצט געשריבען געשליפענע פּאָעזיע וועגען די קיניגען, קאַוואַלירען און הויף־דאַמען און מיר וואָלטען געמיינט אַז דעם שאַפערישען גייסט פון דעם מענשען פּאַסט ניט אַראָפּצולאָזען זיך צו אַ גרעבערען מאַטעריאַל. ווען דער רעאַליזם פון דעם 19־טען יאָרהונדערט וואָלט ניט צעריסען די טראַדיציע פון דעם דאַמאָלסדיגען ראָמאַנטיזם, וואָלטען מיר נאָך אפשר ביז איצט געשוועבט אין די וואָלקענס וואוהין מיר וואָלטען געצויגען די מענשלאַכע נשמה און מיר וואָלטען נאָך איצט ניט געוואוסט וואָס אויף דער ערד טוט זיך. ווען דער מאָדערנער נעאָ־ראָמאַנטיציזם און סימבאָליזם וואָלטען ניט צעריסען די ליטעראַרישע טראַדיציע פון דעם רעאַליזם, וואָלטען מיר שוין ביז איצט, אַלע גלייך, כמעט אין דער זעלבער שפּראַך, און מיט די זעלבע ווערטער, געקענט אויסמאָלען די נעזער און די אויגען און די האָר און די נשמה פון דעם אַלטעגלאַכען און מיט דער זיבערקייט און קאַלטקייט פון אַ בעמיקער וואָלטען מיר געקענט דערציילען דעם אינהאַלט פון אַ טרער פון אַ יתומה...

יאָ, ליטעראַרישע טראַדיציעס צעברעכט מען און מען באַשאַפט ווידער נייע. אפילו אין אונזער יונגינקער ליטעראַטור האָבען די אינגערע, מיט פּרץ'ן אויבען־אָן, געבראָכען די ליטעראַרישע טראַדיציע — די ליטעראַרישע ירושה — פון אונזערע גרויסע קלאַסיקער, ר' מנדעלי און שלום־עליכם. — און אַזוי דאַרף זיין — אַזוי שאַפט דער מענשלאַכער גייסט.

.2

פאָלקסטימלאַכקייט*)

צווישען די בוי־שטיינער אויף וועלכע עס הויבט זיך אויף דער בנין פון אַ ליטעראַטור, פאַרנעמען די פאָלקסטימלאַכע מעשה'לאַך און לעגענדעס — אַזוי ווי די היסטאָרישע טראַדיציע פון פאָלק — איינע פון די שענסטע ערטער. און עס איז גאָר ניט קיין וואונדער. די צוציענדע נאַאיוויטעט און איינפאַכקייט פון דעם פּראָסטען מענשען; די שוואַנען־ווייסע ריינקייט פון דעם פאָלק'ס גלויבען און די כמעט קינדערשע אומשולד פון דעם פאָלק'ס־גייסט, וואָס ווערען איינגעוועבט אין די מעשה'לאַך און לעגענדעס, אין די פאָלק'ס לידלאַך און שפּריך־ווערטער, זיינען באמת אַזוי גרויס און באַצויבערנדיג, אַז אפילו די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט ווידמען אַט דעם פעלקערלאַכען אוצר זייערע בעסטע כחות און באַשיינען אים נאָך מער מיט דעם צויבער פון זייער אייגענער נשמה. דערפאַר איז קיין חידוש ניט וואָס דער לירישער כשוף פון דער לאָרליי, דער אומגעצוימטער גייסט פון אַ ראָבין ראָי, אָדער אַ סענקאַ ראַזין, די פּיוריטאַנישע צניעות פון אַ פּריסצילאַ און הונדערטער אַנדערע פאָלקס־לעגענדעס און מעשה'לאַך — ביי אַלע פעלקער און אין אַלע שפּראַכען — האָבען געפונען זייערע זינגער און דיכטער, וואָס האָבען מיט זיי באַפּוצט די זיילען פון זייער ליטעראַטור. אָבער ניט נאָר עסטעטישען גענוס פאַרשאַפען די פאָלקסטימלאַכע לעגענדעס און מעשה'לאַך. אויב אין דער היסטאָרישער טראַדיציע — אין דעם פעלקערלאַכען עפּאָס — טרעטען אַרויס אויף דעם הינטערגרונט פון דער פאָלקס־נשמה די גרויסע בילדער פון אַ פאָלק'ס האַנדלונגען און וואַנדלונגען, ברייגען די פאָלקסטימלאַכע לעגענדעס און מעשה'לאַך, לידלאַך און שפּריך־ווערטער אַרויס יענע גרויסע שטריכען, די פעדים, פון וועלכע עס האָט זיך צוזאַמענגלייגט און אויסגעוועבט דאָס אינערלאַכע געמיט פון פאָלק, די נשמה פון די גרויסע פאָלקס־שיכטען.

אַזוי איז עס ביי די אומות־העולם: די היסטאָרישע טראַדיציע גיסט זיך אויס אין עפּישער דיכטונג — די פאָלקס לעגענדעס און פאָלקס־מעשה'לאַך זיינען דער אומדערשעפּלאַכער קוואַל פון דער ליריק.

אַזוי וואָלט עס אויך באַדאַרפט זיין ביי אונז און מיט דער צייט וואָלט

*) „אידישער קעמפער", 1910.

עס געווים אזוי געוואָרען. דערווייל אָבער קענען מיר ניט אוועקגיין פון זיך אליין. זיינען מיר דאָך עפּעס אַ פאָלק וואָס שטעלט צו געטער און געצען דער גאַנצער מענשהייט; און אין דעם ערשט אויפגעבויטען קליינינקען טעמפּעל פון אונזער יונגער ליטעראַטור שטייט שוין ביי דער זייט פון דער ועטין „טראַדיציע” די פאַרפּוצטע געצקע — „פאָלקסטימלאכקייט”.

פאָלקסטימלאכקייט איז ביי אונז פּשוט אַ מאָדע געוואָרען. אונזערע שרייבער און דיכטער רייסען זיך צו זיין פאָלקסטימלאך. די געפאַר אין פאַל פון דער טראַדיציע ליגט נאָר אין דעם וואָס אַ דיכטערל, אַ ליריקער מיט טאַלאַנט „אויפ'ן שפּיץ מעסער”, קען זיך פאַרמעסטען און, אין זיין גאַנץ פ אָ ל ק ס ט י מ ל א כ ע ר אומוויסענהייט, טאָקע „שאַפען” אַ פאַרזעעניש וואָס זאָל פרעטענדירען אויף עפּישען שוואונג און עפּישער גרויסקייט. וואָס אין אַזאַ „שאַפונג” איז דאָך ניטאָ קיין גרויסער שאָדען ניט פאַר דעם עסטעטישען און ניט פאַר דעם קולטורעלען ווערט פון דער ליטעראַטור, ווייל די היסטאָרישע טראַדיציע בלייבט דאָך אין דער געשיכטע פון דעם פאָלק און קען נאָך אַלץ דינען אַלס פאַסענדער מאַטעריאַל פאַר דעם גאָט-געבענשטען עפּיקער. ניט אַזוי אָבער איז דער פאַל מיט די פאָלקסטימלאכע לעגענדעס און מעשה'לאַך, לידלאַך און שפּריך-ווערטער: די פאָלקסטימלאכקייט איז, אפילו ביי יענע פעלקער ביי וועלכע דער גאַנצער פאָלקלאָר ווערט סיסטעמאַטיש און כסדר געזאַמעלט, הפקר, אַ פּשיטא שוין ביי אונז. ביי וועמען י ע ד ע ר, מיט טאַלאַנט און אָן טאַלאַנט, קען דערציילען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשות און פאַררעכענען זיי פאַר פאָלקסטימלאכע לעגענדעס.

שוין דער שאָדען וואָס טאַלאַנטלאָזע געצענדינער פון דער פאָלקסטימלאכקייט קענען ביי אונז ברייגען אפילו דער עסטעטישער זייט פון דער ליטעראַטור איז זייער גרוים. אָבער ניט אַן ערך גרעסער און וויכטיגער איז די געפאַר פון דער פאַרגרעסערטער און פאַרפּוצטער פאָלקסטימלאכקייט פאַר דעם קולטורעלען ווערט און פאַר דער אָפּשאַצונג פון די גייסטיגע אייגענשאַפטען פון אונזער פאָלק אין די הענט פון אונזערע גרויסע און טאַלאַנטפולע דיכטער און שריפטשטעלער. ביי זיי — טאָקע צוליב דער טאַלאַנטפולער פאַרגעטערונג פון יעדען פאָלקסטימלאכען שטריך — ווערט באַשאַפען אַ פאַרבלענדענדער און פאַרפירערישער איינדרוק וועגען דער נשמה פון דעם פאָלק, וועגען דעם גייסט פון זיינע פאַרשיידענע שיכטען.

און פון אָט דער געפאַר זיינען ניט פריי אפילו אונזערע גרעסטע דיכטער!

* * *

אין דעם 19-טען יאָרהונדערט האָבען פּראַכטיג אויפגעבליט די פאַר-

שיידענע צווייגען פון דער נאַטור־קענטעניש. די לעצטע רינגעלאַך פון דער קייט, וואָס האָט צוגעבונדען און פאַרשקלאַפט דעם מענשלאַכען גייסט צו דער קירכע און דעם אַלטען גלויבען, האָבען איינציגוויים געפּלאַצט און דער באַפרייטער מענשלאַכער גייסט האָט דורך מיזאַמער באַאָבאַכטונג און פאַרשונג געלערענט די נאַטור־ערשיינונגען און ארויסגעבראַכט די אוצרות פון די היינטיגע נאַטור־וויסענשאַפטען. אָבער אין יענער גרויסער גייסטיגער באַוועגונג, אין יענער וויסענשאַפטלאַכער פאָרשונג, איז דער מענש, דער פאָרשער אַליין, אימער אויסען געבליבען. ווייל עס האָט זיך אויסגעדראַכט, אַז דער העכסטער אמת אין דער נאַטור און אין לעבען ווערט דערגרייכט נאָר דעמאָלט ווען די פאָרשונגען זיינען ניט געפאַרבט פון דעם פּערזענליכען איך פון דעם פאָרשער. אָט די גרויסע אַנטוויקלונג פון דעם וויסענשאַפטלאַכען גייסט האָט ניט געקענט בלייבען אָן איר מאַכטיגער ווירקונג אויף דער עסטעטישער שאַפונג פון דעם מענשען און זי האָט אָפּגעדריקט איר שטעמפּעל אויך אויף דער ליטעראַטור און דער קונסט. נייע קונסט־פאָרמעס מיט נייעם אינהאַלט האָבען זיך אַנטוויקעלט. דער רעאַליזם און זיין עקסטרעמע שטרעמונג — דער נאַטוראַליזם — האָבען באַהערשט דאָס פעלד פון עסטעטישער שאַפונג. אויף איין קורצען געשיכטלאַכען מאָמענט, אונטער דעם דרוק פון יענער העכסט נאַטור־וויסענשאַפטלאַכער עפּאָכע, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די קונסט און די דיכטונג דאַרף, ווי די נאַטור־וויסענשאַפט אַליין, דערגרייכען די הויכקייט פון דעם וויסענשאַפטלאַכען אמת, פון וויסענשאַפטלאַכער אָביעקטיוויטעט; אַז דער שאַפונגס־גייסט פון דעם מענשען (די קונסט) מוז ווע־ען די דינסטמויד פון דעם אַנטדעקונגס־גייסט (די וויסענשאַפט) און דער קינסטלער און דיכטער דאַרף נאָר איבערנעמען די וועגען און מיטלען פון דעם געלערנטען — באַאָבאַכטען און דערפאָרשען דעם מענשען און דאָס לעבען און פאָרשטעלען זיי פונקט אַזוי ווי זיי זיינען און זיין קונסט וועט ווערען אַזוי טייער און נוצלאַך ווי די וויסענשאַפט אַליין — דער העכסטער אידעאַל פון יענער צייט. און דער קינסטלער האָט געשטרעבט דערצו. ער האָט געמאָלען דעם מענשען און דאָס לעבען ווי זיי זיינען און ניט ווי זיי וואָלטען געדאַרפט זיין; זיין אויפגאַבע איז געווען פאָרצושטעלען — ניט משפט׳ן — און ער איז געוואָרען ניט דער שאַפער פון דעם נייעם אין זיין נשמה, נאָר דער איבערשאַפער, דער אַנטדעקער פון דעם וואָס איז, פון דעם עקזיסטירענדען.

לאַנג האָבען דידאָזיגע רעאַל־נאַטוראַליסטישע פאָרמעס פון קונסט און דיכטונג ניט געקענט אַנהאַלטען. די פאַרגליווערטע נאַטור קען ניט זיין דער מאַסשטאַב פאַר דער שאַפונג פון דער מענשלאַכער זעלע און אין די ראַ־

מען פון נאַטור־וויסענשאַפטלאַכער אָביעקטיוויטעט קען מען איר שאַפונג
ניט אַריינקוועטשען. האָט זי רעוואָלטירט קעגען דעם גולמ׳דיג־קאַלטען־לונג־
און ליטעראַטור; האָט זי רעוואָלטירט קעגען דעם גולמ׳דיג־קאַלטען־לונג־
און־לעבער גייסט וואָס די לאַבאָראַטאָריע און דאָס טויטען־צימער האָבען
געדראָעט אַרויפצוציען אויף דער גאַנצער וויסענשאַפטלאַך געבילדעטער
מענשהייט און זי האָט געזוכט און געפונען נייע וועגען און נייע פאָרמעס
פאַר דער ליטעראַטור און קונסט — די באַגייסטערטע שאַפונג פון דעם
מענשלאַכען געניע — דורך וועלכע דאָס ליכט און וואַרימקייט און שטרעבען
פון דער מענשלאַכער נשמה האָבען באַלויכטען די וועגען פון יענער זייט
רעאַלען.

אונזער יונגע אידישע ליטעראַטור האָט נאַטירלאַך די אַלע פאַזען פון אַנט־
וויקלונג ניט דורכגעמאַכט און דאַך האָט אויך אין איר אויפגעלעבט דער זעל־
בער פּראָטעסט פון דער מענשלאַכער נשמה. אָבער דער פּראָטעסט אין אונזער
ליטעראַטור האָט זיך ניט אויסגעדריקט, ווי אין אַ טייל פון דער וועלט־
ליטעראַטור, אין אַ גאָט־זוכעניש. אונזערע דיכטער און דיינקער האָבען נאַך
אַ גאָט, דעם אַלטען מאָניסטישען יהוה. זיי ווייסען אפילו אַז ער באַפרידיגט
שוין ניט די באַדערפעניש פון דער מענשלאַכער זעלע; ווייסען זיי אָבער
אויך, אַז קיין בעסערער איז דערווייל ניטאָ און די וועגען צו געפינען אַ
נייעם, אַ בעסערען, זיינען דערווייל נאָך פאַרהוילען. דער פּראָטעסט האָט
זיך ביי אונז אויך ניט אויסגעדריקט, ווי ביי די פאָרגעשריטענסטע אייראָ־
פּייאישע פעלקער, אין דער שטרעבונג צו התלהבות׳דיגע אָרגיעס פון שכרות,
זנות און ווילדע פעלקערלאַכע שפּילען. אונזערע דיכטער און דיינקער וויי־
סען, אַז דאָס זיינען די שטריכען פון דעם העלעניש־גריכישען טיפּ פון דער
מענשלאַכער זעלע, פון דעם גויאיש־היידענישען טיפּ. די אידיש־קריסטלאַכע
נשמה, און איבערהויפּט די אידישע גלות־נשמה, איז אַ דערשלאָגענע, אַן
אויסגעמאַטערטע, אַן אויסגעווייקטע נשמה, אין אַ זאַק אָנגעטאָן און מיט
אַש באַדעקט, און גייט ניט אַרויס, אפילו אין אירע פאַרברעכערישע עקס־
טאַזען, פון אירע פאַרבעהאַלטענע ד׳ אמות. דער פּראָטעסט האָט זיך אויך
ניט געקענט אויסדריקען, ווי ביי די מאַכטיגע דיכטער און דיינקער פון
פראַנקרייך און רוסלאַנד, אין דער פאָרמע פון יענעם פאַרשייטען מיסטישען,
אָדער עסטעטישען אַנאַרכיזם, וואו דער גייסט פון דעם דיכטער ברעכט אַלע
באַנען און וועגען און שאַפט פאַר זיך, פריי, פון זיין אייגענער פאָרשטעלונג,
מיסטישע וועלטען פון געטער און מענשען איבער יענע געטער און מענשען
וואָס בינדען זיין אַדלער־פרייען איך... ניין, דער פּראָטעסט ביי אונזערע
גרעסטע דיכטער און דיינקער האָט זיך אויסגעדריקט גאַר אין אַן אַנדער
פאָרמע. ער האָט זיך אויסגעדריקט איז דער ווידעראויפ־

לעבונג פון יענעם גרויסען פאָלקסטימלאַכען נשמה־ליכט־און־ווארימקייט — פון דעם התלהבות־גייסט וואָס האָט ניט איין מאָל געשפּילט אזא גרויסע ראָליע אין דעם קאַמף פון דעם חסידיזם מיט דעם גרויסען, כמעט אַריסטאָקראַטישען, אין זיך פארשלאָסענעם און אויף תורה און עבודה פאַרטיפטען מתנגד׳ישען גייסט.

אָבער גראָד אין דעם אייפער און ברען פון דעם פּראָטעסט, אין דעם שטרעבען אויפצולעבען יענעם וואונדערבאַרען גייסט האָבען אפילו אונזערע גרעסטע דיכטער איבערגעכאַפּט די מאָס. זיי האָבען פאַרגרעסערט און פאַר־נעטערט ביידע: די פאָלקסטימלאכקייט און די ליכט־און־ווארימקייט פון דער חסידישער נשמה.

וואונדערבאַר גרויס איז דער שוואונג און באַצויבערנדיג שיין זיינען די בילדער פון די פאָלקסטימלאכע געשיכטען פון אונזער גרעסטען דיכטער י. ל. פּרץ. זיי זיינען די פּערעל פון אונזער ליטעראַטור. אָבער ווי עסטעטיש שיין עס זאָלען ניט זיין די אַלגעמיינע מעשה׳לאַך, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין זייער דערציערישער גייסט און ווי כאַראַקטעריסטיש זיי זאָלען ניט זיין פאַר דער פאָלקס־נשמה, האָבען די חסידישע מעשה׳לאַך פון קלויז, פון חסידים־שטיבעל און פון ארום דעם רבינ׳ס טיש גאָר אַן אנדער ווערט. זיי זיינען די נשמה פון אַ מאַכטיגער פאָלקס־באַוועגונג — זיי זיינען דער קוואַל פון פאָלקסטימלאַכקייט, פון דעם אידיש־דעמאָקראַטישען גייסט און אין דער פאַרשטעלונג פון די אויפלעבער פון אָט דעם פאָלקסטימלאַכען חסידישען גייסט ציען זיי זיך פון דור צו דור אַרום מענשען הייליגע, מענשען באַגייסטערטע מיט אַ נשמה־ריינקייט ווי די ריינקייט און לויטערקייט פון די שניי־וואָלקענס אויפ׳ן זומער הימעל — דורכזיכטיגע נשמות... דורכזיכטיגע, טיפע און הייליגע. און ווען מיר באַטראַכטען די מעשה׳לאַך — אַלע אינ־איינעם — איינגעוועבט אין דער „גאָלדענער קייט“ פון דעם מייסטער־וועבער׳ס פינגער און באַלויכטען מיט די שטראַלען — ווי פון אַ נאָרד־ליכט — פון זיין גייסט און געפאַרבט מיט די רעגענבויגען־קאָלירען פון זיין פאַר־שטעלונגס־קראַפט, שטייען מיר, די יורשים פון דעם דור פון דער השכלה, די קינדער פון דער וועלטלאַכער בילדונג און די זין פון געוועזענע חסידים, וואָס האָבען אַמאָל געכאַפּט שיריים ביים רבינ׳ס טיש, און זיינען שפּעטער געוואָרען די אָפּער אין קאַמף מיט חסידיזם — און מיר שטוינען און מיר פרעגען זיך: איז דאָ ניט עפּעס אַ גוואַלדיגער טעות, איז דאָ ניט עפּעס אַ פאַרבלענדעניש?... איז טאַקע „ער“, „ער“ אליין, דער „אַלטער“ זכר צדיק לברכה און די פאָלקס־מאַסען מיט זייער בלינדען גלויבען, וואָס זיינען אים נאָכגעגאַנגען — דער קוואַל פון ריינער נשמה ליכט און ווארימקייט, דער קוואַל פון אומבאַפלעקטער

התלהבות? אונז, דער דור פון די יורשים פון דער השכלה און וועלטלאַכער בילדונג, ג י י ט אָ פּ אַ קאַפּיטעל פאָלקסטימלאַכקייט אין דער גוואַלדיגער אויפלעבונג און פאַרגעטערונג פון יענעם פאָלקסטימלאַך חסידישען גייסט.

אין פּרץ'ס אַ מעשה'לע „ס'איז גוט" דערציילט יודעל קאָנטאָניסט, ווי די מתנגדים האָבען גע'רודפ'ט דעם שפּאָלער זיידען, ווען ער איז נאָך אַ יונגערמאַן געווען און ער שרייט אויס: — וואָס מתנגדים קענען!

יאָ. וואָס מתנגדים קענען... אונז גייט אָפּ אין דער אויפלעבונג פון דעם פאַרגעטערטען חסידישען גייסט דאָס גוואַלדיגע און בלוטיגע קאַפּיטעל פון פאָלקסטימלאַכע מעשה'לאַך: — ו ו אָ ס ח ס י ד י ם ק ע נ ע ן!... די מעשה'לאַך פון רדיפות און פאַרפאָלגונגען אין קאַמף פון דער השכלה מיט דעם חסידיזם, פון דריפות און פאַרפאָלגונגען אין קאַמף פון אויפקלע־רונג און ליכט מיט דער פינסטערער מאַכט, וואָס האַלט נאָך אין אייזערנע צוימען די גרויסע שיכטען פון אונזער פאָלק אין רוסלאַנד און גאַליציע. אונז גייט אָפּ דאָס בלוטיגע קאַפּיטעל מעשה'לאַך, וואָס מיר האָבען אין די קינדער־יאָרען געהערט ביי דעם טאַטענ'ס טיש...

ווען אונזערע גרויסע דיכטער און שריפטשטעלער וואָלטען דורכגע־לייטערט דורך זייערע נשמות יענע מעשה'לאַך אויך, וואָלטען מיר אפשר געפונען פלעקען אויף דער ריינקייט פון יענער פאַרגעטערטער פאָלקסטימ־לאַכקייט און מיר וואָלטען געפונען אין דער „גאָלדענער קייט" אייזערנע רינגעלאַך, פאַרראָסטעטע, וואָס קייטלען צונויף ריינקייט מיט אומריינקייט, אמת מיט ליגען, גערעכטיקייט מיט פאַלשקייט און העלען התלהבות'דיגען גלויבען מיט טיפען פינסטערען אָבערגלויבען... און מיר וואָלטען געהאַט אַ ריכטיגע פאַרשטעלונג פון דער גאַנצער נשמה פון דעם פאָלק...

3.

דאס פערזענלאך-גרויסע *)

די פארגעטערונג פון יעדען פאלקסטימלאכען שטריך אין לעבען, אין דער ליטעראטור און קונסט פון די אייראפייאישע פעלקער בכלל און אין אונזער לעבען און אין אונזער ליטעראטור בפרט, שפראצען מערסטענטיילס ארויס פון א באגייסטערטער און פארגרעסערטער אפשאצונג פון די גרויסע די מאסענבאוועגונגען ווערט אריבערגעטראגען דעם שווער־פונקט — פון מאסענבאוועגונגען פון אונזער צייט. און דער מגוזמ׳דיגער אפשאצונג פון דעם מענשען אויף די סאציאלע שטרעבונגען און סאציאלע אידעאלען — גלייך ווי זיי אליין וואלטען, און דעם מענשען, עטוואס ממשות׳דיגעס געווען און פון דער התלהבות פון פארערונג פון הויכע שטרעבונגען, גרויסע אידעאלען, שווערע קאמפען און פעלקערלאכע נצחונות ביז דער בלינדער פארגעטערונג פון די מאסען אליין, פון דעם פאלק, די טרעגער פון די שטרעבונגען און אידעאלען — איז נאר איינאיינציגער שפאן !...

און אזוי פאסירט עס !

זייט ביי זייט מיט דער אנטוויקלונג פון די פאזיטיווע וויסענשאפטען אין זייער גרויער, גולמ׳דיגער, אביעקטיווער קאלטקייט האט זיך אין דעם 19־טען יארהונדערט אויך אנטוויקעלט די פרינצעסין־הערשערין פון אונזער צייט, די בורזשואזיע, מיט אירע ברענענדיגע, וועלפיש־הונגעריגע אויגען און ניט געזעטיגטען גייץ נאך גאלד און מאכט. און זי האט פארשפרייט אירע גענלידערטע זויג־ארגאנען, ווי א שפין שפרייט אויס אין איר געוועב אירע גענלידערטע פיס : און זי האט געוועבט און געשפונען ארום דער מענשלאכער געזעלשאפט און די גרויסע פאלקס־מאסען איר שפין־וועב־נעץ, און זי האט געזויגען און געזויגען די לעבענסזאפט פון די מאסען — צו זעטיגען אירע וועלפישע אפעטיטען... אבער מיט דער אנטוויקלונג פון איר לוסט צו מאכט און הערשאפט זיינען אלץ מער און מער ארויפגעקומען אויף דער בינע פון לעבען די גרויסע באוועגונגען פון די מאסען — פון פאלק — אויסגעדריקט אין די שטרעבונגען צו הויכע סאציאלע אידעאלען, גרעסערער סאציאלער גערעכטיקייט, מער סאציאלען יושר. און וואס מער די גרויסע ניט־געזעטיגטע שפין ווארפט ארום, אין איר געוועב, איר גאלדענעם פאדים צו שטריקען א ניי

*) „אידישער קעמפער", סעפטעמבער, 1910.

אויגעל אין איר נעץ, אלץ מער צעפלאַקערט זיך דער גוואַלדיגער קאַמף פון דעם געפּענטעטען גבור — פון די מאַסען — צו צערייסען די נעץ איינגאַנצען...

און אין דעם קאַמף און אין דעם שטרעבען איז, פאַר די פאַרבלאַנדזשעטע, אי דער העלד, אי דער מאַרטירער די מאַסע נאָר — דאָס פאָלק!...

ווי אַזוי־זשע האָט געקענט אַט דער גרויסער לעבעדיגער שטרעבען און פלאַמענדיגער קאַמף פאַראיבערגיין און ניט אויסברענגען זיין שטעמפּעל אויף יעדער גייסטיגער טעטיקייט פון דעם מענשען אין אונזער צייט און ניט אַרויפצווינגען — דורך זיין מאַכט און גרויסקייט — אַ פאַרגרעסערטע פאַר־שטעלונג וועגען די מאַסען און דעם פאָלק אין דער עמפּינדונג פון דיכטער און קינסטלער? און די דיכטער און קינסטלער פון דער היינטיגער עפּאָכע זינגען טאַקע אין איין גרויסען כאָר אַ לויב־געזאַנג צו די מאַסען און דעם פאָלק!

פון דעם גרויסען שריפטשטעלער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ ביז דעם קלענ־סטען דיכטער אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעלע פון אייראָפּע — איבער דער גאַנ־צער עפּאָכע פון דער קונסט און ליטעראַטור פון דער לעצטער העלפט פון דעם 19־טען יאָרהונדערט — ביי יעדען דיכטער און יעדען קינסטלער און אויך ביי אונזערע אידישע דיכטער — ביי די גרויסע, די מיטעלמעסיגע און אפילו ביי די קליינצינקע דיכטערלאַך — דעמאָקראַטען מיט אָדער אָן אַ צונעמעניש — ווערט יעדער שטריך פון דער פאָלקס־נשמה פאַרגעטערט, יעדער מעלה פון די מאַסען און דעם פאָלק דערהויבען און געלויבט: דאָס פאָלקסטימלאַכע ווערט געזוכט און איבערגעשעצט. און וואו עס ווערט ניט געפונען — ווערט עס געדיכטעט — געדיכטעט און באַזונגען און פאַרגע־טערט.

דער מענש איז פאַרגעסען — דאָס פאָלק איז דער גאָט! און אין יעדער סטראָפע פון דעם גרויסען כאָר־געזאַנג הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון אונזער עפּאָכע אין צייט און רוים: ניִדער מיט דעם מענשען! — עס לעבט דאָס פאָלק! יענע עטלאַכע דיכטער און קינסטלער אויסנאַמעס, וואָס וואַגען צו זינגען אין דיסאַנאַנס צו דעם כאָר, זיינען עפּענטלאַך פאַררעכענט סאַי פאַר די לעצטע שוואַלבען פון דעם פאַרגייענדיגען זומער פון דער בורזשואַזער הערשאַפט, אָדער גאָר פאַר ווילדע אַנאַרכיסטען. און דאָך קען די פאַרגעטערונג פון דעם פאָלקסטימלאַכען ניט פיל לייקענער אָפּנאַרען און פאַרבלענדען די אמת'ע שאַפערישע גייסטער פון דער מענשהייט, ווייל עס ווערט אַלץ קלאָרער און קלאָרער אַז דאָס פאָלק, די מאַסע, איז ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטען, אין איר קאָמפּאַקטקייט, די שאַפערישע מאַכט נאָר פון מיטעלמעסיקייט,

פון דורכשניטלאַכקייט און ניט מער; דערפאַר אָבער איז זי, אין איר ווילדען כעס, די ווילדע צעשמעטערין פון אַלעם — גרויס אָדער קליין — וואָס טרעפט זיך אין דעם וועג פון איר מאַרש פון פאַרניכטונג; און מחמת די אינערציע פון איר סטיכישער מאַכט איז זי אָפט נאָך די פאַרשאָלטענע שטערערין פון מענשלאַכען פאַרשריט.

אָבער דער מענשלאַכער פאָרטשריט שטעלט זיך ניט אָפּ און דעם אמת־שאַפערישען מענשלאַכען גייסט קען מען פונקט אַזוי ניט איינשליסען אין די גרעניצען פון מיטעלמעסיקייט, ווי מען קען די שאַפערישע נשמה פון דעם מענשען ניט איינצוימען אין דער גרויער וויסענשאַפטלאַכער קאַלטקייט. פון דער גרויער וויסענשאַפטלאַכער קאַלטקייט רייסט זיך די שאַפערישע נשמה אין די וואַרימע און ליכטיגע, אין די ראָמאַנטישע רעגיאָנען פון אידע־אַלע שטרעבונגען; און פון דער מאַסען־מיטעלמעסיקייט רייסט זיך דער שאַ־פערישער גייסט פון דעם מענשען אין דעם פרייען ניט־געצוימטען רוים פון גרויסקייט איבער דעם דורכשניטלאַבען מענשען, איבער דער מאַסען־מענגע, און באַשאַפט עפּעס נייעס פון זיך אַליין.

נאָר דעמאָלט קען בולט אַרויסקומען די גאַנצקייט פון דער נשמה פון אַ פאָלק, ווען די דיכטער און קינסטלער פון פאָלק שפּיגלען אָפּ אין זייער שאַפונג דאָס פאָלקסטימלאַכע און דאָס פּערזענלאַכע — דאָס מאַסען־אַלטעג־לאַכע און דאָס אינדיווידועלע גרויסע. און אונזערע דיכטער וואָס האָבען געווידמעט זייערע קרעפטען אין אונזער ליטעראַטור צו דער אויפלעבונג פון דעם פאָלקסטימלאַך־חסידיש־דעמאָקראַטישען גייסט, וואָס איז איינגעבאַרען אין דער פאָלקס־נשמה, בלייבען אונז שולדיג דאָס גרויסע, דאָס פּערזענלאַכע, — דאָס גרויסע אַריסטאָקראַטישע, וואָלט זיך געוואָלט זאָגען אַן מורא פאַר בייזע צינגער, — פון די העלדען און מאַרטירער און די גייסטיגע גבורים אונזערע, די שעפער און קנעטער פון אונזער וועזען פון אַמאָל און פון היינט, וועלכע זיינען געשטאַנען הימעל־הויך איבער דער פאָלקס־מאַסע!

אָט דאָס בלייבען אונז נאָך שולדיג אונזערע דיכטער און שריפטשטעלער.

און דאָך — וואָלטען אונזערע קולטור־טרעגער ווי די בינען צענויפגע־קליבען דעם האָניג פון אונזער פאָלקלאָר, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער מאַטעריאַל דאָס וואָלט געווען אָפּצושפּיגלען אין אים אי דאָס פאָלקסטימלאַך־מאַסאָווע, אי דאָס פּערזענלאַך־גרויסע. ווייל מעשה׳לאַך און לעגענדעס אין פאָלק וועבען זיך ניט נאָר אַרום דעם דורכשניטלאַכען און מיטעלמעסיגען, נאָר אויך אַרום דעם גרויסען און אויסערגעוויינטלאַכען, און זיי באַהאַלטען אין דעם גרויסען און אויסערגעוויינטלאַכען דיזעלבע אייגענשאַפטען און דעמזעלבען חן, ווי מען קען עס לייכט זען פון די וואונדערשענע ביישפּילען ביי פּרץ׳ן אַליין, אין זיינע פאָלקסטימלאַכע מעשה׳לאַך.

אַט נעמט פאַר אַ ביישפּיל דאָס מעשה׳לע „נסים אויפן ים".

„נסים אויפן ים' — איז די אידישע לאָרעליי; אָבער טאַקע די אידישע לאָרעליי. אזוי ווי אין יענעם מערכען פון דעם רהיין מיט דער שיינער וואַסער־נימפע, וואָס זיצט אויפן שפּיץ בארג און קעמט אירע גאָלדענע האָר מיט אַ גאָלדענעם קאַם און זינגט און ציט און לאָקט ביז וואַנזין די לעכצענדע נשמה פון דעם שיפער, אזוי האָבען מיר אין דעם מעשה׳לע „נסים אויפן ים" אויך אַ שיפער — סאַטיע הייסט ער — אַ „שטומע נשמה". אָבער בעת אין יענעם דייטשען רהיין־מעשה׳לע שיפט זיך דער שיפער אויף די שטורמישע וואַסערען, אפשר טאַקע נאָר צוליב דעם תענוג און שיינקייט פון דעם לעבען און דעם סענסועלען גענוס פון דער ליבע, וועלכע פאַרצערט אים, שיפט זיך סאַטיע איבער דעם שטורמישען ים, קעגען דער עצה פון אַלטע און דערפאַרענע פישערס, צוליב אַ קרבן וואָס ער דאַרף — אַ פיש, וועלכען ער ברייננגט כמנהגו יעדעס יאָר דעם שטאָט־שוחט אין דעם טאָג פון דעם גרויסען יום־הדין — אַ כפּרה וואָס זאָל מכפּר זיי אויף זיינע זינד.

די כפּרה און דער יום־כּפּור, ווען ער דאַרף מיט זיין גאַנץ הויז־געזינד זיצען אַ גאַנצען טאָג אין שול אומגעגעסען, איז אַלץ וואָס איז געבליבען אין זיין „שטומער נשמה" פון דעם אַלטען־אַלטען גלויבען פון זיינע עלטערען און אור־עלטערען אין דער פרעמדער סביבה פון מענשען און פעלקער צווישען וועלכע ער לעבט דור־איין, דור־אויס, ביים ברעג פון ים.

און דער שטילער, געגלייזטער, שפּיגעלדיגער וואַסערפלאַך פון דעם ים איז אַ זודיגער און קאָכעדיגער קעסעל געוואָרען — און די נאַכט פאַלט צו... די יום־כּפּור נאַכט — און די נעץ פון סאַטיע דעם פישער האָט נאָך אַלץ קיין פיש ניט געכאַפּט.

און סאַטיע דעם פישער לאָקט אויך און ציט אויך ביז וואַנזין—ווי יענעם שיפער אויפן רהיין, צו שטרייטען מיט די שטורעמדיגע וואַלען; אָבער אים ציען ניט און לאָקען ניט די גאָלדענע האָר, דאָס הימלישע געזאַנג און די נעטאָקטע בריסטען פון אַ נימפע — אים ציט און לאָקט און נאַרט פאַרפירעריש אַ גרויסער, אַ גילדערנער פיש צווישען די כוואַליעס, וואָס וואָלט געקענט זיין די שענסטע כפּרה פאַר זיינע זינד און דער טייערסטער קרבן אויפן מזבח פון זיין איבערגעבליבענעם גלויבען... און ער שטרייט מיט דעם שטורעם, מיט׳ן ווינט און די וואַלען; זיין שליידערען זיין שיפעלע אַראָפּ און אַרויף אויף די הויכע וואַסער־בערג און טיפע וואַסער־טאָלען און דער גילדערנער פיש רייצט זיך מיט אים: אַט־אַט קומט ער נאָענט צו אים און אַט־אַט פאַרשווינדט ער ווידער.

און סאַטיע קעמפט מיט די וואַלען. אָבער זיין „שטומע נשמה" גייט ניט

אוים ווי דעם שיפערים נשמה אויפ'ן רהיין אין ניט דערגרייכטען געגוס פון לוסט און ליבע... פון דער טיפעניש פון אָט דער „שטומער נשמה", פון די רעגיאָנען פון דעם ניט־באַוואוסטען שווימט אַרויף דאָס אייביגע אין איר — דאָס אייביגע, דאָס גרויסע; פריער אין דער פאָרמע פון דעם נאָענטסטען: אַ פאַרבלענדעניש — זיין ווייב — זיך טרינקענדיג, שווימט איבער די כוואַליעס און רופט צו אים — „העלף, סאָטיע, העלף!" ער שטרייננט אָן זיינע לעצטע כוחות, און דאָרט אויפ'ן ברעג ברענען שוין די פייערלאַך אין די הייזער פון די פישערס. סאָטיע דערזעט זיי און עס שווימט אים אַרויף אין דעם באַוואוסטזיין — „יום־כפור"... און עס פאַלט אים דער רודער אַרוים פון דער האַנט — אום יום־כפור רודערט ער ניט!... און מיט דעם גרויסען גלויבען פון דעם פאָלק צו וועלכען ער געהערט — וואָס פאָדערט איצט זיין גאַנצע נשמה — גיט ער זיך איבער צו גאָט, צום העכסטען פון זיין זעלע. עס וואַרפען אים אַרום די ווילדע צערייצטע כוואַליעס פון ים אויף פינענדיגע בערג און טאַלען אין דעם ווילדען טאַנץ פון טויט, און ער קוקט דעם טויט גלייך אין די אויגען אַריין און ווידער פון דער טיפעניש פון דער „שטומער נשמה", פון דעם אומבאַוואוסטען, שווימט אים אַן אַלטער ניגון אַרויף — „דאָס איינציגע לשון צו ריידען מיט גאָט". און שטאַרבענדיג אין דעם כף־הקלע פון דעם צערייצטען און ברומענדיגען ים זינגט זיך סאָטיען... עס זינגט זיך דער „שטומער נשמה" דער ניגון פון „מי ינוח ומי ינוע", וואָס ער האָט געהערט אום יום־כפור אין זיין מקום־קדוש. און סאָטיע וויל שטאַרבען זינגענדיג... זינגענדיג ווי עס זיינען גע־שטאָרבען די מאַרטירער פון זיין פאָלק פאַר דעם גאָט פון זייער אַלטען גלויבען אַמאָל און ווי עס שטאַרבען די מאַרטירער פון זיין פאָלק פאַר דער פרייהייט — דעם גאָט פון זייער גלויבען נאָך היינט!...

אָבער גרויסע נשמות פון ס אַ ט י ע ' ס סאָרט שטאַרבען ניט אַזוי: דער געזאַנג פון די נשמות איז „גובר דעם צאָרן פון ים"... אין די לעצטע מי־נוטען פון זייער פאַרצווייפלונגס־קאַמף, ווען זיי שטאַרבען זינגענדיג דאָס ליד פון נצחון, קומט אַרויף אין זייער באַוואוסטזיין ניט נאָר דאָס טיפסטע אונטערשטע — דאָס פריערדיגע אומבאַוואוסטע פון זייער נשמה, נאָר אויך דאָס העכסטע און דאָס העלסטע פון זייער שטרעבען — דאָס וואָס איז איבער דעם רעאַל־באַוואוסטען — און זיי זעען זייער באַגער, דאָס שטרעבען פון זייער נשמה — דערגרייכט.

ס אַ ט י ע שטאַרבט אויך ניט אַנדערש — ער קען אַנדערש ניט שטאַרבען. „צווייי ווייסע געשטאַלטען, ווי פון נעבעל געוועבט, כאַפּען אים אונטער די הענט און טראָגען אים „צווישען ווינט און געטומעל" צום ברעג און זיין שיפעל גייט אים נאָך און אין זיין נעץ איז דער גילדערנער פיש

פאַרוויקעלט!... וואָסערע נסים עס זיינען געשען?! די שטאָט האָט אפּגע־ברענט... און דער שוחט איז דאָ! און דער פיש איז געקוילעט! דאָס שטרע־בען פון דער גרויסער נשמה דערגרייכט...

ניט ווי דער שיפער אויפ'ן רהיין שטאַרבט סאַטיע — דער שיפער פון דער אידישער לאָרעליי!...

וואָסער א גרויסע נשמה דאָס איז — אַט די „שטומע נשמה" פון סאַ־טיע דעם פישער. וויפיל האָבען מיר זיי — די בלישצענדע שטערען אין דער קרוין פון דעם פאָלק?...

מאיר בלינקין *)

צווישען דעם איינגערען דור בעלעטריסטען אין אונזער אָרימער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אַנטוויקעלט זיך אין דער לעצטער צייט צו אַ באַשטימטער אַנדערקענונג דער יונגער שרייבער מאיר בלינקין.

זיינע שריפטען זיינען נאָך צעוואָרפען אין פאַרשיידענע זשורנאַלען און צייטונגען און נאָר צוויי פון זיינע דערציילונגען — „ווייבער“ און „דער סוד“, זיינען אָפּגעדרוקט אין באַזונדערע אויסגאַבען **). דאָך, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף זיין אַרבעט, באַטראַכטען זי אַביסעל נענטער און אָנווייזען די מעלות און חסרונות פון זיין שרייבען און זיין קונסט. דערמיט, גלויב איך, קען מען ניט נאָר דעם יונגען שרייבער העלפען צו פאַרפאָלקאָמען זיין טאַלאַנט — וואָס איז פאַר זיך אַ גוט און ערענהאַפט ציל — נאָר מען קען נאָך העלפען דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון קריטישע נאָרמעס און קריטישע מאַסשטאַבען פאַר אונזער יונגער ליטעראַטור און דאָס איז, אין דעם איצטיגען צושטאַנד, אַ זייער נויטיגע אַרבעט.

זייט די איינגערע שרייבער פון רוסלאַנד, אַש, נאָמבערג, רייזען, יונה ראָזענפעלד און אַ צענדליג קלענערע ליכט און ליכטלאַך האָבען באַלויכטען דעם הימעל פון אונזער ליטעראַטור, איז ביי אונז אין אַמעריקע אַ מאָדע געוואָרען אַריינצופאַלען אין קעלבערנער התלהבות איבער יעדער שורה וואָס קומט פון יענער זייט ים און אינגאַנצען איגנאָרירען דאָס ביסעלע אייגענע שרייבער און דיכטער וואָס באַרייכערען אונזער ליטעראַטור. און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל די אידישע שרייבער אין רוסלאַנד זיינען אַלע ריזען און גאונים און אונזערע זיינען אַלע מילבען, ווערמלאַך, נעבאַך, וואָס קריכען אַרום אויף דער ערד; ניין, דאָס וואָלטען מיר ביי דער איצטיגער מדרגה פון קריטישער אָפּשאַצונג און ליטעראַרישען פאַרגלייך קוים זיך געקענט דערלויבען צו זאָגען. עס פּאַסירט פּשוט אויף דעם זעלבען גרונט, אויף וועלכען עס פּאַסירט, אַז די אידישע אינטעליגענץ, אי דאָ, אי אין רוס־

*) די איצטיגע אָפּהאַנדלונג געדרוקט אין דער „צוקונפט“, מאַי, 1909. אַ חוץ איר ווערט אין זיך אַליין, האָט זי נאָך דעם פאַרדינסט, וואָס זי איז, ווי ווייט ס'איז מיר באַקאַנט, די איינציגע אָפּשאַצונג פון דעם אומגליקלאַכען, אַזוי פרוציוטיג פאַרשטאָרבענעם בעלעטריסט. — י. ע.

**) שפּעטער צו זיינען דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבען עטלאַכע אַנדערע דערציילונגען, ווי „דר. מאַכאָווער“, „אונגערן“ און „קאָרטען שפּיל“. — י. ע.

לאַנד, פאַרגעטערט פרעמדע שרייבער — די שרייבער פון די אומות העולם — בוקט זיך צו דער גרויסקייט פון קנוט האַמסון און אַלאַ האַנסען, טראָגט אויף די הענט אַנדרעיעוו'ן און קופּרינען, באַרימט זיך מיט וואַסערמאַנ'ען און האַלענדערען, שפּרינגט קדוש פאַר האַופּטמאַנען, שניטצלערען און הערמאַן באַר'ן און רעדט מיט אַ קליינשטעטעלדיגער בנעימות'דיגקייט אפילו פון אונזערע בעסטע, ווי פּרץ, גאָרדין, אַש אָדער פּינסקי.

— זיי — די אידישע שרייבער—זיינען דאָך פאָרט ניט מער ווי אידישע שרייבער. פאַר זיי וועט די מענשהייט ניט אָפּטיילען קיין פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור, און מיר, די אינטעליגענץ, מיר זעטיגען זיך גאָר מיט די סאַמע גרויסע, מיט די וועלט־גרויסע.

און דאָ, אין אַמעריקע, פאַרהאַלטען מיר זיך צו אונזער ביסעל אָרימקייט, צו אונזערע פאַר שרייבער, פּונקט אַזוי. מיר קוקען עפּעס גאָר מיט אַנדערע אויגען אויף אונזערע שרייבער פון רוסלאַנד. דאָרט, דאַכט זיך אויס, זיינען די שרייבער עפּעס סאָלידערע מענשען, גרעסערע קינסטלער. דאָ זיינען אונזערע שרייבער צו נאָנט צו אונז, מיר קענען זיי צו אינטים — גייען מיר זיי פאַרביי, פאַרשווייגען זייער עקזיסטענץ און לאָזען זיי זוכען זייער וועג אָן ערלאַכער אָנערקענונג.

דער פּועל יוצא דערפון איז, אַז די אידישע שרייבער אין רוסלאַנד דערלויבען זיך צו באַהאַנדלען זייערע קאָלעגען אין אַמעריקע — דעם עלטערען דור שרייבער, ווי דעם אינגערען — גאָר ניט מיט קיין זיידענע הענטשקעס. ניט קענענדיג אַריינדרינגען אין די היסטאָרישע באַדינגונגען אונטער וועלכע אונזער ליטעראַטור אַנטוויקעלט זיך אין אַמעריקע, ניט פאַרשטייענדיג דיזע באַדינגונגען, דערלויבען זיי זיך קריטיש אורצוטיילען וועגען אונזערע שרייבער אפילו דעמאָלט, ווען זיי קענען זיי ניט. (בעל מחשבות איבער גאָרדינען). אָדער, באַטראַכטענדיג אַמעריקע פאַר דעם סימבאָל פון אַל־דאָס־בייז, וואַרפען זיי פאַר זייערע אַמעריקאַנער קאָלעגען, ביי יעדער געלונגענער און ניט־געלונגענער געלעגענהייט, דעם „אַמעריקאַניזם" מיט דער צאַרטער ליבע פון עלטערע שטיף־ברידער. (פּרץ'ס „וואָכענבלאַט".)

און אין דעם זיינען ביז אַ געוויסען גראַד מיר אַליין שולדיג. עס איז אמת, אַז דער עלטערער דור ליטעראַרישע קינסטלער: גאָרדין, קאָברין, ליבין און אפילו פּינסקי, וועמען די היגע ליטעראַרישע קריטיק האָט כמעט אין גאַנצען פאַרשוויגען, האָבען זייער אָנדערקענונג געפונען ביי די גרויסע מאַסען פון פאָלק אי דאָ, אי אין רוסלאַנד; די אינגערע שרייבער אָבער האָבען נאָך צו די מאַסען ניט געקענט דערגרייכען און אונזער קריטיק, אונזערע עלטערע שרייבער און ספּעציעל אונזערע רעדאַקטאָרען, אין וועמעס הענט — גאָט ווייס פאַר וועלכע מעשים טובים — די ליטעראַרישע קריטיק האָט זיך פּלוצלונג

געפונען, האָבען ניט נאָר ניט געהאָלפען מיט זיך פאַר דעם, נאָר זיי האָבען נאָך זיי און זייער אַרבעט אין בעסטען פאַל פאַרשוויגען און ניט זעלטען גאָר אויסגעלאַכט און אַנטמוטיגט. און דאָך וויל איך מיר דיינקען, אַז אַפילו דער שרייבער פון ביכעל „צוויי קרעפּטען"*), וואָס האָט ווי אַ בלינדער געוואָרפען שטיקער פאַרב אויף דער וואַנט און פון וועלכע עס זיינען אַרויסגעקומען משונה'דיגע געמעלדער גאָט ווייס פון וואָס און ביינערנע סקעלעטען גאָט ווייס פון וועמען — אַפילו ער האָט אַ דיכטערישען טאַלאַנט, וועלכער וואָלט זיך אונטער אַ פריינדליכער און לייטענדער קריטיק געקענט אַנטוויקלען אין נוצלאַכער שעפונג. מיר ווילט זיך דיינקען, אַז דער „דעקאַדענט" חיימאַ־וויטש, וועלכער ווערט אין די „שרייבאַרניעס" גאָר פאַרשוויגען און אין די „קיבעצאַרניעס" פשוט פאַרשפּאָט, האָט טראָץ זיין אומגעלומפּערטען אומ־עסטעטישען געשמאַק פאַר פאַרנאַגראַפישער רעאַליטעט, מער טאַלאַנט ווי אַ סך אידישע מעשות־דערציילער, וועלכע אונזער געערטע קריטיק האָט גע־קרוינט פאַר רעאַליסטען.

מיר ווילט זיך דיינקען, אַז — ניט אין דער עפּיק, נאַטירלאָך, און ניט אין דעם דאָן קיכאָטישען קאַמף מיט די נאַטור־עלעמענטען **), וואו דער העלד ציט, ווי אַ גייער פּראָמעטעאוס, דעם שווערד פון דער שייד געגען די געטער — נאָר אין דעם שטילען ביינקענדיגען נשמה־אויסגוס, אין דער קלינגענדיגער ליריק, האָט יואל סלאָנים נאָך ביז היינטיגען טאָג זיסע טענער, איבערגע־מישט אַפילו אין דער לעצטער צייט מיט די „מאַכערייקעס" פון דער טעג־לאַכער פּרעסע, אָבער ער האָט זיי דאָך, און זיי וואָלטען זיך אונטער אַן ער־לאַכער און לייטענדער קריטיק געקענט אַנטוויקלען צו פּאָעזיע.

אָבער וואו איז אונזער ערלאַכע און לייטענדע קריטיק?

וואָלטען מיר אַזאַ קריטיק אָנגעהויבען אויסצואַרבעטען באַלד אין אָנ־הויב פון אונזער ליטעראַטור — אין איינעם מיט איהר אַנטוויקלונג — וואָלט אפשר אַ טייל פון דעם וואָס די עלטערע שרייבער האָבען אָנגעשריבען קיינ־מאָל די ליכטיגע וועלט ניט געזען, אונזער ליטעראַטור וואָלט דאַן אַ גרעסע־רען ווערט געהאַט און וואָלט געווען די בעסטע וועגווייזערין פאַר די איינגערע שרייבער.

וואָלטען מיר אַזאַ קריטיק כאָטש איצט געהאַט, וואָלטען די איינגערע שריי־בער און דיכטער ערנסטער און פאַרזיכטיגער זיך פאַרהאַלטען צו זייער קונסט

---

*) דוד איגנאַטאָוו'ס ערשטלינג. — י. ע.

**) אַן אָנשפּיגלונג אויף יואל סלאָנים'ס אייניגע יוגענטלידער, וועלכע זיי־נען, אין זייער צייט, געווען דער אָביעקט פון ניט־ווייניגער בייזוויליגער ציי־טונגס־קריטיק. — י. ע.

און וואָלטען בעסערעס און גרעסערעס געשאַפען און מיר וואָלטען געהאַט דעם נחת צו זען אונזער יונגע ליטעראַטור זיך פאַנאַנדערבליען אין שיינע בליטען...

אָבער... איך גלויב דאָך, אַז די אַרבעט מוז געטאָן ווערען. מיט דעם אָפטען אַנאַליז און אָפטער אָפּשאַצונג פון די איינגערע שרייבער און דיכטער מוז זיך אויסאַרבעטען יענע פרייע ליטעראַרישע קריטיק, וועלכע וועט ניט נאָר לייטען און אורטיילען זיי, נאָר אויך אָנערקענען זייער ווערט און פון דעם ווערען אי די שרייבער, אי די ליטעראַטור אין אַלגעמיין זייער פיל געווינען. אויס דעם גרונט וועל איך מיך אָפּשטעלען היינט אויף די שריפטען פון מאיר בלינקין.

* * *

פאַר מיר ליגען כמעט אַלע זיינע דערציילונגען.

מאיר בלינקין איז אַ קינד פון פאָלק. אַן אַ באַטייטענדער בילדונג, האָט ער אָבער אַ באַטייטענטען טאַלאַנט איבערצוגעבען זיינע פאָרשטעלונגען, זיינע איבערלעבונגען און געדאַנקען אין בילדלאַכע פאָרמעס. און דאָס איז די ערשטע און וויכטיגסטע באַדינגונג פון אמת'ער קונסט. שרייבען, ליטעראַריש שאַפען, הייסט אייגענטלאַך מאָלען מיט ווערטער און פאַרבען און סימעט־רישע שטריכען, פון וועלכע עס זאָלען אַרויסקומען בילדער, אין וועלכע עס לעבט און אָטעמט אַ נשמה — דער פאַסענדער גייסט פון דעם בילד.

אָבער שרייבען הייסט נאָך עפּעס. דער מאָלער וואָס מאָלט אויף דעם לייַ־ווענט בילדער מיט פאַרב, באַשאַפט די האַרמאָניע פון די פאַרבען, דאָס ליכט און דעם שאָטען, די פּערספּעקטיווע, די נשמה און געדאַנק פון זיין בילד. ער קאָן אָבער ניט איבערגעבען די בויגיגקייט, די אַנטוויקלונג פון דער נשמה און פון דעם געדאַנק. אַזוי ווי דער סקולפּטאָר וואָס קנעט אויס פון ליים אָדער האַקט אויס פון שטיין די שענסטע פּלאַסטישע פיגורען, אַזוי גיט אויך דער מאָלער איבער נאָר איין נשמה־צושטאַנד. זיין קונסט איז ווי די קונסט פון דעם סקולפּטאָר — אַ סטאַטישע.

דער מוזיקער שאַפט האַרמאָניעס פון קלאַנגען און טענער, וועלכע רופען אַרויס זעלען־אָדער עמאָנציאָנאַלע באַוועגונגען. ער אַנטוויקעלט זיי פון די נידעריגסטע שטופּעס פון ווירקונג אויף דער מענשלאַכער נשמה ביז אירע העכ־סטע מדרגות פון עקסטאַז. זיין קונסט איז ברייט און גרויס. אַזוי ברייט און גרויס ווי די טענער—זיין אַלוועלטלאַכע שפּראַך—איז און ווי די אַלגעמיינקייט פון מענשלאַכע עמפּינדונגען זיינען. ער שאַפט אָבער ניט קיין בילדער. זיין קונסט איז בויגיג און באַוועגענדיג — דינאַמיש־קלינגענדיג און רייצענדיג, אָבער ניט בילדלאָך. זיינע פאַרבען, ליכט און שאָטען איז שווער צו אונטער־שיידען, זיין געדאַנק איז ניט תמיד קלאָר אפילו ווען מיר זאָלען גלויבען, אַז

מען קען מיט טענער און אקאָרדען אויסדריקען געדאַנקען.

ניט אַזוי דער שרייבער. אויב ער האָט נאָר דאָס גרויסע געטלאַכע פייער קען ער די ווערטער שמעלצען אין דעם וואולקאַן פון זיין נשמה און קנעטען פון זיי ווי פון ליים די שענסטע פּלאַסטישע פיגורען; ער קען זיי מישען ווי פאַרבען און מאָלען מיט זיי אין דער ליכט פון דער זון און אין דעם שאָטען פון דער נאַכט פּראַכטיגע בילדער; ער קען זיי צונויפגיסען ווי טענער אין וואונדערלאַכע האַרמאָניעס פון פּאָעטישע קלאַנגען; ער קען דורך זיי אריינבלאָזען אין די פיגורען, בילדער און האַרמאָניעס דעם רוח הקודש פון א לעבעדיגען גייסט. ער קען זעלען און געדאַנקען שאַפען, בויגען און אנטוויקלען — ער קען מענשען און וועלטען שאַפען.

אָבער די גאַנץ גרויסע מתנה פון דער נאַטור האָבען נאָר ווייניג — די גרויסע, די אויסדערוויילטע. דער גרעסטער טייל שרייבער האָבען נאָר אַביסעלע פון דער גרויסער מתנה, אָבער אויך זיי שאַפען מענשען און וועלטען — קליינינקע מענשען און קליינינקע וועלטען.

מאיר בלינקין שאַפט זיך זיין אייגען וועלטעל. דער קרייז פון זיין שאַפען איז דערווייל א באַגרעניצטער. און כאָטש ער האָט אָנגעהויבען שרייבען און שרייבט כסדר אין אַמעריקע, פונדעסטוועגען זיינען זיינע באַטייטענטסטע דערציילונגען אוים דעם געוויינטלאַכען אָרימען לעבען, וואָס האָט אים אַרומגערינגעלט אין רוסלאַנד. זיינע באָבאַכטונגען און איבערלעבונגען פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע זיינען נאָך הפּנים ניט רייף, ניט צייטיג, אַז זיי זאָלען זיך אָפּשפּיגלען אין זיין נשמה. זיין שפּראַך גיט זיך ניט תמיד אונטער צו זיין ווילען, ער זאָל קענען צעשמעלצען די ווערטער אין שיינע קלאָרע אויסדרוקען. אַמאָל איז זיין שפּראַך שיין, פּלאַסטיש, בילדלאַך און אין ליבעס־עפּיזאָדען גרינג, בויגיג און רייצענד. אַנאַנדערס מאָל איז זי שווער, גראָב און גיט לחלוטין ניט איבער דאָס, וואָס דער שרייבער האָט, דאַכט זיך, געוואָלט זאָגען. דערפאַר איז מאיר בלינקינ׳ס סטיל נאָך דערווייל א רויער, ניט קיין אויסגעאַרבעטער. אין זיין „פּאָעמע” „ווייבער” קען מען געפינען א געמישאַכץ פון וויניגסטענס דריי־פיר פאַרשיידענע סטילען. א פּאָעמע־סטיל אין בלאַנקע פערזען בשותפות מיט א סטיל פון א ווייבערשער תחינה; שיינע פּאָעטישע בילדער אין גרויסען סטיל בשכנות מיט דעם סטיל פון אַן אַלטאָגלאַכען מעשה־דערציילער. און אין יעדען פאַל פאַלט דער שרייבער אריין אין דעם אָדער אין יענעם סטיל ראַפּטאַם, און הפּנים עס צו באַמערקען. דאָס איז, נאַטירלאַך, דערפאַר, ווייל דער שרייבער האָט נאָך ניט קיין אייגענעם אויסגעאַרבעטען סטיל.

סטיל — לערנט דזשאַרדזש הענרי לואיס — איז ניט נאָר א געבוירענער אַרט אויסדרוק ביי א שרייבער, נאָר אויך אַן אייגענאַרטיגע פאָרמע פון אויס־

דרוק און שאפען, וועלכע קען זיך אנטוויקלען, אויסבילדען, פארפאלקאמען. און די יונגע אידישע שרייבער מעגען זיך דאס נעמען אין אכט. מען דארף לעזען א סך, אידיש לעזען — ניט נאר אידיש שרייבען — לעזען די עטלאכע אידישע קלאסיקער, לעזען די בעסטע אידישע סטיליסטען, ניט צוליב זייער אינהאלט און אפילו ניט צוליב זייער סטיל, נאר צוליב דעם, אז מען זאל קענען שאפען אן אייגענעם, זעלבסטשטענדיגען אויסגעארבעטען סטיל. און גוטער אייגענארטיגער סטיל גיט דאך צו אזוי פיל אייגענארטיגע שיינקייט צו דעם שרייבער׳ס ליטעראַרישע ארבעט. לאזען זיך נאר די יונגע אידישע שרייבער ניט בארויקען מיט׳ן געדאנק „למאי האט טאלסטאי ניט געזארגט פאר זיין סטיל“. טאלסטאי האט זיך טאקע ניט געזארגט פאר זיין סטיל, נאר פאר זיין קלארקייט. זיי אבער זיינען קיין טאלסטאים ניט און מעגען זיך זארגען פארביידע.

ניט אין אן אויסגעארבעטען אייגענארטיגען סטיל ווי אויך ניט אין א ברייטען קרייז פון שאפונג ליגען מאיר בלינקינ׳ס פארדינסטען אלס שרייבער. ער איז, אויב איך קען מיר דערלויבען צו באצייכענען אים מיט דעם ווארט, א פסיכאלאגישער שרייבער. ער גריבעלט זיך געוויינטלאך אין דער נשמה פון זיינע העלדען. אפטמאל אפילו נאר אין איין חדר׳ל פון דער נשמה. אם בעסטען גיט זיך אים איין צו שילדערן די ליבעס־פארהעלטניסען צווישען יונגע מענשען. דא איז ער אמת קינסטלעריש. די בילדעלאך „אין קיך“ און די ערשטע סצענקע אין דאס „אלטע, אלטע ליד“ ווייזען ווי גרינג, שיין און אמת׳דיג טיף אוים דער נשמה ער מאלט די דאזיגע פארהעלטעניסען.

אין „אין קיך“ איז געשילדערט די ליבע צווישען צוויי ארימע יונגע מענשען, איציק דער שוסטער און טייבעלע דאס דינסטמיידעל.ביידע זיינען פארווארפען געווארען אין א פרעמדער שטאט און האבען זיי זיך געטראפען. ביסלאכוויז פארליבען זיי זיך. זעען זיך אבער זעלטען, נאר שבת, גארען צו זיין אליין, פארבלייבען לייגגער צוזאמען — קענען אבער ניט. איין מאל זאגט זי אים אן די בשורה, אז די בעלי הבתים פארען אוועק אויף דריי זומער־חדשים אויף א דאטשע. און אט ווי אזוי אין דער פרייד פון דער בשורה דער־קלערט זיך, אז זיי ליבען זיך ביידע:

„איינמאל האט איציק פאר׳ן צעשיידען זיך מיט טייבעלען צוגעבויגען איר קאפ צו זיין ברוסט און איבערקלייבענדיג אירע ווייכע, שווארצע האר באמערקט: — ווען וועט שוין, טייבעלע, קומען די צייט, אז מיר זאלען שטענדיג זיין אינאיינעם? — זי האט צארט איינגעגורעט איר קאפ טיפער אין זיין ברוסט און ארויסגערעדט שטיל ווי פאר זיך: — פון מיטוואך אן בלייב איך איבער אליין אויף גאנצע דריי חדשים... זיי פארען אלע אוועק.

„איציק האט זי מער ווענען דעם ניט איבערגעפרעגט. פון גרויס פרייד האט ער גע־קושט אירע אויגען, די באקען און נאכדעם א כאפ געטאן זי אויף די הענט און, ארומטאנצענ־דיג מיט איר געזונגען: — מיין טייבעלע, מיין קרוינעלע, מיין נשמה׳לע, מיין ווייבעלע.

— א ווייבעלע ביז איך דיר? נאָ, נאָ! — האָט זי אים געגעבן עטלאָכע קלעפּלאָך איבער די ליפּען — ווערסט ווייטער ריידען אַזוי?

און פּלוצלונג האָט זי אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ און האָט אים אַ קוש געטאָן.

— עה, דו חברה'טע, דו האָסט מיך אויך ליב? — האָט איציק פון גרויס פרייד ניט געפונען וואָס אַנדערש צו זאָגען — טאַק נאַ־זשע דיר, נאָ, וויבאַלד יאָ אַזוי — און מיט גאָר די כוחות האָט ער זי געדריקט צו זיך."

דאָ איז דער אויסדרוק פון ליבע עלעמענטאַר, פּראָסט, אָבער ריין און אמת'דיג ווי ביי פאָלקס־קינדער. און אָט איז אין עטלאָכע ווערטער אַ מייסטער־רישער אויסדרוק פון פאַרדרוס, אייפערזוכט און ווייבערשען נצחון:

די בעלי בתים זיינען אַוועקגעפאָהרען. איציק איז געקומען צו טייבעלען. זיי שטיפען, קושען זיך און שפּילען זיך. און איציק האָט טייבעלען אַ ביס געטאָן. טייבעלע איז בייז דערפאַר. איציק זאָגט צו, אַז ער וועט שוין דאָס מער ניט טאָן. ער וואָל אָבער וויסען, צי זי האָט אים שטאַרק ליב; וויל זי ניט זאָגען, שטייט ער צו איר צו:

„— און אַז יאָ איז וואָס? — פרעגט זי.

— טאָ גיב מיר אַ שטאַרקען קוש!

— פּשש... קוים דערלעבט — האָט זי געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

איציק האָט זיך דערפילט שטאַרק באַליידיגט.

— און מיינסט אין אמת'ן — האָט איציק אָנגעהויבען מיט אַ באַליידיגטען טאָן — אַז כ'וואָלט נאָר וועלען... וואָלטען זיך אַ סך ווינשען... נעמסט זיך איבער, באַשר מ'איז פון איין שטאָט... איך האָב געמיינט, אַז מיר'ן... חתונה...

— ווער וויל דען, אַז דו זאָלסט זיי קושען. — איז טייבעלע אויס נייגעריגקייט אַריינ־געפאַלען אין די רייד.

— ס'ווילען שוין אַ סך — האָט איציק רימעריש געענטפערט — כ'וואָלט נאָר וועלען... וואָלסט דו געזען.

— אַנו, איציקעל, זאָג מיר, ווער וויל דיר אַ קוש טאָן?

— אָבער וועסט קיינעם ניט דערציילען? — האָט איציק פריילאָך אַ קוק געטאָן אויף טייבעלען.

— זאָל איך קריינקען — האָט זיך טייבעלע געשוואוירען.

— אפילו גיטעל גאָלדעס וואָלט אויך וועלען... אָט וואָס — אָט וואָס — האָט איציק מיט שטאָלץ אויסגערעדט.

— אָבער דו זיי, וואָלסט וועלען אַ קוש טאָן? — האָט טייבעלע חצופה'ש געפרעגט.

— איך דאַרף זיי האָבען אויף „טיסאַטשע" כפּרות — דאַרף איך זיי...

— אָבער מיך איציקעל?

איציק האָט זיך גרויסמוטיג פאַנאַנדערגעלאַכט.

פונקט אַזוי שיין, אמת'דיג איז דאָס ערשטע בילדעלע אין „אַלטען, אַל־טען ליד". ביילע שלאָפט ניט, ווען איר מאַן קלייבט זיך אַוועקצוגיין פון דער היים; זי געפינט אַ וועג ווי צוצוקוקען ווי ער גלייכט אויס די גלידער פון זיין געזונטען קערפּער, קנאַקט אויס די פינגער, טוט זיך אָן. זי מאַכט זיך שלאָפענדיג, ווען ער קושט זי, כאַפּט זיך שטיפעריש אויף און גייט אים נאָך

איינגעוויקעלט אין ליילאַך צומאַכען די טיר נאָך זיין אוועקגיין. און אים גלוסט זיך גראָד דעמאָלט ניט גיין...

אין אַזעלכע בילדלאַך איז דער שרייבער אין זיין ספּערע און ער מאָלט זיי מיט קינסטלערישער וואָרהאַפטיקייט. ניט אַזוי איז די וואָרהאַפטיקייט אין דער טיפער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליזע פון די בילדער, וועלכע מאָלען די פּאַ־מיליע־אומטרייהייט. בלינקין האָט עטלאָכע אַזעלכע דערציילונגען. פון זיי איז „אַ קאַפּיטעל פאַמיליען־לעבען" דער בעסטער עקזעמפּליאַר. אין דער סקיצע זיינען די באַזונדערע בילדלאַך — די כאַראַקטעריסטיק פון מלך דעם האָליץ־משרת, זיין אויפשטיין, זיין דאַוונען און דאָס וואָס דאַוונענדיג קלייבט ער די אַלטע פאַרשמירטע שטיקלאַך צוקער און די צעוואָרפענע אַלטע פּאַסאַ־ליעס, זיין בינדען זיך צו זיין ווייב פראַדלען, זיין שילטען זי צוליב די אַלע קלייניקייטען, זיין אוועקגיין פון דעם היים צו דער אַרבעט — די אַלע בילד־לאַך זיינען אויסגעצייכענט געמאָלען. דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון פראַד־לען — דער פאַרברעכערין קעגען איר מאַן — — אַלס בילדער פון איר עראינע־רונג — זיינען שיין און אמת׳דיג. זיי מאַכען אָבער דעם אומפאַרמיידלאַכען איינדרוק, אַז דער שרייבער האָט פאַרלוירען די לעבענס־ספּערע פון אַ מלך דעם האָליץ־משרת און זיין ווייב פראַדעל מיט זייער פולער שטוב ממזרים־לאַך, מיט זייער זידלען און שילטען זיך יעדען פרימאָרגען אויף דעם ניכ־טערען מאָגען צוליב אַלטע פּאַסאָליעס און פאַרשמירטע שטיקלאַך צוקער — די ספּערע פון לעבען, אין וועלכער געשלעכטלאַכע אומטרייהייט איז דער פּשוט׳ער רעזולטאַט פון דער עלעמענטאַרסטער סעקסועלער געוואַלט אונטער רייצענדע אומשטאַנדען — און האָט זיך איבערגעטראָגען אין אַ פיל העכערער ספּערע פון לעבען, וואו פאַרברעכערישע געשלעכטלאַכע פאַרהעלטעניסען זיינען דער רעזולטאַט פון באַוואוסטטער אַלטער ליבע, ווענען וועלכער „זיי האָבען נאָר איינער דעם צווייטען גאָר ניט געזאָגט". דערפאַר מאַכט די דער־ציילונג דעם איינדרוק פון אומוואָרהאַפטיקייט און ניט־אויסגעהאַלטענקייט. די שילדערונג אָבער פון דעם פרי־מאָרגען אַליין, ווען מלך איז אוועקגעגאַנ־גען און שלמה, זיין שוואָגער איז געקומען צו פראַדלען, איז אַן אויסגעציי־כענטע. די פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען זיינען דאָרט טאַלאַנטפול אַרויסגע־בראַכט.

פראַדעל פילט, אַז שלמה ליבט זי ניט מער און דאָך ווייזט זיך איר כסדר אויס, אַז אין דעם קריג פון שלמה׳ן מיט זיין פרוי איז זי תמיד שולדיג. זי פילט, אַז שלמה קומט צו איר נאָר צוליב פיזישען גענוס און ניט צוליב דער ליבע צו איר, ווי זי וואָלט דאָס געוואָלט און דאָך קען זי אים ניט ווידער־שטיין און עס הערט זיך באמת אַזאַ „אומעט" אין אירע ווערטער, ווען זי גיט דעם קינד — שלמה׳ס קינד — וויגען און זאָגט צו אים: „אַזאַ פרעסער,

ווי דער טאטע—דער רייסט פאסען פון איין זייט און דער פון דער אנדערער..."
זי פילט, אז שלמה באהאנדעלט ניט זיין וויב אזוי גראב, ווי ער באהאנדעלט
זי — אבער זי איז דאך ד י פ ר ו י און ווען זי גיט זיך איבער, גיט זי
זיך איבער איינגאנצען, אפילו דורך שמערצען און טרערען...

פון דעם סארט דערציילונגען איז ביי מאיר בלינקין די סצענע „מאגדא־לענע" פיל איינפאכער, ווארהאפטיגער און טאלאנטפולער אנגעשריבען. אין איר ערוואכט שוין רחל (די פראדעל פון דעם פאמיליען־לעבען) צו דעם באַוואוסטזיין פון איר פאלשען און עקלהאפטען שטאנד אין איר פאמיליע. זי האט חרטה און וויל דעם גאנצען אמת אויפדעקען פאר איר מאן. זי האט דעם אייזערנעם מוט צו זאגען איר פארפירער — דעם לוסטזוכער — איר זייט א פוסטער פראזיאר, א פייגלינג זייט איר — גייט, לאזט מיך אליין... — גייט אוועק פון מיינע אויגען... איך וועל מיר שוין אליין העלפען".

רחל איז געמאלען מיט א פעסטער האנט. א ביסעל מיט א צו־פעסטען גלויבען, אז די קינדער אירע וועלען מוחל זיין זייער אומגליקלאכער מאמען. די סצענקע אין סוף איז סענטימענטאל און פאעטיש, אבער אין גרענט אללענ'ס "The Woman Who Did" איז די טאכטער איר „אומגליקלאכער" מוטער ניט מוחל. צו גרינג האט זיך דער שרייבער אפגע'פטר'ט מיט אזא גרויסער און טיפער פסיכא־סאציאלער פראבלעם פון אונזער מאדערנעם לעבען.

איך קען זיך ניט אפשטעלען אויף אנדערע צעווארפענע דערציילונגען. איך קען אבער אויך ניט פארבייגיין אן א באמערקונג דאס אויסגעצייכענטע בילד פון ארימקייט, עלענט און הונגער אין דער סצענע „אין א וואכענדער נאכט". בלינקין האט נאר איינע פון דעם סארט סקיצען. דאס בילד איז דורכגעדרונגען מיט יענעם שמערץ, וועלכען נאר די ארימקייט אין אירע עקסטע גרעניצען קען באשאפען און נאר דער הונגער פון א קליין עופה'לע און די הילפלאזיגקייט פון זיינע עלטערן אין דעם רעעלען לעבען מאלען מיט אזעלכע שוידערלאך שווארצע פארבען.

* * *

פון בלינקין'ס גרעסערע דערציילונגען, וועלכע זיינען אויך פון א גרעסערען און טיפערען פסיכאלאגישען ווערט, וועל איך זיך נאר אפשטעלען אויף די צוויי: „דאס רעטעניש" און דאס לעצטע ווערק אין א באזונדערען בראשורען־אפדרוק „דער סוף".

איבער דער „פאעמע" „ווייבער" קען מען נאר זאגען, אז עס איז אן אומגעלונגענע פראבע צו שילדערען די מאסען־פסיכאלאגיע פון דער אידישער פרויען מאסע. אבער טאקע אן אומגעלונגענע. די בעסטע פון בלינקינ'ס ארבעטען זיינען אן שום ספק „דאס רעטעניש" און „דער סוד".ביידע זיינען דערציילונגען אויפ'ן פעלד פון קראנקהאפטער פסיכאלאגיע (פסיכאפאטאלאגיע).

„דאָס רעטעניש“ איז געשריבען אין דער פאָרמע פון אַן אויטאָביאָגראַפישען עפּיזאָד אין לעבען פון דעם דערציילער.

ער דערציילט: ער האָט פרי חתונה געהאַט. די פרוי זיינע איז אים דאָס גאַנצע לעבען געבליבען פרעמד, אָבער ער איז איר געווען איבערגעגעבען און האָט געלעבט מיט איר ווי אַלע אומבאַוואוסטע מענשען לעבען מיט זייערע ווייבער, מער אָדער ווייניגער גליקלאַך. זי האָט אים פינף קינדערלאַך געהאַט. זיי האָט ער ליב געהאַט ווי זיין גאַנצען לעבען. אָבער... אַט, אַ מאָל אויף אַ חתונה האָט ער זיך באַגעגענט מיט אַנאַנדער פרוי. אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער האָט זי שוין ערגעץ־וואו געזען, אַז ער קען זי שוין פון לאַנג. עס האָט אים געצויגען צו איר. ער האָט זיך באַקענט מיט איר, פאַרליבט אין איר — זי איז געווען — ער; ער — זי...

און אין דער זעלע האָט די ליבע ווי אַ פייערדיגער דאָרן אַלץ פאַרברענט... אַלץ — די איבערגעגעבענקייט צו זיין פרוי, די ליבע צו זיינע טייערע קינדערלאַך. יענע — די געליבטע — איז אים אַנטקעגען געשטאַנען ווידעריג געווען... ער האָט שטאַרק געליטען און שטאַרק געקעמפט... און ווען די געליבטע האָט געזען, ווי שטאַרק איז זיין ליבע, האָט זי אים ענדלאַך געזאָגט: — „דיך אַליין, קען זיין, ליב איך ניט, אָבער איך ליב שטאַרק דיין ליבע“... און ער האָט מנצח געווען.

אָבער אַט דאָ הויבט זיך אָן „דאָס רעטעניש“.

— און, איר וועט מיר גלויבען, אַז אַלס פרוי האָט זי מיך כמעט ווי אויפגעהערט צו אינטערעסירען... און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, אַז וואָס ווייטער האָב איך אַלץ מער און מער אויפגעהערט צו פילען, אַז איך ליב זי. געפילט האָב איך נאָר, אַז איך קען אָן איר ניט אויסקומען, ממש ניט לעבען... עס האָט מיך ניט שטאַרק געאַרט, אַז איך האָב זי ניט געזען, אַז איך אָדער זי זייגען אויף אַ געוויסע צייט אָפּגעפּאַרען איינס פון דעם צווייטען. ווייל נאָר דער געדאַנק, אַז זי איז מיינע, אינגאַנצען מיינע, אַז איך קען ביי יעדער צייט מיט איר טאָן וואָס איך וויל, האָט מיך באַפרידיגט, גליקלאַך געמאַכט.

ער האָט געשטאַלצירט מיט איר, געווען אייפערזיכטיג, זיך אונטערגעוואָרפען איר ווילען. יעדער פוןביידע האָט געליטען פיזישע שמערצען, ווען דער אַנדערער איז קראַנק געווען.

„און וואָס אַ טאָג, וואָס אַ שעה זיינען מיר אַלץ מער איינס צום צווייטען צוגעבונדענער, צעטויפגעוואַקסענער, קען מען זאָגען, געוואָרען. מיר זיינען געוואָרען איין מענש.“

אין דיינקען און אין פילען האָבען זיי זיך כמעט שטענדיג צוזאַמענגעטראָפען, שטענדיג פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערען, שטענדיג האָט יעדער געפילט און געוואוסט וואָס צו פאַרלאַנגען פון צווייטען און יענער האָט עס אויך ערפילט און פלוצלונג — אין דעם צוזאַמענגעוואַקסענעם לעבען פון צוויי ליבענדע מענשען, שטאַרבט זי... שטאַרבט אומערוואַרטעט.

ער האָט אין אָנפאַנג ניט געגלויבט, אַז עס איז מעגלאַך —

„און ווידער איז דען מעגלאך צו גלויבען, אז זי זאל שטארבען? איך קען דאך אן איר ניט לעבען! . . .

„ערשט דענסמאל איז אויף מיר אנגעפאלען דער גוואלדיגער פארלאנג זי צו באהערשען... איך האב צו איר געשריען, זי געוועקט. איך בין זיכער געווען, אז זי הערט מיך. איר מויל האב איך צעעפענט, מיין לעבען האב איך אין איר געוואלט ארייננבלאזען. אירע אויגען האב איך אויפגעמאכט, ארייננגעקוקט אין זייער גרויער, טויטער אוועקלאכקייט."

און ווען ער האט אין זיין משוגע'נעם וואוט אלע פון הויז צעטריבען. האט ער איר אין אויער די ווערטער אריינגעשריען...

„וועלכע זי פלעגט מיר אפט זאגען אין געוויסע פעלע... א, די ווערטער, טויזענטער פלאמענדיגע תאוות האבען זיי תמיד אין מיר אנגעצונדען. . . און — איך בין פלוצלינג צו איר צוגעלאפען, האב זי ארומגעכאפט, שטארק אנגעהויבען צו טרייסלען און האב מיט נאר די כחות געשריען: „דו טארסט ניט שטארבען! דו הערסט? טארסט ניט, ביסט מיין ווייב. מיינע! באלד וועל איך דיר עס דערווייזען..."

און ער איז, נאטירלאך, געפאלען און האט זיך ערשט אויפגעכאפט אין שפיטאל.

אט דאס איז די טיפסטע רעטעניש פון א זונדערבארער ליבע. קראנקהאפט אין איר אורשפרונג, קראנקהאפט אין איר אנטוויקלונג, איז זי געפלאכטען אויס אומנארמאלע באציאונגען ביים לעבען און האט געקענט פירען צו פערווערזע באציאונגען ביים טויט. דאס רעטעניש אבער בלייבט א רעטעניש, דער דיכטער האט עס נאר סקיצירט. עס איז ניט אין זיינע כחות דורך טיפען פסיכאלאגישען אנאליז דערגרונטעווען איר דעק. קלאר מאכען איר שאטענדיגע ערשיינונג.

אייך אויף דעם גרונט פון אומנארמאלער פסיכאלאגישער אנטוויקלונג — דאך ניט פון סעקסועלער נאטור — וועבט מאיר בלינקין זיין „סוד". אין „א מעשה מיט א בת־מלכה", א פריערדיגע דערציילונג, האט ער לעגענדאריש געפרואווט דערציילען ווי די בת־מלכה זוכט דעם אמת צווישען מענשען — זוכט און זוכט און קען אים ניט געפינען. אין „דאס רעטעניש" וויל אויך דער דערציילער „דעם אמת" געפינען, ווען ער ליארעמט איבער דעם טויטען קערפער פון זיין פרוי. און אין דעם „סוד" זוכט אויך שפרה — „די צארט־פילענדע און וואונדערבאר באגרייפלאכע נשמה" — דעם אמת. אבער זי זוכט דעם אמת אין דער פארמע פון דעם סוד „פאר וואס די מאמע נארט דעם טאטען, דער טאטע דער מאמען, די שוועסטער איר מאן, זיי אלע די עלטערען און די עלטערען זיי". זי זוכט דעם סוד, וואס זי איז זיכער, אז זי באמערקט ביי אלע מענשען, וואס רינגלען זי ארום. אז דאס אליין איז א קראנקהאפטע נייגונג ביי א יונג קינד, איז נאטירלאך ניט נויטיג צו באווייזען. אבער ווי אזוי צו א קינד פון א געוויינטלאכער אידישער סביבה קומט אזא קראנקהאפטע נייגונג, ווי קומט צו אזא מיידעל צו זוכען

דאָס טיפסטע פון די רעטענישען, אויב ניט פון גאַנצען וועלטאַל, איז וויי־ניגסטענס פון דער מענשלאַכער נשמה, ווי אַזוי קומט צו איר איבערהויפּט גאָר צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ סוד אין דעם אַבסטראַקטען זין איז דאָ, אַז דער טאַטע נאַרט די מאַמע און די מאַמע דעם טאַטען ניט אין דעם קאָנקרעטען פאַל, מיט וועלכען זי באַגעגענט זיך און צו וועלכען זי קען אפשר זען די דערקלערונג גלייך אין האַנט, נאָר אַז זיי נאַרען זיך אין אַלגעמיין — און ניט זיי אַליין נאָר נאַרען זיך, נאָר אַז די נאַרעריי איז אַ סוד פון דער מענש־לאַכער זעלע, אַז אַלוועלטלאַכער סוד — בלייבט אונז דער שרייבער שולדיג אַ דערקלערונג. און מיר דאַכט זיך, אַז דאָ האָט פּאַסירט אַ קליינינקייט: דער שרייבער האָט פּשוט איינגעהילט זיין אייגענע זוכעניש פון דעם אמת צווישען מענשען און פון דער מאָדערנער ליטעראַרישער זוכעניש פון די סודות פון דער וועלט, ווי מיר געפינען זי ביי אַזעלכע גרויסע גייסטער ווי מעטערלינק און אַנדרעיעוו, און האָט זיי איבערגעטראָגען אויף דעם סוביעקט פון זיין דערציילונג — אויף שפרה'ן, „דער וואונדערבאַר באַגרייפלאַכער נשמה" פון דער אידישער גאַס. אָבער איינמאָל האָט ער עס געטאָן, האָט ער סקיצירט די קראַנקהאַפטע אַנטוויקלונג פון שפרה'ס גייסט מיט אויסערגעוויינט־לאַכען טאַלאַנט.

דער מוטער'ס טויט האָט שטאַרק געווירקט אויף שפרה'ן, אָבער די ווירקונג איז אַלץ אין דער ליניע פון דער אַנטוויקלונג פון איר משוגעת. ביז אַ געוויסער צייט אין איר יונגען לעבען האָט זי באַאָבאַכטעט דעם סוד ביי מענשען, שפּעטער וויל זי אים שוין אויספאָרשען — „וואָס איז דעם טאַטענ'ס סוד". — אָבער זי קען ניט, און עס קעמפּט דער נאָרמאַלער מענש מיט דעם אומנאָרמאַלען און איז אים אויף אַ מינוט גובר. זי באַשליסט ניט צו קימערען זיך וועגען דעם מער.

אָדער אַלע מענשען זיינען גוטע און וואוילע... אָדער פאַרקערט, עס זיינען גאָר ניטאָ קיין רעכטע מענשען — אָבער דער וואַנזין איז שטאַרק כוח כל סוף. דער סוד איז גרויס און שטאַרק און מאַכטיג... ער געוועלטיגט איבער די, וואָס גריבלען זיך און זוכען אים. און זי זוכט אים אין דעם קלאָ־רען באַגריף פון דעם אמת — דעם ריינעם אמת — ביי נחום'ען — דעם מענשען, וואָס ווייזט ליבע צו איר און וויל זי באַזיצען. אַמאָל קומט נאָך אויף איר אַ ליכטיגער מאָמענט און איר דאַכט זיך, אַז זי איז נאָענט צו איר ציל און וועט דעם סוד געפינען. אַזוי לעבט זי ביז עס וואַכט אין איר אויף רער סעקסועלער באַגער. ווי אַ וואולקאַניש פייער ברעכט אויס דער באַגער אין איר און ווי די לאַווע וואָס גיסט זיך שטורמיש אריבער די ברעגעס פון דעם קראַטער און פאַרפלייצט אַלץ אַרום, אַזוי דערטרינקט די צעפלאַ־

קערטע סעקסועלע וואוט אין איר דאָס ביסעלע געזונטע, וואָס איז איר נאָר געבליבען. און זי גיט זיך אָפּ נחום'ען, ווי זי וואָלט זיך יעדען אַנדערען אָפּגעגעבען, ווילד, קראַנקהאַפּט ווילד. און וואָלט ניט אייניגע ניט־עסטעטישע אויסדרוקען און פּשוט גרילצענדיגע מאָמענטען, ווי צום ביישפּיל, דאָס פּלוצלונגע ליכטיג ווערען אין דעם גרויסען האָטעל „פּאַ וויסאָטשאַישעמו וועליעניו", אָדער דאָס ש ר י י ע ן צו נחום'ען — „טו זיך אויס, נחום, אין גאַנצען טו זיך אויס" — ווייל זי אַליין האָט זיך אויך אויסגעטאָן „מוטער־נאַקעט" — וואָלט דאָס אַלץ ניט אָוועקגערוקט דאָס ווירקלאַך גרויסע בילד פון איר קראַנקהאַפּטער און שטורמישער סעקסועלער אויפוואַכונג צום הינטער־גרונט און וואָלט דאָס ניט אַרויסגערוקט פאַר אונזערע אויגען דאָס אומעסטעטישע בילד פון צוויי נאַקעטע ברואים — ביידע ניט קיין ווענוסעס — וואָלט די גאַנצע סצענע געווען דאָס שטאַרקסטע, בעסטע און מייסטערהאַפּט געמאָלענסטע אין דעם גאַנצען ביכעל.

יאָ, „דער גרויסער שרייבער פון דער ערד דער רוסישער" האָט הפּנים בעסער פאַרשטאַנען די מענשלאַכע נאַטור, ווען ער לאָזט זיין העלד זאָגען אין „וולאַסט טמי": „ווער קען דאָס טראַכטען דעמאָלט" — יאָ, ווער קען דאָס טראַכטען דעמאָלט, און שרייען דעמאָלט, און ריידען דעמאָלט... דעמאָלט, וואָלט מען געמעגט זאָגען בלינקינ'ען, רעט זיך ניט, שרייט זיך ניט... ס'טוט זיך, און עס טוט זיך מיט אַ פיבערהאַפּטער, ווילדער אויפרעגונג — און דאָס עסטעטישע פּראָבלעם פאַר דעם דיכטער אָדער שרייבער איז אייגענטלאַך ווי אַזוי מאָלט מען אָט דאָס פיבערהאַפּטע, ווילדע און דאָך נאַטירלאַכע, אָט דאָס ערהאַבענע און דאָך עקעלהאַפּטע, אָט דאָס גרויסע און דאָך טירישע אַזוי, אַז דער עקעל און דאָס טירישע זאָלען ניט פאַרשטעלען מיט זייערע מאָנסטראָזע שאָטענס דאָס שיינע און דערהאַבענע, דאָס גרויסע און נאַטירלאַכע...

דאָס ווידער־אויפוואַכען פון שפרה'ן צו דער זוכעניש פון דעם סוד איז אַ וואונדער־שיינער און טיפער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט אין דער אַרבעט. זי דערזעט אויף דער וואַנט אַ פּראָסט בילד פון ליכט־בענשען און איר דאַכט זיך, אַז דאָס אינגעלע אויף דעם בילד קוקט אַריין דער מוטער צווישען די פינגער, מיט וועלכע זי פאַרדעקט איר פּנים, און זוכט דעם סוד.

דאָס סעקסועלע אויפוואַכען און די טירישע באַפרידיגונג פון שפרה'ס באַגער איז נאָר אַן אינצידענט אין דער אַנטוויקלונג פון שפרה'ס משוגעת. נאָך דעם אינצידענט און דורך איר שוואַנגערשאַפט, ווען עס וועבט זיך אַרום איר אַליין אַ סוד — דער גרויסער אַלוועלטלאַכער סוד פון געבורט — וועלכען דער שרייבער מיינט, אַז ער האָט אַרטיסטיש אָפּגע'פּטר'ט מיט איין שטריך — מוז זי נאַטירלאַך נאָך ראַשיגער גיין אויף דעם וועג פון

פֿולשטענדיגען וואַנזין, און זי גייט טאַקע. דעם סוד פֿון דער מענשלאַכער נשמה וועט זי ערשט געפֿינען ווען זי וועט זיין אמת משוגע. און אמת׳דיג טאַלאַנטפֿול פֿאַסירט עס אויך אַזוי אין דער דערציילונג. אָבער דער לעצטער אַקט פֿון איר לעבען — דאָס וואָס שליידערט זי אַראָפּ אין דעם אָפּגרונד פֿון משוגעת, שיינט מיר צו זיין אַ איבעריג, אַ ניט וואַרהאַפטיג. איך רייד ניט פֿון דעם אומגעלומפּערטען טויט פֿון דעם מחותן, אַריינגעבראַכט אין דער דערציילונג הפנים נאָר צוליב אַ פּרעצעדענט... דאָס איז פּשוט נאַריש. איך רייד פֿון שפּרה׳ס וואַנזיניגער האַנדלונג ביי איר שוואָגער׳ס טויט. דער טיפֿ פֿון משוגעת וואָס אַנטוויקעלט זיך ביי אַזעלכע גריבלער איבער וועלט־פּראָבלעמען, איז ניט קיין מאַניאַקישער, ניט קיין רוישיגער. נאָר פֿאַרקערט, אַ רואיגער — די נשמה פֿון דעם קראַנקען. אַלע זיינע קרעפֿטען און באַגערען ציען זיך אַריין אינעווייניג, אין זיך, פֿאַרשלאָסען. און פֿאַר וואָס זאָל עפּעס שפּרה, דערזעענדיג דעם שטראָם בלוט, וואָס האָט זיך געצויגען פֿון בעט פֿון דעם געקוילעטען מענשען, לאַכען, משוגה׳דיג, ווילד לאַכען. איז דאָס מעגלאַך, אַז דער שרייבער האָט פֿאַרמישט סעקסועלען וואַנזין מיט דעם וואַנזין פֿון טיפֿען, שטילען דיינקען און גריבלען זיך אין וועלט־פּראָבלעמען? און פֿאַר וואָס זאָל שפּרה זיך ניט צוריקציען פֿון בילד אין דערשיטערענדען שרעק, מיט טיפֿע, שוואַרצע איינגעפֿאַלענע אויגען און צענויפֿגעשרומפּענע ליפּען און שווייגען... שווייגען, ביז אין קבר שווייגען... אָדער נאָר שטילערהייט מורמלען: „איך האָב דעם סוד... איך האָב דעם סוד“? אַזוי צי אַזוי, עס שיינט, אַז דער שרייבער האָט פֿאַר זיך ניט געהאַט דעם קלאָרען טיפּ משוגעת, וועלכען ער האָט געמאָלען און צו וועלכען אַ מענש קומט, ווען ער זוכט דעם סוד, דעם סוד פֿון דעם אמת צווישען מענשען אָדער דעם נאָך גרעסערען סוד פֿון דער וועלט־שאַפֿונג.

* * *

פֿון דעם איבערבליק פֿון מאיר בלינקינ׳ס אַרבעט איז קלאָר, אַז דער יונגער שרייבער האָט אַ באַדייטענדען טאַלאַנט, וועלכער קען זיך אַנטוויקלען צו ערנסטער גרויסקייט. מאיר בלינקין האָט אויך אַ היבשע ביסעל מיטעלמאָסיגע, אומאַרטיסטישע דערציילונגען. עס וואָלט אָבער געווען צופֿרי שוין איצט אָפּצושאַצען זיין גאַנצע אַרבעט. מאיר בלינקין איז יונג — ער מוז נאָך אַ סך לערנען, מער אַכטונג געבען אויף זיין שרייבען: קלאָר מאַכען זיך און דעם לעזער זיינע אויפֿגאַבעס, און מען קען פֿון דעם יונגען שרייבער ערוואַרטען פֿיל און ווערטפֿולעס פֿאַר אונזער ליטעראַטור. פֿולקאָם אָפּשאַצען אים וועט ערשט מעגלאַך ווערען, ווען זיינע שריפֿטען וועלען געזאַמעלט ווערען און אַרויסגעגעבען ווערען אינגאַנצען. זיי וועלען געוויס באַרייכערען אונזער ליטעראַטור און פֿאַרשאַפֿען אָנערקענונג זייער דיכטער.

קונסט, ליטעראַטור און לעבען *)

מען קען ערנסט פרעגען: וואָס איז עפּעס איצט די רייד וועגען ליטעראַטור, קונסט און לעבען? וואו פּאָרען זיך גאָר איצט די ליטעראַטור און קונסט מיט דעם לעבען? דאָס לעבען איז אַזוי פול מיט די שוידערלאַכסטע געשעענישען: כמעט איבער דער גאַנצער וועלט הערשט די בלוטיגסטע מלחמה; מענשען שטייען מחנות־ווייס ווי צערייצטע חיות איינע אנטקעגען די אַנדערע און פאַרטיליגען זיך אויף דעם ווילדסטען אופן; גאַנצע פעלקער ראַנגלען זיך אין אַ גסיסה־קראַמפּ צווישען לעבען און טויט און אונזער פאָלק — וויינינגסטענס אין רוסלאַנד — ווערט אויסגע'הרג'עט אויף די שלאַכט־פעלדער און ווערט געטריבען און פאַרפאָלגט אין דעם היים — און האַלט אפשר ביים אונטערגיין. וועמען ליגט דען אין זין איצט די ליטעראַטור און קונסט, דאָס העכערע גייסטיגע לעבען?

עס גייט ניט קיין טאַנץ פאַר קיין עסען!...

און מען מוז דאָך מודה זיין, אַז אַפילו אין די בעסטע צייטען, ווען עס איז אויף דער וועלט שלום ושלוה, איז דאָך אויך די ליטעראַטור און קונסט, אפילו ביי די פאָרטגעשריטענסטע מאַסען פון די אומות־העולם, נאָר אַ לוקסוס זאַך. און פאַר אונזערע מאַסען — מען דאַרף זיך דאָך ניט נאַרען — וואָס איז די שיינע ליטעראַטור ביי אונזער גרויסען עולם? מעשיות, „פּוסטע זאַכען", ראָמאַנען.

וועגען די קונסטען — מאַלעריי און סקולפּטור — איז אָפּגערעדט. די וואונדערלאָך געמאָלטע בילדער אין פאַרבען און קאָלירען; די אויסגעהאַקטע סטאַטועס פון אַלבאַסטער און מירמעלשטיין, אָדער די אויסגעגאָסענע פיגורען אין בראָנז, זיינען פאַר די פרומע מענשען פשוט שטותים — זאַכען פאַר פּריצים און מאַגנאַטען, און פאַר די פּרייערע, אָבער אָרימע פאָלקס־מאַסען — זיינען זיי שפּילעכלאָך פאַר די רייכע און זאַטע; פאַר ליידיג־גייער און פוסטעפּאַסטניקעס. אפילו די מוזיק — די קונסט וואָס דאָס פאָלק האָט שוין פאַרנומען נאָך ביי זיין געבורט, אין זיין וויגעלע—די לוים זיינען דאָך זינגער געווען און דער שאַפער פון תהלים איז אַ דיכטער אַ האַרפּען־שפּילער געווען, — אפילו פון דער מוזיק איז דער גרויסער מאַסע פון פאָלק נאָר אַביסעל נגינה פאַרבליבען: שול־נגינה, — טיפע, טרויעריגע נגינה.

---

*) די „וואָרהייט", 3 אָקטאָבער, 1915.

צענויפגעשלעפט פון אלע לענדער און צייטען. אבער וואס פאר א באטרעף האט דאס ביסעלע שול־נגינה קעגען דער קירכען־מוזיק ביי די גוים. ביי די אומות־העולם האט די קירכען־מוזיק הונדערטער און הונדערטער יארען פארנומען דעם אויבען־אן און האט מיט אירע טענער געצערטעלט און דערהויבען דעם טיפסטען ליריזם פון דער פאלקס־נשמה און איינגעווארצעלט יענעם גוואלדיגען פאלקס־ראמאנטיזם, יענעם גלויבען אין קריסטוס'ן אוז אין זיין הימעלשען רייך, וואס האט וועלטען און פעלקער באזיגט.

ביי די אומות־העולם איז נאך דער היידען־גייסט — דער גייסט צו געניסען דאס ערדישע לעבען — געשטאנען אין באשטענדיגען קאמף מיט דעם קריסטלאך־רעליגיעזען געפיל און, טראץ די לערעס פון דעם קריסטענטום, האט ער באשאפען פאלקסטימלאכע ימים טובים מיט טענץ, באר־געזאנגען און אומבאגרעניצטע הוליאנקעס. אט די ימים טובים מיט געזאנג און טענץ דריקען אויס לוסט צו לעבען און געניסען דאס לעבען ביז אויף היינטיגען טאג.

ביי אונז איז עס אוממעגלאך געוועז. די געצענדיינערייע, אפילו ביי די מאסען פון פאלק, איז פארפרי פארשוואונדען און זינט דאס פאלק האט אויפגעהאנגען זיינע כלי־זמר אויף די ווערבעס ביי די טייכען פון בבל, איז די לוסט צו לעבען מיט טענץ און באר־געזאנג, אדער מיט טענץ און ארקעסטער מוזיק, איבערגעבליבען אפשר נאר אין די מאסען פון פאלק, צו פארען זיך, מיט אביסעל משקה אום שמחת־תורה אדער מיט די מחותנים אין א פריילאכס, נאך דער גילדענער יויך, אויף א חתונה. אפילו די מוזיק פון איינצעלנע אינסטרומענטען, אויסער אפשר דאס זיסע, הארציגע שפילען פון דעם פידעלע, וואס רירט נאך עד היום ביז'ן גרונט די נשמה פון די מאסען, שעצען נאר די „שקצים" פון פאלק.

אבער אין לעצטען יארהונדערט האבען די ווענט פון דער געטא זיך אנגעהויבען ברעכען: די וועלטלאכע קולטור און די פרייהייטען פון די פעלקער האבען אנגעהויבען דורכדרינגען דאס לעבען פון אידישען פאלק. אין די מערסטע אייראפייאישע לענדער האט אנגעהויבען דער גלות פארשווינדען. ניט אין דעם פאליטישען זין פון גלייכבערעכטיגונג אליין — דאס וואלט ניט גענוג געוועזן — נאר אין דעם פיל העכערען גייסטיגען זין פון א גוואלדיגער ערוואכונג צו א זעלבסטשטענדיג נאציאנאל לעבען; אפילו די איצטיגע שרעקלאכע מלחמה טובל'ט ליכטיגע האפנונגען אין טייכען פון בלוט — דאס פאלק וועט ניט אונטערגיין!... פריער אדער שפעטער, וועלען די אידעאלען פון דער ווידערגעבורט רעאליזירט ווערען און דאס לעבען — די קונסט איבער אלע קונסטען — וועט מוזען פון די כחות פון אלע שיכטען פון פאלק נע־

שאַפען ווערען, געבויט ווערען. אַט דאַ ליגט די גרויסע אויפגאַבע פון דער קונסט און די קינסטלער; אַט דאַ ליגט די העכערע שייכות פון דער ליטעראַטור און קונסט צום לעבען.

ניט נאָר מוזען אונזערע קינסטלער — די דיכטער, מאַלער, מוזיקער — שאַפען דאָס בעסטע וואָס זייערע כחות פאַרמאָגען, פאַר דעם געַנוס פון פאָלק און דערמיט עס דערהויבען אויף העכערע שטופעס פון גייסטיגען לעבען; ניט נאָר דאַרפען די ליבהאָבער פון שיינקייט און שאַצער פון קונסט וועקען אין פאָלק די געפילען פון ווירדיגער אָפּשאַצונג פון זיין קונסט און קינסטלער, נאָר די גרעסטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע ליגט אויף דער גאַנצער אינטעליגענץ, אויף די טרעגער פון אידייען און די טרעגער פון אויפלעבונג, צו וועקען אין פאָלק — יאָ, אין יעדען יחיד פון פאָלק — יענע שעפערישע קרעפטען וואָס געהערען אים אַליין און מיט אים דעם גאַנצען פאָלק.

דען יעדער מענש איז אַ קינסטלער, יעדער מענש איז אַ שאַפער — אַ האָרעלע די ברייט, אַ מילבען־שאַרבען די טיף, און אין גאַנצען אַ זאַמדעלע די גרויס, אָבער דאָך אַ קינסטלער, אַ שאַפער אויף זיין אַרט און שטייגער.

קונסט, זאָגט מען, איז שאַפונג און די העכסטע קונסט איז די וואָס שאַפט זיך ביים קינסטלער אַליין, פון זיך, ספּאָנטאַן, אָן איבערלייגונג, ווי אין אַ פיבער־בראַנד, אין מאָמענטען פון דערהויבענער באַגייסטערונג פון זיין קינסטלערישער נשמה. און אַט אין די דערהויבענע מאָמענטען שאַפט זיך דאָס גרויסע ווערק. און עס איז לחלוטין קיין חילוק ניט צי דאָס זיינען גרויסע מאַסיווע פּיראַמידען און אָבעליסקען, די געצענדינערישע צייכענס פון פאַרערונג אויף די קברים פון די מצרים׳שע פּרעה׳ס, אָדער די וואונדערשיינע סטאַטועס — די היידענישע אידעאַליזירונג פון דער שיינקייט פון דעם נאַקעטען קערפער אין דער גריכישער סקולפּטור. עס איז קיין חילוק ניט, צי עס איז די היידענישע מאַכט און פייער פון דער דיכטונג פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און גריכישער טראַגעדיע, צי עס איז די זעלטענע, דערהאָבענע, מיט ערפורכט דורכגעדרונגענע קריסטלאַכע אַרכיטעקטור און קריסטלאַכע באַפּוצונג פון דער גריכיש־ביזאַנטישער אָדער רוימיש־קאַטוילישער קירכע. עס איז לחלוטין קיין חילוק ניט, צי עס איז די פאַנטאַסטישע דיכטונג פון דאַנטע׳ס „הימעלשער קאָמעדיע“, צי עס זיינען די וואונדערלאַכע בילדער אין דעם זעלען־ליכט פון דעם גרויסען רעמבראַנדט. עס איז קיין חילוק ניט, צי עס איז די קריסטלאַכע הימנע, געזונגען אין די מיטעראַלטערלאַכע קלויסטערס, צי די נאַכט־מאָטיווען פון שאָפּען׳ען; עס איז לחלוטין קיין חילוק ניט, צי דאָס ווערק איז דער פאַרצייטיגער שלאָס פון דעם פעאָדאַלען לאָרד מיט זיינע הויכע טורעמס, טויערען און פאַנטאָנע בריקען, צי איז עס דער פופציג־גאָרענדיגער מויער מיט טויזענט פענסטער פון דעם היינטיגען

קאַפּיטאַליסט — ס'איז לחלוטין קיין אונטערשייד ניט; דאָס זיינען די גרויסע ווערק פון דער קונסט און לעבען וואָס האָבען געהאַט זייער ווירקונג אויף דער מענשלאַכער נשמה דורות לאַנג און האָבען באַשאַפען דאָס לעבען.

אין דעם טאָג־טעגלאַכען לעבען פון דעם מענשען האָט יעדער איינער, אַפילו דער פשוט'סטער, איינציגע דערהויבענע מאָמענטען פון באַגייסטערונג. פון בליץ־שנעלע געדאַנקען, פון איבערלעבטע געפילען און עמפּינדונגען, פון דערהויבענעם ווילען עפּעס צו טאָן. מעג עס זיין דאָס מינדעסטע און קלענ־סטע; מעג עס זיין נאָר אַ מאָמענטאַנער געדאַנק צו דערקלערען זיך דעם בליץ אָדער דונער; מעג עס זיין די קלענסטע ערפינדונג צו פאַרגרינגערען זיך די אַרבעט; מעג עס זיין די קלענסטע העויה צו צעלאַכען אַ וויינענדיג קינד, אָדער דאָס שטילע ספּאָנטאַנע געזאַנג פון דעם שניטער אויפ'ן פעלד: מעג עס זיין וואָס עס וויל זיך: עס איז די עלעמענטאַרסטע, די איינפאַכ־סטע שאַפונג־קראַפט — די קינסטלערישע קראַפט פון דער מענשלאַכער זעלע. געוויס, קיין באַזונדערע קונסט־ווערק ווערען פון די עלעמענטאַרסטע כחות ניט געבוירען ווערען, אָבער צו דער רוטינע פון דעם טאָג־טעגלאַכען לעבען ווערען זיך אונצייליגע קליינינקע שאַפערישע טאַטען צוקלעפּען און ווען די ענערגיע פון די געזאַמטע יחידים פון פאָלק וועט רייפער און רייפער ווערען, וועט דאָס פאָלק מיט זיינע קינסטלער, דיינקער און טוער שאַפען דאָס לעבען — די דערהאָבענסטע קונסט.

אָט די שאַפערישע כחות פון דעם פאָלק מוזען אונזערע טרעגער פון אידייען און די טרעגער פון דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק וועקען אין פאָלק, ווייל ווי איז יענעם פאָלק ביי וועלכען די קינסטלער, די טרעגער פון אידייען און טרעגער פון נייע גייסטיגע ווערטען זיינען אוועקגעגאַנגען פון פאָלק און האָבען עס ווייט הינטער זיך געלאָזט. אַזאַ פאָלק שלאָגט זיך און ראַנגעלט זיך אין זיין אָנמאַכט, אין דער אָנמאַכט פון זיינע פאַרשלאָ־פענע שאַפערישע קראַפטען און בלוטעט און גייט אויס אָן האָפענונג און אָן הילף... און וואָסער אַ גרעסערען און שוידערלאַכערען ביישפיל דאַרפען מיר האָבען, ווי דאָס בילד פון אָנמאַכט צו שאַפען זיין אייגען לעבען ביים רוסישען פאָלק? זיינע קינסטלער זיינען גרויס און דערהאָבען כמעט אויף יעדען געביט פון דער ליטעראַטור, קונסט און לעבען; זיין אינטעליגענץ איז די מאַכטיגסטע טרעגערין פון גרויסע אידעאַלען און נייע גייסטיגע ווערטען, אָבער זיי אַלע שטייען מיילען ווייט פון פאָלק — פון די גרויסע מאַסען, וואָס קענען זיי ניט און פאַרשטייען זיי ניט און ווייסען ניט, ווי זיי צו שאַצען און עס פאַרבלוטיגט דאָס פאָלק אָנמאַכטיג.